סאָוועטיש היימלאַנד

4 1964

אינהאַלט

זײַט

80 יאָר דאַוויד בערגעלסאָן. יאַנקעװ שטערנבערג. דער גרויסער פּראָזע־מײַסטער 3

דאָרע כײַקין. אן אויסשטעלונג אין באַלאַניע. — בענקלעך — וואגאָנען. — מיט יעדן יאָר... — קאָנען דען ווינטן ניט ווייען... — ווער קאָן וויסן (לידער) 21

אי. באַבעל. שאבעס־נאַכמו (פֿונעם ציקל „הערשעלע") . . 24

שיקע דריז. די קלוגע סוועטאָפאָרן. — גיי איך, זע איך... — „געטרונקען, געזשומעט..." — אף דער העלפט. — פֿון וואָס זײַנען כאַלוימעס געמאַכט. — דעם ווינטעלעס שפּילעכלעך. — ערגעץ ווײַט... — „אך, ווי שיין..." — „מיר האָבן געהוליעט אינדרײַען..." — „כימיין, אז איר ווייסט שוין..." 29

הערשל פּאָליאַנקער. דער בעקער פֿון קאָלאָמייע. צייכע־נונגען פֿון ה. אינגער 32

איטשע באָרוכאָוויטש. כ׳באַגריס דיך מיט פּרילינג (לידער) 64

ריווקע רובין. דרײַ דערציילונגען. צייכענונגען פֿון מ. אַק־סעלראָד 68

מוישע טײף. נײַע לידער 102

טריבונע פֿון לעבן

סעוויע גען. אין ביראָבידזשאַן (סאָף) 106

אַרן ווערגעליס. צוואַנציק טעג אין אַמעריקע (פֿאָרזעצונג) . 122

„סאָוועטיש היימלאַנד" צוגאַסט אין ווילנע. מוני שולמאַן. אונדזער באַריכט. שירע גאָרשמאַן. מיר האָבן זיך באַגעגנט. הירש אָשעראָוויטש. קאָנטאַקט. מייער יעלין. ווי ליכט און לופֿט. יוסעף ראַבין. פֿינף טעג. מאָטל גרוביאַן. צוזאַמען מיט צווירקאַ. אַווראָם גאָנטאַר. צחיי באַגעגענישן. שלוימע ראַבינאָוויטש. פֿען־שטריכן. ראָכל בוימוואָל. א נעסיִע איבער אַלט־ווילנע (ליד). מוישע טײף. איך האָב זי לאַנג געזוכט... נעכאַמע ליפֿשיצײַטע. מיר וועלן וואַרטן אף אײַך . . . 133

ליטעראַטור און קונסט

ייִסראָעל סערעבריאַני. צו דער פּראָבלעם פֿון זשאַנער (פֿון דאָוויד בערגעלסאָנס שעפֿערישער לאַבאָראַטאָריע) 145

אבע פֿינקעלשטײן. ביכער פֿון דאָוויד בערגעלסאָן . . 148

כאַיִם לויצקער. וואָרט, ריטם, גראַם 151

מענדל גאָרשמאַן. א מערקווירדיק בוך 156

כראָניק 28, 67, 157

נאָטיצן אפֿן קאַלענדאַר 159

סאָוועטיש היימלאַנד

צווייכאַדאָשימדיקער
ליטעראַריש-קינסטלערישער זשורנאַל

אָרגאַן פֿון שרײַבער-פֿאַרבאַנד פֿון ססר

פֿערטער יאָרגאַנג

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

4

יול • אווגוסט

1964

הויפּט־רעדאַקטאָר א. ווערגעליס.
רעדקאָלעגיע: ה. אַשעראַוויטש, אי. באַרוכאַוויטש, א. גאַנטאר,
מ. טייף, נאַטע לוריע, מ. לעוו (פּאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), ב. מילער,
י. פאַליקמאַן, ס. פּרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.

דער גרויסער פּראָזע־מײַסטער

שטריכן צו א פּאָרטרעט

■

יאַנקעוו שטערנבערג

■

I

כ׳האָב גערעדט מיט דאָוויד בערגעלסאָנען גאַנצע נעכט, —
און עס איז געווען מיר ביז פאַרטאָג אים הערן גוט און רעכט, —
וועגן אַן ארויסגעשיקטער פון א הויכן שלאָס א זויבער־ווײַסער טויב,
וואָס פאַרוואַנדלט אין א ראָב ווערט באַלד פון יענער זײַט פון שויב,
וועגן גאָר א שיינעם, פײַן געשניצטן אָרן־קוידעש אָן א שעם,
און עס האָט אַזוי דאָס הארץ פון נאַכט און שטאָט געקלאַפּט בא דעם...

דער מאָשל מיטן „שיינעם, פײַן געשניצטן אָרן־קוידעש אָן א שעם“, וואָס בערגעלסאָן האָט מיט אים כאַראַקטעריזירט די פאָרמאַליסטישע ליטעראַטור, קלינגט אויך הײַנט אַקטועל. איך האָב מיר אָבער דערלויבט צו ברענגען די דאָזיקע פערזן, וואָס בילדן א סטראָפע פון מײַנער א ליד, ווײַל איך בין מיט זיי אויסן צו פאַרפיקסירן די אַטמאָספער פון מײַנע ערשטע באַגעגענישן מיט דאָוויד בערגעלסאָנען אין 1928 יאָר אין בערלין — דעמלט נאָך א שטרעזעמאַניש־באַלטשווישן[1].

בערגעלסאָן מיט זײַן עמאָציאָנעלן טעמפּעראַמענט און מיט זײַן קאָמוניקאַטיוון כאַראַקטער פון א נויעך לעבריִעס[2] — אין אַלטעגלעכן לעבן, אָבער ניט אין זײַן שטרענגער קונסט — האָט אויך מיך, באַלד נאָך דער ערשטער נאָענטער באַקאַנטשאַפט, געמאַכט פאַר איינעם פון זײַנע מעקוראָווים בא זײַן טישל אין האַלב־דעמאָקראַטישן, האַלב־באָהעמישן „ראָמאַנישן קאַפע“, וווּ מיר האָבן זיך געטראָפן אין מעשעך פון א יאָר קימאַט אָוונט נאָך אָוונט.

עמעס, אין סאַמע אָנהייב איז בא מיר מיט אים פאָרגעקומען אפילע א קליינער צוזאַמענשטויס צוליב א שרײַבער, וואָס איז מיר געווען זייער נאָענט און טײַער. פלעג איך קומען אין „ראָמאַנישן קאַפע“, אָבער צו זײַן טישל, ווּהין עס האָט מיך אַזוי געצויגן, בין איך ניט צוגעגאַנגען. דאָס איז געווען פאַר מיר אַן איבערלעבעניש. ווײַל כאָטש מײַן רײַזע קיין דײַטשלאַנד האָט פאַרפאָלגט א באַשטימטן ציל — זען די פאָרשטעלונגען פונעם מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, וועלכער האָט דעמלט אין בערלין גאַסטראָלירט, — האָב איך, פאָרנדיק אַהין, גוט געדענקט, אַז דאָרט לעבט און שאַפט דאָוויד בערגעלסאָן, און פאַר מיר, זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז געווען פון גרויס כשיוועס צו טרעפן זיך מיט אים. און פּלוצעם — א קאָנפליקט... אָבער אָט ווער איך געווירע, אַז אין דער „ייִדישער קולטור־ליגע“ (געווען דעמלט אויך אין פּרוסאַקישן בערלין — אין זײַן פּראָלעטאַרישן נאָרד־ראַיאָן — א לינקע „ייִדישע קולטור־ליגע“) וועט פאָרקומען אַן עפנטלעכע דיסקוסיע, געווידמעט די פאָרשטעלונגען פונעם מאָסקווער גאָסעט. איך האָב געהערט, אַז אין די דעבאַטן וועלן זיך באַטייליקן אויך דאָוויד בערגעלסאָן, אַלעקסאַנדער כאַשין, אַלעקסאַנדער גראַנאַך, דאַניִעל טשאַרני, און מיך האָט א צי געטאָן אויף דעם דאָזיקן ליטעראַרישן אָוונט. די אַטמאָספער איז געווען אָן עלעקטריזירטע. ווערנדיק מיטגעריסן פון די שטרײַטנדיקע צדאָדים ארום דער פאָרמולירונג „רעוואָליוציאָנערער טעאַטער“ צי „אַמכאָ־טעאַטער“, האָב איך, אויך נעמענדיק א וואָרט, זיך באַמיט צו דערווײַזן, אַז עס בעט זיך א פּאַראַלעל צווישן דער אומיטלבאַרער טעאַטער־פרייד, וואָס גאָלדפאַדען בעשײַטע האָט באַשאַפן,

---

[1] שטרעזעמאַן — קאַנצלער און אויסערן־מיניסטער פון דײַטשלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע.

[2] נויעך לעבריִעס (העבר.) — א צוגעלאָזטער צו מענטשן.

דאָוויד בערגעלסאָן (1952—1884)

און דער, מיט ראַפינירטע קונסט־מיטלען אופגעלעבטער, נעאָטעאַטער־פרייד, וואָס דער מאָסקווער גאָסטע האָט געבראַכט מיט זײַנע דעמלטיקע פאָרשטעלונגען. ביידע — סײַ דער ערשטער גאָלדפאַדענישער טעאַטער, זײַענדיק בלויז רישטעוואַניע, סײַ דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטער, זײַענדיק שוין א ביז צום לעצטן עטאַזש אופגעשטיגענער פרעכטיקער ביניען, זײַנען די אידעאַלסטע מוסטערן פון אמכאַ־טעאַטער, וואָס אף זייערע בינע־קוליסן איז געפאַלן די שײַן פון רעוואָליוציעס. אין ערשטן פאַל: די שײַן פון די בורזשואַזע רעוואָליוציעס פון XVIII און XIX יה. און אין צווייטן פאַל — דער „פלאַקער־פײַער" פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

אָט די פאָרמול מײַנע האָט אפּאָנעם אויסגענומען בא דער יונגער, ענטוזיאַסטיש־דאַנקבאַרער ארבעטער־אאודיטאָריע, פאַר וועלכער מיר זײַנען ארויסגעטראָטן, און, ווײַזט אויס, אויך בא בערגעלסאָנען.

צוליב וואָס דערצייל איך דאָס אלץ? אָט צוליב וואָס: אײַלנדיק נאָכן אָוונט גלײַך מיט אלעמען

אַף ניט צו פאַרשפּעטיקן דעם מעטראָ, טרעף איך בא דער אַרויסגאַנג-טיר דאָוויד בערגעלסאָנען, וועלכער זאָגט מיר: „איך וואַרט אַף אײַך. פאָרן מיר צוזאַמען אין שטאָט אַרײַן?“

אין בערגעלסאָנען האָט מיך איצט אָנגענעם איבעראַשט ניט בלויז זײַן אומיטלבאַר-גוטער, מילדער זשעסט לעגאַבע מיר — דערווײַל נאָך פאַר אים אַ גאַנץ פרעמדן מענטשן, — נאָר אויך עפּעס ביז גאָר אינטים-וועזנטלעכס פון זײַן קינסטלער-מעהוס: אונטערן הײַטל פון אויסערלעכן רו — אַ באַהאַלטענע פלאַטערנדיקע שײַנענדיקע יאָמטעוודיקײַט. דעם דאָזיקן אײַנדרוק האָב איך געהאַט אויך, ווען מיר זײַנען געפאָרן מיט אים אין דער אונטערגרונט-באַן, ווי אויך דערנאָך, זיצנדיק מיט אים בא אַ קאַפע-טישל ביז זעקס אַזייגער אינדערפרי. ווען מיר זײַנען אַרויס אַף דער גאַס און איך האָב אים דערזען אופהייבן זיך אַפן אייבערשטן עטאַזש פונעם ערשטן זומערדיק-פרימאָרגעדיקן טראָלייבוס, איז ער פאַר מיר ווי אופגעפלויגן, פאַרשוווּנדן, געוואָרן איינס מיטן פאַרטאָגיקן גרויס-שטאָט-פייזאַזש... זײַן יאָמטעוודיקײַט איז אָבער געבליבן מיט מיר, ווי אַ טײַערע דעראָבערונג. איך האָב מיר געזאָגט, אַז אין דער דאָזיקער מאָזלדיקער נאַכט האָט זיך פאַר מיר באַשײַמפּערלעך אַנטפּלעקט אי די פאַרב, אי די אינטענסיווּיטעט פון דעם אויסטערלישן יאָמטעוו-ליכט, וואָס איז פאַראַן קימאַט אַף יעדן בערגעלסאָנישן זײַטל פּראָזע.

ווען איך טראַכט איצט וועגן דעם, ווי פאַר מיר האָט זיך דערמלט אַנטפּלעקט דאָס קינסטלע-ריש-יאָמטעוודיקע אין דעם זעלבן בערגעלסאָנען, אין וועמעס פּאָנעם ס'האָט זיך עפּשער פאַר אַנדערע מער געוואָרפן אין די אויגן גראָד גרוי-וואָכעדיקס, קומט מיר אַפן זינען בערגעלסאָנס פּאָרטרעטירן זײַן פּאָטער, אין וועלכן, בא דער גאַנצער שוינלאָזער קריטיק צו אים, „דעם סייפער-ליבהאָבער מיטן יאָמטעוודיקן פּאָנעם און וואָכעדיקער באָרד“, האָט ער נאָך אַלס קינד בעפּיירעש אַרויסגעפילט זײַן alter ego — זײַן צווייטן איך.

„דער עלטסטער אין „הויז“ האָט אַ וואָכעדיקע באָרד, אַ היפּשע, אַ טונקל-גרויע — קימאַט אַ קאַפּצאָנישע — און אַ פּאָנעם איז בא אים אַ יאָמטעוודיקס“ („באַם דניעפּער“, ערשטער באַנד, „פּענעק“).

„אין דער ערשטער רעגע כאַפּט אים אָן (פּענעקן.— י. ש.) אַ גרויס ראַכמאָנעס צום טאַטנס האַלב-יאָמטעוודיקן, האַלב-וואָכעדיקן פּאָנעם“.

און אָט קומט דער הויפּט-שטריך: „ער (דער פּאָטער. — י. ש.) האָט דערבײַ שטענדיק גלאַנ-ציק-דאָרשטיקע אויגן“.

אָט די „דאָרשטיק-גלאַנציקע“ אָדער „גלאַנציק-הונגעריקע אויגן“, ווי בערגעלסאָן דריקט זיך אויס אין אַן אַנדער אָרט, האָב איך אָפּט געזען טאַקע בא אים, און אַלע זײַנע שעפערישע כעווליי-לײדע האָבן צו מיר פון זיי אַרויסגעקוקט.

איך האָב דעריבער פון דעמלט אָן מיטן גאַנצן האַרצן מיטגעפילט זײַן פרוי, ציפּע, וועלכע האָט ניט איין מאָל מיט פײַכטע אויגן מיר געזאָגט: „איך האָב אַף דאָווידן גרויס ראַכמאָנעס, צו-קוקנדיק זײַן קאַטאָרגע, בעשאַס ער זיצט און אַרבעט“.

זײַן קאָמפּליצירטן שעפערישן פּראָצעס (ווי אויך זײַן פּסיכיש-מאָראַלישן ברויז) האָב איך אָבער שטענדיק אויסגעטײַטשט, ווי אַ טיטאַנישן געראַנגל פון — ריידנדיק אין בערגעלסאָנס שפּראַך — וואָכעדיקײַט מיט יאָמטעוודיקײַט. דאָס האָט שפּעטער באַשטעטיקט דער גרויסער קינסט-לער אַליין, שרײַבנדיק אין זײַן אויטאָביאָגראַפישן „פּענעק“: „פיל מער, ווי בא אַנדערע, זײַנען בא אים, פּענעקן, די צײַטן פאַרשיידן: פאַראַן גאַנצע וואָכן און כאָדאָשים, ווען, צוקוקנדיק זיך צו מענטשן, דערזעט ער עפּעס זייער פיל, טראָגט אין זיך אינווייניק אָן אַ שיר געפילן, דענסטמאָל איז ער אַליין אַ יאָמטעוודיקער און דאָס לעבן אַרום אים איז דורכויס יאָמטעוודיק, און פאַראַן ווידער טעג, ווען ער קוקט אַף מענטשן, קוקט און קוקט און דערזעט גאָרנישט, דענסטמאָל פילט ער מיט געפאַלנקײַט זײַן נישטיקײַט, זײַן וואָכעדיקן פּוסט-און-פּאַס אין פאַרגלײַך מיט אַלע אַרומיקע מענטשן און אים ווילט זיך טאָן כאַטש וואָס-ניט-איז פאַר די אַרומיקע באַשעפטיקטע, כאָטש פאַלגן זיי אַ גאַנג“.

די דאָזיקע באַגריפן: יאָמטעוודיקײַט און וואָכעדיקײַט רופן זיך אָפּט בא בערגעלסאָנען אי-בער, ווי ענלעכע צוויי פאַרבן, מיט קאַפּצאָנעס און רײַכקײַט, וואָס שפּילן בא אים ניט בלויז מיט זייער אײַז-שטעכיקן סאָציאַלן פינקל, נאָר אויך אַלעגאָריש-מעטאַפיזיסטיש.

גענוי, ווי גאָגאָל, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז אַ שרײַבער איז מעכויעוו צו שרײַבן יעדן טאָג, און אויב עס איז ניטאָ וועגן וואָס צו שרײַבן, אײַצעט ער: — Пиши: нечего писать, нечего писать, нечего писать...[1] פלעגט אויך בערגעלסאָן ראָטן צו אַרבעטן יעדן טאָג. אַף זײַן בילדערישן, קלוגן לאָשן האָט ער זיך אַזוי אויסגעדריקט: „איך שטיי אוף אינדערפרי און זעץ זיך באַלד אַרבעטן. איך זעץ זיך אָפּט צו מײַן שרײַבטיש אַ ביטערער קאַפּצן, נאָר אַז איך האָרעווע

[1] שרײַב: ניטאָ וואָס צו שרײַבן, ניטאָ וואָס צו שרײַבן, ניטאָ וואָס צו שרײַבן...

אַף ערלעך ביזן טיפן אָונט, הייב איך זיך אוף פון מײַנע באַשריבענע בויגנס שוין א שטיקעלע נאָגיד״...

אָבער אָט די „האַרעוואַניע״ שוין באַם אויסקנעטן זײַן מאַטעריאַל (ניט בלויז באַם אָנזאַמלען), אָט די שווערע רעאַליזירונג־האַרעוואַניע, פון וועלכער, אַגעוו, ער האָט קיין סוידעס ניט געמאַכט, איז פאַרגעקומען ניט נאָר באַם שרײַבטיש, אין זײַן אַרבעט־צימער. זי איז, לויט מײַנע באָאַבאַכ־טונגען, פאַרגעקומען אויך פאַר אונדזערע אויגן, און ווער ס'איז געווען אופמערקזאַם, האָט עס, מיין איך, געזען. און אָט וועגן דעם טאַקע, וועגן דעם, ווי מיר איז אין א געוויסער מאָס געראָטן אַרײַנצוקוקן אין זײַן שעפערישער לאַבאָראַטאָריע, ווילט זיך מיר אין דער ערשטער ריי דערציילן.

II

דאָס דאָזיקע קאַפיטל וואָלט געקאָנט אויך הייסן בערגעלסאָנס סיכאָס־כולן, אָדער בערגעל־סאָן דער שמועסער. ס'איז איינס און דאָס זעלבע, מיינט איר? ניין. ניט טאָמיד, און באַזונדערס, ווען ס'איז נעגייע בערגעלסאָנען.

אוודע איז בערגעלסאָן געווען אי א כאָכעם אי א טאַלמיד־כאָכעם, און פון זײַנע מיט א זעלטענער מילדקײַט אַף רעכטס און אַף לינקס צעשענקטע באַלערנדיקע „וואָכעדיקע רייד״ וואָלט מען געקאָנט אפילע שאַפן א בוך. די ראַמען אָבער פון מײַן אַרטיקל, ווי עס איז פון מיר פאַרטראַכט, וועלן, ליידער, ניט קאָנען אַרײַנעמען אפילע א קליינעם טייל פון דעם, וואָס בלויז איך אַליין האָב געהאַט די זכיִע צו הערן פון זײַן מויל. מיך באַשעפטיקט גראָד אין דעם מאָמענט אויסצו־טיילן בערגעלסאָנען מיט זײַנע געוואָרפענע סיכאָס־כולן־קערנער, פון איין זײַט, און בער־געלסאָנען דעם לײַדנשאַפטלעכן שמועסער, פון דער צווייטער זײַט. פאַרייניקט האָט זיי די גרויסע קינסטלערישע ענערגיע, וואָס ער האָט אין די ביידע רייד־זשאַנרען זײַנע אַרײַנגע־לייגט. איך בין געקומען אפילע מערערע מאָל צום אויספיר, אַז ניט קעסיידער זײַנען זײַנע מינדלעכע אַפאָריזמען, שלאַג־ווערטער געווען אימפּראָוויזאַציעס, ווי ס'האָט אויסגעזען. ער האָט זיי אויך אָפט געוויס מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער היים, פון דער גאַס, שוין פאַרטיק פאָרמו־לירטע, און מיט גרויסער האַנאָע מעזאַקע געווען מיט זיי דעם ערשטן באַקאַנטן, מיט וועלכן ער האָט זיך געטראָפן. ער האָט קעסיידער געפונען די געלעגנהײַט אַרויסצושיסן דאָס פײַערווערק פון זײַן אופרײַסערישן שאַרפזין־דינאַמיט און פון זײַן פריילעך־ברויזנדיקער הומאָר־דינאַמיק. ער האָט עס געמוזט טאָן, ווײַל ער האָט דערויף געהאַרעוועט — אי אָפן אינהאַלט, אי אַף דער פאָרם — און ער האָט זיך אַף אַזאַ מין אופן באַפרײַט, זאָל זײַן דערווײַל מיט דער הילף פון אַן אָפגעטאָקט גלײַכוואָרטל, פון דעם, וואָס האָט געדריקט אַף זײַן טאָמיד אַקטיוו אָנגערעגטן דענקער־מויעך צי אַף זײַן שטענדיק וויברירנדיקער, זיך מינענדיקער נעשאָמע. האָט מען דערפאַר געהערט פון אים אויך א טיף־לירישן זאָג, פון וועלכן ס'האָט געקאָנט אָדער פרילינג, אָדער ווינטער ווערן אין האַרצן...

איבערגעבן א מאָמענטאַלן געמיט־רעפלעקס, אַן אופגעבליצטן געדאַנק, א פלוצלינג דער־זעענעם פסיכאָלאָגישן שטריך, אַן אייגענע פאָרמולירונג פון א זיך אײַנגעבירגערטער אידיי צי דערשײַנונג אָדער א טשיקאַווע אויסגעדריקטע מיינונג וועגן ביכער און מענטשן און סטאַם פּיקכעס — איז געווען דער פאַטאָס פון זײַנע סיכאָס־כולן, אַף וועלכע ער, בערגעלסאָן, האָט געהאַט דעם פולן קאָנטראָל ביז צו זײַן אי באַוווסטזיניק פאַרשײַט, אי באַוווסטזיניק טענדענציִעז. בערגעלסאָן, דער לײַדנשאַפטלעכער שמועסער, לעהייפעך, איז שוין געווען אין טראַנס פון א העכערן פון אים קויעך, וועלכער איז ניט נאָר נישט געווען אים געהאָרכזאַם, נאָר אים צו זיך אונטערטעניקט, וואָלט איך געזאָגט.

און דאָ זײַנען מיר געווען אידעס פון א פּאַראַדאָקס: קעדיי אָנצוקומען פון סטילאָזיקײַט צו סטיל — צו זײַן פּרעציזן, קינסטלעריש שטרענגן סטיל — אַף ניט צו קאָנען אַרויסנעמען א וואָרט, א קאָמע אין זײַנעם א זאַץ, האָט בערגעלסאָן אַפּאָנעם באַדאַרפט אין זײַנע מינדלעכע שמועסן פאַטערן טאָנעס רייד, אין וועלכע דער קערן, וואָס ער האָט צו אים געשטרעבט, איז נאָך ניט געווען אָפגעשיידט פון דער פּאָלאָווע. ניטאָ, דאַכט זיך, קיין אַנדער שרײַבער, וועלכער זאָל האָבן, ווי ער, אויסדערציילט אַלע סוזשעטן, אַף וועלכע ער האָט געאַרבעט צי געקליבן זיך צו אַרבעטן. ער איז אפילע ניט געווען צו איבערקלײַבעריש אין צוהערער, וועלכע ער האָט אויסגענוצט ווי מעדיִומס פאַר זײַנע מײַסעס־ און אַנעקדאָטן־סעאַנסן. זײַן דאַנקבאַרקײַט פאַר אויסהערן אים איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער, דער כאָכעם, פלעגט ווערן היפּערסענטימענטאַל און זיך אָנהייבן דערקלערן אין ליבע, אַרײַנפאַלנדיק אין גוזמעס — דיכטערישע גוזמעס, לאָמיר צוגעבן.

איך געדענק, אַשטייגער, וואָס פאַר א רווישעם עס האָט אַף מיר געמאַכט הערן פון אים איינ־מאָל שפּעט באַנאַכט, נאָך אין דער בערלינער „ראָמאַנישער קאַפע״, אַז ווען ער — בערגעלסאָן! — זאָל געווען זײַן באַקאַנט מיט מיר פריִער מיט פופצן יאָר, וואָלט ער... עפּשער אַנדערש געשריבן...

עמעס, איך האָב שוין דעמלט פאַרשטאַנען, אַז קימאַט דאָס זעלבע וועט ער נאָך מיר זאָגן נאָך עמעצן, וואָס וועט אים אין יענעם מאָמענט ווערן נאָענט, און מיט דער זעלבער אופריכטיקייַט, ווי ער האָט עס מיר געזאָגט...

מע דאַרף וויסן, אַז בערגעלסאָן, וועגן וועלכן ס'איז אַוועק אַף אַלע פערציק רעכילעס־פּיסלעך דער לייַכטזיניקער זאָג פון אַ באַוווּסטן אויסלענדישן ייִדישן שרייַבער, אַז ער האָט פייַנט זייַנע העלדן, האָט פאַקטיש אָן ליבע ניט געקאָנט לעבן און דיכטן. די ליטעראַטור־געשיכטע דערציילט פון אַ סאַך אַזעלכע בייַשפּילן. נאָר בייס טורגעניעוו, אַשטייגער, האָט געמוזט צום אָנשרייַבן אַ נייַעם ראָמאַן ווערן אינספּירירט פון אַ פרוי (זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָנגעהויבן האָט זיך עס פון דערזען נייַע געשטאַלטן און נייַע ווענד־קערן אין דער געזעלשאַפט), איז דאַוויד בערגעלסאָן, וועלכער האָט אויך געמוזט ליב האָבן, געווען טאָמיד אין אַ פלירט פּאַשעט מיט מענטשן. אַמאָל אין אַ לענגערן און אַמאָל אין אַ קירצערן פלירט. ער האָט דעריבער, פונקט ווי פלאָבער, וועלכער האָט געזאָגט: „מאַדאַם באָוואַרי — דאָס בין איך", — געמעגט אויך זאָגן: „מירעלע הורוויץ — דאָס בין איך"... אָט דאָס אָפטע פאַרליבן זיך האָט אים זיכער פאַרהאָלפן אויך קאָנען פייַנט האָבן, וואָס דאָס איז צומאָל, לאָמיר מודע זייַן, ניט פון די קליינע מיצוועס.

אומקערנדיק זיך צו אונדזער דירעקטער טעמע, וויל איך דאָ, אַף דעם אָרט, נאָכאַמאָל דערמאָנען אין זייַנע, בערגעלסאָנס, אַזש פייַכט־שוואַרצע, „גלאַנציק־הונגעריקע אויגן", ווען ער פלעגט בלייַבן זיצן לאַנג אין פייַערדיקן, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, קישעף־קרייַז פון אייגענעם אימפּראָוויזירטן דיכטער־וואָרט, וואָס האָט אים אַליין פאַרהיפּנאָטיזירט. איבערגעבנדיק זיך אָן רעזערוון אין דער מאַכט פון שטימונג, פלעגט ער דאַרשטיק אייַנזאַפּן זי אין זיך, ווי אַ שוואָם, אויסלעבן זי ביז פּאַטאָלאָגיע, וואָלט איך געזאָגט, קעדיי אָפּנעמען באַם שרייַבטיש שוין זייַן מעסוגל צו שילדערן אַטמאָספער אידל, צאַרט און געלייַטערט־דערהויבן...

איך קאָן ניט פאַרענדיקן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, איך זאָל ניט דערציילן וועגן נאָך איין וויכטיקן עפּיזאָד, וואָס געהערט, ווי מיר שייַנט, אויך אַהער.

איך בין בייַגעווען בייס אַ באַגעגעניש צווישן בערגעלסאָנען און אַפּאַטאָשון. די דאָזיקע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין דעם זעלבן שוין אויבן־דערמאָנטן „ראָמאַנישן קאַפע", וווּהין, ווי ס'איז פון אינדערפרי געווען אָפּגערעדט, איך האָב געהאַט די מיסיע צו ברענגען אַפּאַטאָשון. דעם עמעס געזאָגט, האָט מיך זייער אינטריגירט בייַזייַן צווישן די דאָזיקע „צוויי בערג".

זיצנדיק אַנטקעגן בערגעלסאָנען באַ אַ גראַמען טיש, לעבן אַ ברייטער און הויכער זומערדיק־אָפענער קאַפע־וויטרינע, האָט אַפּאַטאָשו קימאַט פון אָנהייב אָן זיך פאַרקוקט אַף דער „ווילהעלם־געדעכטניס־קירכע", וואָס איז געשטאַנען ווי אומישנע פונקט פאַר אונדזערע אויגן. בערגעלסאָן, פאַרקערט, האָט פון איר ניט געוואָלט וויסן, און, ווי מע באַוואַרפט אַ כאָסן מיט קאָנפעטי, אַטאַקירט דעם גאַסט מיט כאָכמע און מיט טוירע, אַף וועלכע אַפּאַטאָשו האָט רעאַגירט בלויז אָט מיט אַ וואָרט, אָט מיט אַ רעפּליק, נאָר מער געהערט, ווי גערעדט, און אונטערשפּאַרנדיק אַף איין דלאָניע דעם קאָפּ, אַלץ פאַרגעזעצט שטום צו באַוווּנדערן די אַרכיטעקטור פון דעם קלויסטער.

ניין, דאָס געשפּרעך האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט, ניט געקוקט אַף אַלע אָנגעווענדטע שאַרפזיניקע פאַרטלען פון בערגעלסאָנען. אַזוי איז פאַריבער אַוודע אַ שאָ, ביז אַרייַנגעקומענע באַקאַנטע האָבן זיך אויך צוגעזעצט צו אונדזער טיש. דעמלט, נאָך אַן אויסגעהאַלטענער פּאַוזע, האָט אַפּאַטאָשו אַ קוק געטאָן אַפן זייגער, געמאָלדן, אַז ער האָט פונקט אָט אַף דער שאָ באַ זיך אין האָטעל אַן אָפּגערעדטע באַגעגעניש, זיך געזעגנט און פאָרגעשלאָגן מיר, איך זאָל אים באַגלייטן. אַרויסגייענדיק אַף דער גאַס, האָב איך געפרעגט באַ אַפּאַטאָשון: „ווי געפעלט אייַך בערגעלסאָן?" ער האָט אַף מיר שאַרף אַ קוק געטאָן און קימאַט ווי אויסגעשריגן: „צו קלוג!"

קאַלעריי אַרויסזאָגונגען וועגן בערגעלסאָנס קלוגשאַפט האָב איך, שוין לעבנדיק אין סאָוועטנפאַרבאַנד, געהערט אויך פון ייִדישע סאָוועטישע שרייַבער. כ'מיין אָבער, אַלע זייַנען הייַנט מודע, אַז ריידנדיק וועגן בערגעלסאָנס שאַפונג, מוז מען אומבאַדינגט באַרירן אויך אָט דעם קאָמפּאָנענט, ווי איינעם פון אירע ווינקל־שטיינער.

III

„דערמאָנט זיך אָקאָרשט, וואָס זאָגט אונדז אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע, — שרייַבט נ. אויסלענדער אין זייַן וואָגיקער פאָרשערישער אַרבעט „גרונט־שטריכן פון ייִדישן רעאַליזם", — זי דערציילט אונדז: „אַ פאָלק איז געקומען און זאָגט מיט די ווערטער פון שאָלעם־אַלייכעמס מאָנאָלאָג „באַם דאָקטער":

— איך וויל אייַך בעטן, הער דאָקטער, איין זאַך: איר זאָלט מיך אויסהערן. דאָס הייסט, נישט דאָס שלאַפקייַט מייַנס זאָלט איר אויסהערן. ווילן וויל איך, איר זאָלט אויסהערן מיך אַליין...

און אַט דער דאַזיקער ענערגישער, פון דוירעס אָנגעזאַמלטער ווילן „אויסגעהערט צו ווערן" האָט עס באַשאַפן די יידישע ליטעראַטור".

פריִער, הייסט עס, באַשאַפן די מינדלעכע און דערנאָך — די שריפטלעכע ליטעראַטור. דעם אָנהייב פון דער יידישער פראָזע זעט מען, און דאָס איז לאָגיש, אין דער פאָלקס־מײַסע. אוואדע האָט זי, די פאָלקס־מײַסע, די ערשטע געוועקט, סטימולירט דעם דערציילערישן יעיצערהאָרע. אָבער אין יעסאָד פון אונדזער ליטעראַרישער פראָזע, וואָס איז פון אירע ערשטע שריט א רעאַליס־טישע, האָבן מיר, וואָלט איך געזאָגט, דאָס יידישע קלוגע, טרויעריקע און פריילעכע שפּריכוואָרט, די יידישע אידיאָמאַטישע רייד, וואָס זײַנען אַלפּיראָוו קינסטלעריש־שליימעסדיקער, קינסטלעריש־אָפּגעשליפענער, איידער, כוץ גליקלעכע אויסנאַמען, די רויע פאָלקס־מײַסע און דאָס רויע פאָלקס־ליד. מיט דער דאָזיקער מײַלע דערנענטערט זיך שוין סטיליסטיש דאָס יידישע פאָלקס־ווערטל צו דער שריפטלעכער ליטעראַטור. אָט דאָס גיזאָגטע דאַרף מיר, אייגנטלעך, דינען פאַר א טראַמ־פּלין צו דער טעמע: גערעדטע אָדער געשריבענע שפּראַך.

די דאָזיקע פראַגע, גראָד אין שײַכעס מיט בערגעלסאָנען, האַלט איך פאַר זייער וויכטיק צו באַרירן, ווײַל אונדז קומט נאָך אויס צו הערן סײַ כרעסטאָמאַטיש־דידאַקטישע, סײַ פּרימיטיוו־דילעטאַנטישע שמועסן וועגן שפּראַך, סטיל, מײַסטערשאַפט, אַז עס כאַפּט אָזש אָן א טרויער, צווועגדיק, ווי הינטערשטעליק און נאַיִוו זײַנען נאָך די דאָזיקע טעאָרעטיקער, האגאם עס פעלט זיי ניט צומאָל אַגרעסיווקײַט.

יאָ, אַזא אָריגינעלער און גרויסער קינסטלער, ווי בערגעלסאָן, גיט אונדז די בעסטע געלעגנ־הײַט אָף דורכצולופטערן א ביסל אָט די, אין פלוג, פון שטויב פון יאָרן שוין „גראָ געוואָרענע" פּראָבלעם.

וואָס איז שײַעך דיכטונג, שטעלט אויך דער פּאַשעטער לייענער קינסטלערישע פּאָדערונגען צו איר. ער פילט, אַז דאָס איז א העכערער סטיל, איידער סטאַם ריידן, און ער וויל פון איר דער־הויבן ווערן. מיט פראָזע איז פיל קאָמפּליצירטער דער איניען. איך קאָן אפילע ליטעראַטן, אַזוי צו זאָגן, וואָס צו זיי איז נאָך ניט דערגאַנגען, אַז ניט יעדע, לויט אַלע אויסערלעכע ליטעראַרישע קלאַ־לים געשריבענע, פראָזע איז ווערט אָנגערופן ווערן פראָזע, נעמלעך: קינסטלערישע פראָזע, וואָס איר ספּעציפישער אראָמאַט אַנטפּלעקט זיך בעדערעך־קלאַל געהיימניספול און צו דער זעלבער צײַט קאָנקרעט־באַדינגט, ווי בא די איידעלע בלומען און פלאַנצן.

און אַזוי דערקלערט זיך, וואָס כאָטש מיר האָבן געהאַט וויכטיקע פּראָזאַיִקער אָף אונדזער מאַמע־לאָשן נאָך ביז מענדעלען, האָט ביאַליק, שרײַבנדיק וועגן זיידנס געשאַפענעם נוסעך („דעם שאַבלאָן פון דער יידישער ליטעראַטור־שפּראַך"), רעכט געהאַט צו זאָגן: „דאָ שמעקט מיט מײַסע בערײשיס".

אין וואָס זשע איז באַשטאַנען מענדעלעס „מײַסע בערײשיס"?

אין דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער פון צווישן די יידישע שרײַבער פון זײַן דאָר דער־שפּירט דעם גרויסן אונטערשייד צווישן גערעדטער און געשריבענער שפּראַך. שטרענג, געפירט פון זײַן איבערקלײַבערישן קינסטלער־כוש, האָט ער, ווענדנדיק זיך צו אונדזער גאַנצן אידיאָמען־אויצער, בלויז איינציקווײַז, ווי דער הירט די שעפעלעך, דורך זײַן שמאָלן קאָנטראָל־טירל, אַרײַנ־געלאָזט צו זיך דאָס אים נייטיקע פאָלקס־וואָרט, אונטערמונטערנדיק זיך יעדעס מאָל בא אָט דער שווערער, פאַרצערנדיקער ארבעט מיט זײַן באַרימט געוואָרענעם שפּרוך: „יידעלע, ווו ביסטו".

עמעס, מענדעלעס לאָשן איז טאַקע צו א שטאַרקע טיי אָף צו טרינקען מיטאַמאָל, ניט אָפּ־שטעלנדיק זיך צוליב האַנאָע האָבן, שלונג נאָך שלונג און דערבײַ שפּיגלען זיך א ביסל אין דעם שיינעם קאַליר פון דעם גערדיכט־שמעקנדיקן געטראַנק... אָבער דעם זיידנס קינסטלערישע גווורע באַם אויסבויען זײַן שפּראַך־נוסעך אימפּאָנירט ביז הײַנט צו טאָג. מענדעלע איז געבליבן אין אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע, ווי דער ערשטער ציל־באַוווסטער אַרכיטעקטאָר פון אונדזער יידיש־ליטעראַרישן סטיל.

זײַן באַליבט, פאַרשפּײַט אייניקל שאָלעם־אַלייכעם האָט, ווי מיר האָבן נאָך אין דער יוגנט געהאַט דעם פריילעכן אײַנדרוק, אַרײַנגעפּליוכעט עטלעכע קוואָרט קרענעצע־וואַסער אין מענדע־לעס קימאַט ווי פון הוילער עסענץ, מיט פאַמעלעכדיקן „יישעוו־האַדאַאַס" זיך קאָכנדיקן שפּראַך־סאַמאָוואַר. נאָר מיט דעם אליין האָבן מיר נאָך גאַנץ ווייניק געזאָגט וועגן שאָלעם־אַלייכעמס לאָשן־אופטע. פירנדיק צוריק צו דער ניט געצוימטער פאָלקס־רייד־סטיכיי, קלינגט איינצײַטיק זײַן שפּראַך ווי דער געניאַלע ליטעראַרישע פראָזע, אָבער ווי אַזא, וואָס מע קאָן בעשום־אויפן איר ניט נאָכמאַכן און יעדער פּרווו זי איבערצונעמען ווירקט טראַגיקאָמיש, פּאַשעט נעבעכדיק. בלײַבט איבער צו זאָגן, אַז ס'איז קימאַט אומעגלעך אויסשעפּן אין א גאַנגבאַרער פּאַעטיק־פאָרמולע שאָלעם־אַלייכעמס סטיל.

פּערעצעס שפּראַך איז פלאַמיקע אימפּראָוויזאַציע, ווי די גאַנצע שאַפונג בײַ דעם דאָזיקן טיפּישן ייִדישן גאָען מיט „ברענענדיקע געהירן״, ניצנדיק זײַן אייגענעם אויסדרוק. דאָס איז אינטעלעקטואַליסטיש־אַפאָריסטישע לאַקאָנישקייט (לויטן פּרינציפּ „די לחכימא ברמיזא״[1]) פּליוס ייִדישע פאָלקס־מײַסעדיקע אינטאָנאַציע. איז כאָטש פרישמאַן האָט זיך אויסגעדריקט וועגן דעם אוטאָר פון דער „גאָלדענער קייט״ און די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״, אַז ער „מעקט און שרײַבט, שרײַבט און מעקט״, האָבן מיר אַלע געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז פּערעץ האָט זײַן סטיל אומיטלבאַר אויסגעניגנט.

„זיצט זיך אַ ייִד אַ שווײַגער אין דאָרף״... וואָס איז עס? אַ לירישער פּערז? ניין, דאָס איז פּערעצעס פּראָזע־נוסעך.

די טרײַע נאָכפאָלגער פון אונדזערע קלאַסיקער, וואָס זײַנען דירעקט נאָך זיי געקומען, האָבן דעריבער שוין פרײַ איבערגעכאַפּט דעם שפּראַך־שעפערישן אָטעם, און יעדערער פון זיי אָף זײַן אויפן האָט וואַריִירט דאָס אַלץ, וואָס איז סטיליסטיש־שפּראַכלעך פאַר זיי שוין אָנגעגרייט געוואָרן סײַ פונעם פאָלק, סײַ פון די ערשטע דרײַ ליטעראַרישע אָוועס.

אַ פּרווו צו בונטעווען זיך קעגן די אײַנגעשטעלטע שפּראַך־ און סטיל־קאַנאָנען, וואָס איז געקומען אויך פון אַ נײַעם רעאַליסטישן אינהאַלט, האָט געמאַכט דער אייגנאַרטיקער פאָלקס־שרײַבער י. מ. ווײַסענבערג. אָבער דער טראַגישער אײַנרײַס צווישן זײַן קרעפטיקן טאַלאַנט און זײַן אָרעמער קולטור האָט אים געשטערט דורכצופירן די פון אים לײַדנשאַפטלעך געגאַרטע „מערידע״.

אַזוי האָט געדויערט די צײַטווײַליקע אידיליע, ביז ס'איז געקומען דאָוויד בערגעלסאָן, וועלכער האָט באַנײַס אונטערגענומען אַן אייגענעם שפּראַך־עקספּערימענט און איז ווידעראַמאָל, ווי דער זיידע אין זײַן צײַט, צוגעגאַנגען צום בויען אַרכיטעקטאָניש אַ ליטעראַרישן סטיל פּאַרעקסעלאַנס, וואָס דאַרף זיך ראַדיקאַל אונטערשיידן פונעם מינדלעכן.

בערגעלסאָנס ליטעראַרישער סטיל „פאָלקסטימלעכעוועט״ ניט. די אידיאָמאַטיק, וועלכע טראָגט אין זיך הומאָר, פאָלקס־כאָכמע און פאָלקס־שטייגער, איז בײַ בערגעלסאָנען פאַרשלאָסן, ווי אין קלאַמערן, גראָד אין זײַנע מעטאַפאָרעס — אַפילו אין די פּאָעטישסטע. דאָ בעט זיך אַן אַנאַלאָגיע: די בערגעלסאָנישע קלוגשאַפט קער זיך זייער נאָענט אָן מיט מענדעלעס פּיקכעס — אויך אַ וויכטיקער קאָמפּאָנענט אין זיידנס שאַפן. נאָר מענדעלע האָט מיט זײַן פּיקכעס מער אויסגעדריקט זײַן באַציִונג צו דעם, וואָס ער שילדערט, און דערפאַר האָט ער, מענדעלע דער קינסטלער, געפונען פאַר נייטיק אַלעמאָל צו פאַרענטפערן זיך מיט זײַן „ניט דאָס בין איך אויסן״. בערגעלסאָן אָבער נייטיקט זיך מער ניט אין אָט דער פאַרענטפערונג, ווײַל די זעלבע פּיקכעס איז בײַ אים געוואָרן אויך אַ קינסטלעריש געשטאַלטונגס־מיטל. און טאַקע דאָס איז, דאַכט זיך, אַ נײַס אין דער שיינער ליטעראַטור ביכלאַל. דאָס גיט צו בערגעלסאָנען אַ ביז גאָר נאַציאָנאַלע באַפאַרבונג.

געפינט בײַ אַן אַנדער שרײַבער, כוץ בײַ בערגעלסאָנען, אַזאַ אַרט שילדערן: „איצט, פאַרבײַגייענדיק דאָס עס־צימער, טוט ער עטלעכע מאָל אַ פּאָך מיט די לאַנגע, שמייכלענדיקע וויִעס, און עס דאַכט זיך: די וויִעס זײַנען אַזוי קלוג, אַז פון כאָכמע פאַרהיקען זיי זיך אַזש״. בערגעלסאָנס טיפּיש ייִדישע כאָכמע האָט זיך קינסטלעריש קיינמאָל ניט „פאַרהיקעט״. זי איז מיט גרויס טאַקט און געהעריקער מאָס אויסגענוצט געוואָרן פון אים ניט בלויז דעמלט, ווען זי האָט אים געהאָלפן אַרויסאַרבעטן אַ פּסיכאָלאָגישן שטריך אין זײַנעם אַ פּאָרטרעט („אַז אַ מענטש טראָגט אַ באָרד, קומט אויס, אַז יעדע האָר איז בײַ אים טײַער״), נאָר אויך באַם אויסדריקן אַ קאָמפּליצירטן געדאַנק („צו פּראָסטע מענטשן קומען געפילן פאַמעלעך, אָן אַ גלאָק באַם דישעל״).

מעג מען טאַקע זאָגן, אַז אין די קלאַמערן פון בערגעלסאָנס מעטאַפאָרעס זײַנען פאַרשלאָסן, כוץ פּיקכעס, אויך אַ שלאַל קליינע סוזשעטן, פאָלקסטימלעכער ייִדישער שטייגער און פאָלקס־רייד. דאָס בילדעט דעם צווייטן פּלאַן פון זײַן אין פאָדערגרונט שטרענג־אויסגעהאַלטענעם ליטעראַרישן סטיל.

אַז בערגעלסאָן האָט געשאַפן זײַן אויסגעשפּראָכענעם אייגענעם נוסעך און מיט דעם באַווירקט ניט בלויז די גאַנצע מאָדערנע ייִדישע פּראָזע, נאָר אויך די דיכטונג, דה. אַן אימפּעטפולן שטויס געטאָן צו שפּראַך־ און סטיל־נאָוואַטאָרישקייט ביכלאַל, איז, שטעל איך מיר פאָר, הײַנט קלאָר פאַר יעדן אָביעקטיוו־דענקענדיקן ייִדישן קריטיקער און שרײַבער.

אַ שטרענג־דיסציפּלינירט ייִדיש לאָשן מיט אַ זאַצבוי, וואָס דערמאָנט מיט עפּעס אין העברעיִש, און מיט אַ שאַרפן אוניווערסאַל־שמעקנדיקן בעלעטריסטישן רייעך, אַרײַנגעטריפט צו אים אין דער ערשטער ריי פון דער רוסישער ליטעראַטור, — דאָס איז בערגעלסאָנס נײַ־געבראַכטער

[1] דײַ לאַכקימאַ בערעמיזאָ (אַראַמ.) — פאַר דעם קלוגן איז גענוג אַן אָנדײַט.

סטיל פון ציל־באַוווסטן קריטישן רעאַליזם, אין זײַן שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג אַ מער סאָציאַל־פאַרשאַרפטן, אײדער דער פאָלקסטימלעכער קריטישער רעאַליזם, וואָס אונדזערע קלאַסיקער האָבן פאַרפלאַנצט.

ביז גאָר מערקווירדיק איז דאָס, וואָס די ערשטע צײַט האָט מען זיך נאָך ניט אינגאַנצן געכאַפּט, וואָס פאַר אַ „פּײרע" איז דער דאָזיקער שרײַבער. עס האָט זיך איבערגעכאַזערט מיט בערגעלסאָנען אין דער ייִדישער בירגערלעכער קריטיק קימאַט דאָס זעלבע, וואָס אין דער רוסישער בורזשואַזער קריטיק איז געווען מיט טשעכאָוון. „יערידע־שטימונגען, עלעגיע, אויסזיכטלאָזער ייִעש", — האָט מען אין אַלע ליטעראַרישע גלעקער געקלונגען. דאָס קריטיש־רעאַליסטישע, דאָס פּראָטעסטאַנטישע, דאָס צאַרט־הומאַניסטישע, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין ווײַזן די לײדן פון די צעדריקטע נעשאָמעס, זייערע בענקענישן און טרוימען נאָך פּסיכישער גענעזונג און סאָציאַלער דערלייזונג, — דאָס אַלץ איז בעקיוון פאַרזען געוואָרן. אַוואַדע איז אײנע פון די סיבעס, וואָס האָבן געשטערט באַלד טויפעס זײַן סײַ טשעכאָוון, סײַ בערגעלסאָנען, געווען זייער נײַע פאָרם — דער אימפּרעסיאָניסטיש־רעאַליסטישער מעטאָד, וואָס האָט בײַ זיי גוט געהויזט מיט סאָציאַלער טעמאַטיק און פּראָבלעמאַטיק. אומזיסט דעריבער האָט זיך באַמיט י. דאָברושין אין זײַן מאָנאָגראַפיע „דאָוויד בערגעלסאָן", פאַר וועלכער ער האָט געטרײַ מאָביליזירט זײַן גאַנצע ערודיציע, צו באַוואָרענען זײַן באַליבטן קינסטלער און גרויסן פרײַנט, עס זאָל אַף אים ניט פאַלן, כאָלילע, דער כשאַד פון אימפּרעסיאָניזם. ריידנדיק וועגן בערגעלסאָנס „קינסטלערישע אימפּרעסיע־מיטלען", גיט ער באַלד צו: „דער דאָזיקער דערקענטעניש־באַדײַט פון דער קינסטלערישער אימפּרעסיע האָט ניט קיין געמיינשאַפט מיטן אימפּרעסיאָניסטישן מעטאָד, אַשטייגער, פון קנוט האַמסונס שאַפונגס־סטיל. אימפּרעסיע איז ניט אימפּרעסיאָניזם" (י. דאָברושין. דאָוויד בערגעלסאָן. ז. 123). ענטפערן מיר: מיט קנוט האַמסונס אימפּרעסיאָניזם־מעטאָד — עפּשער ניט, אָבער מיט טשעכאָווס אימפּרעסיאָניזם — באַשטימט יאָ. ניט „אימפּרעסיע־מיטלען", ווי עס דריקט זיך אויס י. דאָברושין, נאָר טאַקע אימפּרעסיאָניזם. הײַנט האָט מען שוין ניט מוירע אָנצורופן דאָס „קינד" באַם אײגענעם נאָמען.

איך בין אויך ניט אינגאַנצן קאָנטעט מיט אַן אַנדער סטיל־כאַראַקטעריסטיק, וועלכע עס גיט אַ צווייטער קענער און פאָרשער פון בערגעלסאָנס שאַפונג און זײַנער אַ נאָענטער פרײַנט, נעמלעך נאַכמען מײַזיל, וואָס קוואַליפיצירט בערגעלסאָנס קינסטלערישן מעטאָד אין „אָפּגאַנג" ווי נעאָרעאַליזם. אין וואָרטלעכן זין קאָן איך מאַסקים זײַן, אָבער ניט אין באַגריפלעכן. ווײַל נעאָרעאַליזם מיינט דאָך ניט נאָר נײַער רעאַליזם סטאַם, נאָר אַ באַשטימטע ריכטונג מיט אירע קלאָלים און עלעמענטן, וועלכע, ווי מיר שײַנט, שעפּן ניט אויס בערגעלסאָנס פיל עלאַסטישערן און רײַכערן רעאַליזם. אַלץ אין שײַכעס מיט „אָפּגאַנג", שרײַבט נאַכמען מײַזיל: „נאָך שאָלעם אַשס שיר־האַשירים פונעם שטעטל האָט בערגעלסאָן געבראַכט דעם קויהעלעס". מיר דאַכט, אַז דאָ איז נ. מײַזיל פאַרפירט געוואָרן סײַ פון זײַן ליבע צו אָט די ביידע גרויסע ייִדישע שרײַבער און סײַ פון ווערן געלאָקט אַ שפּיל צו טאָן מיט אַזוינע זיך קאָנטראַסטירנדיקע, אין קולטור־באַוווסטזײַן פעסט זיצנדיקע צוויי נעמען, ווי „שיר־האַשירים" און „קויהעלעס". אַז „אָפּגאַנג" פאַרמאָגט קויהעלעס־טענער, כאָטש שאַרף רעאַליסטישע, וועלכע אויך מײַזיל שטרײַכט אונטער, איז ריכטיק. אָבער אין שאָלעם אַשס „שטעטל", האַגאַם ס'איז פון זײַנע פרישסטע פּאָעטישע ווערק, איז דאָס שטעטל דאָך נאָר איינזײַטיק געמאָלט, ראָמאַנטיש־אידיליש באַזונגען, ווען דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען („שיר־האַשירים") איז אָן אַ שיר פילזײַטיקער, האָט מער אַספּעקטן און איז דערשיטערנדיק ליריש־דראַמאַטיש.

מיר גופע, ווען איך טראַכט וועגן „אָפּגאַנג", פאַלט אײַן, אַז בערגעלסאָן האָט מיט אַזויפיל יאָרן צוריק געשאַפן שוין אין דעם דאָזיקן ווערק דעם נײַעם ראָמאַן, — ווי ער קומט צום אויסדרוק, אַשטייגער, בײַ אַזאַ הײַנטצײַטיקן שרײַבער, ווי העמינגווײ: קליין מיט דער צאָל בלעטלעך, נאָר קינסטלעריש גרויס, געדיכט אָנגעזעטיקט מיט לעבנס־אימפּרעסיע און אידיי, מיט מאָלערישער און מוזיקאַליש־פּאָעטישער אַטמאָספער. מיר זעען שוין דאָ די זעלבע אייגנאַרטיקע, קימאַט אומדערקלערבאַרע כיינעוודיקײַט, די דין־דינע פּסיכאָלאָגיע, וועלכע, ריידנדיק בילדעריש, גייט באַלעריניש אַף די שפּיץ פינגער, דעם דורכאַנאַנד ווידעראַרטיקן אינערלעכן מאָנאָלאָג אין אַ גאַנץ נײַער פאָרם פון דיאַלאָג (דאָס איז ער דאָך, דער מאָדנער בערגעלסאָנישער דיאַלאָג אין דער דריטער פּערזאָן!), וואָס פאַרבײַט אָפּטמאָל האַנדלונג, איבערטראָגנדיק זי פון דרויסן אין דער פּסיכיק און אין געדאַנק.

דאָס געזאָגטע ווידערשפּרעכט ניט, נעמט ניט אַראָפּ מײַן פריערדיק פאַרגלײַכן בערגעלסאָנען מיט טשעכאָוון. עס האָט דאָך ניט איין מאָל אויך דער זעלבער העמינגווײ מודע געווען, אַז ער האָט אַ סאַך געלערנט בײַ טשעכאָוון. ווערט דאָ זײַן, מיין איך, טשיקאַווע צו דערמאָנען, וויאַזוי בערגעלסאָנס דעביוט איז באַגעגנט געוואָרן מיצאַד אײניקע ייִדישע, דעמאָלט פּאָפּולערע קריטי־

קער, און טאַקע אין שײַכעס מיט שפּראַך און סטיל, וועלכע מיר באַהאַנדלען אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל.

„בערגעלסאָן אַלס קינסטלער איז, דאַכט זיך, געקומען צו אונדז פון דער פרעמד, — האָט צווישן אַנדערן געשריבן לעאָ קעניג, — און אָפט שײַנט מיר, דאָס ווען ער זאָל זײַנע ווערק שרײַבן אין רוסיש אָדער אין וועלכער־ס׳איז פון די אַנדערע אייראָפּעיִשע שפּראַכן, וואָלטן זיי גאָרניט פאַרלוירן, — און ווער ווייסט — עפּשער וואָלטן זיי נאָך דערמיט אויסגעשפּילט“[1].

געשלאָגן מיט בלינדקײַט, האָט לעאָ קעניג לעגאַמרע ניט געזען דאָס אינטענסיוו ריזלענדיקע טיף יִדישע און איז פּאַשעט צעכושט געוואָרן, זיך פאַרלוירן אין אָנגעזיכט פון בערגעלסאָנס סטיל, אייגנטלעך פון דעם, וואָס בערגעלסאָן האָט זײַן יִדיש־ליטעראַרישן סטיל אָנשוילעך דערנעענטערט צו דער זעלבער הייך, וועלכע איז געוואָרן אַן אומבאַדינגטע נאָרמע אין אַלע גרויסע וועלט־ליטעראַטורן.

ב. וולאַדעק, וועלכער שרײַבט: „מיר געדענקען נישט די צײַט, ווען אַ יִדישע דערציילונג (עס גייט די רייד וועגן „נאָך אַלעמען“. — י. ש.) זאָל האָבן איבערגעלאָזט אויף אונדז אַזאַ טיפן און קאָמפּליצירטן אײַנדרוק“, גיט צו: „די טעכניק בערגעלסאָנס איז דאָך זייער אָרעם, און זײַן שפּראַך איז מערקווירדיק ניט אויסגעהאַלטן. קאָנטיק, אַז ער זוכט זײַן סטיל און ווייסט ניט וואָס אויסצוקלײַבן. איר קאָנט בא אים געפינען אַזאַ געשמאַקלאָזן פאָלקסטימלעכן אויסדרוק, ווי „אָנגעזאַלצן אויף דער נעשאָמע“, און אַזאַ דעקאַדענטיש־אינהאַלטלאָזן אויסדרוק, ווי „העוועל־האַוואָלימדיק“ אויף דער נעשאָמע“... ווי איר זעט, איז ב. וולאַדעק טיף באַליידיקט פון אַזאַ ניט אָנשטענדיקן „שידעך“, כאָטש מע ווייסט ניט, פאַר וועמעס קאָוועד פון די ביידע אים גלײַך שאָקירנדיקע אויסדרוקן ער נעמט זיך דאָ אָן...

די געבראַכטע ציטאַטן קלינגען הײַנט אַוואַדע נאַיִוו. זייערע מעכאַברים אָבער זײַנען ווײַט ניט אַזוינע נאַיִווע מענטשן, ווי עס קאָן זיך דאַכטן פון אָט די אַרויסזאָגונגען. זיי זײַנען נאָר קאָנסערוואַטיוו און דעריבער — ניט בלויז האַרטנעקיק, נאָר אויך אָנגרײַפעריש. לערנען מיר אויך פון דעם בײַשפּיל — בערגעלסאָן און זײַנע ערשטע קריטיקער, אַז יעדע נײַע דערשײַנונג איז אָט דער „העלפאַנד“ אַפּאָנעם, וואָס מע באַמערקט אים ניט באַלד.

פּרוּוון פעסטשטעלן די האַשפּאָע פון בערגעלסאָנס נוסעך אויף אונדזער פּראָזע זײַנען שוין דאָ און דאָרט געמאַכט געוואָרן. לויט מײַן מיינונג, זײַנען דאַפקע די בײַשפּילן, וואָס באַווײַזן עס צו דירעקט, ווייניקער באַלערנדיק. ריכטיקער וועט זײַן, ווען עס וועט אָנגעוויזן ווערן אויף דעם אַלגעמיינעם אימפּולס צו נאָוואַטאָרישקײַט, וואָס בערגעלסאָנס שאַפן האָט געגעבן, אַרויסרופנדיק דערבײַ, פאַרשטענדלעך, אויך שטאַרקע קעגנשטראָמען, דאָס הייסט אַן אינטענסיוון שעפערישן ברויז אין אונדזער מאָדערנער פּראָזע. וועגן בערגעלסאָנס האַשפּאָע אויף אונדזער דיכטונג איז קימאַט נאָך גאָרניט געזאָגט געוואָרן. מיר דאַכט זיך, אַז אין קיינעם ניט פון אונדזערע פּראָזאַיִקער האָבן די מאָדערנע יִדישע דיכטער מיט זייער נײַער פאָרם און נײַעם אינהאַלט ניט געפילט אַזאַ נאָענטן פאַרבינדעטן, קימאַט אַן אייגענעם ברודער, ווי אין בערגעלסאָנען.

„אַ קופּערנער הימל האָט פון נאָך יאָמטעוו אָן געבראָכן דורך אַלע רינוועס, געשלוקערצט מיט רעגנס, ווי אין נויעכס צײַטן — רעציכעדיק־פרומע רעגנס, אייניקלעך פון מאַבל“. וואָס איז עס לויט דער געדיכטקײַט פון דער אַפּאָקאַליפּסיס־אַטמאָספער, ווי זי קומט דאָ צום אויסדרוק דורך דער פּריזמע פון אַ צעניאָריק יִדיש כיידער־יִינגל: פּאָעזיע צי פּראָזע? אויב פּאָעזיע — וואָסערע? אוראַלטע, אולטראַ־מאָדערנע? צי עפּשער ביידע צוזאַמען, וואָס דאָס שאַפט שוין, אַזוי אַרום, אַ דריטע קאַטעגאָריע?

פאַר מיר איז קיין סאָפעק ניט, אַז נאָך פאַרעצן האָט בערגעלסאָן מיט זײַן שפּראַך־ריטמיק, בילדערישקײַט, עמאָציאָנעל־אידייִשן אונטערטעקסט און, באַזונדערס, מיט זײַן ראַדיקאַל־אַנדערשדיקער, נײַער באַציִונג צום יִדישן וואָרט — אַנדערשדיק איבערקלײַבן עס און אַנדערשדיק אויפצילעווען אַפן שנירל פון דער פּראָזע — אַמפּרוכטבאַרסטן באַאײַנפלוסט די מאָדערנע יִדישע דיכטונג — ניט די לידלערײַ, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נאָר די גרויסע דיכטונג.

IV

עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַזאַ שרײַבער, ווי בערגעלסאָן, וואָס האָט געבראַכט מיט זײַן שאַפן רעוויזיע סײַ לעגאַבע די אײַנגעשטעלטע ליטעראַרישע קאַנאָנען, סײַ צו אַלץ קימאַט, וואָס איז געווען געבונדן מיטן „אײַזגאַנג“ — מיט דער עקאָנאָמישער איבערשיכטונג און אידייִשן

---

[1] די געבראַכטע ציטאַטע און אויך די ווײַטערדיקע אַרויסזאָגונגען פון יִדישע קריטיקער וועגן בערגעלסאָנען זײַנען גענומען פונעם אַרטיקל „יִדישע קריטיקער וועגן „נאָך אַלעמען“ פון נ. מײַזיל. „יִדישע קולטור“, 1963, נום. 3, 4.

ברויז אינעם דעמלטיקן טכום־האַמוישעוו, — זאָל אַרויסרופן ניט נאָר באַגײַסטערונג, נאָר אויך אָפּאָזיציע צו זיך. א כידעש איז נאָר, וואָס ניט בלויז די נײַע טיף פון זײַן קינסטלער־שפּיגל, נאָר אויך די טיף פון זײַן אופגערודערטן געדאַנק און סענטימענט האָבן ניט אַלע גלײַך באַמערקט. און ניט נאָר ניט באַמערקט, נאָר געזען — איר געדענקט דעם ייִדישן אַנעקדאָט? — „פּונקט פאַרקערט"... „ווער איז אָט דער, פון וועמען עס שמעקט ניט מיט דער לופט פון די הײַנטיקע סאָציִאַלע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען? וואָס צוימט אָפּ זײַן געשילדערט וועלטל פון אַלץ, וואָס האָט א שײַכעס צו א ברייטן געזעלשאַפטלעכן לעבן?" אזוי האָט געשריבן וועגן „נאָך אַלעמען" — אַנו טרעפט ווער? שטעלט אײַך פאָר, אז די דאָזיקע, ווי א האַרבער פּסאַקדין קלינגענדיקע פראַגע האָט געשטעלט אַזאַ ייִדישער קריטיקער, ווי באַל־מאַכשאָוועס. אָבער דער העברעיִש־שרײַבנדיקער י.־כ. ברענער, פעסטשטעלנדיק, אז „ס'איז דאָ א פולשטענדיקער אײַנדרוק, אז דאָס איז א ווערק אין פולן זין פונעם וואָרט, סײַ לויטן אינהאַלט און סײַ לויט דער פאָרם", גיט צו: „דער לייענער לעבט מיט די לעבעדיקע מענטשן, וואָס גייען אַדורך פאַר אים, באַקומט זיי ליב, באַטייליקט זיך אין זייער גורל און גלײַכצײַטיק נעמט ער אויף די באַציִונג פונעם מעכאַבער צום לעבן און צו זײַנע פּראָבלעמען. און וועגן דער באַציִונג פונעם אווטאָר צום לעבן איז קעדײַ זיך אָפּצושטעלן". ברענער, אַליין א פּראָבלעמען־שטעלער, האָט נישט געקאָנט ניט זען דאָס צישנדיקע פּראָבלעמען־פײַערל, דעם אומרו־גלי אויך שוין אונטער די סטיליסטיש געטאָקטע שורעס פון בערגעלסאָנס ערשטלינג־ראָמאַן.

אין יענער צײַט און אויך שפּעטער האָט ש. ניגער ניט נאָר באַיאָעט, נאָר אויך געשיצט בערגעלסאָנען לעגאַבע זײַנע ניין־זאָגערס און האָט געעפנט פאַר אים אין די בוכהאַלטעריע־ביכער פון דער ייִדישער ליטעראַטור אומבאַשרענקטן קרעדיט, ווי פאַרן גרעסטן באַטועך. פאַרוואָס ניץ איך אָט די קרעדיט־ און דעבעט־טערמינאָלאָגיע? ווײַל באַלד, ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער בערגעלסאָנישער סאָוועטישער פּעריִאָד, האָט ניגער דעם זעלבן פריִערדיקן גרויסן „באַטועך", בערגעלסאָנען, דערקלערט פאַר באַנקראָט. און עס איז אַוועק א נוסעך: דער ייִדישער קינסטלער בערגעלסאָן איז „באַגאַנגען א פאַראַט" סײַ לעגאַבע זײַן אייגענעם גרויסן טאַלאַנט, סײַ לעגאַבע דער ייִדישער ליטעראַטור. די דאָזיקע ווערסיע האָט זיך דאָרט, אין די רעכטע ייִדיש־בירגערלעכע קרײַזן פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, און באַזונדערס פון אַמעריקע, סאָליד אײַנגעבירגערט און האַלט אָן אויך ביז הײַנט. קיין פּרווו אין דעם דאָזיקן לאַגער איבערצולייענען מיט פרישע אויגן א ייִדישן שרײַבער פון אַזאַ מאַסשטאַב, ווי בערגעלסאָן, איז נאָך ניט געמאַכט געוואָרן, ווי אונדז איז באַקאַנט. מע רײַט אַלץ אָף דעם זעלבן הילצערן־סטאַטישן פערדל: בערגעלסאָנען, דעם ייִדישן קינסטלער פון מידאַס־האַראַכמים, האָט פאַרטיליקט בערגעלסאָן, דער ייִדיש־סאָוועטישער קינסטלער פון „מידאַס־האַדין".

די, וואָס שטעלן אַזוי אַוועק די בערגעלסאָן־פּראָבלעם — צווישן זיי, כאָץ אַקטיוו באַטייליקטע אין „קאַלטן קריג", אויך אייניקע פרומע עסטעטן, — פאַרשטייען ניט, באַנעמען ניט אין אַלע זײַנע אַספּעקטן אַפילע יענעם בערגעלסאָן, וועלכן זיי רימען און פּרײַזן. ניטאָ קיין צווייַ בערגעלסאָנס — ערלעך, ערנסט און פאַכמעניש גערעדט. איז ער ניט גענוג נאַציִאָנאַל, איז ער עס געווען אויך פון לעכאַטכילע, ווי ס'האָט באַלד „באַמערקט" און געפּאַסקנט דער ייִדישער עסטעט לעאָ קעניג בעשײַטע, ער האָט שוין אין אים גלײַך דערבליקט דעם „דיכטער פונעם רוסישן האַלב־אַסימילירטן ייִדנטום", אָף וואָס דער העברעיִשער ברענער האָט זיך ניט געכאַפּט, נעבעך, און אַפילע נאָך נישט דער ייִדישיסטישער ניגער.

ס'איז גענוג אײַנצוקוקן זיך אינעם כראָנאָלאָגישן סיידער פון בערגעלסאָנס נאָך פאַרסאָוועטישע ווערק, מע זאָל זען, אז ער האָט אַלעמאָל געביטן בלויז זײַן פּאָעטיק־פּאַליטרע. דער אומרויִקער קינסטלער בערגעלסאָן, וואָס זעלבסטצופרידנקײַט איז אים געווען אָרגאַניש פרעמד, האָט דאָס געטאָן ניט נאָר אויס מוירע פאַר שטאַמפּ, פאַר לעבן פון „רענטע", פון אַן „אויסגעאַרבעטער האַנטשריפט", נאָר זיכער, ווײַל עס איז געווען פאַר אים א פראַגע פון געוויסן. ער האָט זיך דאָך פון די ערשטע ליטעראַרישע שריט קאָנטראָלירט, צי ער אידעאַליזירט ניט, פאַרטושירט ניט די שאַרפע לעבנס־ווינקלען. אין אים איז אָנגעגאַנגען א באַשטענדיקער געראַנגל צווישן דעם ליריקער מיטן סאַטיריקער, צווישן דעם אינטים־פאָרשערישן פּסיכאָלאָג מיטן סאָציִאַלן דענקער, צווישן דעם קינסטלער מיטן מאָראַליסט. אין דער סוויווע, וועמעס דיכטער אים איז באַשערט געווען צו ווערן, האָט ער געהאַט אַזויפיל אייגנס אָף צו באַוויינען און אַזויפיל אייגנס אָף קריטיש אופצורײַסן, פאַרשפּאָטן, אַנטבלויזן! אָבער דאָס אַלץ וויל מען טענדענציִעז ניט זען. מע בלײַבט פאַראַקשנט געטרײַ דעם יאַרליק „קאַדעש־זאָגער", וואָס מע האָט אָנגעהאַנגען דעם מעכאַבער פון „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג". עס איז פּסיכאָלאָגיש באַקוועמער אַזוי פאַרן פיליסטערישן קליינבירגערטום און זײַנע קויהאַנים. ווי לאַנג, אַשטייגער, האָט געדויערט די אַזויגערופענע „מאָצאַרט־לעגענדע", די פאָרשטעלונג וועגן דעם געניִאַלן קאָמפּאָזיטאָר, ווי

וועגן א „געטלעך קינד“, וואָס האָט געזונגען, ווי דער פויגל אין גאַניידן. עס האָט באַדאַרפט קומען סטענדאל און אָנווייַזן אַף מאָצאַרטס אייגנאַרטיקער מאָרעשכוירע, דעמאָנישער לייַדנשאַפט, אַף זייַן דראַמאַטיזם, וואָס דערנענטערט אים צו די געניאַלע פאָרשטייער פון „שטורעם און דראַנג“, און דעריקער — אַף זייַן שעקספּיריזם, קעדיי די לעגענדע זאָל פּלאַצן, ווי א זייפנבלאָז.

איך בין אוואַדע ווייַט ניט דער ערשטער אין טייַטשן אָביעקטיוו בערגעלסאָנען. אנאַליזירנדיק זייַן שאַפונג, האָב איך אָבער אויך עפּעס וואָס צו זאָגן בערגעלסאָנס אָפּאָנענטן.

לאָמיר אופמישן זייַן סאַמע „מידאַס־האַראַכמימדיק“ ווערק „אָפּגאַנג“, און מיר וועלן אויך דאָ זען די צווייפלאַנעדיקייַט. דער ייִדישער „האַמלעטיזם“, דאָס פילן זיך איבעריק סייַ אין אייגענעם „הויף“, סייַ אין דער אַרומיקער געזעלשאַפט — אָט די טעמע, מיט וועלכער בערגעלסאָן האָט דעביוטירט אין „אַרום וואָקזאַל“ און זי ווייַטער אַנטוויקלט אין „נאָך אַלעמען“, איז דאָ, אין „אָפּגאַנג“, נאָך אָריגינעלער און טיפער אַרויסגעבראַכט דורך די ביז גאָר מאָדנע צוויי הויפּטהעלדן מיט זייערע בעקיוון פּראָזאַיִש־וואָכעדיקע נעמען — מײלעך און כאַיִם־מוישע. די ביידע גאָר נאָענטע גייַסטיקע פרייַנט באַוועגן זיך די גאַנצע צייַט מייַסעדיק און ווירקן דאָך ריאַליסטיש; זיי זייַנען געצייכנט קימאַט סילועטאַרטיק, נאָר זייַנען אַפּאָריסטיש מעראַמעז אַף אַזויפיל דורכדרינגלעכן סאָציִאַל־פילאָסאָפישן סאַכאַקל און עטישן כעזשבן־האַנעפעש, וואָס וואָלט געסטייַעט אַף א טוץ פּולבלוטיקע און פולפליישיקע פּערסאָנאַזשן בא א גוטן ערנסטן שרייַבער.

„די וועלט וואָלט ניט ווערט געווען א גראָשן, ווען זי לאָזט זיך ניט באַטראַכטן“, — לייענען מיר שוין אין סאַמע אָנהייב פון „אָפּגאַנג“. די „וועלט“ איז דאָ געמיינט דער סיידער פון דער וועלט. און דער צאַד שעקענעגעד, וואָס טרעט אַרויס קעגן בערגעלסאָנס טענדענציִעזער קונסט, איז פאַר קאָלערליי מאַכשאָוועס, זאָל זייַן די סאַמע אַבסטראַקטע, נאָר טשעפּעט ניט דעם סיידער־האָוילאָם! און אויב שוין יאָ אָנרירן אים — זאָל עס זייַן כאַל אַף דעם גויִישן, אָבער ניט אַף דעם ייִדישן. נאָך וואָס מאַכן א שלעכט לעבן, א פיירעד־לעוואָוועס צווישן ייִדן?.. דאָך לאָמיר ניט פאַרלויפן פאָרויס און ליבער ווייַטער בלויז ציטירן פון דעם דאָזיקן לעכאָל־האַדייעס „קאָשער“ ווערק.

„און דאָך קאָן ער זיי, די ראַקיטנער קרעמער, דערציילן: „אַלע זייַנען דאָך דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט געווען זיכער, אַז ער, כאַיִם־מוישע, האָט קיינמאָל קיינעם ניט ליב געהאַט, נאָר אינדערעמעסן האָט ער שטאַרק ליב געהאַט דעם טאַטן זייַנעם — ער איז געווען א היגער, און זיי, די קרעמער, האָבן אים געדאַרפט קאָנען. ער, כאַיִם־מוישע, זאָגט זיי, אַף נעמאָנעס: קיין פוסטן קאָפּ האָט אָט דער אויסערלעך־פרומער ייִד ניט געהאַט. זאָלן זיי אים מויכל זייַן, וואָס ער האָט זיך אַלע יאָרן אַרומגעטראָגן מיט זייַן פיירעש אַף טילים און מיט זייַנע קיינדלעך אַף איבן־עזראָ. דערפאַר אָבער האָט ער ווינציקער, ווי אַלע אַנדערע, אין זינען געהאַט פּאַרנאָסע“. וואָס פאַר א סאָציִאַלער סאַרקאַזם בא אַזאַ צאַרטן, אויסערלעך שוין פון קאַמף רעזיגנירנדיקן ייִדישן אינטעליגענט! נאָר די ייִדישע קרעמערס, כאָטש זיי ווערט דאָ אַזוי פייַן אַרייַנגעזאָגט, האָבן דעמלט נאָך ניט געהאַט באַליידיקט זיך אַף בערגעלסאָנען.

„ער איז אַזוי געבליבן ליגן און האָט זיך פאַרטראַכט: דעם ייִדנס גרינבלעך־נאַסע שטיינדלעך, די אויגן — דאָס איז די אייביקייַט, וואָס זעט גלייַכגילטיק צו, ווי יונגע ווערן אַלט און בלייַבן בא ניט באַפרידיקטע פאַרלאַנגען. וואָס איז אַזוינס אָט דער ייִד? א פייַן פון אָפּגעלעבטע דוירעס, אַן אַלטער גלייַכגילטיקער ווען, וואָס אַנערקענט דיך ניט. וואָס וואָלט ער דען געזאָגט וועגן דיר, ווען ער זעט, ווי דו פּלאָנטערסט צווישן פאַרטיי־כאַוויירים און באַריקאַדעס? וואַרט, ס'איז א געדאַנק — ער וואָלט וועגן דיר גאָרניט געזאָגט...“ מיך האָבן אין אָט די שורעס אָפּגעבריט סייַ „דעם ייִדנס גרינבלעך־נאַסע שטיינדלעך, די אויגן“, סייַ דער פּלאַם, וואָס טוט גראָד אין אָט דעם טהילימדיקן טעקסט א זעץ אין די אויגן פונעם דאָ שטייענדיקן וואָרט „באַריקאַדעס“. נאָר מיר לייענען נאָך א ביסל ווייַטער: „און צווייטנס: וואָס וואָלט דען ער, כאַיִם־מוישע, געטאָן מיט זייַן יוגנט, ווען ער האָט זי איצט נאָכאַמאָל? צי וואָלט ער געפּאָלגט דעם ייִדן און וואָלט געעפנט דאָ אין ראַקיטנע א באַקאַליי־קלייטל?“ און ער פאַרענדיקט מיט איין וואָרט, ווי ווען מע ווערט שטאַרק ברויגעז, קימאַט אין קאַס: „נאַרישקייַטן“.

„גאָטס באַקאַליי־קלייט — רופן זיי אָט די ערדישע וועלט און דערמאָנען זי טאָמיד נישט צו גוטן („זיי“ מיינט: כאַיִם־מוישען און מײלעכן. — י. ש.), א באַקאַליי־קלייטל מיט א גלעקל און נאָך וואָסער א גלעקל!“.

נאָר דאָס „גלעקל“, איך מיין: די ביטערע איראָניע „גאָטס באַקאַליי־קלייטל מיט א גלעקל“, האָט מען ניט דערהערט, צי מע האָט יאָ דערהערט, נאָר געטאָן נאָך אַלץ דאָס זעלבע, וואָס דער ראַקיטנער נאָגיד אַזריִעל פּויזנער, ווען צו אים „אין דער גרויסער קלייט“ איז דערגאַנגען דער

קלאנג, אז כאַים־מוישע האָט איינער א באַיאָרטער קרוווע זײַנער אָפּגעגעבן גאנצע הונדערט רובל (א סוואָרע, די לעצטע).

„אזריִעל פויזנער אליין, — דערציילט בערגעלסאָן, — האָט דעמלט אופגעהערט א ווײַלע איבערצושרײַבן פון איין בוך אין צווייטן.

„אזוי? האָט ער זיך געכידעשט, גאנצע הונדערט רובל?“

און נאָכדעם האָט ער מיט גרויס יִישעוו־האדאאס איבערגעלייגט דאָס היפּשע שטיקל וואטע פון איין אויער אין אנדערן, ער האָט גענומען זוכן צווישן די כעזשבוינעס איינעם א טאָעס און האָט בעשאָס־מײַסע צוגעגעבן: „נו, זייער פײַן!“.

„זייער פײַן“ האָט מען נאָך אויך געזאָגט, לייענענדיק די אויבן געבראכטע שטעלן.

אָבער ווי האָט מען ניט געזען, וויִאזוי בערגעלסאָן מאָלט דעם זעלבן אזריִעל פויזנער? „אף דער שוועל פון זײַן גרויסער קאָלבוי־קלייט איז אין א שווארצן לוסטרינענעם סורדוט געשטאנען אזריִעל פויזנער — דער אָרטיקער רײַכער קרעמער. ער האָט געהאט א סאמעט־פארגאָסן פּאָנעם פון א צעוואקסענעם לײַטישן גאלעך און האָט אלעמאָל געפּרוווט מיט א גרינג הוסטל, צי די לונגען זײַנען בא אים ריין... אמאָל האָט ער געליטן אף דער לונג — שוין לאנג איז דאָס געווען. איצט איז ער שוין אינגאנצן געווען פארגאָסן מיט געלע גאָגל־מאָגלס און מיט אייער. און דאָס פּאָנעם זײַנס איז שוין אויך אזעלכס — ס'האָט געשמעקט מיט געלן אייער־קיכל, מיט פּוטערגעבעקס און מיט שווייס“. נאָר עפּשער נאָך פּילזאָגנדיקער איז דאָס, וואָס עס קומט ארויסהייבן דעם גרויסן גווירס פּאָרטרעט: „פּלוצעם האָט כאַים־מוישע דערזען, אז ער איז ניט אליין, אָט דער רײַכער קרעמער — גאָר נאָענט אונטער זײַנע פּלייצעס שטייט די טאָכטער זײַנע, די יונגע און שיינע כאווע פויזנער. זי שמייכלט, זי שפּארט אונטער איר פּאָנעם באַם פּאָטער אפּן אקסל און קוקט איניינעם מיט אים אף כאַים־מוישען, קוקט מיט אזא מינע, גלײַך זי וואָרנט:

„מיר נעמען אים אף זיך, דעם „פּאפּקא“ אונדזערן; מיר וועלן אים באשיצן פון אלע מענטשן, וואָס האלטן פון אים ניט און ריידן אף אים שלעכטס“.

אָט דאָס „ריידן שלעכטס“, וואָס ווערט פאָרגעוואָרפן בערגעלסאָנען, דעם סאָוועטישן בערגעלסאָן, איז דאָך שוין אזוי אנטבלויזט, ווי איר זעט, געקומען צום אויסדרוק טאקע אין מידאס־האָראכמימדיקן „אָפּגאנג“. און דאָס „ריידן שלעכטס“ ווערט דאָרט אפילע גערעכנט פאר א מײַלע און באזונדערס געלויבט, ווען דאָס ווערט געטאָן בײַסיק. „בעשאָס ער רעדט אף כאווע פויזנער און אף איר טאטן, איז ער דיר מאמעש א געני, אָט דער פּרעגער“ — אויך א פּאָרשטייער פון דער יִידישער אינטעליגענץ, וועלכע פיגורירט אין ראָמאן. אין זײַן געזעלשאפטקריטיק איז אָט דער טאלמוד־טוירע־לערער אונטערגעשטראָכן־פּלעבייִיש, רעדט שוין אָן ליטעראַרישע פּײַגנבלעטער. נאָר ער איז ניט קיין פּראָסטאק, אָט דער אָפּענער בונטאר, אָט דער פּרעגער. ער קאָן דענקען און פאָרמולירן אפילע דאָס, וואָס ער דענקט. און איינמאָל טאקע פירט צונויף בערגעלסאָן כאַים־מוישען מיט פּרעגערן אף צו ווײַזן אפּאָנעם דאָס, וואָס פאָרייניקט זיי...

„ער וויל, ריישיס־קאָל, טרינקען לעכאַים פאר כאַים־מוישען. ער גלייבט ניט קיין געלערנטע. זיי טראָגן צוויי פּאָר ברילן דעמלט, ווען זיי קאָנען זיך באגיין מיט איין פּאָר (די זעלבע צוויי פּאָר ברילן, מיט וועלכע געוויסע „געלערנטע“ לייענען אויך דעם סאָוועטישן בערגעלסאָן. — י. ש.). זיי קענען מעטאער זײַן א שערעץ מיט ק“ן (קאָן) טײַמים. נאָר א שערעץ בלײַבט א שערעץ. כאַים־מוישע אָבער טראָגט ביכלאל ניט קיין ברילן און דערפאר וויל ער אויסטרינקען פאר אים. לעכאַים!“ און ווײַטער, אָנגלייענדיק זײַן מאָנאָלאָג, דערציילט ער כאַים־מוישען: „ווען ער, פּרעגער, איז נאָכגעגאנגען נאָך מיילעכס לעווײַע, האָט ער א טראכט געגעבן: „געשיקט זיך, אז אָט דער מענטש האָט קיינמאָל אין זײַן לעבן ניט געוואָלט אָנשפּײַען אין פּאָנעם ארײַן?“ דאָס איז שוין ניט סטאם „דערציילט“, נאָר אוועקגעשטעלט א פּרינציפּיִעלע פראגע. און ער, פּרעגער, זאָגט: „דאָלאָי דאָס זײַדנס פון די קרעמער!“.

אינטערעסאנט איז, וואָס כאַים־מוישע איז אין טאָך מאסקים מיט פּרעגערס לאָזונג. ער האָט נאָר אן אנדערע פאָרמולירונג. בערגעלסאָן שרײַבט: „ער (כאַים־מוישע. — י. ש.) האָט נאָר געוואָלט זאָגן, אז מיילעך וואָלט מיט פּרעגערן געוויס ניט מאסקים געווען. מיילעך וואָלט געזאָגט: מע דארף אראָפּציִען פונעם זײַדנס דעם קרעמער. נאָר דאָס זײַנען קלייניקײַטן...“

אָט מיט וואָס פאר א „קראמאָלע“ עס שמעקט שוין אין „אָפּגאנג“. פון די שארף פּאמפלעטארישע שטעלן אין שײַכעס מיט דער „ארומיקער אומווירדיקײַט“ וועלן מיר דערמאָנען בלויז איין סצענע מיט דעם מאָדערנעם גוויר, דעם יונגן אינזשעניער דרעסלער, „וואָס טאָמיד איז... זײַן געלט נײַ און שמעקט מיט פּארפומען“. ווען „דרעסלער אינעם נײַעם וויזיט־רעקל און מיטן ווײַסן טיף־אויסגעשניטענעם הארץ איז געזעסן באַם טיש אָן א היטל און גערעדט רוסיש (אפּן קנאסמאָל מיט כאווע פויזנער. — י. ש.), האָבן זיך דער ראָוו, דער שויכעט און דער כאזן געהאלטן

אין הורט, געזעסן אין איין שורע און אין אלץ, ווי מאלפּעס, נאָכגעטאָן איינער דעם צווייטן. זיי האָבן דערפאַר אויסגעזען, ווי סטאַטיסטן אין געליגענע קאַפּאָטעס מיט צוגעקלעפּטע בערד״...

אוודאי האָבן מיר אין דעם פאַרסאָוועטישן בערגעלסאָנישן פּעריאָד געהערט דעם „לירישן כליפּ״, ווי דער ניסטער האָט זיך צאַרט אויסגעדריקט אין זײַן באַוווּסטן בריוו צו בערגעלסאָנען, — דאָס פּאַטעטיש־נעוויִישע, מעג מען הײַנט זאָגן, וועגן דעם אָפּגאַנג פון שטאַנדן און שיכטן, פונעם ייִדישן שטעטלשן און שטאָטישן פאַרוואָרצלטן לעבנססטייגער. אָבער בלײַבנדיק אפילו בלויז בא די עלעגיש־געשטימטע פּערסאָנאַזשן, וועלכע שאַפן אין דעם ווערק די „מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע״, וואָס איז בא אַלעמען נויסע־כיין, הערן מיר שוין אַזוינע קלאָרע רייד: „דער איקער איז אומרו, מיילעך״... „איז צוליב וואָס נוצט די ווייכקײַט בענעגייע א וועלט, וואָס מע אַנערקענט זי ניט?״.

דאָ האָט איר דאָך שוין בעפּיירעש דאָס געדאַנקלעך־געמיטלעכע איבערשליסן זיך פון מידאַס־האָראַכמים צו מידאַס־האַדין, לעכאָל־האַפּאָכעס דאָס אוועקשטעלן די דאָזיקע פּראָבלעם.

ניין, ניט פון צוויי בערגעלסאָנס קאָן דעריבער גיין א רייד, נאָר פון איין און דעם זעלבן בערגעלסאָן אין זײַן דינאַמיק, אין זײַן אידייִש־קינסטלערישער עוואָליוציע אין פולן העסקעם מיט דער זיך אַלץ בײַטנדיקער און זיך באַנײַענדיקער ווירקלעכקײַט.

V

איך האָב געהאַט די זכיִע צו זען בערגעלסאָנען אין יענעם „האָניק־פּעריאָד״, ווען אין אים האָט אַלץ מער און מער געריפּט זײַן מידאַס־האַדין־קאָנצעפּציע (שוין נאָכן אָנשרײַבן זײַן ראָמאַן „מידאַס־האַדין״). איז געדענק איך, ווי ער האָט מיר איינמאָל געזאָגט, אַז ער איז זייער דאַנקבאַר א. כאַשינען פאַר העלפן אים דאָס אַלץ „דערטראַכטן אַרום און אַרום״. דאָ קומט צום אויסדרוק נאָך איין בערגעלסאָנישער גרונט־שטריך: זײַן אויסטראָגן געדאַנק. און האָט ער אים, דעם געדאַנק, פאַר זיך אַרויסגעאַרבעט, האָט ער אים שוין אַרומגעגראָבן מיט א שוצגראָבן... דאָס געדאַנקלעכע, די וועלט־אָנשויונג איז דעריבער געווען פאַר בערגעלסאָנען דעם קינסטלער זײַן ליכט־טורעם. ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין טעמעס־יעגער, ניט געזוכט מיט זײַן „אַפּאַראַט״ אַראָפּצוכאַפּן „שיינע ערטער״ אַף צו איבעראַשן זיך אַליין און דעם לייענער. שרײַבן איז פאַר אים געווען א הייליקע אַווידע אָן דעם מינדסטן שעמעץ פון שרײַבערישן אַוואַנטיוריזם — אַפילע אין בעסערן זין פון וואָרט. אַגעוו, האָט ער זײַן קרעדאָ אויסגעדריקט אין א סעריע אַרטיקלען (פאַרעפנטלעכטע אין ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט״), אין וועלכע ער האָט פּאָלעמיזירט מיט ניגערן וועגן די אופגאַבן פון דער ייִדישער פּראָזע. די דאָזיקע אַרטיקלען גיבן א שליסל אַף צו פאַרשטיין בערגעלסאָנס אידייִש־קינסטלערישן נײַ־געבורט.

וואָס זשע איז געשען מיטן „נײַעם״ בערגעלסאָן? ער האָט מיט גרויס מוט איבערגעשניטן זיך דעם אימפּרעסיאָניסטישן אָדער, פאַרהיטנדיק פון זײַן פריִערדיקער רײַכער דערפאַרונג די גאָטס־געבענטשטע אייגנשאַפט: די פאַרשאַרפטע שפּירונג פון די כושים פּאַראַלעל מיט דער נאָך פאַרטיפערטער לעבנס־באַזינונג. דאָס מאָל האָט ער געהאַט דעם מאָראַלישן קויעך אונטערצונעמען א רעוויזיע לעגאַבע זיך אַליין. מעג מען פרעגן: א סאַך ייִדישע שרײַבער פון זײַן דאָר, דערצו מיט אַזא דעראָבערטן רום, ווי בערגעלסאָן, זײַנען דערויף געווען פייִק? וואָס זשע, בערגעלסאָנען האָט, כאָלילע, געפעלט טאַלאַנט, פּאָעזיע, ייִדיש וויסן פון די ערשטע קוואַלן אַף מיטצומאַכן דעם גאַנצן ליטעראַרישן ראָמאַנטיזם, צו וועלכן ס׳איז דעמלט אַוועק די ייִדישע פּראָזע אין אויסלאַנד? מע דאַרף דערבײַ ניט פאַרגעסן, אַז בערגעלסאָן האָט נאָך צו יענער צײַט געלעבט דאָרטן. די טערמינאָלאָגיע „אַדמיניסטראַטיווער דרוק״, „דיקטאַטור״, וואָס מ׳איז דאָרט געווינט צו געברויכן, איז דאָך ניט שײַך אָנצווענדן. איז דער דאָזיקער אימפּאָנירנדיקער עטישער מאָמענט אַמאָל גענומען געוואָרן אין אַכט פון אָט די באַלטײַנעס — סײַ די ערנסטע, סײַ די ליבהאָבער פון וווּלגאַרע אַנעקדאָטן?

פון די ווערק פון בערגעלסאָנס סאָוועטישן פּעריאָד האָט זײַן „באַם דניעפּער״, נאָך אין א גרעסערער מאָס, דאַכט זיך, ווי „מידאַס־האַדין״, אַרויסגערופן בא דער בירגערלעכער ייִדישער קריטיק אַן אָרגאַניזירט קרייץ־פײַער. באַזונדערס דער ערשטער טייל: דער אויטאָביִאָגראַפישער „פּענעק״, וואָס זײַן פּאַטאָס איז באַשטאַנען אין „אויסדריקן דעם סאָציִאַלן אינסטינקט פונעם פּאָלקסמענטשן בענעגייע דעם הויפּט־שולדיקן אין זײַן נויט — דעם גוויר״, ניצנדיק איינע פון בערגעלסאָנס כאַראַקטעריסטיקעס פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג. אַרום „פּענעקן״ האָט זיך אָנגעהויבן א „וואַיִצאַקו״: סטײַטש, בערגעלסאָן רעדט שלעכטס אַף אייגענע טאַטע־מאַמע, הײַנט ווו איז „קיבעד־אָוו״, „קיבעד־עם״? און אַז דער ייִדישער נאָווי, געטריבן פון זײַן שטראָפערישן פּאַטאָס, האָט געוואָרפן אין פּאָנעם דעם גאַנצן פאָלק: „מייצאַך אישע זוינע״, דה. דאָס גאַנצע

פֿאָלק איז אומפֿאַרשעמט אויסגעלאָסן, קאָן מען דאָך אים אויך פֿרעגן: ווו איז „קיבעד־אָם“, די שעצונג פֿון פֿאָלק?.. הייסט עס, אַז עס זײַנען דאָ מאָמענטן, ווען ס׳ברעכט אויס אַ קאָנפֿליקט צווישן דער קאַנאָניזירטער מאָראַל, פֿון איין זײַט, און דער מאָראַל פֿונעם נאָווי, דענקער, דיכטער, קינסטלער, פֿון דער צווייטער זײַט.

זאָל זײַן, בערגעלסאָן האָט מעגאַזעם געווען (ווידע איז טאָמיד מעגאַזעם, היפּערבאָליזירט די אייגענע זינד), נאָר צי וואָלטן מענטשן ניט בעסער געלעבט אויף דער וועלט, ווען יעדער פּריווילעגירטער וואָלט אָנערקענט, זאָל זײַן אין אַן איבערגעטריבענער פֿאָרם, די שולד פֿאַר באַרויבן די ניט פּריווילעגירטע? צי איז אַזאַ שולד־געפֿיל בלויז „סאַטיריש־אויפֿגעשרויפֿטע היץ“, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט אַ ייִדישער קריטיקער? אַזאַ שולד־געפֿיל וועגט טאַקע בעעמעס אַזוי ווייניק, ווען מען לייגט עס אַוועק אויף דער וואָגשאָל פֿון „היסטאָרישער ייִדישקײַט“, אין וועמעס נאָמען אָט די קריטיקער האָבן ליב צו ריידן?

אין איינעם זײַנעם אַ בריוו איז זיך גאָגאָל מודה, אַז ווען ער וויל פּאָטער ווערן פֿון זײַנעם אַ מאָראַלישן פֿעלער, גיט ער אים אַוועק אַ פּערסאָנאַזש. אָט דאָס, אייגנטלעך, טוט אויך בערגעלסאָן אין זײַן „פּענעק“. איך שטעל זיך ניט דעריבער די פֿראַגע, צי האָבן די הינטערגעסלעך־קינדער, מיט וועלכע דער צעניאָריקער פּענעק (לייען: דער צעניאָריקער בערגעלסאָן) האָט זיך געכאַוועדט, טאַקע בעעמעס אים געדופֿן „פֿאַרדאָסט נאָגידל“ און צי האָט אים בעעמעס ראַכמיִעל דער שוסטער אַרײַנגעזאָגט ליימויר, אַזוי צו זאָגן: „אַ ראָסלפֿלייש פֿונדעסטוועגן עסטו דאָרט? אַ?.. כאַפּסט אַרײַן, גוטערברודער, אַלע טאָג?.. אַ?..“ עס איז אָבער זייער ווּכטיק, וואָס בערגעלסאָן זידלט זיך אַליין אַזוי אָפּ אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיש ווערק. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז דער דאָזיקער ווידעאַרטיקער סטיל איז ניט קיין אַבסטראַקט־מאָראַליסטישער, נאָר אַ רעוואָליוציאָנערטישער, זײַענדיק אַ מיטל צו שילדערן דעם קלאַסן־אַנטאַגאָניזם אין דער טראַדיציאָנעלער סאָכרישער וועלט. ער זעט אויס אַנטבלויזט־טענדענציעז, זאָגט איר? לייענט אײַך אײַן גוט, וועט איר אויך זען, אַז בערגעלסאָן גייט פֿון זײַטל צו זײַטל צו דער אַלץ שטײַגנדיקער אויסגעשפּראָכענער טענדענציעזקײַט מיט זײַן גאַנצער אים אייגנטימלעכער קינסטלער־היסלײַוועס. ניט ער איז שוין דער הערשער איבער דער טענדענץ, נאָר די טענדענץ איבער אים. זי האָט זיך אָפּגענעם אַקומולירט אין אים אין מעשעך פֿון זײַן גאַנצן שעפֿערישן אָוואַר און מיטאַמאָל אויסגעבראָכן אומגעצוימט, ווי דער הייסער פֿונק, וואָס האָט אין זײַן באַהעלטעניש צוגעגרייט אַ גרויסע סרייפֿע... אַגעוו, טאָלסטאָי אין זײַן „בען־זקונים“־ראָמאַן „טכיִאַס־האַמייסים“, געשריבן נאָך זײַן שווערן אידייִיש־קינסטלערישן קריזיס, האָט אויך זיך דערלויבט אַ גאַנץ אָפֿענע, פּובליציסטיש אויסגעדריקטע, טענדענציעזקײַט, וואָס פֿאַרטונקלט ניט כאַס־וועשאָלעם דעם ריין קינסטלערישן שטראָם פֿונעם דאָזיקן בוך. בלײַבט דעריבער פֿאַר אונדז נאָר איין ווּכטיקע פֿראַגע: צי זעען מיר באַ בערגעלסאָנען אין „פּענעק“ אַלע פּאָסטעמקעס פֿון זײַן גרויסער קונסט?

אויף דער דאָזיקער פֿראַגע האָט אונדזער סאָוועטישע קריטיק געענטפֿערט פּאָזיטיוו און גענוג איבערצײַגעוודיק. איך האָב נאָר בעדייִע איין מאָמענט אונטערצושטרײַכן. עס ווייסט שוין, דאַכט זיך, יעדער, אַז בערגעלסאָן איז דער גרויסער מײַסטער אין אונדזער פּראָזע, ווײַל בערגעלסאָן דער סטיליסט, דער פּסיכאָלאָג, דער ליריקער, דער פּייזאַזשיסט, דער הומאָריסט, דער סאַטיריקער זײַנען קוואַליטאַטיוו אויף איין און דער זעלבער הויכער שטופֿע און בילדן צוזאַמען זײַן מערקווירדיקע האַרמאָנישע מעלאָדיע. איז וויל איך דאָ צוגעבן, אַז בערגעלסאָן האָט אין „פּענעק“ געבראַכט צום בוילעטסטן אויסדרוק נאָך איין אייגנשאַפֿט זײַנע, וואָס איז פֿאַראַן אין אַלע זײַנע גרעסערע ווערק: דראַמאַטיזם. נאָר די בערגעלסאָנישע דראַמאַטישע פּאַסאַזשן, וואָס זײַנען פֿריִער פֿון אים אויך אויסגעשפּילט געוואָרן, ווי אויף אַ וויִאָלאָנטשעל — אָט דער גרויסער פֿידל מיט טיפֿע באַס־טענער, אָבער דאָך נאָר אַ פֿידל — זײַנען אין „פּענעק“ שוין געגעבן סימפֿאָניעאַרטיק. איך וועל זיך אָפּשטעלן בלויז אויף דער סצענע פֿון מיכאָעל לעווינס גסיסע.

מע דאַרף נאָר ניט זײַן באַהערשט פֿון פֿאָרורטיילן, וועט מען גלײַך זען, אַז דאָ ווייעט אויף אונדז און נעמט אונדז דורך קימאַט די זעלבע טראַגיק, ווי אין דאָסטאָיעווסקיס „ברידער קאַראַמאַזאָוו“, ווען דער סטאַרעץ שטאַרבט, די טראַגיק פֿון גרויליקן געדאַנקען־געראַנגל און אָפֿענעם אויסברוך פֿון לײַדנשאַפֿטן, עטיש־הויכע און זאָאָלאָגיש־נידעריקע. אין צענטער פֿון דעם צעפֿלאַקערטן וויכער אַרום דעם גויסעס שטייט יעשיִע פֿריידיס, מיכאָעל לעווינס אַלטער יוגנט־כאַווער. זיי האָבן אַמאָל איניינעם געלערנט, געבליבן פֿרײַנט אויך, ווען מיכאָעל לעווין איז שטאַרק רײַך געוואָרן און יעשיִע פֿריידיס איז פֿאַרבליבן אַ קאַפּצן. איז כאָטש די ייִדישע אַלטע ספֿאָרים־קולטור, פֿאַרבינדט זיי נאָך דאָס „דרײַערל אויף שאַבעס“, וואָס יעשיִע פֿריידיס קריגט יעדע וואָך באַ מיכאָעל לעווינען. יעשיִע פֿריידיס, קאָן מען זאָגן, דאָס איז מיכאָעל לעווינס וואַכער געוויסן. ער לאָזט נישט קיינמאָל מיכאָעל לעווינען אײַנריידן זיך, אַז צווישן קוויקן זיך מיטן ראַמבאַם און קלאַמערן זיך אין נעגידעס קאָן זײַן שאָלעם. „וואָס דרייט ער זיך אויפֿן קאָרעק, — כאַזערט

קעסיידער איבער יעשיִע פריידיס. — זײַן אי א גוויר, אי א לײַטישער מענטש? ביידע האַנאָעס... ס'א זאך, וואָס קאָן ניט זײַן".

מיט א מוירעדיקער קראַפט איז געשילדערט די פאַרוואַנדלונג פון יעשיִע פריידיס אין אָנגעזיכט פון מיכאָעל לעווינס טויט — די פאַרוואַנדלונג פון דעם ביזאהעריקן פשאַרעלאָזן קאַטייגער מיכאָעל לעווינס אין זײַן הייסן סאַנייגער, אין זײַן מייליץ־יוישער.

„דעם קראַנקנס גערליימטע אויגן האָבן זיך ניט געעפנט. זײַנע ליפן האָבן זיך א ריר געטאָן, א בעלעמעטשע געגעבן שוואַך און קלאָר. דאָס בעלעמעטשען — א ווײַטס, ווי דאָס הודזשען פון א טעלעגראַף־סלופ, בייס מע קלאַפט אין אים אָן מיט א שטיין, און די דראָטן, וואָס באַהעפטן אים מיט אַנדערע טעלעגראַף־סלופעס, זײַנען אָפגעהאַקט, באָמבלען זיך בלויז נאָך. אין בעט איז געלעגן אַזוינער, וואָס צווישן אים און אַרומיקן לעבן זײַנען איבערגעריסן אַלע לייטערס — ער איז געווען א גוויר, וואָס ער האָט אָפגעטאָן האָט ער אָפגעטאָן — גיי לאָד אים". וואָס פאַר א הויכער אַקצענט איז גענומען אין דער לעצטער, דאַכט זיך, שטייגעריש־קלינגענדיקער פראַזע. נאָר לייענט ווײַטער: „ברויגעז האָט יעשיִע פריידיס געכאַפּט א צעטראָגענעם בליק אויף זײַן אייגענער פיגור, געשווינד אַרויסגעשלעפּט פון בוזעם זײַן גאַרטל (מע דאַרף פאַרשטיין, דאָס איז דער גאַרטל, וואָס ער טוט אים אָן נאָר באַם שטעלן זיך דאַוונען. — י. ש.), זיך געשווינד צוגעגאַרטלט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען פענצטער אין עק צימער, א זאָג געגעבן בייז: גיך! אַרויס פונדאַנען!" און דאָ קומט די קולמינאַציע: „פענצטער האָט א וואַקל געטאָן די שרעק, אים האָבן א צי געטאָן צו זיך די געווייִנען, וואָס טראָגן זיך אַהער פון ביידע זײַטן — צוגווינטן דורך צעפּראַלטע טירן. וואָס האָט יעשיִע איינער אַליין געטאָן באַם פאָטער אין צימער? א ביסל שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן: קיינער ווייסט ניט, וואָס דער פאָטער בעלעמעטשעט. נאָר יעשיִע ווייסט. יעשיִע בייזערט זיך, האַלעמײַ מע זאָגט גאָר, אַז מע ווייסט ניט..."

און ווײַטער: „יעשיִעס אויסזען — ווען ער איז פּלוצלינג אַרײַנגעלאָפן, א מאַך געגעבן מיט די הענט צו אַלע ווייִנענדיקע — נאָך מער גרײַז־גראָוו, ווי טאָמיד, זײַן פּאָנעם — העליש־רויט: ששש! מיכאָעל זאָגט: „וואָס וויל מען איצטער־אָ פון אים מיט מאָרפּיע?.. וואָס פאַר אַן אײַנשפּריצעכצן? וואָס האָט מען צו אים?.." ער זאָגט: „ער וויל האָבן זײַנע ווייטעקן דאָ, אויף דער וועלט, ער האָט זיי פאַרדינט".

יעשיִע פריידיס, הייסט עס, איז זיך מיסוואַדע אָנשטאָט מיכאָעל לעווינען, וואָס אַליין ער האָט דערויף קיין מוט ניט געהאַט. און עפּשער זעצט גאָר פאַר יעשיִע פריידיס, ניט באַוווּסט פאַר זיך אַליין, זײַן מעפיסטאָפעלישן כויזעק איבער זײַן כאַווער דעם נאָגיד, וואָס האָט פאַר אים יויצע געווען מיט געבן אים יעדע וואָך א דרײַערל אויף שאַבעס?.. און:

„— ער זאָגט: זאָל מען גיבן צו וויסן אין שטאָט: אָפן טיר און טויער. ער זאָגט: זאָלן אַלע קוקן אויף אים און אַראָפּנעמען זיך א מוסער". „ער (יעשיִע פריידיס. — י. ש.) האָט געשווינד אָן עפן געטאָן דאָס פענצטער צום גרויסן אוילעם, וואָס זאַמלט זיך, ווי נעכטן, פאַרן „הויז", און האָט געשווינד אַרויסגעשריִען די אייגענע ווערטער אין דרויסן אַרויס".

צי אָטעמט ניט אויף אונדז מיט יענער הויכער „מענטשלעכער קאָמעדיע", ווי זי קומט צום אויסדרוק אין דער וועלט־קלאַסיק?

אָבער די יִדישע בירגערלעכע קריטיק — ניט נאָר זי איז בראָנירט פון כאַפּן היספּײַלעס, נאָר זי איז מאַמעש שאָקירט פון בערגעלסאָנס „אכזאָריעס". קאָן איך ניט פּסיכאָלאָגיש פאַרשטיין אין פּאָשעטע זאַך: די עגאָיִסטישע אייגנטימערישע וועלט האָט געבראַכט דעם נאַציזם מיט זײַנע געטאָס און גאַז־קאַמערן, אין וועלכע עס זײַנען אומגעקומען זעקס מיליאָן יִדן. פאַרוואָס זשע קרימט מען זיך אַזוי, ווען א יִדישער שרײַבער רעדט נישט פון „מיסטעריע", נאָר פון אָרעם און רײַך (די הויפּט־טעמע פון דער יִדישער קלאַסיק, ווי די סאָוועטישע ליטעראַטור־פאָרשונג האָט ריכטיק אָנגעוויזן), פאַרשאַרפנדיק אין זײַנע ווערק דעם סאָציִאַלן אַקצענט? ניט נאָר מע קרימט זיך, נאָר מע איז גרייט צו שפּריצן מיט קאַרבאָל. ווי בא בערגעלסאָנען שטייט טאַקע געשריבן: „עס דאַכט זיך: אָפן דאַלעס, אַז מע דערזעט אים נאָענט, איז מען גרייט צו שפּריצן מיט קאַרבאָל"...

לעמאַן־האָעמעס דאַרף מען אָבער זאָגן, אַז מע טרעפט אויך אין דער בירגערלעכער ליטעראַטור־פאָרשונג אָפּהאַנדלונגען, אין וועלכע בערגעלסאָן (דער גאַנצער בערגעלסאָן: דער פאַרסאָוועטישער און דער סאָוועטישער) ווערט אָנערקענט פאַרן גרעסטן וואָרט־מײַסטער, פאַרן טיפּסטן סובטילסטן פּסיכאָלאָג אין דער מאָדערנער יִדישער פּראָזע. אָבער מיט דער הילף פון קאָלערליי וואָרט־אַקראָבאַטיק פּרוּווט מען דאָך עפּעס אָפּדינגען, אָנווענדנדיק, וואָלט איך געזאָגט, די טאַקטיק פון אויסשפּינען כאָטש א קליינע „אינטריגע" צווישן בערגעלסאָנען און אָפּאַטאָשון, צי צווישן בערגעלסאָנען און אַשן, דורכפּירנדיק צומאָל אויסגעמוטשעטע אַנאַלאָגיעס, צוגעצויגענע בא די האָר...

איך קאָן ניט, אַלץ אין שײַכעס מיט „באם דניעפּער", אָפּזאָגן זיך פון א „לירישער אַפּווײַכונג". איך האָב אמאָל איבערגעלייענט בערגעלסאָנען מײַן אָפּרוף אף „פּענעקן", וואָס כ'האָב פּארעפנטלעכט נאָך אין רומעניע. אין דעם דאָזיקן ארטיקל האָב איך אָנגערופן בערגעלסאָנען פאר דעם יוירעש פון מענדעלען, פאר זײַן געטרײַסט אייניקל.

איך האָב צווישן אנדערן געשריבן: „צום ערשטן מאָל נאָך מענדעלען האָט א ייִדישער שרײַבער אזא אומראכמאָנעסדיקע רעוויזיע בא אונדז אונטערגענומען. עס ווערט אין „פּענעקן", פונקט ווי בא מענדעלען, אי געשילדערט, אי ארײַנגעזאָגט. מענדעלעס שטעכווערטלעך בריִען דאָ, ווי הייסע קראָפּעווע, זיי זײַנען שוין דאָס שטעכיקע דראָט, מיט וועלכן מע פארטיידיקט אף טויט און אף לעבן נײַע, גוט אויסגעבויטע שלאכט־פּאָזיציעס. אָבער פונקט ווי מענדעלע, שלײַפט און פּײַלט דאָוויד בערגעלסאָן זײַן טענדענציִעזע ליטעראטור, צאצקעט זי און פערלט, פּאָרטרעטירט גענוי און געדולדיק, מאָלט און זאָגט מוסער מיט דער זעלבער סטיליסטישער אָפּגעהיטקײַט, ליטערארישן פאנאטיזם און אינערלעכן פּאטאָס, וואָס האָט אין זיך פונעם זיידנס פארשרײַבן לעדוירעס..."

בערגעלסאָן איז געווען דאנקבאר פאר אָט דער אָפּשאצונג, און ער האָט שוין געהאט זײַן, אפּאָנעם, פארטיקע פאָרמולע: „וואָס טײַנע איך די גאנצע צײַט? די עכטע קריטיק... שטייט ניט איַין בא די געשווירענע קריטיקער, זי האלט זיך באשיידן אין הינטערגרונט".

דאָך האָט בערגעלסאָן געהאט א כשאַד, אז דער צווייטער טייל „באם דניעפּער" געפעלט מיר ווייניקער, ווי דער ערשטער. אָבער קיין דיסקוסיע אף אָט דער טעמע האָט ער ניט געפירט מיט מיר. נאָר וואָס דען? וויפל מאָל איך פלעג קומען צו אים אין יענער צײַט, פלעגט ער שוין אויסקאָמבינירן אזוי, אז ער זאָל מיר לייענען א קאפּיטל פונעם צווייטן טייל, לייענען און קוקן אין די אויגן ארײַן. און ער האָט זייער גוט געוווסט, וואָס פאר א קאפּיטלען אויסצוווילן. מיר ווילט זיך דאָ ציִען די אופמערקזאמקײַט אף זײַן גאָר גרויסער באשיידנקײַט, וואָס איך האָב אין אים מערער מאָל באוווּנדערט און וועלכע האָט זיך מיר באזונדערס אנטפּלעקט אין דעם עפּיזאָד.

איך האָב אים, אגעוו, קיינמאָל ניט געזען באהערשט פון זײַן אייגענער כשיוועס. ער האָט זיך ניט געהאלטן, ווי א „גאָדל", זיך נישט געפירט ווי אן „אויסדערוויילטער", וואָס איז, ווי באוווּסט, א פארשפּרייט כאלאס אין דער וועלט פון דער קונסט. דאָס האָט געוויס בא אים געשטאמט פון זײַן עכטער, אײַנגעבוירענער דעמאָקראטישקײַט. אָבער נאָך מער, דאכט מיר, האָט דאָ אפן מענטש בערגעלסאָן געווירקט גראָד דער קינסטלער בערגעלסאָן מיט זײַנע שוינלאָזשטרענגע פּאָדערונגען צו זיך. אים איז דעריבער אין דעם פראט געווען אָרגאניש פרעמד צו זײַן א צופרידענער מיט דעם, וואָס אים איז אויסגעפאלן צו באזיצן, און דאָס האָט אים אפן נאטירלעכסטן אויפן געשיצט ניט בלויז פון געשמאקלאָזער גרויסהאלטערײַ, נאָר אויך פון וואָס פארא־ניט־איז קינסטלער־פּאָזע.

VI

אין פרילינג 1941 בין איך דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין מאָסקווע. איך האָב נאָך דעמלט געלעבט אין קעשענעוו, געווען דאָרט דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם מאָלדאווישן ייִדישן מעלוכע־טעאטער נאָך מײַן איבערפאָרן פון רומעניע אין סאָוועטנפארבאנד.

געוויר ווערנדיק בערגעלסאָנס טעלעפאָן, האָב איך אים אָנגעקלונגען. ער האָט מיר אָפּגעגעבן א פרײַנטלעכן שאָלעם־אלייכעם און פארבעטן אף מאָרגן צו מיטיק, אָבער געהייסן קומען וואָס פריִער. האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ביז דער מיטיק וועט פארטיק ווערן, האָט ער פארפלאנירט צו לייענען מיר זײַנע א קאָמעדיע, געבויט אף ביראָבידזשאנער מאטעריאל. צי די זאך איז נאָך געווען רוי, צי ביכלאל א שוואך געבוירענע, נאָר איך האָב ניט געקאָנט זיך דערלויבן צו נעמען זי אופירן. דאָס איז מיר געווען זייער פּײַנלעך אים צו זאָגן. פון דער שווערער סיטואציע האָט אונדז ארויסגעפירט בערגעלסאָנס פרוי, פארבעטנדיק צום טיש. זיצן מיר און עסן, און פלוצעם טוט בערגעלסאָן א פרעג, אָנווײַזנדיק אף זײַן זון (הײַנט א באוווּסטער כימיקער): „זאָג מיר, ציפּעלע, וואָס זיצט ער אזוי ברויגעז, אונדזער בעניאָכיד?" — „וואָס האָסטו צום קינד? — ענטפערט אים די פרוי. — דו ווייסט ניט, אז ער האלט עקזאמענעס?" — „ער האלט עקזאמענעס? — קומט צוריק בערגעלסאָנס רעפּליק. — א יאכסן! יעדן טאָג האלטן מיר עקזאמענעס. אָט האָב איך הײַנט אויך געהאלטן עקזאמען און ניט אויסגעהאלטן"... און פון דער מינוט אָן האָט זיך זײַן שטימונג געענדערט. ער האָט זיך אומגעקערט צו זײַן הומאָר. וועגן דער פּיעסע מער ניט גערעדט, האגאם איך האָב אים מײַן לעצט וואָרט וועגן איר נאָך ניט געזאָגט.

אין צוויי טעג ארום קלינגט מיר אָן בערגעלסאָן און פארבעט מיך ווידער צו זיך קומען. שוין ניט „וואָס פריִער", נאָר „עטוואָס פריִער" פון דער מיטיק־שטונדע. איך האָב אים גע־

טראָפֿן אין ארבעטס-צימער. באלד נאָכן אויספרעגן מיך, ווי „אָטעם איך אײַן מאָסקווע", האָט ער מיר פֿאָרגעשלאָגן אויסהערן דאָס ערשטע בילד פון זײַן דראמע אין ווײַסע פערזן „פּרינץ רעוווייני". מײַן פרייד איז געווען גרענעצלאָז: איך האָב געהאט א מעגלעכקײַט רעוואנשירן זיך פארן פריערדיקן מאָל, און איך האָב אים געזאָגט: „אָט איצט האָט איר אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, און די טיר האָט זיך באלד געעפנט". בערגעלסאָן, דער בארימטער שרײַבער בערגעלסאָן, איז פונעם גוטן וואָרט געווען גליקלעך, ווי אן אָנפאנגער. ער האָט מיר געזאָגט, אז ס'איז פאר אים זייער וויכטיק אָנצושרײַבן די דאָזיקע זאך, באלד אויסגעלייגט די אידייִשע קאָנצעפּציע און אפילע דעם געקייטל פון די קומענדיקע בילדער.

אָף אָט דער דראמע האָט בערגעלסאָן געארבעט אין מעשעך פון אלע מילכאָמע-יאָרן, וועלכע האָבן מיט זייער שײַן אויך אנדערש באַפאַרבט און אים קלאָרער געמאכט זײַן לעבאטכילעדיקן פארטראכט. שטיל, באשיידן, אָן פויקן און טאצן, געדולדיק, ווי זײַן שטייגער איז געווען, האָט ער, בערגעלסאָן דער פּראָזאַיקער, אויסגעקנאָטן אָט דאָס ווערק, וואָס האָט ווידער באשטעטיקט זײַן אינטים-נאָענטסטע שײַכעס צו פּאָעזיע, דאָס מאָל אין דער קלאסישער פאָרם פון דראמאַ-טישער פּאָעמע, וואָס ווערט דאָך גערעכנט פאר דער „קרוין פון דיכטונג".

אז אין בערגעלסאָנען האָט געלעבט א דראמאטורג, איז פאר מיר געווען קלאָר אויך פון זײַן פּראָזע. נו, און האנדלונג? מעג מען ענטפערן: פונקט ווי ס'איז פאראן א טשעכאָווישע דראַ-מאטורגיע (מער געבויט אָף אטמאָספער, ווי אָף האנדלונג), אזוי האָט אויך געקאָנט זײַן א בער-געלסאָנישע. פּסיכאָלאָגיע אָף באשאפן כאראקטערן און פּראָבלעמאטיק, וועלכע איז בארופן אונ-טערצוצינדן דעם שנור, וואָס באוועגט די פּערסאָנאזשן, איז דאָך דאָ איבערגעגעבן אויך אין זײַנע ווערק, ווו ס'איז קלוימערשט אויסגעדריקט בלויז „שטימונג". און אָט איז דאָס אלץ באוויזן געוואָרן אָנשוילעך פאר יעדן אין זײַן „פּרינץ רעוווייני", אין וועלכן ס'האָט א שפּיל געטאָן אויך שפּאנענדיקע סוזשעטישקײַט.

די האנדלונג קומט פאָר אין ערשטן פערטל פון XVI יה., נאָכן צווייטן שפּאנישן גייר-רעש — צוערשט אינמיטן יאם אָף א שיף מיט פּליטים, דערנאָך אין ווענעציע, שפּעטער אין וואטיקאן און צום סאָף אין ליסאבאָנער האפן. מיט זײַנע געמאָסטענע קינסטלערישע מיטלען, שפּראך-לאקאָניזם און אפאָריסטיש דענקען, וואָס איז אים אזוי אייגנטימלעך און איז פאר עכטער דראמאטורגיע א הויפּט-באדינג, באשאפט בערגעלסאָן וווּנדערלעך-איבערצײַגעוודיק סײַ די אטמאָספער פון דער עפּאָכע, סײַ די היסטאָרישע וואָרהאפטיקײַט פון די געשטאלטן. אָבער דער איקער איז די אידייִשע קאָליזיע, וואָס אירע טרעגערס זײַנען דער ערדישער קעמפער רעוווייני און דער מיסטיקער שלוימע מאָלכוי, וואָס פארקערפערט די פּאסיווע קידעש-האשעם-אידיי. אין רעוווייני, לויט בערגעלסאָנס אינטערפּרעטירונג, לעבט שוין דער אופלעבונגס-גײַסט פון קאָלומ-בוס-צײַט. לאָמיר כאָטש א פאָר פערזן ברענגען פון זײַנעם א מאָנאָלאָג:

איך שטוין און פרעג בא אָט דער צײַט דער גרויסער:
צי דען אויך דו ווערסט אלעמען באשענקען
און נאָר מײַן יידיש פּאָלק אליין פארטיילן?..
צי עפּשער וועלן מיר בלויז שולדיק בלײַבן,
ווײַל ניט באוויזן נעמען בא דער צײַט
מיר האָבן דאָס, וואָס זי האָט געבן
אונדז געקענט?..

ניט קוקנדיק אָף דעם, וואָס אָט די דראמע איז אין צײַט געווען אזוי ווײַט אָפּגערוקט פון די מילכאָמע-יאָרן, ווען זי איז געשריבן געוואָרן, הערט זיך קלאָר אין איר אונטערטעקסט די קעמ-פערישע שטעלונג מיצאַד די סאָוועטישע יידן צו אָט דער בלוטיקסטער מילכאָמע. מע דאַרף זאָגן, אז בערגעלסאָן, ווי אן עכטער דראמאטורג, האָט באגלײַך גוט באוואָפנט מיט ארגומענטא-ציע ביידע שטרײַטנדיקע צדאָדים (רעוווייני און שלוימע מאָלכוי), האגאם עס איז ניט פארהוילן, אָף וועמעס זײַט ער אליין שטייט. דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס איז א הויכפּונקט אין זשאנער פון דראמאטישער דיכטונג, ווארט ערשט אָף אן אויספירלעכער אָפּהאנדלונג.

אז בערגעלסאָן שטייט מיט זײַן גאנצער שאפונג באנאנד מיט אונדזערע קלאסיקער — האָט די יידישע סאָוועטישע קריטיק פון לאנג פעסטגעשטעלט. איך וויל נאָר צוגעבן, אז דאָס איז ניט „בעיִקוויס", ווי מע זאָגט אָף העברעיִש, אין די טריט, הייסט עס אָף יידיש. וואָס זשע דען איז עס? עס איז, דאכט זיך מיר, ווי בא די מוזיקער, וועלכע נעמען איבער געווײַנלעך אין א גרעסערער מאָס, ווי דאָס טוען די שעפער אָף אנדערע קונסט-געביטן, דאָס, וואָס זיי איז קרוויויש, אינטים-נאָענט בא זייערע פאָרגענגער. דער אויסערסט מוזיקאלישער בערגעלסאָן האָט אויך אָף אזא אויפן איבערגענומען די דערפארונג פון מענדעלען, שאָלעם-אלייכעמען, פּערעצן און געגעבן איר א נײַעם, בערגעלסאָנישן טיק, פארהיטנדיק זײַן אויסגעשפּראָכענע אָריגינאליטעט.

רעזומירנדיק, ווייל איך זאָגן, אז מיט בערגעלסאָנען זייַנען נאָך נישט פארטיק ניט זייַנע קאטייגערס און ניט זייַנע סאנייגערס. דער בערגעלסאָנישער טעקסט פאָדערט ערשט, מע זאָל אים אייַנראַמען אין „צוויי און דרייַסיק קאָמענטארן". און עפשער, צוגייענדיק טייַטשן בערגעלסאָנס טעקסט, דארף מען זיך נויהעג זייַן, ווי בערגעלסאָן גופע, ווען ער האָט געשריבן וועגן שאָלעם־אליכעמען: ער האָט ווייניק קאָמענטירט, פיל מער ציטירט.

איז לאָמיר ציטירן א ספעציפיש־בערגעלסאָניש בילד:

„איז די געגנט ארום אלעקסאנדראָווקע אין יענער נאכט געשלאָפן גרינג, ווי א כוילע. שיטערע לופט האָט אלע ווייַלע אייַנגעדרימלט און אלע ווייַלע זיך אופגעכאפט מיט נייַע שיסנדיקע שטראָמען, וואָס טראסקען מיט באנאכטיקן פלוידער, ווי אין רוישיקע ספאזמען. און נאָכדעם איז מיטאמאָל געוואָרן שטיל און פכאָדימדיק, גלייַך דער געגנט האָט פלוצעם אופגעהערט צו ווייַ טאָן א צאָן און זי רוט אָפּ, די געגנט, זי שלאָפט אייַן אפן טאָג".

קיין איין שיין וואָרט האָט דאָ דער קינסטלער ניט געניצט. פארקערט, געטוקט דאָס מאָלער־פענדזל אין שטייגערישע וואָכעדיקע פארבן, אין שטייגערישן עטוואָס ביטערלעכן הומאָר, און אזוי צארט ארויסגעקישעפט די פכאָדימדיקע נאכט־אטמאָספער. הוילע שטימונג, דאכט זיך, און אזוי קאָנקרעט געמאָלן! עכט יידישע מאָלערייַ, צו וועלכער מענדעלע האָט באוווסטזיניק געשטרעבט, און בערגעלסאָן, זייַן יורעש, האָט איר שוין געגעבן א פארטיקע קינסטלערישע פאָרם, באפרייַט פון אויסערלעך־יידישן רעקוויזיט.

און אָט איז אן אורבאניסטיש בילד, וואָס גיט איבער דעם גרויסשטאָטישן „טויהו־וואָוויהו" אין קאפיטאליסטישן מייַרעוו, דעם „סדאָם" פון דעם נאָך פארהיטלעריסטישן בערלין (פאר און קינסטלעריש איבערצייַגעוודיקער, ווי רעמארק) דורך דעם געשטאלט פון א בלאס גאסן־מיידל:

„בא זון־אונטערגאנג איז זי געשטאנען צוגעשפארט צום גרויסן דענקמאָל, וואָס לעבן דעם טריומפאלן טויער, און האָט געבראָכן מיט נעשאָמע, מיט הארץ, געבראָכן פאר אָט דער גאנצער שטאָט..."

און פונדעסטוועגן: צי האָבן מיר שוין געהאט א פארענדיקטן בערגעלסאָן?

בערגעלסאָן גופע, מיין איך, איז נאָך ניט געווען פארטיק מיט זיך, ער האָט נאָך ניט געזאָגט זייַן לעצט וואָרט. דאָס איז מייַן טיפע איבערצייַגונג. יאָ, עס האָט נאָך באדארפט קומען דער בערגעלסאָנישער לעצטער סורפריז — זייַן נייַע איבערוואנדלונג, נייַע היסגאלעס. עפשער וואָלט עס געווען זייַן „ראבי אקיווע", וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרייַבן... צו זייַן „ראבי אקיווע" האָט זיך בערגעלסאָן לאנג געגרייט. וויאזוי בערגעלסאָן האָט זיך געקענט גרייטן, זאָגט איידעס דייַנער א בריוו פון 1910 צו ש. ניגערן (פארעפנטלעכט פון ניגערן אין 1952 אין די „שריפטן" אונטער אָפּאטאָשוס און לייוויקס רעדאקציע). אָט וואָס עס שטייט אינעם בריוו: „כ'האָב שוין מער ווי א האלב יאָר פארטראכט א נייַעם היסטאָרישן ראָמאן, צוליב וועלכן כ'מוז קומען אָף א צוויי־דרייַ יאָר קיין אויסלאנד. איך באדארף צוליב אָט דעם ראָמאן צולערנען די אלט־גריכישע און אלט־רוימישע קולטורן; קריסטנטום; די אמאָליקע עטיק... פארענדיקן מייַנע יעדיעס: אין יידנטום; אין דער עפּאָכע פון כורבן באיס שייני; זייַן אין פאלעסטינע און אין רוים. איך האָף, אז דאָס אלץ קאָן מען געפינען אין דער דייַטשישער ליטעראטור".

וויאזוי בערגעלסאָן האָט געקענט ארבעטן, זאָגט איידעס דער ניסטער אין זייַן פריער דערמאָנטן בריוו צו בערגעלסאָנען: „איך האָב אייַך ערשט פאראיאָרן נאָך איין מאָל אפדערנאכט געטראָפן בא אייַער טיש, נאָך א טאָג, צו זען געווען, שווערער ארבעט; די הויט פון פּאָנעם איז אייַך געווען דורכגעשפיקעוועט און דורכגערייכערט פון א גאנצן טאָג פאפיראָסן. — אזש בלוי; און איר זייַט נאָך אלץ געזעסן בא דער מאטעווער שייַן פון לאָמפּ איבער אייַערע פאפירן פארטאָן..."

אין דעם זעלבן בריוו טרעפן מיר די שורעס, מיט וועלכע עס ווילט זיך פארענדיקן:

„איך האָב אייַך פאר א מעשעך פון פיל יאָרן נאָכגעקוקט און נאָך מער פיל זיך בא אייַך געלערנט, געלערנט... ערשטנס, באציונג צו ליטעראטור"...

די בעסטיאלישע האנט, וואָס האָט אומגעבראכט דעם גרויסן פראָזע־מייַסטער דאָוויד בערגעלסאָן, האָט אָבער ניט געקאָנט גרייכן זייַנע ווערק. בערגעלסאָנס ווי פון מירמלשטיין געפורעמטע שאפונג אָטעמט אף אונדז א לעבעדיקע, מיט דער גאנצער קינסטלערישער לייַדנשאפט פון איר באשעפער, זי איז איינע פון די אויסטערלישסטע, פון די שענסטע מאָמענטעס, וואָס איז ארייַנגעטראָגן געוואָרן אין רייַכן אויצער פון דער יידישער ליטעראטור.

דאָרע כײַקין

אַן אויסשטעלונג אין באָלאָניע

אין באָלאָניע האָט זיך געעפֿנט אַן אויסשטעלונג פֿון בילדער, וועלכע ס'האָבן געמאָלט קינדער, אומגעבראַכטע אין וואַרשעווער געטאָ.

פֿון צײַטונגען

יאַקאָפּאָ דעלאַ קווערטשאַ¹ האָט באַשאַפֿן אָדעמען מיט כאַוועַן,
מיט אַ פֿינף הונדערט יאָר צוריק האָט ער זיי אויסגעהאַקט פֿון שטיין.
זיי שטייען באַם פּאָרטאַל פֿון קירכע. אָדעמס קאָפּ איז קוטשעראַווע.
דער קינסטלער איז שוין לאַנג ניטאָ, און כאַווע איז נאָך יונג און שיין.

באַ כאַוועַן און באַ אָדעמען זײַנען די אויגן שטענדיק אָפֿן,
און ס'זעט דאָס שטיינערנע פּאָרפֿאָלק דאָס לעבן אינעם שטראָם פֿון ליכט.
...אַ שטאַרקער ווינט איז אָף באָלאָניער גאַסן אָנגעלאָפֿן,
דעם ביטערן גערוך פֿון סרייפֿעס און פֿון טויט געבראַכט מיט זיך

און אין דער בילדער־גאַלעריי די פּאָרהאַנגען פֿאַרהויבן,
באַנאַנד מיט ראַפֿאַעלס צעציליִע אַנטפּלעקט אַ נײַע וועלט.
אַ וועלט, וואָס שוידערט און וואָס קאָן צו העכסטער הייך דערהויבן,
אַ וועלט, ווו שוואַרצע וועגן צו דעם טויט האָט קיינער ניט פֿאַרשטעלט.

אַ וועלט — אַ שטײַג. אַ געטאָ־וועלט, אַרומגעצוימט מיט דראָט און שטיינער,
אַ וועלט, וואָס האָט געליטן הונגער, קעלט, געפֿאַלן טויט — און דאָך געזיגט.
זי האָט געזיגט, און אירע טויטע, פֿאַרגאַזירטע קינדער קליינע
אַ גרוס — אַ טויב פֿון יענע טעג — דער גרויסער וועלט האָבן געשיקט.

איז הײַנט די טויב אין דער באָלאָניער בילדער־גאַלעריי פֿאַרפֿלויגן,
זיך צוגעטוליעט קינדערש־מילד צו הויכע, זויבער־ווײַסע ווענט.
דאָס געטאָ־מיידעלע — אַכוץ דער גרוב ס'האָט עפּעס נאָך געזען דען פֿאַר די אויגן?
נאָר אָנגעמאָלט האָט עס אַ שקיִע, וואָס אין פֿעלד אין פֿרײַען ברענט.

איך ווייס ניט, קינד, האָסט ווען געזען אין פֿעלד אַ צונטער־רויטע שקיִע? —
ווען דו זאָלסט אויסוואַקסן, וואָלסט עפּשער סנאָפּעס בינדן פֿלינק אין סטעפּ.
און ווער וואָלט זײַן דאָס יִינגעלע, וואָס אָנגעמאָלט האָט, ווי די מעוועס פֿליִען?
אָנשטאָט אַ טיש האָט ער געהאַט פֿון אַ פֿאַרברענטער שטוב די טרעפּ.

און נאָך אַ בילד דאָ הענגט: אַ מיידל האַלט אין ביידע הענט גראַנאַטן,
און ס'איז קיין סאָפּעק ניט — זיי וועלן טרעפֿן אָף געוויס אין ציל.
און נאָך אַ בילד: אַ מאַנצבל מיט אַ ביקס. אַן אונטערשריפֿט — מײַן טאַטע.
און ס'דוכט, אַז נאָך דעם שאָס געוואָרן מיטאַמאָל איז שטיל...

אין געטאָ וואַרשעווער האָט גאָרנישט ניט געשווינט דאָס פֿײַער,
פֿאַרברענט די הויכע מויערן פֿון שטיין, פֿאַרסאַרפֿעט אַלץ אַרום.
פֿון גרויען אַש און פֿון רויִנען שוואַרצע האָבן הענט געטרײַע
די קינדערשע געמעלן אופֿגעהויבן צו דער סאַמע זון...

איצט הענגען זיי אין בילדער־גאַלעריי, די וועלט זאָל זיי דערקענען.
יאַקאָפּאָ דעלאַ קווערטשאַס אָדעם מיט אַ זאַסטעפּ שטייט אַנטקעגן זיי.

¹ יאַקאָפּאָ דעלאַ קווערטשאַ — אַ באַוווסטער איטאַליענישער קינסטלער, וואָס האָט געלעבט אין XV יה.

און כאווע איז באנאנד. זי האלט מיטביידע הענט א ווערעטענע
און קוקט אף קאַינען מיט העוועלן — אף אירע קינדער צוויי.

און זיי זײַנען נאָך קליין, און זייער שפיל איז קינדעריש און אומשולדיק.
דער טערפּקער טאַם פון בלוט איז נאָך דער ערד געווען דאַן ניט באַקאַנט.
איר הערט מיך, מענטשן פון דער גאָרער וועלט, מיר'ן אליין זײַן שולדיק,
אויב נאָכאַמאָל וועט קאַין אופהייבן אף העוועלן זײַן האַנט!

בענקלעך — וואגאָנען

ווען ס'וואלגערט די בענקלעך א קינד אפן דיל
און גאדלעסדיק שטעלט זיך אינמיטן אוועק,
איז גליקלעך די מאמע: א טײַערע שפיל,
אף בענקלעך—וואגאָנען ער קלײַבט זיך אין וועג.
נאָר ווו איז דער וועג, אז דאָס קינד איז נאָך קליין,
און כאפּט זיך נאָך אוף וויפל מאָל פאר דער נאכט,
און נאָר פאר א הענטל שפּאצירן ס'קאָן גיין,
און גאָר ניט צום אָרט סײַ עס וויינט, סײַ עס לאכט.
דער וועג איז נאָך ווו? אוי, ווי ווײַט איז דער וועג,
ער פירט דורך א לאנגן און אײַזערנעם בריק
פון שלאָפלאָזע נעכט, פון פאַרהאַוועטע טעג,
געקניפּטע מיט זילבערנע האָר, ווי מיט שטריק.
דער וועג איז א לאנגער, נאָר האסטיק, מיט דראנג
די צײַט נעמט אף פליגלען און ברענגט דיך צום אָרט.
די קינדערשע שפּיל איז פארגעסן שוין לאנג,
די שפּיל, ווען אין צימער אף בענקלעך מע פאָרט.
דער זון פאָרט אוועק אין א ראשיקער שטאָט,
מיט ליבע איך נעם זײַנע זאכן צונויף,
און אומעטיק ווערט מיר, און ס'ווערט מיר א שאָד, —
עס פּאסט פאר א האַנט אים ניט פירן אין הויף.
פון גליק און פון אומרו אין הארץ א געמיש,
געוואָרן איז וואָר, וואָס געווען איז א שפּיל.
איצט שטייען סטאטעטשנע די בענקלעך באם טיש.
קיין בענקלעך—וואגאָנען ניטאָ אף מײַן דיל.

מיט יעדן יאָר...

דו זאָגסט, מיט יעדן יאָר ווערט שווערער מאָלן מיך...
און איך — איך ווייס עס גוט, ווען כ'קוק אף די געמעלן.
איך האָב דאָך ליב די שפּיל פון שאָטן און פון ליכט:
דעם שאָטן לעשן אויס די פארבן הייסע, העלע,
און ס'טרעפט — מיט שאָטן מישט זיך אויס די ליכט.
מיט יעדן יאָר ווערט שווערער מאָלן מיך...

ס'איז גאָר קיין כידעש ניט, וואָס ס'איז געשען אזוי:
איך בין דאָך לאנג אין וועג (אין שענסטן פון די וועגן).
פון שטויב זײַנען די האָר בא מיר געוואָרן גרוי.
די אויגן צוגעזשמורעט פון דער זון און רעגן,
נאָר סײַוויסײַ עס שטראַמט אין זיי די ליכט.
און סײַוויסײַ ווערט שווערער מאָלן מיך.

איך קערעווע זיך אויס, א ווײַלע כ'קוק צוריק,
איך קוק זיך אום אף דעם, וואָס כ'האָב אין וועג פארלאָרן:
א מיידלש דינעם שטאלט, א מיידלש יונגן בליק,

דאָס אַלץ, וואָס הייסט בא מענטשן פּאַשעט: יונגע יאָרן.
די יוגנט איז ווי זוניק־העלע ליכט.
דעריבער ווערט איצט שווערער מאָלן מיך.

נאָר ווען מלאָכים גוטע, ווילע זאָגן מיר אצינד:
— אויב ס'טוט דיר עטוואָס באנק — מע קען עס דיר פאַרבײַטן.
ס'קען אַלע דײַנע יאָרן אָפּטראָגן דער ווינט
און זיי פאַרוואָרפן ערגעץ אין די ווײַטסטע ווײַטן
און ברענגען דיר פון יוגנט העלע ליכט —
וועט דעמלט ווידער גרינג זײַן מאָלן דיך.

נאָר דו גיב אָפּ דערפאַר צוריק די גאַנצע גאַב,
וואָס האָסט מיט ווי און גליק געזאַמלט אַף די וועגן, —
כ'וואָלט א געשריי געטאָן: איך וויל ניט, לאָזט מיך אָפּ!
איך קען ניט אָפּגעבן מײַן וווּנדערלעך פאַרמעגן,
ווײַל אויסגעוועבט איז עס פון העלסטער ליכט,
און אָפּרײַסן איך קאָן עס ניט פון זיך!

קאָנען דען ווינטן ניט ווייען...

קאָנען דען ווינטן ניט ווייען,
קאָנען דען שנייען ניט פאַלן?
קאָנען דען כוואַליעס ניט יאָגן
אין בלויליכן יאַם־קאַראַהאָד?
קאָנען דען זייער ניט זייען?
ניט שײַנען — די זוניקע שטראַלן?
אין בליִונג קיין זוימען ניט טראָגן
קאָנען דען קווייטן אין סאָד?
קאָנען דען שטערן ניט שײַנען?
קאָנען ניט וויגן זיך צווײַגן?
קאָנען די רעגנס ניט גיסן,
ווען ס'ווערן די וואָלקנס שוין שווער?
ניט שטום זײַנען ליפּן איצט מײַנע,
זיי זינגען, זיי ווילן ניט שווײַגן,
דאָס האַרץ מײַנס איז ניט אַף קיין שליסל,
איך זינג, מײַן געזאַנג איז דערהערט...

קאָנען דען פייגל ניט פליִען?
וועוועריקעס קאָנען ניט שפּרינגען?
פיש קאָנען אופהערן שווימען
אין זילבערנעם שפּיגל פון טײַך?
בינען זיך קאָנען ניט מיִען?
גלעקעלעך קאָנען ניט קלינגען?
פרילינג־צײַט קאָן דען ניט גרינען
די ערד, וואָס מיט זאַפטן איז רײַך?
מאַכן זיך צו מײַנע אויגן,
פאַרצי איך פאַמעלעך א ניגן,
מײַן ליד וועלן מענטשן דערהערן,
דערגייין וועט מײַן וואָרט און דער קלאַנג.
כאָטש כ'זינג אַזוי שטיל, אז די פייגל,
ווי פריִער, אַף צווײַגן זיך וויגן,
עס לײַכטן מיר העל צווישן שטערן,
די שטערן — פאַרלאָשענע לאַנג...

ווער קאָן וויסן

ווי וואָלט איך מיט דיר זיך איצט באַגעגנט,
ווען געווען דו וואָלסט מיט יאָרן רײַך?
ווען אין פײַער פון מילכאָמע־וועגן
וואָלט דײַן טויט דיך ניט דעריאָגט אין טײַך?
דו וואָלסט מיר אנטקעגן אָנגעקומען
אַף א מאָסקווער גאַס, צי אין א סקווער.
כ'וואָלט א רעגע בלײַבן שטיין א שטומע,
זיך קיין ריר ניט געבן און קיין קער.
וואָלסטו צוגעגאַנגען צו מיר נאָענט,
וואָלט איך דיר די האַנט מײַנע דערלאַנגט,
און איך וואָלט דערנאָך דעם גאַנצן אָוונט
ניט געפרעגט, צי עפּעס טוט דיר באַנק,

ניט געזאָגט, צי כ'האָב צו דיר א טײַנע,
כ'וואָלט געגאַנגען שווײַגנדיק, פאַרקלערט.
כ'וואָלט דיר ניט געלייִנט די לידער מײַנע,
דײַנע לידער וואָלט איך נאָר געהערט,
און די גאַנצע צײַט וואָלט פאַר די אויגן
זיך געשפּרייט א לאַנגער, גרינער שליאַך,
ווו וואָלינער ווערבעס אָנגעבויגן
שטייען בא דער ליבע אַף דער וואַך,
ווו מיט קווייטן זײַנען פול די וועגן,
ווו באַזוימט איז מיט קאַמיש דער טײַך...
ווער קאָן וויסן, ווי כ'וואָלט דיך באַגעגנט,
ווען געווען דו וואָלסט מיט יאָרן רײַך...

מיט אי. באבעלס שאפונג פארנעם איך זיך שוין לאנג. אין דער פעריאָדיק און אין די ארכיוון האָב איך געפונען א סאך פארגעסנס און ניט פארעפנטלעכטס. אין צוזאמענהאנג מיט דעם שרײַבערס 70־טן געבורטסטאָג האָב איך געהאלטן פאר מײַן כויוו צו שיקן די פארגעסענע דערציילונג „שאבעס־נאכמו“ דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“.

די דאָזיקע דערציילונג איז דאָס איינציקע מאָל געווען געדרוקט אין דער פעטראָגראַדער צײַטונג „וועטשערניאיא זוועזדאַ“ אין 1918.

באבעל איז נאָך דעמלט געווען אן אָנפאנגער, אן אווטאָר פון עטלעכע פראָזאַישע מיניאטורן, א מענטש, וועלכער האָט ערשט געזוכט זײַן אָרט אין לעבן און אין דער ליטעראטור.

ס׳איז זייער כאראקטעריסטיש, וואָס גראָד אין דעם דאָזיקן פעריאָד, איינעם פון די וויכטיקסטע פאר באבעלס אידייִשער און קינסטלערישער פארמירונג, האָט זיך דער שרײַבער געווענדט צו דער פאָלקלאָר־טראדיציע און געשאפן א דערציילונג וועגן דעם אמכאָ־מענטש הערשעלע אָסטראָפאָליער, א ווערק, פול מיט פאָעזיע, אָפטימיזם, געזונטן הומאָר.

די דערציילונג איז געווען פארטראכט אלס אָנהייב פון א גאנצן ציקל. צום באדויערן, איז אָבער דער ציקל ניט פארווירקלעכט געוואָרן.

אי. סמירין,
קאנדידאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן

1941—1894

אי. באבעל

שאבעס־נאכמו[1]

פונעם ציקל „הערשעלע“

ווײַהי בויקער, ווײַהי ערעוו — ס׳איז געווען אינדערפרי, ס׳איז געווען אָוונט — דער פינפטער טאָג. ס׳איז געווען אינדערפרי, ס׳איז געקומען דער אָוונט — דער זעקסטער טאָג. דעם זעקסטן טאָג — פרײַטיק־צונאכטס — דארף מען דאוונען. אָפּגעדאוונט, מעג מען זיך דורכגיין אין דער שאבעסדיקער קאפּאָטע איבערן שטעטל, אבי ניט פארזאמען אהיים צו דער וועטשערע. אין דער היים טרינקט א ייִד אויס א קעלישעק בראנפן, — ניט גאָט און ניט די הייליקע טוירע פארבאָטן ניט א ייִדן אויסטרינקען צוויי, — עסט געפילטע פיש און קוגל מיט ראָזשינקעס. נאָך וועטשערע ווערט אים פריילעך אפן הארצן. ער דערציילט דעם ווײַב באָבע־מײַסעס, דערנאָך שלאָפט ער — איין אויג פארמאכט, דאָס מויל אָפן. ער שלאָפט, און האפקע אין קיך הערט מוזיק — קלוימערשט אין שטעטל איז געקומען א בלינדער פידלער, שטייט אונטערן פענצטער און שפילט.

אזוי פירט זיך בא יעדן ייִד. יעדער ייִד — דאָס איז אָבער ניט הערשעלע. ניט אומזיסט קלינגט מיט אים גאנץ אָסטראָפּאָל, גאנץ בערדיטשעוו, גאנץ ווילויסק.

פון זעקס פרײַטיקן האָט הערשעלע געפראוועט איינעם. די איבעריקע פינף האָט ער אינייי־נעם מיטן הויזגעזינד געבידעוועט אין הונגער און אין קעלט. די קינדער האָבן געוויינט, דאָס ווײַב האָט געשאָלטן מיט טויטע קלאָלעס. יעדע קלאָלע שווער, ווי א מילשטיין. הערשעלע האָט געענט־פערט מיט פסוקים.

איין מאָל, — אזוי דערציילט מען, — איז זיך הערשעלע מעיאשעוו, ער מוז ווערן א באל־טאכלעס. האָט ער זיך מיטוואָך אוועקגעלאָזט אפן יאריד — פארדינען אף שאבעס. ווו ס׳איז א יאריד, דאָרט איז א פּאָרעץ, ווו ס׳איז א פּאָרעץ, דאָרט דרייט זיך ארום א מיניען ייִדן. בא א מיניען ייִדן ווערסטו א קרענק פארדינען. אלע האָבן אָנגעקוואָלן פון הערשעלעס כאָכמעס, נאָר אלע זײַנען אויסגערונען געוואָרן, ווען ס׳איז געקומען צו דער קאָפּעקע.

[1] שאבעס־נאכמו — דער ערשטער שאבעס נאָך טישעבאָוו; באקומען דעם נאָמען לויטן ערשטן וואָרט פון דעם קאפּיטל „יעשײַע“ — נאכמו (זײַט געטרייסט).

מיט א מאָגן פוסט, ווי א מעשענע טרויב, האָט זיך הערשעלע אוועקגעשאַרט אהיים.

— האָסט עפּעס פאַרדינט? — האָט בא אים געפרעגט דאָס ווײַב.

— אוילעמהאבע, — האָט ער געענטפערט, — אי די גווירים, אי די קאַפּצאָנים האָבן מיר צוגעזאָגט אוילעמהאבע.

הערשעלעס ווײַב האָט געהאַט סאַכאַקל צען פינגער. זי האָט אײַנגעבויגן יעדן באַזונדער. איר שטים האָט געהילכט, ווי א דונער אין די בערג.

— בא לײַטן זײַנען מענער מיט מענטשן גלײַך, מײַנער קאָן נאָר האָדעווען דאָס ווײַב מיט גלײַכווערטלעך. ריבוינעשעלוילעם, די צונג, די הענט און די פיס זאָלן בא אים נאָר געליימט ווערן.

— אָמיין, — האָט הערשעלע געענטפערט.

— ווו א פענצטער, ברענען דאָרט ליכט, ווי די דעמבעס. בא מיר זײַנען די ליכט דין, ווי שוועבעלעך, און רייכערן ביזן הימל. אַלע האָבן שוין די ווײַסע כאַלעס פון אויוון אַרויסגענומען, און מיר האָט דער מאַן געבראַכט האַלץ, איז עס נאַס, ווי אַן ערשט אויסגעצוואָגענער צאָפּ...

הערשעלע זאָל ענטפערן כאָטש א וואָרט. וואָס איז דער סייכל צו וואַרפן שטרוי אין פײַער, אז עס פלאַקערט שוין אַזוי אויך א העליש פײַער. דאָס האָט איר אײַך איינס אוועק. צווייטנס, וואָס קאָן מען ענטפערן א ווײַב א קליפּע, ווער רעדט, אז זי איז נאָך גערעכט?

אוועק עטלעכע מינוט, דאָס ווײַב איז מיד געוואָרן צו מאַכן קוילעס. הערשעלע איז אָפּגע־גאַנגען אין א זײַט, זיך צוגעלייגט אַפן בעט און האָט זיך פאַרטראַכט.

— עפּשער זאָל איך זיך גאָר דורכפאָרן צו רעב באַרעכלען? — פרעגט ער זיך אליין א קאַשע.

(אַלע ווייסן, אז רעב באַרעכל איז א מאַרעשכוירעניק, און קיין בעסערע רעפוע פאַר אים איז גאָר ניטאָ, ווי הערשעלעס א וואָרט).

— איז זאָל איך זיך עפּשער טאַקע דורכפאָרן צו רעב באַרעכלען? דעם צאַדיקס בניי־באַיִס גיבן אָפּ מיר די ביינער און זיך לאָזן זיי דאָס פליש. וואָס עמעס איז עמעס. פליש איז בעסער פון ביינער, אפילע בעסער פון לופט. פאָרן מיר, הייסט עס, צו רעב באַרעכלען.

הערשעלע האָט זיך אופגעהויבן און איז אוועק שפּאַנען דאָס פערדל. האָט עס א קוק געטאָן אַף אים באַרויגעז און מאַרעשכוירעדיק, ווי איינער רעדט:

— זייער ווויל, הערשעלע, נעכטן האָסטו מיר קיין האָבער ניט געגעבן, אייערנעכטן האָסטו מיר קיין האָבער ניט געגעבן, הײַנט האָב איך אויך גאַרנישט ניט געקראָגן, אויב דו וועסט מיר מאָרגן אויך קיין האָבער ניט געבן, וועל איך זיך מוזן פאַרטראַכטן, צי ס׳איז קעדײַ צו לעבן אַף דער וועלט...

הערשעלע האָט זיך פאַרשעמט, אַראָפּגעלאָזן די אויגן און א גלעט געטאָן דאָס פערד איבער די ווייכע ליפּן. דערנאָך האָט ער אזא זיפץ געטאָן, אז דאָס פערדל האָט אַלץ פאַרשטאַנען.

— איכ׳ל שוין בעסער גיין צופוס צו רעב באַרעכלען, — האָט הערשעלע באַשלאָסן.

ווען הערשעלע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, איז שוין די זון געשטאַנען הויך אין הימל. דער אָנגעגליטער וועג איז געלאָפן אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן. ווײַסע אָקסן האָבן פּאַמעלעך געשלעפּט פורן מיט שמעקנדיקן היי. פויערים זײַנען געזעסן אַף די הויכע וועגענער, אַראָפּגעלאָזן די פיס, און האָבן געפאָכעט מיט די לאַנגע בײַטשן. דער הימל איז געווען בלוי, די בײַטשן — שוואַרץ.

דורכגעשפּאַנט א שטיקל וועג — א ווערסט פינף, איז הערשעלע געקומען צו א וואַלד. די זון איז שוין אוועק פון איר אָרט. אַפן הימל האָבן זיך אָנגעצונדן צאַרטע סרייפעס. באַרוועסע מיידעלעך האָבן געטריבן בעהיימעס פון דער פּאַשע. די פולע ראָזע אײַטערס בא די קי האָבן זיך מעסיק געשאָקלט.

אין וואַלד האָט הערשעלען באַגעגנט א מעכײַעדיקע קילקײַט און א שטילער ביינהאַשמאָ־שעס. די גרינע בלעטער האָבן זיך געטוליעט איינס צום צווייטן, געגלעט איינס דאָס צווייטע מיט די פלאַטשיקע דלאָניעס. שטיל זיך אָנגעסוידעט, זײַנען זיי געבליבן הענגען, שורשענדיק און ציטערנדיק.

הערשעלע האָט זיך ניט צוגעהערט צו זייער פלוידערײַ, אין מאָגן בא אים האָט געשפּילט אַן אָרקעסטער, ווי באַם גראַף פּאָטאָצקי אַף א באַל. דער וועג איז געווען א ווײַטער. פון די זײַטן האָט אין אײַלעניש זיך געהויבן א לײַכטער נעפּל, געשלאָסן זיך איבער הערשעלעס קאָפּ און געפלאַטערט איבער דער ערד. אומבאַוועגלעכע לאַמטערנס האָבן זיך אָנגעצונדן אין הימל. די ערד איז אַנשוויגן געוואָרן.

עס איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט, ווען הערשעלע איז צוגעגאַנגען צו א קרעטשמע. אינעם קליינעם פענצטערל האָט געלויכטן א פײַערל. באַם פענצטער אינעם וואַרעמען צימער איז גע־זעסן די באַלעבאָסטע, זעלדע, און האָט אונטערגעזוימט ווינדעלעך. דער בויך איז בא איר געווען

אזוי גרויס, אקוראט ווי זי וואָלט בעדייע געהאַט געבוירן א דריַילינג. הערשעלע האָט א קוק געטאָן אַף איר קליין רויט פּענעמל מיט די בלויע אויגן און האָט איר אָפּגעגעבן א שיינעם שאָ־לעם־אליכעם.

— אָפּרוען מעג מען בא איַיך, באַלעבאָסטע־לעבן?

— מע מעג.

הערשעלע האָט זיך צוגעזעצט. די נאָז האָט זיך בא אים צעבלאָזן, ווי א בלאָז־זאַק אין א קוזניע. אין אויוון האָט געפּלאַקערט א פיַיער. אין א גרויסן קעסל האָט געקאָכט און געזאָדן וואסער, באַדעקנדיק מיט שוים די קלאָר־וויַיסע ווארעניקעס. אין דער גאָלדענער יויך האָט זיך געטוקט א פעטע הון. א רייעך פון קוגל מיט ראָזשינקעס האָט פארשלאָגן דעם אָטעם.

הערשעלע איז געזעסן אַף דער באנק צונויפגעדרייט, ווי א יידענע, וואָס גייט צו קינד. אין איין מינוט איז בא אים אין קאָפּ געבוירן געוואָרן מער פּלענער, ווי קיניג שלוימע האָט געהאַט וויַיבער.

אין צימער איז געווען שטיל, די וואסער האָט געקאָכט, און אַף די גאָלדענע כוואליעס האָט זיך געוויגט די הון.

— ווו איז איַיער מאן, באלעבאָסטע־לעבן? — האָט געפרעגט הערשעלע.

— דער מאן איז אוועקגעפאָרן צום פּאָרעץ צאָלן פּאַר ארענדע.

די באַלעבאָסטע איז אנשוויגן געוואָרן. אָנגעשטעלט אַף הערשעלען אירע קינדערשע אויגן, האָט זי פּלוצעם א זאָג געטאָן:

— איך זיץ מיר אזוי באם פענצטער און איך טראַכט. איך וואָלט איַיך וועלן פרעגן, רעב ייִד. איר זיַיט אוואדע אויסגעווען א וועלט, געלערנט באם רעבן און ווייסט וועגן אונדזער לעבן. מיך האָט קיינער ניט געלערנט. זאָגט זשע מיר, רעב ייִד, ווען וועט צו אונדז קומען שאַ־בעס־נאַכמו?

„אוי־ווא, — האָט א טראַכט געטאָן הערשעלע. — א וואזשנע קאַשע. קאָלערליי קאַרטאָפליעס וואַקסן באַם ריבוינעשעלוילעם אין גאָרטן“...

— און פרעגן פרעג איך איַיך מאַכמעס דעם, וואָס דער מאן האָט מיר צוגעזאָגט: „זאָל נאָר קומען שאַבעס־נאַכמו, פאָרן מיר צוגאַסט צו דער מאַמען. כ׳וועל דיר קויפן א ניַי קלייד און א ניַי שיַיטל, און מירן נאָך אריַינפאָרן צו רעב מאָטעלען, בעטן, ער זאָל אונדז בענטשן, בא אונדז זאָל געבוירן ווערן א זון און ניט קיין טאָכטער“, — דאָס אַלץ איז געֶרעדט, אויב ס׳וועט קומען שאַ־בעס־נאַכמו. טראַכט איך מיר, אוואדע מוז עס זיַין א מענטש פון יענער־וועלט?

— איר האָט קיין טאָעס ניט געהאַט, באַלעבאָסטע־לעבן, — האָט געענטפערט הערשעלע.

— פון איַיער מויל אין גאָטס אויערן...

— זאָל איַיך דער וואָס לעבט אייביק געבן א זון און א טאָכטער. דאָס בין איך טאַקע שאַבעס־נאַכמו, אישע.

די ווינדעלעך האָבן זיך אראָפּגעגליטשט בא זעלדען פון די קני. זי האָט זיך אופגעהויבן און דערלאַנגט מיטן קליינעם קעפּל ביזן באַלקן, וויַיל זעלדע איז געווען גרויס און פעט, שיין און יונג. די הויכע בריסט אירע זיַינען געווען ווי צוויי זעקעלעך, געפּאַקטע מיט טוווּע. די בלויע אויגן האָבן זיך בא איר ברייט צעעפנט, ווי בא א קינד.

— איך בין עס טאַקע שאַבעס־נאַכמו, — האָט באַשטעטיקט הערשעלע. — שוין באַלד צוויי כאָדאָשים, באַלעבאָסטע־סערדצע, ווי איך גיי העלפן מענטשן. ס׳איז פאַלג מיך א גאַנג — פון הימל ביז דער ערד. די שטיוול זיַינען שוין בא מיר צעפליקט און צעריסן. איך האָב איַיך געבראַכט א גרוס פון אַלע איַיערע קרויווים.

— פון דער מומע פעסיע, — האָט אויסגעשריִען די פרוי, — פון דעם טאַטן, אַלעווהאשאָ־לעם, פון דער מומע גאָלדען, איר קענט זיי?

— ווער זשע קען זיי ניט? — האָט געענטפערט הערשעלע. — איך האָב גערעדט מיט זיי אזוי, ווי איך רייד מיט איַיך.

— ווי לעבט זיך זיי? — האָט געפרעגט די באַלעבאָסטע און צונויפגעפלאָכטן די ציטערנ־דיקע פינגער אַפן בויך.

— שלעכט, — האָט טרויעריק געזאָגט הערשעלע. — ווי קאָן זיך לעבן א טויטן? מע טאַנצט ניט אַף קיין סימכעס...

בא דער באַלעבאָסטע האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— ס׳איז דאָרט קאַלט, — האָט פאָרגעזעצט הערשעלע, — קאַלט, און דערצו איז מען נאָך הונגעריק אויך. זיי עסן דאָך, ווי די מאַלאָכים. קיינער טאָר אַף יענער־וועלט ניט עסן מער פון די מאַלאָכים. וואָס דאַרף א מאַלעך? א טרונק וואסער, און גענוג. א קעלישעק בראַנפן וועט איר איין מאָל אין הונדערט יאָר אויך ניט זען...

— אוי, דער טאטע נעבעך... — האָט א דערשיטערטע אויסגעשעפּטשעט די באַלעבאָסטע.
— פייסעך נעמט ער זיך א לאַטקע. איין לאַטקע פאר א גאַנצן מעסלעס...
— ווי איז מיר, די מומע פעסיע נעבעך, — איז די באַלעבאָסטע געוואָרן א פאַרציטערטע.
— איך בין אליין טויט הונגעריק. — הערשעלע האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, און א טרער האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט איבער דער נאָז און איז דערטרונקען געוואָרן אין דער באָרד. — איך טאָר דען זאָגן א וואָרט? איך בין דאָך אליין פון זייער כעווריֵע...
הערשעלע האָט ניט געענדיקט ריידן.
האמערנדיק מיט די גראָבע פיס, האָט די באַלעבאָסטע ווי א וויכער געטראָגן צו אים — טעלער, שיסלען, גלעזער, פלעשער. הערשעלע האָט זיך גענומען צו דער אכילע, און דעמלט האָט די יידענע פאַרשטאַנען, אז ער איז טאַקע א מענטש פון יענער־וועלט.
צום אלעמערשטן האָט הערשעלע זיך געספּראַוועט מיט דער געהאַקטער לעבער, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט געגנדזענער שמאַלץ. דערנאָך האָט ער אויסגעטרונקען א קעלישעק פּאַנסקע בראַנפן (אין דעם בראַנפן איז אַרומגעשווומען מאַראַנצן־שאָלעכץ). דערנאָך האָט ער געגעסן פיש מיט קאַרטאָפליעס. דערבײַ האָט ער די קאַרטאָפליעס באַגאָסן מיט דער שמעקנדיקער פיש־יויך און אויסגעגאָסן אפן ברעג טעלער א האַלבע גלאָז כריין, אזא כריין, וואָס פון אים וואָלטן געלאָזט א טרער פינף פּאַנעס מיט טשובעס און קונטושעס.
נאָך די פיש האָט זיך הערשעלע צוגעכאַפּט צו דער הון און האָט געכלעפּטשעט די הייסע פעטע יויך. די וואַרעניקעס, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין צעשמאָלצענער פוטער, זײַנען געשפּרונגען הערשעלען אין מויל, ווי האָזן, וואָס מאַכן פּלייטע פון א יעגער. ס'איז גאָר ניט קעדײַ צו דערציילן, וואָס איז געשען מיטן קוגל. וואָס האָט געקאָנט מיט אים געשען, אז עס פלעגט זיך מאַכן, הערשעלע האָט א יאָר נאָכאַנאַנד אפילו ניט אָנגעקוקט קיין קוגל?..
נאָך וועטשערע האָט די באַלעבאָסטע צונויפגענומען די זאַכן, וועלכע זי האָט מיט הערשעלען געוואָלט איבערשיקן אף יענער־וועלט, — פאַרן טאַטן, פאַר דער מומע גאָלדע און פאַר דער מומע פעסיע. פאַרן טאַטן האָט זי אַרײַנגעלייגט א נײַעם טאַלעס, א פלאַש ווישניק, א סלאָי מאַלינע־אײַנגעמאַכטס און א בײַטעלע טאַבעק, פאַר דער מומע פעסיע — א פּאָר וואַרעמע גרויע סקאַרפּעטקעס. צו דער מומע גאָלדע איז אוועקגעפאָרן אן אלט שײַטל, א גרויסער קאַם און א סידער.
הערשעלען האָט זי אויך ניט פאַרגעסן — געגעבן אים אין וועג אַרײַן א פּאָר שטיוול, א לאַבן ברויט, געגנדזענע גריוון און א זילבערנע מאַטבייע.
— גריסט דאָרט פונמײַנעטוועגן, רעב שאַבעס־נאַכמו, גריסט אלעמען, — האָט זי אָנגעזאָגט הערשעלען, וועלכער האָט אוועקגעטראָגן מיט זיך א שווערן קלומעק. — אָדער וואַרט צו א רעגע, אינגיכן וועט דער מאַן קומען.
— ניין, — האָט געענטפערט הערשעלע. — איך דאַרף זיך צוײַלן. וואָס מיינט איר, איר זײַט באַ מיר איינע?
אין פינצטערן וואַלד זײַנען געשלאָפן די ביימער, זײַנען געשלאָפן די פייגל, זײַנען געשלאָפן די גרינע בלעטער. די בלייכע שטערן, וואָס היטן אונדזער רו, האָבן געדרעמלט אין הימל.
אָפּגעגאַנגען א ווערסט, האָט זיך הערשעלע א פאַרפאַליעטער אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעוואָרפן דעם קלומעק פון רוקן, זיך צוגעזעצט אף אים און גענומען זיך אויסטײַנען מיט זיך אליין.
— זאָלסט וויסן זײַן, הערשעלע, — האָט ער געזאָגט צו זיך, — אז די וועלט פאַרמאָגט א סאַך נאַראָנים. די באַלעבאָסטע פון דער קרעטשמע איז א נאַר. דער מאַן אירער, קאָן זיך גראָד מאַכן, איז א קלוגער ייִד, מיט א פּאָר געזונטע קולעקעס, גראָבע באַקן און א לאַנגער בײַטש. אָט וועט ער קומען אהיים, און טאָמער וועט ער דיך דעריאָגן אין וואַלד...
הערשעלע האָט ניט געוואָלט טראַכטן, וואָס וועט דעמלט זײַן. ער האָט טייקעף־אומעיאַד פאַרגראָבן דעם קלומעק און געמאַכט א סימען, עס זאָל אים שפּעטער גרינג זײַן צו געפינען דאָס ערטעלע.
דערנאָך איז ער אוועקגעלאָפן אין דער אנדערער זײַט וואַלד, האָט זיך אויסגעטאָן מוטער־נאַקעט, אַרומגעכאַפּט א שטאַם פון א בוים און גענומען וואַרטן. לאַנג האָט ער ניט געוואַרט. קאַיאַר האָט הערשעלע דערהערט — א בײַטש פײַפט, ליפּן טשמאַטשקען, טלאָען טופּען. דאָס איז געפאָרן דער קרעטשמער, וועלכער האָט זיך געלאָזט אין געיעג נאָך רעב שאַבעס־נאַכמו.
דערזען דעם נאַקעטן הערשעלען אַרומגענומען מיט א בוים, האָט דער קרעטשמער אָפּגעשטעלט דאָס פערד. זײַן פּאָנעם האָט באַקומען אזא נאַרישן אויסדרוק, ווי בא א גאַלעך, וועלכער האָט באַגעגנט דעם אשמעדײַ.
— וואָס טוט איר דאָ? — האָט ער געפרעגט מיט א ציטער אין קאָל.
— איך בין א מענטש פון יענער־וועלט, — האָט הערשעלע געענטפערט מיט א געפּאַלע־

נער שטים. — מע האָט מיך באַראַבעוועט, צוגענומען וויכטיקע קסאָווים, וועלכע איך פיר צו רעב באַרעכלען...

— איך ווייס, ווער עס האָט אײַך באַראַבעוועט, — האָט זיך צעגוואַלדעוועט דער קרעטשמער. — איך האָב זיך מײַנע כעזשבוינעס מיט אים. וווהין איז ער אַנטלאָפן?

— איך קאָן ניט זאָגן וווהין, — האָט מיט ערגערניש אויסגעשעפּטשעט הערשעלע. — אויב איר גיט מיר אײַער פערד, דעריאָג איך אים אין איין קערעפײַען, און איר וואַרט אַף מיר דאָ. טוט זיך אויס, שטעלט זיך אוועק לעבן בוים, האַלט אים אונטער; קיין טראָט זאָלט איר זיך ניט דערוועגן מאַכן, ביז איך וועל זיך אומקערן. דער בוים איז אַ הייליקער בוים. די וועלט האַלט זיך אַף אים...

הערשעלע האָט פאַרשפּאַרט זיך גוט אײַנקוקן אין אַ מענטשן, קעדיי צו וויסן, וואָס ער האָט די ווערט. גלײַך פון דער ערשטער רעגע האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער מאַן איז ניט ווײַט אוועק פונעם ווײַב.

און זעט, אַף טשיקאַוועס, דער קרעטשמער האָט זיך טאַקע אויסגעטאָן, זיך געשטעלט לעבן בוים. הערשעלע איז אַרײַן אין וואָגן און אַוועקגעשמיסן. ער האָט אויסגעגראָבן זײַנע זאַכן, אַרײַנגעוואָרפן אין וואָגן און הײַדאַ צום ראַנד וואַלד.

דאָ האָט הערשעלע ווידעראַמאָל אַרופגעוואַלגערט דעם קלומעק אַף דער פּלייצע, איבערגעלאָזט פערד־און־וואָגן און אַוועקגעשפּאַנט איבערן וועג, וואָס האָט געפירט צו דעם הייליקן רעבנס הויז.

ס'איז שוין געווען טאָג. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָבן געזונגען פייגל. דעם קרעטשמערס פערד האָט געפירט דעם פוסטן וואָגן צו דעם אָרט, ווו עס האָט איבערגעלאָזט דעם באַלעבאָס.

צוגעדריקט זיך צום בוים, האָט ער געוואַרט אַ נאַקעטער אונטער די שטראַלן פון דער אופגייענדיקער זון. דעם קרעטשמער איז געווען קאַלט. ער האָט ניט געקאָנט אײַנשטיין אַף אַן אָרט.

יידיש — ב. קאַטיק.

אין דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט

■

אַן אַוגוסט, געווידמעט דעם 30־טן יאָרטאָג פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט, איז פּאַרגעקומען אין ביראָבידזשאַנער קולטור־פּאַלאַץ. אײַנעם זאָל איז באַנאַנד מיט די עלטערע לײַט, וועלכע געדענקען נאָך דעם פּאַלוסטאַנאַק טיכאָנקע, געזעסן אויך אַ סאַך יוגנט, וואָס איז שוין דאָ, אַף דער ווײַטמיזרעכדיקער ערד, געבוירן געוואָרן.

וועגן דער געשיכטע פון דער געגנט, איר אַנטשטייוּנג און אַנטוויקלונג, האָט דערציילט דער דירעקטאָר פונעם געגנטלעכן מוזיי כאַר קאַנט־קענטעניש כ־טע קאַפּיטאַנאָוואַ.

דער אַלטער טוישעוו אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש סאַבאָווענקאָ, וואָס לעבט דאָ פון 1911 יאָר, האָט אין זײַן אַרויסטרעטונג דערמאָנט אַ סאַך פּראַטים וועגן דעם, וויאַזוי די היגע באַפעלקערונג האָט געהאָלפן די איבערוואַנדערער פון די קליינע יידישע שטעטלעך צו מאַכן די ערשטע טריט אַפן נײַעם אָרט. ער האָט דערציילט, ווי ער, אַ מאַשיניסט פון שווערוואָגיקע צוגן, וואָס איז באַלוינט מיט אַ לענין־אָרדען, האָט געהאָלפן די יונגע יידישע איבערוואַנדערער באַהערשן דעם פאַך פון לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסטן.

מיט גרויס אינטערעס איז אויסגעהערט געוואָרן די אַרויסטרעטונג פון דעם שטעלפאַרטרעטער פון פּאַרזיצער פון געגנט־אויספירקאָם כ׳ קרעמער, וועלכער האָט געניי גערעדט וועגן די פּערספּעקטיוון פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער געגנט. עס זײַנען אויך אַרויסגעטראָטן איינער פון די עלטסטע לערער פון דער געגנט כ׳ קראַוועץ און דער שרײַבער בוזי מילער, וועלכער האָט דורכגעליינט אַ דערציילונג וועגן ביראָבידזשאַן.

דער אַוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ גרויסן קאָנצערט פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט.

■

אינעם ביראָבידזשאַנער קולטור־פּאַלאַץ איז באַוויזן געוואָרן אַ מולטיפּליקאַציע־פילם, וועלכן עס האָט געשאַפן די קינדערשע קינאָ־סטודיע באַם שטאָטישן פּיאָנערן־הויז (אָנפירער יעפים פעלדמאַן). דער פילם פון די יונגע קינאָ־ליבהאָבער דערציילט וועגן דער אַרבעט פון די פּיאָנערן־מאַכנעס פון דער געגנט.

דער רעזשיסער פון פילם איז דער שילער פון 10־טן קלאַס ליאָווע זוועניגאָראָדסקי, אָפּעראַטאָרן — וואָווע מעסאַמעד, סאַשע גלושקאָ, ראַפאַיל מאַלקין, אַלעמען איז שווער אויסצורעכענען: 40 שילער האָבן אין מעשעך פון 9 כאָדאָשים געגרייט דעם דאָזיקן פילם.

שיקע דריז

די קלוגע סוועטאַפּאָרן

געטראָגן האָבן מענטשן
קוילעטשן און בייגעלעך,
און איך האָב מיר געטראָגן
א פולן בוזעם פייגעלעך.

נאָר עפּעס האָט געטראָפן,
פארפלאָנטערט כ'האָב די ראָגן,
פארגעסן כ'האָב, צו וועמען
די פייגעלעך געטראָגן.

שטיי איך א פריטשמעליעטער,
צעדולט אינמיטנדרינען,
אָט וועלן מיך צעקוועטשן,
צעמאָלן די מאשינען.

נאָר דאָ האָבן א ווונק געטאָן
די קלוגע סוועטאָפּאָרן,
די שטאָט זאָל זיך ניט רירן,
ניט גייען און ניט פאָרן,

ניט זשומען און ניט פייפן —
און פון אומגליק מיך פארשטעלט,
כ'זאָל קאָנען זיך דערמאָנען,
ווו בין איך אף דער וועלט.

גיי איך, זע איך...

אָט אזוי, אָט אזוי,
כ'האָב א קאפעליוש פון שטרוי.

גיי איך, זע איך, שטייט א בויער,
און ער מויערט אונדז א מויער,

און א שלאָסער פיילט א שלאָס,
און א גלעזער שניידט דאָס גלאָז,

און א בעקער באקט דאָס ברויט, —
וועגט מיין קאפעליוש א לויט.

און איך נעם אים לייכט אראָפּ,
און פארנייג פאר זיי מיין קאָפּ.

אָט אזוי, אָט אזוי,
כ'האָב א קאפעליוש פון שטרוי.

גיי איך, זע איך, גייען גייער,
גלאַט אזוי זיך, ליידיקגייער,

און עס דרייען זיך, ווי דריידלעך,
פוילע כעוורע, פוסטע מיידלעך.

וועגט מיין קאפעליוש מיסטאָם
שווערער פון א שטיין באם יאַם.

ניט צו רירן אים מיט גוואַלד —
כאָטש נעם א ביקס און שיס אים באַלד.

אָט אזוי, אָט אזוי,
כ'האָב א קאפעליוש פון שטרוי.

*

געטרונקען, געזשומעט
שוין איבערגענוג.
באגלייט זשע מיך, כאַווער,
צום קיִעווער צוג.
דאָרט, בא מיין מאמען,
געבליבן מיין שפּיל,
וואָס הייסט בא די קינדער
שטיל,
שטיל,
שטיל.

כ'וועל לאָזן אין דרויסן
מיין קלומעק מיט זינד,
כ'וועל בעטן מיין מאמען:
פארוויג מיך, דיין קינד,
פארוויג מיך, ווי דעמלט
אין יענער־אָ שפּיל,
וואָס הייסט בא די קינדער
שטיל,
שטיל,
שטיל.

פארטאָג וועט מיין כאָלעם
אנטרינען ווי נעפּל
און לאָזן צוקאָפּנס
א וויינדיקן עפּל
און ווינטשן א זיי־געזונט.
געענדיקט די שפּיל.
באגלייט זשע מיך, כאַווער,
שטיל,
שטיל,
שטיל.

אף דער העלפט

איך און מײַן שװעסטערל פֿרײדע
פֿאַרמאָגן בעשותּפֿות אַ זײדע.
װי נאָר מיר צעקריגן זיך בײדע,
שרײַט זי, ס'איז אירער דער זײדע.

אפֿילו די װאָנצעס,
אפֿילו די ברילן,
אפֿילו דער שטעקן,
אפֿילו די פּילן,
אפֿילו די פּױשטן
בײַ אים אױף די פֿיס —
אירס,
אירס,
אירס!

טו איך מײַן שװעסטער אַ כאַפּ בײַ דעם צאָפּ:
— מײַנער דער זײדע, און טשעפּע זיך אָפּ!
מײַנער דער זײדע, און גײ דיר און שװײַג,
מײַנער דער זײדע, און נאַ דיר אַ פֿײַג!

אפֿילו דאָס בערדל,
אפֿילו דאָס טיכל,
אפֿילו דאָס אַלטע
פֿאַרשפּיליעטע ביכל,
אפֿילו דאָס יאָמטעװודיק
שניפּסעלע זײַנס —
מײַנס,
מײַנס,
מײַנס!

טוט זי, מײַן שװעסטער, אַ שפּרונג װי אַ קײַע
און הײבט אָן צו טופּען און הײבט אָן צו שרײַען:
אָט װעט זי װי לאָקשן מיך דראַקן,
אָט שלינגט זי מיך אײַן מיט די זאַקן,

און ס'בלײַבט ניט אפֿילו
מײַן רימען,
אַ נאָגל, אַ צאָן
אױף אַ סימען,
און ס'בלײַבט ניט אפֿילו
קײן האָר ניט —
גאָרניט,
גאָרניט,
גאָרניט.

דאָ איז מײַן זײדע שױן ניט אױף קײן שפּאַס
געװאָרן אױף מיר און מײַן שװעסטער אין כּעס
און האָט מיט אַ שטריקל אַ פּראָסטן
אַלײן אױף דער העלפֿט זיך צעמאָסטן.

אפֿילו די װאָנצעס,
אפֿילו די ברילן,
אפֿילו דעם שטעקן,
אפֿילו די פּילן,
אפֿילו דאָס בערדל,
אפֿילו דאָס טיכל,
אפֿילו דאָס אַלטע
פֿאַרשפּיליעטע ביכל,
אפֿילו דאָס פֿלעשל
מיט עפּעס אַ שמאַלץ —
אַלץ,
אַלץ,
אַלץ.

אײן העלפֿט איז מײַנע, די צװײטע איז אירע,
שלום זאָל װערן בײַ אונדז אין דער דירה,
שטיל, אױף די שפּיץ פֿינגער שפּאַנען,
ניט שטערן אים לײענען ראָמאַנען.

פֿון װאָס זײַנען כאַלומעס געמאַכט

פֿון װאָס זײַנען כאַלומעס געמאַכט,
די גוטע כאַלומעס באַנאַכט?
פֿון רײפֿן, קנעפּלעך און שטריקלעך,
פֿון לאַשעקלעך, טױבן און ביקלעך,
פֿון לוסטיקע, זוניקע העזעלעך,
טעצעלעך, קלעצעלעך, גלעזעלעך,

פֿון מײַסעלעך שטילע דער באָבעס,
פֿון װאַרעמע פֿינגער דער מאַמעס.
פֿון װאָס זײַנען כאַלומעס געמאַכט,
די שלעכטע כאַלומעס באַנאַכט?
נאָר כ'װיל אײַך ניט, טײַערע, שרעקן
און װעל זײ אױף שטענדיק פֿאַרמעקן.

דעם װינטעלעס שפּילעכלעך

פֿאַראַנען אַ װינטעלע — גרינג און לינד,
שפּילעכלעך האָט עס אַזױ װי אַ קינד.
אױף אײנעם אַ געסל — אַ סקריפּ פֿון אַ טיר,
אױף אײנער אַ סטעזשקע — אַ שטיקל פּאַפּיר.
אױף אײנעם אַ װאָגן — אַ זאַנג פֿון די גאַרבן,

בײַ אײנעם אַ מענטשן — אַ לאַך אײנעם אַרבל.
אױף אײנעם אַ שטריקל — די קינדערשע זאַקן,
בײַ אײנעם אַ מײדל — צעשױבערטע לאָקן.
און ליב האָט עס װעקן די ריטשקע פֿון דרימל
און שװעלבעלעך װאַרפֿן צום הימל.

ערגעץ ווײַט...

ערגעץ ווײַט, ווײַט —
א פארסמאליעט וואָקזאלעכל —
אזוי ווי דעם בעקערס
צעוואלגערטער אויוון.
אף א שטיקל פארבליבענער וואנט —
דער גלאָק אָן א צונג.
בא די רעלסן —
אָן איינזאמער,
אָן עלנטער שטיוול.

געלאָזט האָט אים דאָרטן
א זעלנער אף קוליעס,
וואָס האָט ניט געדארפט שוין
דעם שטיוול דעם רעכטן.

נאָר צוגן עס יאָגן,
און רעדער זיך דרייען.
איז א זעלנער א צווייטער
אהינצו געקומען,
דעם שטיוול דעם איינציקן
אָנגעטאָן אף דעם פוס דעם רעכטן
און איבערגעלאָזט דאָרט
זײַן שטיוול דעם לינקן.
ערגעץ ווײַט, ווײַט...

* * *

אך, ווי שיין,
ווי שארף,
ווי דראָענדיק פארשפיצט צו דעם הימל
זײַנען די קנאָספּן די גרינע,
אזוי ווי די קינדערשע פויסטעלעך,
נאָך ניט צעעפנט,
פארקרעמפּעוועט,
שוין גיבן צו וויסן —
אלץ איז אונדזערס!
אלץ איז אונדזערס!

אך, ווי שיין, ווי שטיל
עס שטארבן די בלעטער,
ווי די אָפענע ערלעכע הענט,
ווי די דלאָניעס פארגעלטע
בא דעם, וואָס קלײַבט זיך
פארלאָזן די וועלט
און ער ווײַזט איר: זע,
כ'האָב גאָרניט גענומען מיט זיך,
גאָרניט!

* * *

מיר האָבן געהוליעט אינדרײַען,
געוואָלט זיך פון אומעט באפרײַען.
פון גאָרניט געוואָלט דעמלט קלערן,
געהוליעט מעשוגע צו ווערן.
געוואקלט די בערג, געהוידעט די טאָלן,
נאָר, ברידער, מע דארף דאָך באצאָלן.
האָט דער הימל באצאָלט מיט באגינען,
דער יאם — מיט די שענסטע בורשטינען.
און איך מיט געזאלצענע טרערן
פאר א ביסל מעשוגע צו ווערן.

* * *

כ'מיין, אז איר ווייסט שוין,
פארשטייט זיך,
אז אלץ אינעם לעבן
דרייט זיך:
שמאלץ
בא דער לאטקע,
זשוטשקע
בא דער יאטקע,
א נאָדל
בא דעם קנעפּל,
א פּרעסער
בא דעם טעפּל,
א שוימער
בא די לאָדן,
א נאשער
בא דעם פלאָדן,
א קוגל
בא דעם זאטן,
דאָס היטל
אף מײַן טאטן —
און נאָך, און נאָך,
און נאָך, פארשטייט זיך,
אפילו מײַן קאָפּ
האָט שוין אויכעט
פארדרייט זיך.

הערשל פאָליאנקער

דער בעקער פון קאָלאָמייע

דער גרויסער שאָדן

געהערט א מייַסע, אינמיטן העלן טאָג איז נעלעם געוואָרן יאָסל דעם סטעלמאכס טאכ־שיט, דער קליינער מאקס.

גאנצע טעג איז דער מאמזער ארומגעלאָפן, ווי א דולער, איבער די גאסן מיט א כאליאסטרע ציגיַינערלעך פונעם טאבאָר, געטריבן הינט, זיך געיאָגט נאָך קעץ, געשלעפט פאר די הערנער ציגן און צאפּעס, געקלעטערט איבער דעכער, זיך געפּאשעט אין פרעמדע סעדער און גערטענער, און פלוצעם אין איין שיינעם פרימאָרגן ניט געסטיַיעט, ווי אין וואסער אריַין.

געווען איז בא אן אָרעמען סטעלמאך א שווארצכיינעוודיק זשוואווע באָכערל מיט צוויי ברענענדיקע אויגן און מיט א קאָפּ קוטשעראַווע האָר, א מעכיַיע געווען אף אים צו קוקן, און ווי אויסגערונען געוואָרן. נישטאָ!

נאָר טאָמער מיינט איר, כאָלילע, אז אין שטוב איז געוואָרן א טומל, א ראַש, א יעלאָלע, האָט איר א גרויסן טאָעס. קיינער האָט ניט פארגאָסן קיין טרערן און ניט איַינגעלייגט קיין וועלטן, ניט געריסן קריִע. אָבער וואָס עמעס איז עמעס, די היגע כאכאָמים און לעצאָנעס־טריַיבער האָבן געהאט אן ארבעט, מע איז זיך מאמעש מעכיַיע געווען. א קלייניקיַיט — אזא נייַס אין קאָוואליוקע! די ציַיט איז געווען הארבער פון כריין. באם פאן פּילסודסקי אין דער מעדינע איז עסן, א דאנק גאָט, ניט געווען, ארבעט — אוודע ניט, די שרעק איז גרויס, דער אוילעם האָט זיך אופגעהערט ווערטלען, און טאָמער טוסטו א לאך פון די באלעבאטים, ביסטו ניט זיכער מיטן לעבן. אָבער פון יאָסל דעם סטעלמאך מיט זיַין הויזגעזינד קאָנט איר לאכן, וויפל איַיער הארץ גלוסט, מע וועט איַיך קיין קרום וואָרט ניט זאָגן.

און ס'איז אוועק א גאנג!

אומעטום, אף יעדן שריט און טריט, האָט מען געהאלטן אין איין מאלעגיירען די נייַס:

— געהערט א מייַסע? טאקע ניטאָ דער מאזיק? פארפאלן געוואָרן?

— און איך קאָן איַיך שווערן, אז דער אלטער וועט זיך ניט נעמען צום הארצן, ער וועט זיך בעסער נעמען צום פלעשל...

— וואָס רעדט איר? מאקס איז דען געבאָרן אונטער א פּלויט? א טיַיער קינד...

— אוודע וועט יאָסל דער סטעלמאך זיך ניט נעמען דאָס לעבן צוליב זיַין שאָדן. מיילע, וועט גיין צום טיש ווייניקער מיט א פּיקער... וועט זיַין צו דער שיסל ווייניקער מיט א לעפל...

אנדערע לעצאָנים האָבן געדאבערט:

— זאָרגט זיך ניט, דער קייסער פראנץ־יאָסיף, ווען ער איז גאָך געזעסן, ניט היַינט געדאכט, אף זיַין טראָן, האָט אף יאָסל דעם סטעלמאך קיינמאָל קיין פאריבל ניט געהאט. יאָסל האָט זיך גאנץ שיין אויסגעפּיַינט פאר דער אימפּעריע — איר געגעבן קימאט א גאנצן ווזוואָד סאָלדאטן, וועט איצט פּילסודסקיס שיינע מעדינע אויך ניט איַינעמען קיין מיסע־מעשונע, אויב יאָסל וועט איר צושטעלן מיט איין זעלנער ווייניקער. פארקערט! דאכט זיך, אז נאטשאלסטווע וועט נאָר זיַין דערפון צופרידן. דעם סטעלמאכס נאָוואָבראנצעס קומען שטענדיק צו דער דינסט אזוי הונגע־ריק, אז עס איז זיי מאמעש אומעגלעך אָנהאָדעווען... די אינטענדאנטסטווע ווערט נעבעך אויס־

געריסן, ביז זי קריגט פאר זיי ברויט מיט ברינזע. דערצו נאָך וואקסן יאָסלס באָנים, ווי אַף אייזון, — געזונטע, שטארקע, פלייציקע, ווי די קארפאטער בוקעס, און ביז מע קלײַבט אונטער פאר זיי שינעלן, הויזן, שיך און שטיוול, קריכן שיר ניט ארויס די אויגן. מע שמועסט, אז יאָסלס נאָוואָבראנצעס האָבן אמאָל שיר ניט בעדיל־האדאל געשטעלט די גאנצע מעדינע. בייזע צינגער זאָגן אפילע, אז צוליב דעם טאקע איז מיט עטלעכע יאָר צוריק זיך נעבעך צעפאלן די שיינע אימפעריע און פון איר איז קיין זייכער ניט געבליבן צוזאמען מיטן געהויבענעם אימפעראטאָר פראנץ־יאָסיף...

הערשל פאָליאנקער.
געבוירן אין 1911 אין אומאן.
אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1932.
אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.
ווינט אין קיִעוו.

דאָס פלוצעמדיקע פארשווינדן פון יאָסל קרייסלערס בענאָקל האָט אפאָנעם אויך ניט געמאכט קיין גרויסן רוישעם אין דער וועלט. עפּעס האָט מען ניט געהערט, די בלעטער זאָלן וועגן דעם שרײַבן, די פאָליציי האָט אויך ניט אופגעהויבן קיין טומל, די פײַערלעשער האָבן ניט ארויסגעלאָזט די וואסער פון די סאזשלקעס, קיינער האָט ניט אויסגעשעפּט די ברונעמס, ניט געזוכט. קורץ, גלײַך ווי עס וואָלט גאָרניט געשען, גלײַך ווי עס וואָלט גאָר קיינמאָל קיין מאקס ניט געווען אַף דער וועלט.

ווער וואָלט יאָ אופגעהויבן א טאראראם ביזן הימל? פארשטייט זיך, מאקס מאמע, שיפרע. נאָר גראָד דעמלט האָט זי זיך געגרייט ברענגען דער וועלט א מאטאָנע — א שפּאָגל נײַ גראגערל, — דאָס פערצנטע לויטן כעזשבן, און מענטשן האָבן געקנייטשט מיט די אקסל, מאמזעריש געשמייכלט, ניט געקאָנט פארשטיין, ווו נעמט אָט די דארינקע, קליינינקע, אויסגעמוטשעטע יִדענע אזויפיל קויעך און כיישעק אלע מאָנטיק און דאָנערשטיק קינדלען!

ניט נאָר די שכיינים, שיפרע אליין וואָלט אויך ניט געקאָנט ענטפערן אַף דער קאשע. זי איז געלעגן אין געהאקטע ווונדן און געשאָלטן איר שיינעם ברויטגעבער, דעם שיקורניק, וואָס טראכט ניט וועגן קיין טאכלעס פאר זײַנע יאָרשים, וועלכע וואקסן, ווי קראָפּעווע בא די וועגן.

זי האָט פארשאָלטן איר מאן די ביינער: „זאָלסט, אומגליק מײַנער, כאָטש איין מאָל ליגן אין קימפּעט, וואָלסטו שוין פארזאָגט א צענטן...“

אָבער אירע קלאָלעס און איר געבעט זײַנען דערווײַל ניט דערגאנגען ניט צום ריבוינע־שעלוילעם, וואָס איז געזעסן אין זײַנע הויכע הימלען און, זעט אויס, געווען פארטראָגן מיט וויכטיקערע געשעפטן, און ניט צו איר מאן, וואָס האָט פארבלאָנדזשעט אין א קרעטשמע אין די געדיכטענישן פון די קארפאטן, פארשיקערט דאָס לעצטע רעקל, די שקראבעס, דעם קארטוז און זיך איצט געוואלגערט, ווי א פּאָרעץ אונטערן טיש, און געזונגען אַף וואָס די וועלט שטייט: „אפן פריפּעטשיק ברענט א פײַערל און אין שטוב איז הייס...“

אירע עלטערע באָנים, ניט רעכענענדיק יענע, וואָס האָבן זיך ניט אומגעקערט פון דער מילכאָמע, זײַנען געווען אַף מיליטער־דינסט און זיך אפילע ניט אָנגעשטויסן, וואָס אין דער היים איז פארלאָפן.

די קלענערע ברידערלעך און שוועסטערלעך האָבן פארשטאנען, אז אפן טאטן איז נישטאָ וואָס זיך צו פארלאָזן, האָבן זיי זיך געפּאָרעט אין גאָרטן, אויסגעגראָבן דאָס ביסל קארטאָפל אַף ווינטער און ניט באמערקט, אז מאקס איז פארפאלן געוואָרן.

ערשט אין עטלעכע טעג ארום, ווען מע האָט בעשאָלעם אהיים געבראכט די געווינערן מיטן נײַעם גראגערל און מע האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט עמעצער זיך געכאַפּט, אז איין לעפל איז געבליבן ליגן פאריאָסעמט. וואָס איז דאָס פאר אן איבעריקער לעפל? די גאנצע וועלט האָט גוט געוווּסט, אז בא יאָסל דעם סטעלמאך זײַנען נישטאָ קיין איבעריקע לעפל, יעדער לעפל האָט זיך, ביז הונדערט און צוואנציק יאָר, זײַן פּיקער... נו, אוואדע, דאָס איז מאקס אויסגעשטשערבעטער הילצערנער לעפל, אן ארומגעהריזעטער פון אלע זײַטן, ווי א קאָרעטע אין א גוטער שטאָל...

אָט דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן!

עס האָט זיך אופגעהויבן א גערודער: ווּהין איז אהינגעקומען דער טאכשיט? מע האָט אָנגעהויבן ארומלויפן, שרײַען, רופן, נאָר נעכטיקע טעג!

און ווער זאָל זײַן דער זוכער? אז דער טאטע איז נאָך אלץ ארומגעגאנגען א פארטשאדעטער נאָכן שנאפּס, וואָס ער האָט געמאכט אין דער קרעטשמע, און קאָן ניט ארויסגיין פון יענער זײַט שוועל, ווײַל עס איז ניטאָ מיט וואָס צודעקן דעם ביזאָיען, און בעטן עמעצן לויפן זוכן זײַן ייִנגל,

זײַן שאָדן, האָט ער אויך קיין איבעריקן כיישעק ניט געהאַט, און ווער וועט זיך עס אונטערנעמען, אַז יעדער איינער איז פאַרטאָן, פאַרהאַוועט, עס גייט צו ווינטער און מע דאַרף אַרײַנבערענגען איז שטוב אַ זעקל מעל, פּאַפּשוי, בולבעס און הייצונג...

פּיפּקענדיק דעם ציבעק, וועלכן יאָסל דער סטעלמאַך לאָזט קיינמאָל ניט אַרויס פון די ציין — אַ נעדיזנע פון דער דינסט אינעם כאָיל פונעם גרויסן פראַנץ־יאָסיפן, — האָט ער, ניט אײַלנדיק, הייזעריק אַרויסגעברומט:

— מיילע, נו... דאָס לעבן וועט מען זיך דערווײַל ניט נעמען... דער מאַזיק וועט זיך אויסהונגערן, וועט ער, מירצעשעם, אַליין קומען צו דער קאָרעטע. עלע ניט, וועט זײַן לעפּל ניט בלײַבן פאַרשעמט, גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ שפּאָגל נײַעם פּיקער. מיט קיין פאַרנאָסע באַזאָרגט ער מיך ניט, דער אייבערשטער, נאָר קינדערלעך שיקט ער מיר צו, ניט צו פאַרזינדיקן...

דאָך איז איין מענטש געווען אויסער זיך. דאָס איז געווען דער פּעטער זכאַריע, דער שמיד, אַ מענטש אין די זיבעציקער, פאַר וועלכן אַלע בויאַנעס פון קאָוואַליוקע און פון די אַרומיקע דערפער האָבן געהאַט גרויס דרעכערעץ, און אַלץ צוליב זײַן גוורדע. אַזוי איז ער גראָד געווען אַ דאַרער, אַ טרוקענער, נאָר אַ האַנט האָט ער געהאַט — מע זאָל נאָר באַהיט ווערן! בײַ אים איז אויסבייגן אין איין אויגנבליק אַ פּאָדקאָווע, ווי בײַ אַן אַנדערן אַ שפּײַ טאָן. דער פּעטער זכאַריע איז זיכער געווען, אַז זײַן פּלעמעניק, דער קליינער מאַקס, וועט נאָך אַמאָל אים גוווער זײַן, און דערפאַר טאַקע האָט דער פּעטער ליב געהאַט דעם מאַזיק מער פון אַלע פּלעמעניקעס. דערפאַר איז ער געוואָרן מאָלע־רעציכע, דערהערנדיק אַזעלכע ריד פון יאָסל דעם סטעלמאַך.

— וואָס הייסט דאָס? ס'איז שוין העפקער אַ וועלט? מען איז געוואָרן כײַעס? ס'איז נעלעם געוואָרן אַ קינד פון שטוב און קיינעם אַרט עס ניט! די קאַפּאָטע פאַרזעצן, אויסגיין די גאַנצע וועלט, נאָר געפינען דעם מאַמזער, קאַטעווען אים, אַוועקזעצן אויף אַ קייט, ווי די ציגײַנער זייערע בערן! צעברעכן די ביינער, ער זאָל זיך מער ניט דערוועגן אָפּטאָן אַזאַ שפּיצל!

שאַבעס, נאָכן אָנבײַסן, האָט דער פּעטער זכאַריע אָנגעטאָן דעם יאָמטעוודיקן מאַנטל, וואָס איז אים געבליבן נאָך פון דער כאַסענע, אַ שטעק געטאָן אויפן גרויסן הוילן קאָפּ, וואָס וואָלט מער געפּאַסט פאַר אַ מיניסטער, ווי פאַר אַ פּאָשעטן שמיד, דעם אַלטן אָפּגעבליאַקעוועטן קאַפּעליוש מיטן גרינעם פעדער, וואָס בלויז הוצולן פאַרגינען זיך דאָ צו טראָגן אין גרויסע יאָמטויווים, און זיך פאַוואָלינקע געלאָזט גיין איבער די אַרומיקע ציגײַנערשע טאַבאָרן. ער האָט גענישטערט, געזוכט דעם שאָדן, נאָר אַלע ציגײַנער האָבן געשוואָרן, אַז די לעצטע טעג איז מאַקס נאָענט צו די טאַבאָרן ניט צוגעקומען און אַז מע האָט אים אין די אויגן ניט געזען. דער פּעטער זכאַריע האָט געמוזט פאַרקערעווען דעם דישל, זיך אַוועקלאָזן קיין קאָלאָמייע — גוטע עטלעכע צענדליק ווערסט פונדאַנען. ער איז געגאַנגען, געקנאָטן די בלאָטע אַ גאַנצן טאָג און אַ האַלבע נאַכט, אויסגעווייקט געוואָרן אונטערן רעגן, זיך אויסגעהונגערט ווי אַ קעלעוו, נאָר דאָך געקומען קיין קאָלאָמייע.

דעם גאַנצן טאָג, ביז שפּעט באַנאַכט זיך אַרומגעשלײַנדערט איבער גאַסן און געסלעך, אויסגעווען ווו אַ לאָך, ווו אַ קעלער, זיך נאָכגעפרעגט, נאָר נעכטיקע טעג! נישטאָ, פּוסטע כאַלוימעס. קיינער האָט ניט געזען און קיינער האָט ניט געהערט.

נאָר ניט אומזיסט שעמט דער פּעטער זכאַריע פאַר אַ גרויסן אַקשן. ער, אַז ער נעמט זיך אַרײַן אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ, וועט איר זי בײַ אים מיט קיין צען דרוקעס ניט אַרויסשלאָגן. נאָר וואָס איז דאָ צו ברײַען, ער האָט דעם שאָדן געפונען און געפונען גאַנץ צופעליק און אומדערוואַרט.

דער פּעטער זכאַריע וואָלט אײַך דערציילט די געשיכטע מיט אַלע פּישטשעווקעס, נאָר אײַך וואָלט געוויס קיין צײַט און קיין געדולד ניט געסטײַעט דאָס אַלץ אויסצוהערן.

צוליב דעם טאַקע וועלן מיר איבערגעבן די געשיכטע בעקיצער.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער דער פרעמדער שטאָט, איבער קאָלאָמייע, הייסט עס, אַ טאָג און נאָך אַ טאָג אַ הונגעריקער, אַ שלעפּעריקער, אַן אויסגעווייקטער, ווײַל איר דאַרפט וויסן, אַז אין דער צײַט, ווען אין די קאַרפּאַטן הייבן אָן גיסן רעגנס, קאָן מען דערטרונקען ווערן. אַ פאַרצווייפלטער האָט דער פּעטער זכאַריע זיך שוין געוואָלט לאָזן גיין אַהיים, האָבן אָבער גענומען ריידן די קישקעס און דער מאָגן.

„זאָג נאָר, רעב זכאַריע, דו האָסט שוין פאַרגעסן, וואָס הייסט יוישער, מיר זײַנען מעכוייעוו צוויי טעג געשוואָלן ווערן פון הונגער, און נאָר צוליב דעם דו זאָלסט זיך קאָנען אויספײַנען פאַר דעם שיינעם קאָרעוו יאָסל קרייסלער?"

יאָ, דער פּעטער זכאַריע האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען. ס'וואָלט אוודע געווען אַ יוישער זיך אַרײַנכאַפּן אין טראַקטירל און נעמען אַ שיינעם טראָפּן בראַנפן מיט אַ פּאָר שטיקער געפילטע

פּיש. נאָר גיי זײַ א בעריע, אז אין קעשעניע טאָגט. און ווי זאָגט יענער, פּרוּוו ארויסשטעלן א פײַג, אז קיין פינגער זײַנען ניטאָ...

נאָר וואָס זשע טוט מען פאָרט? עס שטייט אים נאָך פאָר אזא שווערער צוריקוועג, קאָן מען דאָך קיין כאַזער ניט זײַן און מע דארף פאָרט מיט עפּעס אָפּנארן די קישקע. איז דער פעטער זכאריע געפאלן אף אן אייצע זיך ארײַנכאפּן צו פאני זשיכלינסקא אין בעקערײַ. פון דאָרט וועט ער שוין קיין הונגעריקער זיך ניט אומקערן. לעס־ברייִרע וועט ער פאר א פּאָר גראָשן כאפּן א בייגל, א בולקעלע.

ניט לאנג געטראכט, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט צום פּילסודסקי־געסל, ווו עס געפינט זיך די בעקערײַ פון פאני זשיכלינסקא. זיך אראָפּגעלאָזט אין קעלער. ווי נאָר ער האָט אופגעהויבן די אויגן, איז אים מלאָסנע געוואָרן.

דער מאמזער איז דאָ! ער שטייט מיט א לאָפּעטע באַם אויוון, אן אײַנגעטונקענער פון קאָפּ ביז די פיס אין מעל, א פארפאַליעטער, א פארשוויצטער — דער אייגענער טאטע וואָלט אים, דאכט זיך, אויך ניט דערקענט.

דער פעטער זכאריע האָט ניט לאנג געטראכט און דערלאנגט דעם פלעמעניק איין פּאטש און א צווייטן, אז יענער האָט זיך איבערגעקערט דרײַ מאָל.

נאָר מאקס איז גלײַך געקומען צו זיך, אופגעשפּרונגען אף די פיס און זיך ניט געשעמט, דערלאנגט דעם ליבן פעטער אויסגאָב. דאָס איבעריקע האָבן שוין פאר אים געטאָן די בעקעריונגען. זיי האָבן זיך ארופגעוואָרפן אפן אומגעבעטענעם גאסט און אים אָפּגעשפּילט א וויוואטל, אז וויפל דער שמיד וועט לעבן, וועט ער עס האָבן צו געדענקען, ער וועט שוין פארזאָגן קינדסקינדער ניט אָנרירן מאקסן מיט קיין פינגער און ניט ארויסברענגען פון די קיילים כעוורע בעקער.

עס רעדט זיך נאָר אזוי — דער קליינער מאקס. דאָס איז געווען א יונג מיט ביינער, און קיינער וועט ניט גלייבן, אז דעם באָכערעץ איז ערשט זעכצן יאָר...

און אויב עס וועט בלײַבן צווישן אונדז, וועלן מיר אײַך אויסזאָגן א סאָד: דער פעטער זכאריע האָט דאָ, אין בעקערײַ, פארגעסן, צוליב וואָס ער איז אהער אראָפּגעקומען. ער האָט זיך קוים א לעבעדיקער ארויסגעקראַטשקעוועט פון קעלער, דערבײַ נאָך מיט אזעלכע לאמטערנס אונטער די אויגן, אז ער האָט זיך אפילע ניט פאָרגעשטעלט, וויִאזוי וועט ער זיך באווײַזן פאר מענטשן.

און דאָך איז ער אוועק פון דער בעקערײַ א צופרידענער. ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר ער האָט דאָך געפונען יאָסל סטעלמאכס בענאָק און וועט זיך אומקערן פון קאָלאָמייע מיט דער שיינער בסורע: פאראן דער שאָדן! מאקס לעבט, א לויב דעם אייבערשטן!

נאָך דעם, ווי דער פעטער זכאריע האָט זיך אומגעקערט אהיים מיט דער גוטער בסורע, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן א גערודער אין שטעטל און באזונדערס בא יאָסל דעם סטעלמאך אין שטוב. עס האָט זיך געטאָן אף טיש און אף בענק. ווײַל ווער ווייסט עס דען ניט, ווען פרייט זיך א קאפּצן? ווען ער פארלירט און געפינט!

ערשט איצט האָבן אלע זיך געכאפּט, ס'ארא טײַערער באָכער מאקס איז, ס'ארא גאָלדענע געשאָמע ער האָט, אז אים איז באשערט, ער זאָל אויסוואקסן א מענטש. ער איז כאָלילע ניט אנטלאָפן מיט קיין כאליאסטרע ציגײַנער, מיט קיין באנדע פערד־גאנאָווים, פּוסטע יונגען, ווי אנדערע טוען עס. וואָס זשע, ער איז אוועק קיין קאָלאָמייע זיך פארדינען דאָס שטיקל ברויט, זיך אויסלערנען א מעלאָכע, וויל ווערן א מענטש, א בעקער, טאָ זאָל זײַן אין א גוטער, אין א מאזלדיקער שאָ...

אָבער די מאמע האָט דערפון אפילע ניט געוואָלט הערן. זי וויל, אלע קינדער זאָלן זײַן לעבן איר, קאָלזמאָן זי לעבט. וויפל באָנים אירע האָבן זיך ניט אומגעקערט פון דער מילכאָמע! וויפל טרערן האָט זי צוליב זיי פארגאָסן, זאָל עס נאָר פאלן אין יאם ארײַן. האָט זי טאקע אופגעהויבן א גוואלד, מע זאָל לויפן ברענגען דאָס ייִנגל אהיים, אים אפילע אָנברעכן די ביינער, ער זאָל זיך מער ניט דערוועגן אָפּטאָן אזעלכע שפּיצלעך, מעוויײַעש זײַן די גאנצע מישפּאָכע...

דער סטעלמאך האָט זי אויסגעהערט און זי פאָרזיכטיק גענומען בארויִקן:

— נארעלע, וואָס דארפסטו זיך אזוי ערגערן? דאָס איז, אפּאָנעם, א גאָט־זאך. אויב מאקס פארדינט זיך זײַן שטיקל ברויט, טאָ זאָל זײַן אין א מאזלדיקער שאָ. דו געדענקסט, דאכט מיר, גוט, אז אונדזער טאכשיט האָט שוין פון לאנג א גוסט צו בעקערײַ, צו געבעקס... ער איז א געבוירענער בעקער. דערמאָן זיך נאָר יענע צײַט, ווען איך האָב געעפנט בא אונדז אין שטוב א בעקערײַ. געדענקסט דען ניט, וויִאזוי מאקס האָט זיך אויסגעפּײַנט.

געוויס! אוואדע געדענקט זי, שיפרע, וויִאזוי איר שלימאזל יאָסל האָט זיך אמאָל ארײַנגענומען אין קאָפּ א מעשוגאס, אז סטעלמאכערײַ גייט איצט ניט אָן און ער דארף עפענען בא זיך אין שטוב א בעקערײַ, באקן בולקעלעך, בייגל. אנדערע דארפן דינגען מיטהעלפער, און בא אים זײַנען מיטהעלפער א גאנצע שטוב. זיי וועלן ארבעטן, און עס וועט זײַן א טאָלק!

ניט לאַנג געטראַכט, האָט דער שלימאַזל פאַרזעצט פון שטוב אַלץ, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, גענומען געלט אף פּראָצענט, אַרײַנגעקראָכן אין כויוועס, געבליבן גאָט די נעשאָמע שולדיק. קורץ, ער האָט אַרײַנגעבראַכט אין שטוב עטלעכע זעקלעך מעל, צוקער און אַנדערע געשמאַקע זאַכן, איבערגעוואָרפן דעם אויוון, אויסגעטעסעט נײַע טישן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ לײַטישער בעקערײַ. אַלע האָבן זיך אָנגעהאָרעוועט, ווי אַ פויק אף אַ כאַסענע, און גאָט האָט געהאָלפן, מע האָט אויסגעבאַקן די ערשטע עטלעכע אויוונס בולקעלעך און קיכלעך. נאָר אַלץ הייסט קיכלעך! מע האָט זיי געקאָנט שטעלן פאַרן קייסער. זיי האָבן געשײַנט אין די בעקנס, ווי דער מאָרגנשטערן. אַ קאַפּאָרע אַלע בעקער און קאָנדיטערס פון לעמבערג, קאָלאָמייע, ווין, סטאַניסלאַוו! ווען זיי שטעלן זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, די הולטײַעס, גאַזלאָנים, וואָלטן זיי דען אויסגעבאַקן אַזעלכע קיכלעך? יאָסל איז געווען אפן זיבעטן הימל! דעם סטעלמאַך איז שווער געווען צו דערקענען. עפּעס גאָר אַן אַנדער מענטש. ער האָט זיך פאַרפּוצט און אוועקגעלאָפן אַיבער די קרעמלעך, אין רעסטאָראַציע אײַנלאַדן די באַלעבאַטים, זיי זאָלן נאַשפּיץ לויפן אָפּנעמען די סכוירע. מענטשן גיבן איבער, אַז זינט מע קען אים, יאָסל דעם סטעלמאַך, האָט מען אים נאָך ניט געזען אַזאַ שײַנענדיקן, אַזאַ גליקלעכן. נאָר איר וואָלט אָבער געדאַרפט אַ באַלן זײַן אַ קוק טאָן אף אים, ווען ער איז געקומען מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע באַלעבאַטים, קוינים און דערזען, ווי מאַקס מיט זײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך און מיט זיי אויך די קינדער פון דער גאַנצער גאַס זײַנען געשטאַנען אַרום די בעקנס און געקײַעט. עס איז מאַמעש אַ מעכײַע געווען צו קוקן, מיט וואָס פאַר אַן אַפּעטיט די כעוורע האָבן געריבן. איר זאָלט זאָגן, זיי זאָלן געווען איבערלאָזן כאָטש איין קיכל, איין בולקעלע אף אַ מויצע.

דרײַ טעג נאָכאַנאַנד האָט קאָוואַליוקע געלאַכט, זיך געקײַקלט פאַר געלעכטער.

מיילע, וויפל ביזיוינעס יאָסל איז אויסגעשטאַנען צוליב דעם קראַך פון זײַן בעקערײַ און זײַנע גאָלדענע געשעפטן, זײַנען מיר אײַך מויכל. די פירמע האָט גלײַך געפּלאַצט. אינגיכן האָבן זיך אף אים אַרופגעוואָרפן די טײַערע קרעדיטאָרן און גענומען פון אים שינדן די הויט, רײַסן שטיקער פלייש. מע האָט אים אַרײַנגעזעצט אין גרוב פאַר אָנזעצן, און ער האָט דערנאָך פאַרזאָגט קינדס־קינדער זיך מער ניט פאַרנעמען מיט אַזעלכע זאַכן.

יאָ, וועט איר דאָך געוויס אַ פרעג טאָן: און ווו איז געווען די מאַמע, לעמײַ האָט זי ניט איבערגעבראָכן הענט און פיס אירע כעוורע, וואָס האָבן אַרײַנגעבראַכט יאָסלען אין אַזאַ אומגליק? איז דער ענטפער אַ פּאָשעטער: גראָד צו יענער צײַט איז שיפרע געלעגן אין קימפּעט...

אין דער דאָזיקער טרויעריקער געשיכטע האָט מען זיך דערמאָנט טאַקע דעם זעלבן טאָג, ווען דער פעטער זכאַריע האָט געבראַכט די שיינע בסורע, אַז דער שאָדן האָט זיך אָפּגעזוכט.

שיפרע האָט געטריבן דעם מאַן, ער זאָל גלײַך לויפן קיין קאָלאָמייע ברענגען אַהיים דעם מאַזיק.

יאָסל קרייסלער האָט אויסגעהערט מיט קאָפּ זײַן פּלוינעסטע און, ווי שטענדיק, געטאָן קאַפּויר. „וואָס איז דאָס לויפן, — האָט ער זיך געטראַכט, — עס ברענט? ווער ווייסט עס דען ניט, אַז אַ ווײַבס אייצע דאַרף מען אויסהערן און טאָן פּונקט פאַרקערט?" ער וועט, פאַרשטייט זיך, גיין קיין קאָלאָמייע, נאָר אָן אײַלעניש. זאָל איבערגיין אַ שטיקל צײַט. זאָל דער באָכער פאַרדינען עטלעכע זלאָטעס, וועט זײַן פאַר וואָס נעמען אַן אָקע שנאַפּס. פונדאַנען ביז קאָלאָמייע איז פאָלג מיך אַ גאַנג. און דורכמאַכן צופוס אַזאַ וועג און דערבײַ נאָך אינמיטן אָסיען, ווען די רעגנס און ווינטן בושעווען אין די קאַרפּאַטן, און דערצו נאָך וויסן אַפּריִער, אַז עס וועט ניט זײַן פאַר וואָס קויפן קיין ביסל בראַנפן אף באַנעצן דעם גאָרגל, איז אַ פּלאַן נאָר פאַר אַ מעשוגענעם.

און ווער, אַשטייגער, ווייסט דען ניט, אַז דאָס ערגסטע פערדל לויפט גיכער, ווען עס פילט, אַז אין שטאַל וואַרט אף דעם אַ גוטע טאָרבע האָבער?..

דאַכט זיך, אַז נאָר ווײַבער פאַרשטייען דאָס ניט, טאָ זאָלן זיי ניט דרייען קיין ספּאָדעק!

פאַני זשיכלינסקאַ מיט די קעץ

עס איז, דאַכט זיך, גרינגער געווען ווערן אַ מיניסטער בײַ יוזעף פּילסודסקין, איידער אַ שיק־ייִנגל אין בעקערײַ בײַ פאַני זשיכלינסקאַ.

פאַני זשיכלינסקאַ... אָ, דאָס איז שוין איין מאָל אַ פאַני, אַ באַלעבאָסטע מיט אַ שעם! אַ קלײניקײַט אויסצורעדן? ס'אַ סוואָרע, אַז נאָך דעם אימפּעראַטאָר פראַנץ־יאָסיף און נאָך דעם פּאַן פּילסודסקי איז די דריטע אין מעדינע געגאַנגען פאַני זשיכלינסקאַ.

און געשעמט האָט זי ניט מיט איר שיינקײַט כאָלילע, ניט מיט איר גוטהאַרציקײַט און כאָכמע און אַפילע ניט מיט איר געבעקס, געשעמט האָט זי מיט אירע קעץ!

איר קאָנט אויספּאָרן די גאַנצע מעלוכע, וועט איר ניט געפינען נאָך אַ פּריצע, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַזויפיל קעץ, ווי זי, פאַני זשיכלינסקאַ.

גאַנץ פּוילן, זאָגט מען, אַלע בלעטער האָבן אַמאָל געקלונגען מיט אירע קעץ, און ניט אַזוי מיט אירע קעץ, ווי מיט די צאַוואָעס, וואָס זי האָט באַם לעבן איבערגעלאָזט פאַר יעדער קאַץ באַזונדער. זי האָט אַפילו אָפּגעקויפט באַ אַ פּאַרעץ אַ שטיק פעלד פאַר אַ בעסוילעם פון אירע קעצס וועגן און דערצו נאָך באַשטעלט אין בודאַפּעשט, באַ אַ גאָר געהויבענעם סקולפּטאָר, אַ מירמלענעם דענקמאָל פאַר זיי.

עמעצער קאָן נאָך מיינען, אַז דאָס איז געווען אַ פאַרזעסענע מויד? איז זאָל גאָט היטן!

זי איז געווען אַן אַגונע. דאָס הייסט, דער מאַן האָט זי אוועקגעוואָרפן, און ניט איין מאַן, דריַי האָבן מיט איר אָפּגעטאָן דאָס זעלבע שפּיצל. אוועק, און גיי רוף זיי קנאַקניסל!

די פאַסקודניאַקעס, ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגערעדט, האָבן אַפילו ניט אויסגעהאַלטן ביזן סאָף פון האָניק־כוידעש און אַנטלאָפן, ווי מע לויפט פון עפּעס אַ מאַגייפע.

נאָר וואָס עמעס איז עמעס, זיי האָבן באַ איר געהאַט צו זינגען און צו זאָגן! אויף יעדן איינעם פון אירע דריַי באַשערטע האָט זי דערלאַנגט אין געריכט, פאַרפירט לאַדענישן, פּראָצעסן, וואָס ציִען זיך שוין אַ סאַך יאָרן, און אויף אַדוואָקאַטן האָט זי נעבעך געפּאַטערט די גרעסטע טייל פון איר פאַרמעגן. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז זי האָט זיך געמוזט צעשיידן מיט איר געהויבענער בעקעריַי, וואָס איז געשטאַנען אויבנאָן, אויף דער שענסטער גאַס פון קאָלאָמייע, און אַריַינקריכן אין אַ האַלבפינצטערן קעלער, זי האָט געמוזט אָפּזאָגן אַ שיין ביסל בעקער און בליַיבן מיט יענע, וואָס נעמען וועלוועלער.

אַזוי צוביסלעך האָט די פירמע אָנגעוואָרן איר פּאָנעם, און בעסוכעם האָט אויך אָנגעוואָרן איר פּאָנעם פאַני זשיכלינסקאַ, זי איז געוואָרן אַלט און געקנייטשט, געבויגן און געקאַרטשעט, ווי אַ פאַראַיאָריקע געזויערטע אוגערקע. נאָר אונטערגעבן זיך האָט זי אַפילו ניט געטראַכט. ביז זי וועט אירע געוויזענע מענער ניט דערפירן צום קיוווער, וועט זי זיך ניט באַרויִקן.

איז טאַקע איר גאַנצע ענערגיע, די טעג מיט די יאָרן אוועק אויף לאַדענישן. אַפילו די קעץ אירע האָבן געפילט, אַז מיט דער באַלעבאָסטע קומט עפּעס פּאָר.

אָ, זי געדענקט גוט יענע צײַט, ווען זי האָט געשעמט מיט איר געבעקס. פאַני זשיכלינסקאַ דערציילט אַליין, אַז ווען דער אַלטער פראַנץ־יאָסיף איז אַמאָל אַראָפּגעפאָרן קיין קאָלאָמייע, האָט ער גליַיך פאַרקערעוועט צו איר אין בעקעריַי, קעדיי פאַרזוכן אירע גרויסאַרטיקע בולקעלעך. און ווען ער איז אוועקגעגאַנגען, האָט ער זי, די פאַני זשיכלינסקאַ, אַפילו אַ קניפּ געטאָן אין בעקל. ביז היַינט היט זי אָפּ, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, דעם ציבעק, וואָס דער אימפּעראַטאָר האָט פון גרויס איבעראַשונג פאַרגעסן אין בעקעריַי.

יאָ, איצט איז דאָס שוין ניט יענע בעקעריַי, וואָס געווען אַמאָל, און דאָס געבעקס איז שוין ניט יענץ. נאָר דער אַלטער האָנאָר איז געבליבן...

נאָך ביז איצט איז אָנקומען אויף אַרבעט צו איר אין בעקעריַי געווען ניט פון די גרינגע זאַכן.

היַינט פאַרשטייט איר שוין אַליין, וואָס פאַר אַ רוישעם עס האָט געדאַרפט מאַכן אויף אירע בעקער דאָס, וואָס פאַני זשיכלינסקאַ האָט פּלוצעם אַראָפּגעבראַכט צו זיי אַן אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, האַלב פאַרפאָרן יִינגל און געמאָלדן: „ווער עס וועט אים אָנרירן מיט אַ פינגער, באַליידיקן, וועט דערנאָך כאַראָטע האָבן!“

מיט וואָס דאָס יִינגל האָט אַזוי אויסגענומען אין אירע אויגן, איז געווען ניט צו פאַרשטיין. עפּעס איז געשען אַ נעס, געפּייגערט אַ בער אין וואַלד.

אין וואָס זשע באַשטייט טאַקע דער סאָד, וואָס דאָס מאַזל האָט מאַקסן אונטערגעשפּילט? וואָלט איר טאַקע וויסן, אַז דאָס איז אים אָנגעקומען ניט אַזוי גרינג, ווי עמעצן קאָן זיך דוכטן.

אויף זײַן וויסטן מאַזל האָט געדאַרפט טרעפן, אַז גראָד אין די טעג, ווען מאַקס איז געקומען קיין קאָלאָמייע, זאָלן זיך אין די קאַרפּאַטן צעפּלאַכען די האַרבסטיקע ווינטן, אָנטראָגן אַ קאַלטן שלאַקסרעגן, אַן איבערגעמישטן מיט שניי. אין אַזאַ וועטער איז אַ שאָד אַרויסלאָזן אַ הונט אויף דער גאַס. און ער, מאַקס, איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט, ציטערנדיק פון קעלט, און געזוכט אַ ווינקל אויף דערוואַרעמען די נעשאָמע. אַ הונגעריקער, אַן אויסגעווייקטער, האָט ער נאָך פון־וויַיטנס דערפילט דעם געשמאַקן גערוך פון געבעקס און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, וואָס איז געווען פאַרפּאַראַשעט מיט מעל און אויף האַלב איַינגעזונקען אין דער ערד. מאַקס איז דאָ אַזוי געשטאַנען ווער ווייסט וויפל און געגעסן מיט די אויגן די בולקעלעך, די ראָזלעכע בייגל, באַשאַ־טענע מיט מאָן, געקוקט און געשלונגען די סלינע.

אָט דאָ טאַקע, אַ צוגעזאָטענעם צום פענצטערל, האָט אים געפּאַקט די באַלעבאָסטע.

— וואָס טוסטו דאָ! — האָט זי זיך צעשריִען. — דו וואַרטסט, מע זאָל אַרויסטראָגן די קוישן,

דו זאָלסט קאָנען אראָפּכאַפּן עטלעכע בולקעלעך? פאַרגעם זיך פונדאַנען, ווײַל באַלד כאַפּסטו בא מיר מיטן שירעם איבערן קאָפּ!

ווען זי האָט אָבער דערזען זײַנע גלאַנצנדיקע גרויסע ציגײַנערישע אויגן, דאָס גוטמוטיקע און אומשולדיקע כיינעוודיקע פּאָנעם זײַנס, איז זי געוואָרן אַ ביסל ווייכער.

— מומינקע, איך בין ניט קיין שנאָרער, איך זוך אַרבעט... — האָט ער ניט דרייסט געזאָגט.

— וואָס זשע ביסטו געקומען אַהער?

— איך... איך האָב אַמאָל געאַרבעט באַם אויוון... — האָט ער זיך שטאַרק פאַרויטלט, דערמאָנענדיק זיך אין זײַן טאַטנס בעקערײַ. — ס׳איז גוט צו זײַן אַ בעקער...

— איך האָב גענוג בעקערס אָן דיר!.. — האָט זי געזאָגט, עגבערנדיק דאָס יינגל מיט איר בייזן בליק. — דו זאָג מיר בעסער, לויפן קאָנסטו גוט?

— האָ־אָ!

— נו, און קעץ האָסטו ליב?

— קעץ? — אַ גוטער שמייכל האָט באַשײַנט זײַן פּאָנעם. ער האָט אָנגעקוקט די קליפּע, ווי אַ מעשוגענע. פאַרוואָס זאָל ער ליב האָבן קעץ, אַז אין שול האָט ער ניט איין מאָל געהערט פון די לערער, אַז אַ יינגל טאָר זיך ניט דערוועגן שפּילן מיט קיין קעץ, אויב ער וויל ניט האָבן קיין פאַרשטאָפּטן קאָפּ. ער קאָן ניט קוקן אויף קיין קאַץ. אָט זעסטו, אַ הונט — דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. אַ הונט איז דעם מענטשנס אַן איבערגעגעבענער פרײַנט. שיר־שיר וואָלט ער עס אַלץ אויסגעלייגט דער מאָדנער מאַדאַם מיטן פּעדערנעם קאַפּעליוש און מיט דעם טיול אויפן לענגלעכן פּאָנעם, נאָר ער ווייסט אַליין ניט, וויאַזוי עס האָט זיך בא אים אַרויסגעכאַפּט:

— יאָ, פּאַני, קעץ האָב איך ליב!

און דאָס, אייגנטלעך, האָט באַשטימט זײַן גורל. ער האָט דערזען אויף איר אָנגעדראָלענעם, שטאַרק אָנגעפאַרבטן פּאָנעם אַ סימען פון אַ שמייכעלע און פאַרשטאַנען, אַז ער האָט איר צוגעטראָפן.

און ווײַטער איז שוין אַלץ אַוועק ווי אין אַ כאָלעם. זי האָט אַרויסגעשלעפּט פון איר געפלאָכ־טענעם קוישל אַן עמאַלירטע קיילע און זי אַרײַנגעשטעקט מאַקסן אין די הענט, געגעבן אים אַ מאַטבייע און אַ זאָג געטאָן:

— אַנו, באַווײַז, וויאַזוי דו קאָנסט לויפן. אין פינף מינוט אַרום זאָלסטו מיר ברענגען פון מאַרק אַ קרוג מילך פאַר מײַנע קעץ, נאָר שנעל. אַ פוס דאָ, אַ פוס דאָרט... אויב דו וועסט זיך גיך אומקערן, בלײַבסטו אַרבעטן בא מיר אין בעקערײַ.

דעם עקזאַמען האָט מאַקס אויסגעהאַלטן און איז טאַקע פאַרבליבן אין בעקערײַ בא פּאַני זשיכלינסקאַ. מאַקסן האָבן געראַטעוועט די קעץ, פּונקט ווי די גענדז האָבן אַמאָל געראַטעוועט די פּײַנע שטאָט רוים...

ווען ניט די קעץ, וואָלט מאַקס קרייסלער זיך געקאָנט רעכענען פאַר אַ גליקלעכן. אין דרויסן מעג דונערן און בליצן, טרײַבט אים די באַלעבאָסטע אין מאַרק. דאָס ברענג איר מילך, דאָס ברענג איר פלייש פאַר אירע הויכגעשעצטע פירפיסלדיקע פרײַנט. עס טרעפט, אַז זי שלעפּט אים אַראָפּ אינמיטן דער נאַכט פון געלעגער, ער זאָל לויפן הענדעם־פּענדעם איבער די הויפן און געפינען זוכן פּאַני זשיכלינסקאַס אַ געליבטע קאַץ, וואָס האָט זיך ערגעץ פאַרפּלאָנטערט אין אירע ליבע־אינטריגעס...

האָט עס אים גאָט צוגעשיקט אַ באַלעבאָסטע, שוין איינמאָל אַן אַנטיק! אַ קיניגין פון קעץ. אַזוי האָבן טאַקע די בעקער־יונגען זי גערופן. נאָר פאַר מאַקסן איז דאָס נאָך אויך אַ גליק. ער וואָלט איצט שוין אויסגעזען, ווען ער טרעפט ניט אָן אויף איר. מאַקס האָט זיך אויסגעלערנט ניט נאָר אײַנקויפן עסן פאַר די קעץ, נאָר אויך זי נאָכקרימען. אַז ער שטעלט זיך אַוועק פאַר די בעקער און הייבט אָן באַווײַזן, ווי די באַלעבאָסטע דרייט מיט די קליבעס, ווי זי שטייט און ווי זי גייט, ווי זי רעדט, פּלאַצן די כעוורע פון געלעכטער.

— דאָס איז אַן עמעסער שעד, מיט אים וועסטו פון אומעט ניט שטאַרבן. מיט אים איז פרייליכער צו לעבן אויף דער וועלט, — האָבן זיך געוויצלט די בעקער־יונגען און אים אָפּגעהיט, ווי אַ קלענער ברידערל.

איצט פאַרשטייט ער שוין גוט, מאַקס קרייסלער, דעם טײַטש פון זײַן טאַטנס באַליבט גלײַכ־ווערטל. ווען עמעצער פלעגט אים אַ פרעג טאָן: „וואָס הערט זיך, ווי גייען די געשעפטן?“ — האָט דער טאַטע געהאַט איין ענטפער:

— מע ליגט, דאַנקען גאָט, אין דער ערד און מע באַקט בייגל...

אָט דאָס דאָזיקע ווערטל וואָלט אויך גאַנץ שיין געפּאַסט פאַר דער פּאַני זשיכלינסקאַ. ווי זי

האָט זיך ניט געסטאַרעט פוצן זיך און פאַרבן, האָט עס איר ניט געהאָלפן. באַזונדערס איז זי נעבעך געפאַלן בא זיך, זאָגט מען, נאָך איר לעצטן שידוך.

אין א שיינעם פאַרנאַכט האָט זיך געיאָוועט צו איר עפּעס א דזשענטלמען אין א צילינדער און איר דערציילט, אז ער איז א באַלעבאָס פון אן אויטאָמאָביל־זאַוואָד אין פראַנקרײַך און האָט כיישעק מיט איר, מיט פאַני זשיכלינסקאַ, זיך נעענטער צו באַקענען. א וואָרט פאַר א וואָרט, און עס לאָזט זיך אויס, אז ער פאָרט אין דער שווייץ אַפן זומער און וואָלט געוואָלט, זי, די פאַני זשיכלינסקאַ, זאָל אויך פאָרן. דאָרט וועט מען זען, ווו מע האַלט אין דער וועלט.

פאַני זשיכלינסקאַ איז געווען אפן זיבעטן הימל — אזא פײַנער מענטש, אין די מיטעלע יאָרן, און דאַפקע זי איז אים געפעלן געוואָרן! זי האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, אז אָט־אָט וועט ער זאָגן דאָס געגאַרטע וואָרט. נאָר איינמאָל, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון מאַרק, האָט זי געטראָפן פוסטע שאַפעס און טשעמאָדאַנעס. איר באַקאַנטער איז ווי אויסגערונען געוואָרן און זי איבערגע־לאָזט ווי די מאַמע האָט זי געהאַט. פאַני זשיכלינסקאַ האָט שיר ניט געכאַפּט די פּאַפּלעקציע.

נאָך לאַנגע מאַטערנישן איז די פּאָליציי דערגאַנגען, אז דער פאַרשוין האָט שוין ניט מיט איינער אָפּגעשפּילט די זעלבע שפּיל און אז די פּאָליציי פון עטלעכע מעדינעס זוכט אים אַרום א שיינע פּאָר יאָר...

פון דעמלט אָן איז פאַני זשיכלינסקאַ געוואָרן דער גרעסטער סוינע אַלע מאַנצבלען. אז זי קומט אַראָפּ אין קעלער און דערזעט די בעקער־יונגען, איז זי גרייט אויסדראַפּען זיי די אויגן.

אָבער מאַקסן זײַנען דאַפקע געפעלן געוואָרן זײַנע נײַע באַקאַנטע, וועלכע האָבן אים גער־לערנט שטיין באַם אויוון, און ער האָט זיך דאָ געפילט גאַנץ גוט. ווער איז דען געווען גלײַך צו אים? סאָפּקאָלסאָף האָט ער זיך צוגעשלאָגן צו א ברעג.

ניט אומזיסט זאָגט מען: „א וואָרעם קריכט אַרײַן אין כריין און מיינט, אז קיין זיסערס איז נישטאָ...“

מאַקס האָט טאַקע געטראַכט, אז קיין בעסער אָרט, ווי דאָ, אין בעקערײַ, דאַרף ער ניט.

עס איז מאַמעש א מעכײַע געווען נאָך האַלבער נאַכט זיך אויסציִען אין דער גאַנצער לענג אף די זעק מעל, פרײַ אָפּעטעמען נאָך א שווערן טאָג אַרבעט, נאָכן אַרומלויפן אײַנקויפן פאַר די קעץ מילך און פליייש. מאַקס פלעגט זיך אײַנמאַסטען אף די זעק, נעמען א ביכל בא דעם בעקער אילקאָ זאַגול און לייענען, לייענען, ביז די הענער האָבן אָנגעהויבן קרייען. ווער רעדט, אז אילקאָ זאַגול פלעגט נעמען דערציילן זײַנע געשיכטעס, דעמלט איז שוין קיין גליקלעכער פון מאַקסן ניט פאַראַן.

יאָ, אילקאָ דאָס איז ניט קיין פּאַשעטער בעקער. דער הויכער סטולער יונג מיט די גרויסע ברילן אף דער קורצער, עטוואָס פאַריסענער נאָז, מיטן ענערגישן, טרוקענעם פּאָנעם און ליכ־טיקע, דורכדרינגלעכע אויגן, וואָס מאַכן אים ענלעך אף א לערער, איז א באַכער מיט א טײַער האַרץ, א קלוגער, א גוטער. נאָר אַזעלכע האָבן באַלעבאַטים ניט ליב. ניט אומזיסט האָט מען אים אַרויסגעטריבן פון דעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט, ווו ער האָט צוויי יאָר שטודירט. מע זאָגט, אז אילקאָ זאַגול איז פון אוניווערסיטעט גלײַך אַרײַנגעפאַלן אין טורמע פאַר אָנטייל נעמען אין א שטרײַק, וואָס סטודענטן האָבן אַנומלטן דורכגעפירט. פון ערשטן אויגנבליק האָט אילקאָ זאַגול ליב באַקומען מאַקסן און האָט זיך געטיילט מיטן יינגל מיטן לעצטן ביסן, פאַרטרויט אים אפילע א סאָך סוידעס.

די ערשטע ליבע

צי ווייסט איר, וואָס איז אַזוינס ליבע? די ערשטע ליבע?

צי האָט מיט אײַך אַמאָל פּאַסירט, איר זאָלט באַגעגענען א מיידל, ניט זייער קיין שיינס, נאָר אזא, וואָס פאַרמאָגט טויזנט כיינען, און אין איין אויגנבליק זאָל זי אײַך ווערן אײַנגעבאַקן אין האַרצן און איר זאָלט פאַרלירן די רו? איר גייט אַרום ווי א פאַרטשאַדעטער, און ווו איר זאָלט זיך ניט א קער טאָן, וועגן וואָס איר זאָלט ניט טראַכטן, שטייט זי אַלץ פאַר אײַערע אויגן, איר זעט זי אין כאָלעם, טראַכט נאָר וועגן איר...

אָט זיצט איר אין שול איבער א ביכל, דער לערער פרעגט אײַך עפּעס, נאָר איר שטאַמלט, ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן, פאַרשטייט ניט, וואָס מע וויל פון אײַך, איר זעט פאַר זיך בלויז זי, און ניט דער לערער, ניט זי, קיינער ניט, אַכוץ אײַך, ווייסט ניט פון דעם דאָזיקן סאָד...

וואָס איר זאָלט ניט טאָן, צו וואָס איר זאָלט זיך ניט נעמען, אַלץ פאַלט אײַך פון די הענט. די אַרומיקע קוקן אף אײַך ווי אף א מעשוגענעם, לאַכן, נאָר אײַך גייט עס ניט אָן, אײַך אַרט עס ניט.

מיט אײַך איז אַזוינס קיינמאָל ניט געשען? און מיט מאַקס קרייסלערן — יאָ.

אין א שיינעם זומער־פאַרנאַכט איז דאָס געווען. מאַקס האָט זיך פאַרקליבן טיף אין די קאַר־פּאַטן נאָך יאַגעדעס. די מאַלינע־קוסטעס זײַנען אין יענער צײַט געווען מאַמעש באַשאָטן. די זאַפ־טיקע יאַגעדעס האָבן געכאַלעשט, געבעטן זיך, מע זאָל זיי צונויפקלײַבן, ניט לאָזן, זיי זאָלן פאַלן אויף דער ערד, פאַרפוילט ווערן, גיין צו גרונט.

פאַרפּוצט אין זײַן נײַעם קאַרטוז און אינעם נײַעם העמדל, וואָס די מאַמע האָט אים אויף יאַמטעווו געקויפט, האָט מאַקס געקלעטערט איבער די מאָכיקע פעלדזן און געזונגען פריילעכע קאַלאָמייקעס.

א ביסל העכער האָט גערוישט דער וואַלד, עס האָבן געסקריפּעט די שלאַנקע פּיכטעס, פאַ־מעלעך האָבן זיך באַוועגט די גרוילעכע קרוינען פון די יעלן, ווי זיי וואָלטן אָנזאָגן א סאָד די בערג און אויך די וואָלקנס, וואָס לויפן פאַרבײַ...

אין א זײַט האָט אונטערגעברומט א באַרג־טײַכל, וואָס האָט זיך געשלאָגן אין די שטיינערנע ברעגן. און אַרום — קיין לעבעדיקע באַשעפעניש. קאָנסט זינגען, טאַנצן, שפּרינגען, ניטאָ פאַר וועמען זיך צו שעמען.

איר האָט אַמאָל געזען די קאַרפּאַטן ערעוו זון־פאַרגאַנג?

מאַקס ציגײַנערשע אויגן האָבן געשײַנט. ער האָט געקלעטערט אַלץ העכער און העכער, אַרײַנגעקוקט אין פּוסטע נעסטן, זיך אײַנגעהערט צו דעם סיטש, וואָס האָט ערגעץ געהוקעט.

דאָס קוישל איז שוין געווען פול מיט יאַגעדעס און עס איז צײַט געווען זיך לאָזן אַהיים, נאָר עס האָט געצויגן אַלץ העכער און העכער.

נאָר דאָך האָט מען זיך געדאַרפט אומקערן. און מאַקס האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן פון דער פאַלאָנינע צום וועג, וואָס פירט אין שטעטל אַרײַן.

מאַקס איז געגאַנגען מיט א ברייטן שפּאַן, געזונגען און מיט זײַן געזאַנג געשראָקן די פייגל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן הויכן ברעג, זיך פאַרקוקט אויף דעם שוימענדיקן שטראָם, וואָס האָט געיאָגט פון די בערג. פּלוצלינג האָט ער דערהערט א מיידלש געלעכטער. פון אומדערוואַרטקײַט האָט ער דערשראָקן גענומען זיך אַרומקוקן. ניט ווײַט, אין דער זײַט פון וועג, איז אויף א מאָכיקן שטיין געשטאַנען א שלאַנק מיידל.

— היי, דאָס האָסטו אַזוי שיין געזונגען, מאַקס? — האָט זי אויסגעשריגן.

ער האָט אויף איר געקוקט צעשטרייט, זיך ניט געקאָנט אָנשטויסן, ווער זי איז און פונוואַנען וויסט זי, ווי מע רופט אים.

— אַז עס געפעלט ניט, הערט מען ניט! — האָט ער אומצופרידן אָפּגעענטפערט און, סטאַ־רענדיק זיך ניט קוקן אויף איר, זיך געלאָזט זײַן וועג.

זי האָט אָבער געשמייכלט און ניט אַראָפּגענומען פון אים דעם בליק:

— כ'האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזא בייזער!.. — האָט זי זיך ווײַטער אָנגערופן. — דו האָסט גאָר ניט מוירע אַרומגיין איינער אַליין אין די בערג?..

דאָס האָט אים שוין פאַרדראָסן. ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז דאָס איז ניט איר אייסעק, נאָר ווען ער האָט אויפגעהויבן אויף איר דעם בליק, האָט ער זי דערקענט: מאַרטע!.. דעם פעלדשערס טאָכטער... דאָס איז זי געוויס געקומען אַהיים אויף קאַניקולן...

די באַקן האָבן בא מאַקסן אָנגעהויבן פלאַקערן. איצט, ווען ער איז שוין געווען קימאַט לעבן איר, דערזען איר לויכטנדיק פּאָנעם, די פאַרברוינטע געטאָקטע פיס, האָט ער זיך אינגאַנצן פאַר־לוירן און ניט געוווּסט, צי זאָל ער דורכגיין שנעלער פאַרבײַ אָדער זיך אָפּשטעלן. אין דער מינוט איז זי אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, כאָטש אַנדערע מיידלעך מיט אַזעלכע ווײַסע באַנטן אין די צעפּלעך, ווי בא איר, האָט ער ניט געקאָנט אָנקוקן.

יאָ, נאָר וואָס טוט זי דאָ, מאַרטע, איינע אַליין? זי האָט גאָר ניט מוירע? פאַר א מיידל איז דאָ א ביסל געפערלעך. און ביזן שטעטל איז פאַלג מיך א גאַנג! ער האָט שוין געוואָלט זי א פרעג טאָן וועגן דעם, נאָר ער האָט דערזען אויפן וועג א וואָקסיקן דאַרן באָכער מיט א געהויקערטער שמאָלער פּלייצע. אויף דער שאַרפער נאָז האָט ער געטראָגן גרויסע ברילן אין א גילדן ראַמל, דורך וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט צוויי קורצזיכטיקע שפּאָטנדיקע אויגן.

אויפן שפּיץ קאָפּ איז בא דעם באָכער נאַכלעסיק געזעסן א קײַלעכיק היטעלע מיט א גלאַנ־ציקן קליינינקן דאַשעק — א סטודענטיש היטעלע.

דער לאַנגער דראָנג האָט מיט ביטל אָפּגעמאָסטן דאָס ייִנגל פון קאָפּ ביז פיס, כוצפּעדיק א שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן צום מיידל:

— וואָס קומט דאָ פאַר, ער האָט דיך באַליידיקט?

— וואָס רעדסטו, מאַריץ? — האָט מאַרטע אים איבערגעשלאָגן. — דאָס איז אונדזערער א באַקאַנטער, זײַן טאַטע איז א סטעלמאַך, זיי וווינען לעבן דער קוזניע...

— און איך האָב געמיינט... איך וואָלט אים שוין געוויזן, ווו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט.

מאַקס האָט מיט קאַס געקוקט אַף דעם לאַנגן, געוואָלט דערגיין, צי איז ער טאַקע אַזאַ גרויסער העלד, צי ער מאַכט אַן אָנשטעל. מאַקס האָט איבערגעפירט דעם בליק אַפן מיידל. אַ באַשיינטע פון דער פאַרגייענדיקער זון, האָט זי אויסגעזען, ווי אַ פויגל, וואָס וועט זיך אָט־אָט אָפּרייסן פון דער ערד. און דאָ האָט זיך נאָך אַרייַנגעמישט אַ פאַרשייַט ווינטל, וואָס האָט גענומען צייִלן די פאַלדן פון איר קלייד, שויבערן אירע האָר.

מאַקס האָט אָפּגעריסן דעם בליק פון דעם מיידל, אַ שאָקל געטאָן צו איר מיטן קאָפּ און זיך געלאָזט גיין. נאָר עפּעס אַ קויעך האָט אים אָפּגעשטעלט. עפּשער איר בליק, וואָס האָט אים באַכגעשפּירט, און עפּשער גאָר דער קאַס אַפן דראַנג, וואָס האָט אים באַטראַכט מיט שפּאָט.

דאָס ייִנגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נעענטער צום שטראָם, אוועקגעשטעלט אָן אַ זייַט זייַן קוישל מיט די יאַגעדעס און אַ זאָג געטאָן צום מיידל:

— מאַרטע, דו קענסט קלעטערן איבער אָפּגעשליפֿענע שטיינער? — ער האָט אַ ווונק געטאָן אַף דער צעבושעוועטער וואַסער, דערנאָך — אַף די שפּיציקע שטיינער, וואָס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פון די כוואַליעס... און ניט וואַרטנדיק אַף איר ענטפער, אַריבערגעשפּרונגען אַף אַ פּלאַטשיקן פעלדז, וואָס האָט זיך געוויקט אין באַרג־טייַך.

— אַ גרויסע קונץ! — האָט זי פריילעך אויסגערופן און זיך פאַרזיכטיק געלאָזט צו מאַקסן. זי האָט עטוואָס פאַרהויבן דאָס קליידל און געפּרוווט אַרופקלעטערן אַף די גליטשיקע שטיינער, נאָר ניט געקענט.

איר באַגלייטער האָט זיך אָנגעדרודלט און זיך אָפּגענעמען צעבייזערט:

— מאַרטע, וואַרט אַ רגע! געפונען אַ שפּילעכל... און מיט וועמען? — ער האָט מיט ביטל אַ ווונק געטאָן אַף מאַקסן, וואָס איז אַ שטאָלצער שוין געשטאַנען אינמיטן שטראָם, געלאַכט און געפּאָכעט מיט די הענט, ווי מיט פליגל, — ער האָט גערופן מאַרטען. זי האָט פאַרזיכטיק געקלעטערט איבער די שטיינער און פון פאַרגעניגן אָזש געשריגן. פון מאָל צו מאָל האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר באַגלייטער און אים גערופן צו זיך, נאָר יענער איז געשטאַנען אַפן ברעג אָן אָנגעבלאָזענער און זיך ניט גערירט פון אָרט.

— וואָס ציטערסטו, מאַריץ? קום אהער! האָב ניט מוירע. דאָ איז אַזוי גוט!

— ווהין קריכסטו, מאַרטע? וועסט פאַלן, זעסט ניט, ס'אַרא גליטשיקע שטיינער?!.. ס'איז געפערלעך...

— אויב געפערלעך, טאָ קום צו מיר... העלף... — האָט זי נאָך הילכיקער געלאַכט און געגאַנגען ווייַטער.

דער לאַנגער דראַנג האָט זיך געפילט, אַפּאַנעם, דערשלאָגן, אָבער אויספילן איר פאַרלאַנג האָט ער זיך ניט אייַנגעשטעלט. ער איז צוגעגאַנגען נעענטער צום ברעג, פאַרקאַטשעט די הויזן, געוואָלט מאַכן אַ שפּאַן, נאָר גלייַך זיך אויסגעגליטשט און אָנגענומען פולע שיך מיט וואַסער. ער האָט זיך אויסגעזידלט און בייז גזאָגט:

— אויב דו קערסט זיך גלייַך ניט אום, מאַרטע, גיי איך אליין אוועק!

מאַרטע האָט ניט געענטפערט, געלאַכט מיט פאַרגעניגן, ווייַטער געקלעטערט איבער די שטיינער, ביז זי האָט סאָפּקאָלסאָף זיך דערקליבן צו מאַקסן אַפן פּלאַטשיקן פעלדז. פון פרייד האָט דאָס מיידל אָזש אָנגעהויבן אונטערטאַנצן.

— איך גיי אוועק! — האָט מאַריץ ווידער אויסגעשריִען און מיט דער געדרייטער סטעזשקע זיך געלאָזט צום שטעטל.

מאַרטע האָט אים אַ רעגע נאָכגעקוקט, זיך אַ כיינעוודיקן קרים געטאָן און אים באַוויזן די צונג.

מאַקס האָט פון פאַרגעניגן זיך צעלאַכט. איצט איז מאַרטע געשטאַנען לעבן אים זייער נאָענט, און ער האָט געפילט, ווי אַ מעכייַעדיקער ציטער איז דורכגעגאַנגען איבער זייַן לייַב.

— איצט זעסטו, איך האָב קיין מוירע ניט? ס'איז גאָר ניט שרעקלעך...

— איך זע, — האָט ער זיך אָנגערופן, — דערפאַר אָבער האָט יענער מיט די ברילן זיך שטאַרק דערשראָקן און זיך נאָך באַליידיקט...

— נישקאָשע. ער וועט זיך איבערבעטן, — האָט מאַרטע אַ שמייכל געטאָן, — ער איז, זעט אויס, ניט פון די גרויסע העלדן.

ביידע, מאַקס און מאַרטע, זייַנען געשטאַנען און געקוקט אַף די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געפּליוסקעט לעבן זייערע פיס. די זון האָט זיך שנעלער גענומען באַהאַלטן אין די בערג. ס'האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן.

כאַפּנדיק אַלעמאָל דעם ייִנגלס אָנגעשטרענגטן בליק, האָט זיך מאַרטע אַ ביסל פאַרלוירן. איר האָט שוין, דאַכט זיך, באַנק געטאָן, וואָס זי האָט ניט געפאָלגט איר באַגלייטער.

— ווייסט, מאַקס, — האָט זי אַ זאָג געטאָן, — עס דרייט זיך עפּעס דער קאָפּ, איך שטעל זיך גאָר ניט פאָר, ווי דערקלײַבט מען זיך צוריק צום ברעג.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן. ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער זי אויף די הענט אריבערגע־טראָגן צום ברעג. נאָר פון דעם געדאַנק אַליין האָט ער זיך שטאַרק פאַרויטלט.

— נישקאָשע, איך וועל דיר העלפן, אַנו, דערלאַנג אַ האַנט, זו שרעק זיך נאָר ניט...

אין איין אויגנבליק איז מאַקס אריבער אויף אַ שכיינעסדיקן שטיין, אויסגעשטרעקט דעם מיידל די הענט. זיי האָבן זיך, דאַכט זיך, ביידע דערשראָקן, ווען זי איז אַרײַנגעפאַלן אין זײַנע אָרעמס, מ'האָט זיך איבערגעקוקט, פאַרויטלט און זיך געלאָזט פאַמעלעך ווײַטער איבער די שטיינער. אינגיכן האָבן זיי זיך ביידע געכאַפּט, אַז ניט זי און ניט ער אײַלן זיך ניט, כאָטש די זון איז שוין אײַנגאַנצן נעלעם געוואָרן און דאָ, אין די בערג, איז שוין גאַנץ טונקל.

מאַקס האָט זיך אַליין געכידעשט, וואָס מאַרטע האָט זיך אויף אים ניט געבייזערט, לעמײַ ער האָט זי גענומען אויף די הענט און אריבערגעטראָגן צום ברעג. נאָר אַז מע דאַרף געשטרויכלט ווערן, מעגסטו זײַן מיט טויזנט קעפּ. ווען דאָס פּאָרל איז שוין געשטאַנען אויפן ברעג, האָט מאַקס זיך פאַרטשעפּעט פאַר אַ פּניאַק, איז אומגעפאַלן, צעדראַפּעט ביז בלוט דאָס פּאָנעם, די קני און דעריקער צעריסן דאָס נײַע העמדל פון אויבן ביז אראָפּ. דערצו נאָך האָט דער שטראָם אונטער־געכאַפּט זײַן קאַרטוז, וואָס איז אראָפּגעפאַלן, און אים אוועקגעטראָגן דער רועך ווייסט וווהין.

מאַקס האָט זיך צעלאַכט מיט אַ נערוועזן געלעכטער.

— נישקאָשע, עס טוט ניט ווײ...

זי איז צוגעלאָפן צו אים אַ דערשראָקענע:

— וואַש זיך גיכער אָרוט, לאָז, איך וועל דיר העלפן.

— איך וועל אַליין, — ער האָט שנעל גענומען גיסן אויף זיך די אײַז־קאַלטע וואַסער. „עך, — האָט ער זיך געערגערט, — די גאַנצע צײַט איז געווען אַזוי גוט און צום סאָף דאַרף אַזוינס טרעפן!‟ נאָר דאָך איז ער באַ זיך ניט אראָפּגעפאַלן.

— זע נאָר, מאַקס, דאָס גאַנצע העמדל איז באַ דיר צעריסן. ווייסטו וואָס, לאָמיר זיך אַרײַנ־כאַפּן צו מיר אַהיים, וועל איך עס פאַרנייען.

— זאָרג זיך ניט, — האָט ער קאַלטבלוטיק אַ זאָג געטאָן, — איך האָב אַ נײַ העמדל. — דאָס יינגל האָט זיך פאַרויטלט — דאָס איז געווען דער ערשטער ליגן אויף זײַן לעבן.

אינדערעמעסן האָט מאַקס זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי וועט ער עס קומען אַהיים אַזאַ אָפּגעריסענער און צעמאַזיקטער. מיילע, פונעם פּסאַק, וואָס ער וועט אַרײַנכאַפּן, רעדט מען שוין ניט, נאָר וואָס טוט מען פאַרט אָן אַ העמדל?

זיי זײַנען געגאַנגען לענגויס דעם באַרג־טײַך און געשוויגן. פון מאָל צו מאָל האָבן זייערע בליקן זיך באַגעגנט.

די ערשטע שטערן האָבן אַ פינקל געטאָן אין טיפן הימל, פון אונטער אַ וואָלקן האָט זיך ארויסגערוקט אַ שטיקל זילבערנע לעוואָנע. דאָס, וואָס די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן, איז מאַקסן גראָד געווען צום הארצן. איצט וועט קיינער ניט זען זײַן הוילעך, ניט באַמערקן, מיט וועמען ער גייט. מע וועט אויך ניט זען זײַן צעדראַפּעט פּאָנעם. אומגעריכט האָט מאַרטע אים אָנגענומען באַ דער האַנט:

— וואָס שווײַגסטו, מאַקס? פאַרוואָס זאָגסטו מיר גאָרניט?..

— איך ווייס אַליין ניט... — האָט ער אַ פאַרלוירענער אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל.

זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום שטעטל. אַנטקעגן קומען אָן מענטשן, קוקן מיט כידעש אויפן מאָדנעם פּאָרל. איצט וועט ער איר שוין געוויס גאָרנישט ניט קאָנען זאָגן.

פונדערווײַטנס, אויף דער קעגנײַבערדיקער זײַט, האָט זיך שוין געזען מאַרטעס הויז, אײַנגע־הילט אין דער געדיכטעניש פון ביימער. אין דער רעגע האָט מאַקס זיך דערמאָנט, אַז אין אָט דעם סאָד איז ער שוין אַמאָל געווען צוריק מיט אַ פּאָר יאָר. פונקט אין אַזאַ שיינעם אָוונט איז ער ארי־בערגעשפּרונגען איבערן פּלויט און געוואָלט אָנרײַסן אַ בוזעם עפּל. מע האָט אים אָבער באַמערקט און אָפּגעלאָזט פון דער קייט אַ הונט. ער איז קוים אַנטלאָפן.

מאַרטע האָט אומדערוואַרט אַ שויבער געטאָן זײַנע האָר, זיך אַ הייב געטאָן אויף די שפּיץ פינגער, אים אַ קוש געטאָן אין דער באַק און אַנטלאָפן.

דער באַכער איז, ווי אַ געפּלעפטער, געבליבן שטיין און ניט אראָפּגעלאָזט דעם בליק פון דער צוגעמאַכטער פאָרטקע. אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז מאַרטע וועט נאָך ארויסגיין, אים עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט זיך ניט דערוואַרט.

דאָך איז ער באַ זיך ניט אראָפּגעפאַלן. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז מאַרטע טראַכט וועגן אים.

דאָס שטעטל האָט שוין גענומען אײַנשלאָפֿן. די נאַכט האָט זיך אהער אַראָפּגעדראַפּעט פֿון די שוואַרצע בערג. מאַקס האָט זיך פֿאַמעלעך געלאָזט גיין אַהיים. ווי אַ פֿאַרקישעפּטער איז ער געגאַנגען מיטן גרינעם געסל און זיך אײַנגעהערט אינעם איבערוף פֿון הייזעריקע הינט.

אַלע פֿאַרנאַכט האָט מאַקס אַזוי געבלאָנקעט איבערן גרינעם געסל, צוגעגאַנגען צו מאַרטעס קאַליטקע, געוואַרט אױפֿן מיידל און זיך ניט דערוואַרט. אין אַ צײַט אַרום האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַוועקגעפֿאָרן קיין קאָלאָמייע אָדער סטאַניסלאַוו, וווּ זי האָט געלערנט אין אַ גימנאַזיע.

זינט ער לעבט אױף דער וועלט, איז מאַקס ניט אַרויסגעפֿאָרן פֿון יענער זײַט שטעטל. אין זײַן פֿאָרשטעלונג איז קאָלאָמייע געווען אין אויסערגעוויינלעך, דאָך האָט ער באַשטימט זיך לאָזן אַהין. אין דער גרויסער שטאָט וועט ער זיך צושלאָגן צו אַן אַרבעט און עפּשער וועט ער אויך זיך באַגעגענען מיט איר, מיט מאַרטען.

קיין פֿויגל האָט אַפֿילו ניט געוווּסט וועגן דעם, וואָס דאָס ייִנגל האָט פֿאַרטראַכט.

אין איינעם אַ האַרבסטיקן פֿרימאָרגן, ווען אַלע זײַנען געווען פֿאַרנומען מיט דער מאַמען דער געווינערן, וועלכע איז געגאַנגען צו קינד מיט אַ נײַ גראַגערל, האָט מאַקס באַשטימט, אַז איצט איז געקומען די רעכטע צײַט. הײַנט דאַרף ער אָפּטרעטן זײַן אָרט באַם טיש דעם נײַעם פּיקער און אַליין זיך לאָזן אין וועג אַרײַן.

אַ ביסל מיטן צוג, אַ ביסל אױף אַ וואָגן, נאָר מערסטנטייל צופֿוס האָט זיך מאַקס קרייסלער דערקליבן קיין קאָלאָמייע. נאָך זײַן קליין שטעטל, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אינעם שויס פֿון די קאַרפּאַטן, האָט אים די שטאָט אויסגעזען מוירעדיק גרויס.

עטלעכע טעג האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די אומבאַקאַנטע גאַסן און געסלעך. די רעגנס האָבן אים געשמיסן, די ווינטן האָבן אים געפּאַטשט, דער הונגער האָט אים געמוטשעט. אַלץ איז געווען ניט אַזוי פּראָסט, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן פֿון אַנהייב.

דאָך, ווי מיר ווייסן שוין, האָט אים דאָס גליק צוגעשפּילט — ער איז נויסע־כיין געווען באַ דער פּאַני זשיכלינסקאַ.

אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען ניט די ווינטן און רעגנס. זיי זײַנען אים מאַמעש דערגאַנגען די יאָרן. די קעלט האָט אים מוירעדיק דערקוטשעט.

דאָס האָט אויך פֿאַרשטאַנען זײַן טאַטע, יאָסל דער סטעלמאַך. ער איז זיך מעיאַשעוו געווען, צונויפֿגענומען דעם מאַמזערס ביסל האָב־און־גוטס און זיך אַוועקגעלאָזט קיין קאָלאָמייע צו זײַן ליבן בענאָק. דאַרף אָבער דער אייבערשטער מאַכן זײַן וועלטל אַזוי, אַז עס זאָל זיך אינמיטן וועג אַוועקשטעלן אַ קרעטשמע. אַ קרעטשמע — אַ גאַניידן, וווּ מע קאָן האַנאָע האָבן פֿונעם לעבן. פּרווו, זײַ אַ בעריע, מײַד זי אויס, די קרעטשמע, כאַפּ זיך ניט אַרײַן אַהין.

און יאָסל דער סטעלמאַך, וואָס איז ניט מער, ווי אַ שוואַכער מענטש, האָט ניט געקאָנט בײַקומען דעם יעיצערהאָרע. אַרײַנגעקומען אין קרעטשמע, האָט ער גלײַך פֿאַרגעסן, וווּ ער גע־פֿינט זיך אין דער וועלט. און אַזוווי די דיקע קרעטשמערקע ריווקע איז אַן עמעסע גאַזלענטע — זי וועט קיין גראָשן דיר ניט באָרגן, כאָטש האַק זי און בראָק זי, — איז באַ אונדזער וואַנדערער אין איין שמיי־דריי אויסגערונען דאָס ביסל מינץ און ער האָט געמוזט לאָזן אין קאָן דאָס קלומעקל.

קורץ גערעדט, אױפֿן דריטן טאָג, ווען יאָסל איז אַ ביסל געקומען צו זיך און זיך געשטעלט אױף די פֿיס, האָט ער געמוזט פֿאַרקערעווען דעם דישל אױף צוריק, זיך אומקערן אַהיים מיטן בײַטשל און איבערגעבן דעם ווײַב שיפֿרען גאָר אַ געהויבענעם גרוס פֿונעם טאַכשיט זייערן. דערציילט האָט ער איר אַ באָבע־מײַסע, אַז ער האָט מאַקסן געזען און יענעם לעבט זיך ווי גאָט אין אָדעס, און מע דאַרף זיך ניט זאָרגן, ער וועט זיך זײַן שטעטל באַשטיין. און וואָס איז שײַעך דעם אַנטאָן, וואָס ער האָט אָפּגעפּירט, איז עס מאַקסן בעפּיירעש געקומען צוניץ און דער בענאָק האָט אים שיין אָפּגעדאַנקט.

אַזוי האָט יאָסל דער סטעלמאַך עטלעכע מאָל זיך געלאָזט קיין קאָלאָמייע, צום זון, נאָר ווײַ־טער פֿון דער קרעטשמע קיין שפּאַן ניט געמאַכט.

וואָס קאָן מען טאָן, ס׳איז טאַקע אַ גרויסער אומגליק — אַ קרעטשמע האָט זיך געשטעלט אױפֿן וועג, ווי אַ בעלמע אױפֿן אויג, ווי אַ ביין אין האַלדז, און כאָטש שרײַ גוואַלד, קאָן יאָסל דער סטעלמאַך זי ניט פֿאַרבײַגיין...

צווישן מענטשן

„קיין בעסערע מעלאָכע פֿון אַ בעקער וועט איר ניט געפֿינען, איר זאָלט אַפֿילו אויספֿאָרן די גאַנצע וועלט אין דער לענג און אין דער ברייט, — האָט געטראַכט מאַקס קרייסלער. — קיין בעסערע אַרבעט, ווי אין אַ בעקערײַ, דאַרף מען ניט“.

די געשיכטע ווייסט נאָך ניט פון קיין פאל, אז א בעקער זאָל אמאָל שטארבן פון הונגער אָדער פון קעלט.

עמעס, ניט בא פאני זשיכלינסקא וועט איר זיך אזוי גיך אָנווארעמען אָדער אָנעסן צו זאט. זי וועט שטענדיק פאר אײַך געפינען א גאנג, עפעס אן ארבעט, וועט אײַך ניט לאָזן זיצן רויִק קיין איבעריקע מינוט. דאָך, ווען איר שטייט מיט דער לאָפעטע באם פלאקערדיקן אויוון און נעמט ארויס פון דאָרטן דאָס געבעקס, וועט איר שוין סײַ־ווי־סײַ כאפן א פרישן ביסן, און איר וועט ווי־ניט־איז אונטערהאלטן די נעשאָמע.

א זײַטיקער מענטש, ווען ער קומט אראָפ אהער אין קעלער, וואָס איז העכער העלפט אײַנ־געזונקען אין דער ערד און וואָס קוקט ארויס אף גאָטס וועלטל נאָר מיט צוויי קליינע פענצטער־לעך, פארפאָראָשעטע מיט מעל־שטויב, קאָן געוויס מיינען, אז דאָ איז דעם בעקער־אוילעם אומע־טיק, אז אייביק הערשט דאָ א מאָרעשכוירע, מע זינגט ניט, מע לאכט ניט, מע שטיפט ניט. נאָר דאָס איז ניט אזוי. די כעוורע בעקער ווערן שטיל בלויז דאן, ווען עס לאָזט זיך אהער אראָפ די קליפע, די באלעבאָסטע, און הייבט אָן קוקן אף זיי, ווי ריאבטשיק אפן טאטן. דאן ווערן אלע מיט־אמאָל סטאטעטשנע, שטיל, ווי די טײַבעלעך. נאָר ס'איז גענוג, אז פאני זשיכלינסקא זאָל א נעם טאָן מיט די לאנגע דארע פינגער דעם שלייף פון איר קלייד און זיך לאָזן מיט די טרעפ ארויף, ווערט דאָ גלײַך לעבעדיק און פריילעך.

מאקס ווארפט אוועק די לאָפעטע, שטעקט ארײַן אין זײַן ווײַסן בעקער־טשיפעק דאָס בינטל פעדערן, מיט וועלכע מע שמירט די בולקעלעך, בינדט אונטער דעם כאלאט און הייבט אָן איבער־קרימען די פאני זשיכלינסקא. כעוורע רײַסן קישקעס פון געלעכטער.

— א מאמזער, זע נאָר, וויאזוי ס'באקומט זיך בא אים! אן עמעסער טעאטער!

אמאָל קאָסט עס טײַער די בעקער. כעוורע פארגעסן, ווו זיי האלטן אין דער וועלט. פארגעסן, אז די אויוונס פלאקערן, און דערווײַל ווערט דאָרט פארברענט און פארסארפעט אלץ. דערפאר איז אָבער פריילעך!

אין אזעלכע פאלן הייבט זיך אָן בייזערן סטאסיק פשעפיצקי, דער עלטסטער בעקער, נאָר זײַן קאס גייט גיך איבער און ער נעמט לאכן באגלײַך מיט אלעמען.

פאן סטאסיק פשעפיצקי...

פון אילקאָ זאגולן איז ער א סאך עלטער, א סאך דיקער און א סאך נידעריקער. פארגלײַכן דעם געוועזענעם סטודענט, וועלכן מע האָט ארויסגעטריבן פון אוניווערסיטעט פאר אָנטייל נעמען אין א סטודענטישער דעמאָנסטראציע, מיט דעם שטענדיק שמייכלענדיקן סטאסיק פשעפיצקי איז ניט שײַעך. אילקאָ זאגול איז אן איידעלער באָכער מיט א הויכן בלאסן שטערן, מיט א ווייכער העלער טשופרינע. ריידן רעדט ער ניט קיין סאך, שטענדיק איז ער ארײַנגעטאָן אין זײַנע ביכער. דערפאר איז סטאסיק פשעפיצקי באריידעוודיק, צופרידן, און זײַן לעוואָנע־פאָנעם איז א פליישיקס, די קליינע אייגעלעך לויפן ארום; בעשאס ער שמייכלט, באהאלטן זיי זיך אין שמאָלע שפעל־טיקלעך, און אזויווי ער שמייכלט קימאט שטענדיק, איז שווער צו וויסן, וואָס פאר א קאָליר זיי האָבן. כויץ דעם איז בא אים אפילע ניטאָ קיין סימען פון קיין טשופרינע, ווײַל די עטלעכע האָר, וואָס זײַנען בא אים איבערגעבליבן פון די אמאָליקע גוטע צײַטן, גאָלט ער זייער אָפט, און זײַן קאָפ זעט שטענדיק אויס ווי א באָרוועסער. וואָס עמעס איז עמעס, סטאסיק פשעפיצקי פארמאָגט א פאָר גאָר פײַנע העלע וואָנצן, וואָס קוקן אין ביידע זײַטן, ווי בא א גוטן קאָטער.

ער איז אָנגעשטאָפט מיט יאָרן, אָט דער פשעפיצקי, נאָר ניט געקוקט דערויף רופט מען אים אדהײַעם סטאסיק, כאָטש בעסער וואָלט אים געפאסט סטאניסלאוו. ער בייזערט זיך ניט דער־פאר, — ער איז שוין צו דעם צוגעוווינט.

ביכלאל איז ניט צו געפינען נאָך אזא גוטמוטיקן מענטשן, ווי סטאסיק פשעפיצקי. דאָס איז א מענטש אָן א גאל. ווען ניט ער, וואָלט אילקאָ זאגול שוין לאנג געזעסן הינטער די קליינע פענצטערלעך מיט די גראבע גראטעס. דער געוועזענער סטודענט פירט זיך ניט אזוי, ווי די זשאנדארמען וואָלטן געוואָלט. דאָס ברענגט ער ביכלעך און לייענט פאר די בעקער, דאָס דערציילט ער אזעלכע זאכן וועגן פאן יוזעף פילסודסקי, אז די אויערן פלאצן שיר ניט. קומט מען אים נעמען, שטעלט זיך אוועק סטאסיק פשעפיצקי און שווערט, אז זאגול איז א לײַטישער בעקער, וואָס פארנעמט זיך ניט מיט קיין פאָליטיקע. אז אין א דערפל ניט ווײַט פון קאָלאָמייע ליגט צו בעט א געליימטע זײַן מאמע און אים קריכט אין קאָפ פאָליטיקע, ווי דער פאראיאָריקער שניי...

סטאסיק נעמט אוועק אין א זײַט דעם זשאנדארם, זעצט זיך מיט אים אוועק באם טיש, דערלאנגט א פלאש שנאפס, און עס ווערט אלץ קאָשער, פײַן און לײַטיש.

וועט מען דאָך געוויס פרעגן, ווי קומט עס, וואָס פאני זשיכלינסקא זאָל האלטן בא זיך א סטודענט, וואָס געפינט זיך די גאנצע צײַט אונטער דער אופזיכט פון זשאנדארמען? איז דער ענטפער א פאָשעטער, — סטאסיקס וואָרט איז פאר דער באלעבאָסטע הייליק.

פארוואָס?

וועלן מיר זיך אױף עטלעכע מינוט מוזן אָפּוועגדן אין א זײַט און דערציילן וועגן סטאסיקן און אויך וועגן דער באַלעבאָסטע.

און גיין גייט עס... אין א ליבע.

יאָ, יאָ, ליבע! פאַני זשיכלינסקא איז געווען אײַנגעליבט אין סטאסיקן איבער די אויערן, ווי א זעכצניאָריק מיידעלע.

באמערקט האָט זי סטאַסיקן אין דער גרויסער קאַלאָמייער בעקערײַ פון פאַן זיגמונדן און האָט אים פאַשעט איבערגענאָרט צו זיך, אים געמאכט פארן עלטסטן בעקער. איר כעזשבן איז געווען אזא: סטאסיק האָט ניט קיין ווײַב, ניט קיין קינדער, ער האָט ניט קיין דאך איבערן קאָפּ, וועט זי אים אַרײַנעמען צו זיך אין שטוב און מע וועט אָפּשפּילן א כאסענע, אלע אירע געוועזענע מענער אף צעפוקעניש. זי האָט אים געהאָדעוועט, געפּויעט מיט די בעסטע ווײַנען, אים געפירט אין טעאַטער, אין די קאַפע־הײַזער, רעסטאָראַנען, געפּאַטערט אף אים א פּײַן ביסל זלאָטעס, זיך דערלויבט מיט אים אזוינס, וואָס נאָך דעם דאַרף מען גלײַך גיין אין קאָסציאָל און כאסענע האָבן. נאָר ווען זי האָט אים געזאָגט וועגן דעם, האָט ער זי אָנגעקוקט ווי א משוגענע: וואָס הייסט, ער טראַכט נאָך אפילע ניט וועגן אזעלכע נארישקײַטן. ער וויל זיך ניט פארבינדן מיט קיין ווײַב און קינדער, ער וויל זײַן א פרײַער פויגל.

ביזוואַנען די באַלעבאָסטע האָט זיך געשאַדכנט צו סטאַסיקן, האָבן כּוורע בעקער זיך געפילט אין בעקערײַ ווי אין א גאַניידן. זי איז צו אירע מענטשן געווען גוט, כאָטש לייג זי צו צו א מאַקע, זי האָט אלעמען געהעכערט די סכירעס, מע האָט פון איר קיין הויך וואָרט ניט געהערט. ווי נאָר סטאסיק האָט זיך אָפּגעזאָגט אָפּשפּילן מיט איר א כאסענע, איז זי געוואָרן נאָך אן ערגערע מאַכשייפע, ווי געווען, און געטאָן די בעקער צום טויט.

זיי האָבן געגעסן סטאסיקן לעבעדיקערהייט:

— גאַזלען איינער, פארוואָס זאָלסטו ניט כאסענע האָבן, מיר וואָלטן אויך געניסן דערפון.

נאָר סטאַסיק האָט געשמייכלט:

— נישקאָשע, קינדער. טאָמער וועט זי זיך טשעפּען צו אײַך, זאָלט איר מיר זאָגן. וואָס זשע, איר זײַט מיר סאָנים? די שיינע וועלט, וואָס איך האָב, דאַרף איך נאָך אף מײַן קאָפּ א מאַכשייפע?..

און אינדערעמעסן, כאָטש זי איז געווען אין קאַס אף סטאַסיקן, האָט זי דאָך געהאָט דערע־כערעץ פאַר אים. די סיבע דערפון איז, וואָס זי איז נאָך פאַרט פארליבט אין אים. כוץ דעם האָט זי ניט געוואָלט פארלירן אזא טײַערן בעקער, ווי סטאסיק איז. דער רועך האָט אים ניט גענומען, ער איז א גאָלדענער באַלמעלאָכע, און טאָמער גייט ער אוועק פון איר, מעג זי גלײַך אופהענגען א שלאָס אף דער בעקערײַ און אוועקלייגן די ציין אף די באָנטעס.

נאָך דעם, ווי זי האָט זיך אזוי אָפּגענאַרט מיטן עלטסטן בעקער און דער שידעך איז געוואָרן אויס שידעך, גייט זי ווידער ארום ווי א פריטשמעליעטע און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. ווידער איז אף איר שמאָל, ערדקאָלירעק פּאָנעם אויסגעגאָסן א מאָרעשכוירע, זי גייט ארום, ווי א כמאַרע, א שענערע לייגט מען אין קיווער. ניט קיין מענטש, א שאָטן דרייט זיך ארום איבער דער בעקערײַ.

נאָר די אלע מײַסעס גייען מאַקסן ווייניק אָן. ער איז מאַמעש אײַנגעליבט אין אילקאָ זאַגולן. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט באַגעגנט קיין מענטשן מיט אזא גאָלדענער נעשאָמע. אילקאָ טיילט זיך מיט אים מיטן לעצטן ביסן, ער באַהאַלט ניט פון מאַקסן קיין שום סוידעס און ברענגט אים אונטער דער פּאָלע אזעלכע ביכלעך, אז ווען מע כאַפּט זיי בא אים, וואָלט מאַקס געמוזט פאַרלאָזן די בעקערײַ און פאַרנעמען אן אָרט הינטער די גראַטעס.

דערפאַר וואָס אילקאָ פארטרויט אים אזוי, איז מאַקס גרייט צו גיין פאַר אים אין פײַער און אין וואַסער.

סטאַסיק קוקט אָפּטלעך אפּן שײַנענדיקן יינגל, ווען יענער פארקלײַבט זיך צווישן די זעק און לייענט די ביכלעך.

— זע, מאַקס, — זאָגט ער צו אים, — זײַ פאַרזיכטיק, פאַר אזעלכע ביכלעך קאָנסטו טײַער באַצאָלן. פאַן פילסודסקי האַלט ניט פון זיי... אילקאָ זאַגולן האָבן די ביכלעך קיין סאַך נאַכעס ניט געבראַכט, ווער־ווער, נאָר איך ווייס, ווי שווער עס איז געווען אים, א הוצול פון די בערג, אַרײַן אין אוניווערסיטעט. די גאַנצע הראַמאַדע האָט צונויפגעזאַמלט געלט פאַר אים. געווען איז ער א באָכער מיט אן אײַזערנעם קאָפּ. פאָליטיקע האָט זיך אים פארגלוסט... ער וואָלט שוין איצט געווען א דאָקטער צי א לערער, איצט לאָזט פון אים די פאָליציי קיין אויג ניט אראָפּ. ניט הײַנט איז מאָרגן, נאָר פון זיירע לאַפּעס וועט ער זיך ניט אויסדרייען.

מאַקס האָט אופמערקזאַם אויסגעהערט סטאַסיקן, און אין זײַנע אויגן איז אילקאָ נאָך מער

אויסגעוואקסן. עך, ווען ער, מאַקס, זאָל זײַן אַף זײַן אָרט! ער איז שטאַרק מעקאַנע געווען דעם יונגן אײַנגעאַקשנטן הוצול און האָט אויך געוואָלט ארומגיין מיט א הויך אופגעהויבענעם קאָפּ, ניט מוירע האָבן פאַר די זשאַנדאַרמען און שטענדיק זאָגן דעם עמעס גלײַך אין די אויגן.

די ווינטן מיט די פראָסט האָבן דאָס יאָר דערקוטשעט מער ווי טאָמיד. עפשער איז דאָרט, אין די בערג, ניט אזוי קאַלט? און עפשער דוכט זיך עס אים דערפאַר, ווײַל אין דער צײַט פלעגט ער שוין זיצן אין שטוב, אַפן אויוון. אַלע קינדער האָבן געהאַט איין פּאָר שקראַבעס און איין סוויטקע, און פאַרכאַפּן זיי איז געלונגען ניט אָפט.

דאָ האָט ער אויך ניט געהאַט וואָס אָנצוטאָן, נאָר אילקאָ האָט אים ניט געלאָזט פאַלן — ער האָט אים שטענדיק געגעבן זײַנע שטיוול און דאָס הוצולישע פּעלצל.

איצט איז שוין מאַקס א פאַלנע בעקער. איינמאָל, שטייענדיק לעבן זײַן שילער און צוקוקנ־דיק, ווי יענער אַרבעט, האָט סטאַסיק אים א קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— איך האָב גלײַך געוווּסט, מאַקס, אז פון דיר וועט זײַן א טאָלק. ביסט א בעקער, און מיר נעמען דיך אַרײַן אין אונדזער מישפּאָכע. הײַנט וועל איך גיין צו דער פּאַני זשיכלינסקאַ בעטן, זי זאָל דיר צאָלן ווי אַן עכטן באַלמעלאָכע.

— נו, און די קעץ?

— זאָל זי געליימט ווערן מיט אירע קעץ אינאיינעם! זי מעג זיך גיין זוכן אַן אַנדער יינגל פאַר אירע קעץ, און דו דאַרפסט אַרבעטן באַם אויוון. געווּג פונדײַנעטוועגן. קאַלעס פאַרקוקן זיך שוין אַף דיר, און דיר פּאַסט ניט האָבן צו טאָן מיט די קעץ, ארומלויפן איבער דער שטאָט.

— א דאַנק, פּעטער סטאַסיק.

— ניטאָ פאַרוואָס, זיך דאַרפסטו דאַנקען! דו האָסט א גוטן קאָפּ אַף די פּלייצעס און פאַר קיין אַרבעט האָסטו קיין מוירע ניט. אַזעלכע יאַטן האָב איך ליב.

אַפּאַנעם, אז סטאַסיק פּשעפּיצקי האָט אים געגעבן א גוט־אויג.

מאַקס איז טאַקע פּאָטער געוואָרן פון די קעץ, מע האָט אים געהעכערט די סכירעס, נאָר שוין א צײַט, אז אַלץ האָט אים אָנגעהויבן גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ.

אין איינעם א זונטיקדיקן פאַרנאַכט איז מאַקס געקומען צו סטאַסיקן און אים געבעטן, ער זאָל מיט אים גיין אין שענק. ער האָט גראָד נעכטן באַקומען סכירעס, וויל ער מעכאַבעד זײַן דעם לערער.

זאַלבעצוויט זײַנען זיי אַרײַן אין א האַלב־פינצטערן קעלער, ווו עס זײַנען געווען א סאַך מענטשן. אין קעלער איז געווען שטאַרק אָנגערויכערט. מאַקס איז נאָך קיינמאָל דאָ ניט געווען, און ס'איז אים געווען א ביסל ניט באַקוועם, נאָר געוואָלט האָט ער ווײַזן, אז ער איז שוין ניט קיין יינגל, א בעקער, ווי אַלע, און זיך געסטאַרעט טרינקען באַגלײַך מיט סטאַסיקן.

זיי זײַנען דאָ אָפּגעזעסן א שיינע פּאָר שאָ. אין דרויסן איז געווען קאַלט. א זאַווערוכע האָט אָנגעהויבן דרייען און פײַפן.

ביידע זײַנען זיי געווען אין א געהויבענער שטימונג. צוריק איז מען געגאַנגען ניט געאײַלט, און סטאַסיק האָט געבאָמקעט אונטער דער נאָז א ניגן און, ווי טאָמיד, אונטערגעשמייכלט. מאַקס איז אים נאָכגעגאַנגען, נאָר ער האָט געפילט, אז די פיס פאָלגן אים ניט.

דאָס העמדל אַף אים איז געווען צעכראַסטעט, דאָס היטל אַף א זײַט. דער ווינט האָט גע־שמיסן אין פּאָנעם, און מאַקסן האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַראָפּ אין קעלער, זיך אײַנמאָסטען אַף די זעק און שלאָפן, שלאָפן.

אַפן ראָג האָבן זיי זיך שיין צעזעגנט און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשיידענע זײַטן. מאַקס ווייסט אליין ניט, פאַרוואָס עס האָט אים פאַרטראָגן אַף דער הויפּטגאַס. ארום איז געווען פּוסט, דאָ און דאָרט האָבן געברענט גרויסע לאַמטערנס און באַשײַנט די וויטרינעס. הין און צוריק זײַנען דורכגעלאָפן פאַרשפּעטיקטע דורכגייער, גיך פאַרשווונדן אין די הײַזער. אַלעמען איז געווען קאַלט, נאָר מאַקס האָט די קעלט ניט געפילט און איז געגאַנגען, אונטערבאָמקענדיק א קאַלאָמייקע.

פּלוצעם האָבן זיך צו אים דערטראָגן קלאַנגען פון אַן אָרקעסטער, און מאַקס האָט זיך אָפּ־געשטעלט, א ווײַלע האָט ער זיך אײַנגעהערט און פאַרשטאַנען, אז דאָס שפּילט מען אין רעסטאָ־ראַן, וואָס אַנטקעגן. מאַקס האָט זיך געלאָזט אהין. ער האָט נאָך ניט באַוויזן צוגיין צום אַרײַנגאַנג, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט גרויסע לאָמפּן, ווי עס איז מיט א געקלאַנג פון גלעקעלעך אָנגע־פאָרן א ברייטער שליטן און זיך אָפּגעשטעלט באַם אַרײַנגאַנג פון רעסטאָראַן. פונעם שליטן איז אַראָפּגעשפּרונגען אַפן טראָטואַר א לאַנגער דאַרער יונגערמאַן אין א קליין סטודענטיש היטעלע און נאָך אים א שלאַנק באַוועגלעך מיידל אין א פוטערנעם מאַנטל מיט א מאָדיש קאַפּעליושל.

א דערשטויננטער איז מאַקס געבליבן שטיין אפֿן אָרט — ער האָט דערקענט מאַרטען און דעם דראַנג, וואָס איז דעמלט מיט איר געווען אין די בערג. יאָ, דאָס איז זי, מאַרטע!

אין איין רעגע איז מאַקס ניכטער געוואָרן.

און עפּשער איז דאָס ניט זי? עפּשער האָט ער א טאָעס? דער בערדיקער שווייצאַר האָט מיט א כאַניפֿ־שמייכעלע צעעפֿנט די טיר, געגריסט זיך, ווי מיט אַלטע באַקאַנטע. געוויס קומען זיי אַהערצו ניט דאָס ערשטע מאָל.

מאַקס איז צוגעזאָטן געוואָרן צום גרויסן פענצטער, זיך אײַנגעקוקט, ווי מאַרטע מיטן לאַנגן שפּאַנען צווישן די טישלעך, אַרום וועלכע עס זיצן פֿרויען און מענער.

אָט האָבן זיי זיך צוגעזעצט צו א פֿרײַ טישל. מאַרטע האָט א שמייכלענדיקע געקוקט דעם לאַנגן סטודענט אין די אויגן, און יענער איז געזעסן מיט אַזאַ אויסזען, ווי אַלץ וואָלט אים שוין געווען באַקענט און דערווידער, נימעס. דער קעלנער האָט זיי געבראַכט ווײַן, צובײַסנס, אָנגעגאָסן, זיך פֿאַרנייגט.

מאַקס האָט נאָכגעשפּירט נאָך יעדער באַוועגונג זייערער.

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער דערפֿילט דעם ביטערן טאַם פֿון אײפֿער. ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז ער וועט א צײַט אַרבעטן דאָ אין בעקערײַ, פֿאַרדינען א ביסל געלט, זיך שטעלן אַף די פֿיס און פֿאָרן ווײַטער, עפּשער וועט ער געפֿינען מאַרטען.

וועגן זײַן טרוים האָט ער דערציילט נאָר איין מענטשן, אילקאָ זאַגולן. יענער האָט אים אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט און געזאָגט, אַז ער וואָלט זיך נאָך געדאַרפֿט באַטראַכטן, מאַקס, צי איז מאַרטע טאַקע יענער מענטש, צו וועמען ער דאַרף שטרעבן. זיי זײַנען דאָך אַזוי ווייניק באַקאַנט.

יאָ, אילקאָ האָט אים צעבוטעט די געדאַנקען, דאָך האָט ער אָפֿט געטראַכט וועגן מאַרטען, נאָר איצט האָט ער זיך איבערצײַגט, אַז אילקאָ איז געווען גערעכט.

איצט ווילט זיך אים איין זאַך — איר א קוק טאָן אין די אויגן, זאָגן, אַז עס פּאַסט ניט פֿאַר אַזאַ מיידל גיין אַהער. און מיט וועמען? מיט דעם דראַנג, מיט דעם פּאַכדן? זי האָט דאָך אַליין געלאַכט פֿון אים, געזען, ווער ער איז.

ער וועט צוווארטן און איר זאָגן גלײַך אין די אויגן דאָס, וואָס ער טראַכט וועגן איר. דעמלט ערשט וועט אים ווערן גרינגער אפֿן האַרצן.

די עסיקע קעלט האָט אים דורכגענומען. מאַקס איז צוגעגאַנגען צום קעלער־פֿענצטערל פֿון דער רעסטאָראַן־קיך, פֿונוואַנען עס האָט געזעצט א געדיכטער דאַמף און א געשמאַקער רייעך פֿון קאָלערליי געריכטן. ער האָט צוגערוקט נעענטער צום פֿענצטערל א קאַסטן און זיך צוגעזעצט. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט, און ער האָט ניט באַמערקט, ווי ער איז אַנשלאָפֿן געוואָרן.

עמעצער האָט אים א זעץ געטאָן אין דער פּלייצע:

— היי, פֿאַרעץ, קיין בעסערן האָטעל האָסטו שוין ניט געפֿונען?

מאַקס האָט אופֿגעריסן די אויגן. ער איז געלעגן אין שניי, און איבער אים איז געשטאַנען און געלאַכט א צופּעליקער פֿאַרבײַגייער.

„ניט קיין וואָזשנע האָטעל", — האָט מאַקס ווייטעקלעך א טראַכט געטאָן און זיך אופֿגעהויבן פֿון אָרט.

דער ערשטער אַרויספֿאָר

פֿאַר די צוויי ווינטערס, וואָס מאַקס קרייסלער האָט דאָ אָפּגעשטופּט, איז ער אויסגעוואַקסן ווי אַף הייוון.

מענטשן האָבן באַוווּנדערט דעם פֿעסטן באָכער מיט די גרויסע ציגײַנערשע אויגן און מיט דער געדיכטער געקרײַזלטער טשופּרינקע.

די שווערע האָרעוואַניע בא דער פּאַני זשיכלינסקאַ אין בעקערײַ, דאָס שלעפּן אַף די פּלייצעס איבער די קאַפֿע־הײַזער און רעסטאָראַציעס קוישן מיט בולקעלעך און בייגל, די שנייען, די זאַווערוכעס און ווינטן האָבן אים ניט אײַנגעבויגן, ניט געמאַכט פֿאַר קיין מאַרעשכוירעניק. ער האָט זעלטן זיך צעשיידט מיטן שמייכעלע, מיטן וויץ, כאָטש ניט שטענדיק איז געווען גוט אפֿן האַרצן...

ער האָט ליב געהאַט זײַן שווערע מלאָכע און עפּשער ניט אַזוי זי, די אַרבעט, ווי די מענטשן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. מיט אילקאָ זאַגולן איז ער מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ מער באַפֿרײַנדעט, און א זײַטיקן האָט זיך געקאַנט־דאַכטן, אַז זיי זײַנען שוין באַקאַנט א שאָק מיט יאָרן. מאַקס איז ווי צוגעוואַקסן צום גוטמוטיקן הוצול. פֿון אים האָט זיך דאָס יינגל דערוווּסט מער, ווי פֿאַר אַלע יאָרן קנעלן אין שול.

פאַרטאָן אין זײַן אַרבעט און אין לייענען ביכער, האָט מאַקס ניט באַמערקט, ווי די צײַט לויפֿט, ניט באַמערקט, אַז ער איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערער.

דאָ, אין די קאַרפּאַטן, דאַרפֿט איר וויסן זײַן, איז דער ווינטער ניט אַזאַ, ווי אין אײַערע קאַנטן. עס קאָן איבערגיין עטלעכע יאָר, און איר זאָלט דעם ווינטער אַפֿילו ניט באַמערקן, ניט זען קיין ברעקל שניי. אָבער אַן אַנדערס מאָל צעהוליעט ער זיך אַזוי, אַז איר פֿאַרגעסט, ווו איר געפֿינט זיך אין דער וועלט. עס צעוואָיען זיך די זאַווערוכעס, די זאַווייען, און עס שיטן אָן אַזעלכע הורבעס, אַז ס'איז אוממעגלעך אונטערשיידן עמעצע בערג פֿון שניי־בערג.

און ווען, מיינט איר, גיבן זיך אויס אַזעלכע שיינע ווינטערס? ווען עס איז שווער אויפֿן האַרצן, ווען אין שטוב פֿײַפֿט דער דאַלעס, ווען עס סטײַעט ניט אויפֿן שטיקל ברויט, ווען די באַלעבאָסטע מאַכט דיך גליקלעך, לעמײַ זי האַלט דיך אין בעקערײַ און וואַרפֿט דיך ניט אַרויס אויף דרײַ שפּענדלעך.

נאָר ווי דער ווינטער האָט זיך ניט געמאָרדעוועט, איז צו אים אויך געקומען אַ סאָף, און עס איז אַרײַנגעפֿאָרן דער פֿרילינג.

און געקומען איז ער, דער פֿרילינג, פּלוצעם און מיטאַמאָל.

אַלע ווינטערס אַפּצולאָכעס איז ער אַרײַנגעפֿאָרן מיט אַ געברויז פֿון די באַרג־טײַכלעך, וואָס האָבן געשלעפּט פֿון די בערג און געטראָגן, ווי דער רועך דעם מעשומעד, שווערע ביימער, אַרויסגעריסענע מיט די וואָרצלען, סלופּעס, ברעטער, פּלויטן, דייזשעס, קאָרעטעס און אַנדערע זאַכן, וואָס געראָטענע באַלעבאָסטעס האָבן ניט באַוויזן באַוואָרענען, איידער עס איז אונטערגעקומען דער פֿרילינגדיקער געוויסער.

אַז מע שטופּט אָפּ אַזאַ בייזן ווינטער, איז מען מויכל דעם פֿרילינג זײַנע ווילדע שטיק און מע איז צופֿרידן, וואָס ער איז שוין געקומען.

יאָ, דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַ פֿרילינג! שוין לאַנג אַזאַ ניט געווען אין די קאַרפּאַטן!

מיט אַלע קאָלירן פֿון רעגנבויגן האָבן זיך צעכיינדלט די בערג. די אייביק גרינע בוקעס און אָנגעדרודלטע יעלן האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זייערע לאַפּעטע־צווײַגן דעם שניי, געוואָרן יאַמטעוודיקער, ייִנגער און פֿריילעכער.

די זון האָט זיך צעשײַנט, און די גאַנצפֿרײַען און פֿאַרנאַכטן האָבן זיך געררויטלט. איר זאָלט אַפֿילו זײַן פֿון שטיין, וועט איר אויך אין אַזאַ לעוואָנע־אָוונט ניט אײַנזיצן אין שטוב און וועט אַרויסגיין אויף דער גאַס זיך דורכשפּאַצירן.

אין איינעם אַזאַ פֿרילינג־אָוונט איז מאַקס קרייסלער אַרויסגעשפּרונגען פֿון קעלער, ווי ער שטייט און גייט, און זיך געלאָזט איבער די געסלעך מיט אַ ניגנדל אויף די ליפּן. ער ווייסט אַליין ניט, פֿון וואָס אים איז אַזוי גוט געווען אויפֿן האַרצן. מעגלעך, אַז די לויטערע לעוואָנע האָט אים געפֿירט. ערשט איצט האָט ער דערזען די וועלט אין איר גאַנצער פּראַכט. זעלטן ווען ער איז אַמאָל אַרומגעגאַנגען אַזוי רויִק איבער די גאַסן, ווי איצט. טאָמיד האָט ער זיך געײַלט, מוירע האָבנדיק, די קליפּע, די באַלעבאָסטע, זאָל אים ניט באַגעגענען, נאָר איצט האָט ער זי געהערט פּאַר אַ דרײַער. ער האָט געענדיקט די אַרבעט און קאָן טאָן, וואָס ער וויל. האָט ער זיך טאַקע אין דער מינוט געפֿילט ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן. אַזוי, ניט געײַלט, איז ער פֿאַרגאַנגען אין אַ זײַטיק געסל און דערזען אַ גרויסע געבײַדע, לעבן וועלכער עס האָט געטומלט און געררוישט. אויף דער וואַנט, לעבן דער ברייט צעעפֿנטער טיר איז געהאַנגען אַ פֿאַרביקע אַפֿישע, וואָס האָט געררופֿן, מע זאָל גיין אין טעאַטער זען די האַרצרײַסנדיקע שפּיל פֿון דער באַוווסטער וואַנדער־טרופּע.

מאַקס איז געשטאַנען און געקוקט אויפֿן אוילעם. זינט ער לעבט אויף דער וועלט, האָט ער נאָך קיין טעאַטער ניט געזען.

פּלוצלינג האָט ער דערפֿילט, ווי עמעצער האָט אים אַ שלעפּ געטאָן פֿאַרן אַרבל. אויף אים האָבן געקוקט אַ פּאָר גרויסע בעטנדיקע אויגן. דער מענטש, וואָס האָט אים געהאַלטן באַ דער האַנט, האָט געהאַט אַ צעפּלעטשטע נאָז און דערפֿאַר, ווײַזט אויס, שטאַרק געפֿאָנפֿעט. מאַקס האָט גלײַך ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס יענער וויל פֿון אים.

— היי, מאַמזערוק, וואָס שטייסטו דאָ ווי אַן אויסגעמעלקטע בעהיימע? דו האָסט געוויס ניט קיין גראָשן באַ דער נעשאָמע אויף אַ בילעט, טאָ העלף, טאָ ברודער־לעבן, אַרײַנטראָגן דעם לייטער, וועל איך דיך אַרײַנלאָזן אָן אַ בילעט...

ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפֿער, האָט דער פֿאָנפֿעוואַטער אָוועקגעשלעפּט מאַקסן אין אַ הייפֿל, אַ כאַפּ געטאָן איין עק פֿון אַ שווערן לייטער, וואָס איז געשטאַנען באַ דעם בראַנדמויער, און אַ ווונק געטאָן צו מאַקסן:

— וואָס קוקסטו אויף מיר ווי אַ באָק? שטעל אונטער אַ פּלייצע, וועסטו פֿרײַטיק, מירצעשעם, עסן לאַטקעס... נעם גיכער, דו זעסט ניט, דאָס פּובליקום קערט דאָרט וועלטן, און מע קאָן ניט

עפענען דעם פֿאָרהאַנג, עפּעס האָט זיך דאָרטן פּאַרהאַקט, געליימט זאָל עס ווערן... אַ מעשוגענע שטאָט קאָלאָמייע, פֿאַרברענט זאָל זי ניט ווערן!

דער מענטש איז געווען אַ דאַרער, אַן אויסגעהאָרעוועטער, מיט אַ טרוקן פּאָנעם, נאָר אַ ־פלינקער. און מאַקס האָט קוים באַוויזן אים אָניאָגן. זיי האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורכן געדיכטן רווישיקן עולם, אַוועקגעשטעלט אַפּן אָרט דעם לייטער. אין עטלעכע מינוט אַרום איז מאַקס שוין געשטאַנען צוגעשפּאַרט אין אַ ווינקל פֿון האַלב־טונקעלן זאַל און נאָכגעקוקט, ווי עס הייבט זיך פּאַמעלעכן אויף דער פֿאָרהאַנג.

די קנאַפּע שײַן האָט זיך אויסגעלאָשן, און דער זאַל איז פֿול געוואָרן מיט קלאַנגען פֿון אַ פּידל. אומגעריכט האָט אַ קלינגעוודיקע מיידלשע שטים זיך פֿאַרייניקט צום פּידל. אַף דער בינע האָט אָנגעהויבן ליכטיק ווערן, און מאַקס האָט אין דער פּאַסמע שײַן, וואָס האָט דורכגעשניטן די בינע, דערזען אַ שלאַנק מיידל. די לאַנגע צעפּ האָבן דערגרייכט קימאַט ביז די פּיאַטעס. זי האָט געזונגען אַ טרויעריקע ליד, וואָס האָט געקאָנט רירן אַ שטיין. ניט אומזיסט איז דער עולם געזעסן אַ באַצויבערטער. מע וואָלט געקאָנט הערן, ווען אַ פֿליג פֿליט דורך. מע איז געזעסן פֿאַר־גאַפֿטע, מיט אָפֿענע מײַלער און שײַנענדיקע אויגן, מוירע האָבנדיק דורכלאָזן כאָטש איין וואָרט.

מאַקס איז געשטאַנען מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלדז, זיך אײַנגעהערט אינעם געזאַנג און דערבײַ נאָכגעשפּירט נאָך יעדער באַוועגונג פֿונעם שלאַנקן מיידל. אין זײַנע אויגן האָט זי אין דער מינוט אויסגעזען שענער און מילדער פֿון אַלע מיידלעך אַף דער וועלט.

פֿון דער ליד, וואָס דאָס מיידל האָט געזונגען, האָט ער זיך דערוווּסט וועגן אַ שוידערלעכער געשיכטע: דעם מיידלס פֿאָטער איז געשטאָרבן, און די מוטער האָט אַרײַנגעבראַכט אין שטוב אַ נײַעם מאַן, אַ דער־רועך־ווייסט־וואָס, אַ שיקער, אַ מענוול, וואָס מוטשעט דאָס מיידל, וויל זי פֿאַר־טרײַבן פֿון איר פֿאָטערס הויז, אַרויסוואַרפֿן אַף דער גאַס. ער טראַכט אויס אַף איר ווילדע בילבו־לים... אַזאַ טײַערע נעשאָמע און אַזוי אומגליקלעך!

מאַקס האָט אינגאַנצן פֿאַרגעסן, ווו ער געפֿינט זיך. ער האָט מיט דער גאַנצער נעשאָמע מיטגעפֿילט דעם מיידל און געטראַכט, מיט וואָס העלפֿט מען איר, ווי לייזט מען זי אויס פֿון איר אומגליק. ווען ער קאָן דערשטיקן מיט זײַנע הענט איר שטיפֿפֿאָטער, וואָלט ער עס געטאָן און זיך אַפּילע ניט פֿאַרטראַכט.

מאַקס האָט געפֿילט, ווי טרערן הייבן אים אָן שטיקן, איר געזאַנג און דאָס שפּילן פֿונעם פּידעלע האָבן אים פֿאַרקישעפֿט, און ער איז געווען גרייט גיין פֿאַר דעם מיידל אין פֿײַער און אין וואַסער.

און גראָד אין דער מינוט דערטראַגט זיך פֿון ערגעץ אַ געדיכטע, בייזע שטים, און לעבן דעם מיידל, באַ וועלכן עס קײַקלען זיך טרערן איבער די באַקן, וואַקסט אויס אַ פּאַרשוין מיט אַ קורץ בערדל, אין אַ צוגעפּלעטשטן קאַפּעליוש און מיט אַ ציבעק אין די ציין — זעט אויס, דער שטיפֿ־פֿאָטער אירער. ער קוקט אַף איר מיט אַ פּאָר איבערגעקערטע, ראָצכישע אויגן:

— ווען זע איך דאָ? דו ביסט נאָך באַ מיר אין שטוב? אַרויס פֿונדאַנען, מאַכשייפֿע, דו ביסט באַ מיר קיין גראָשן ניט ווערט! פּאַרנעם זיך מיט גוטן, אויב דאָס לעבן איז דיר טײַער!..

דאָס מיידל האָט קוים באַוויזן זאָגן נאָר עטלעכע ווערטער, אַז דאָס איז איר טאַטנס שטוב, אַז זי וועט אין אַזאַ פֿראָסט אַף דער גאַס ניט גיין, ווי דער אויסוואָרף האָט זיך מיט רעציכע אַ לאָז געטאָן צו איר און זי גענומען שטיקן...

דאָס האָט שוין מאַקס ניט געקאָנט איבערטראָגן. ער איז געוואָרן אויסער זיך. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבער דעם זאַל, אין איין אויגנבליק אַרופֿגעשפּרונגען אַף דער בינע און זיך אַ וואָרף געטאָן אַף דעם פּאַרשוין מיטן קורצן בערדל.

אין זאַל איז געוואָרן אַ מוירעדיקער גערודער, אַ געשריי, אַ טומל. דאָס בערדל האָט געקווי־טשעט, ווי אַ געקוילעטער. אַף דער בינע איז געוואָרן אַ לויפֿעניש. עמעצער האָט געכאַפּט באַ די הענט דעם צעשויבערטן באָכער. דאָס בערדל האָט אים באַטראַכט און געקנייטשט מיט די אַקסל:

— אַ מעשוגענער. ווער האָט אים אַהער אַרײַנגעלאָזט?..

מאַקס איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער בינע און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. אים האָט באַגלייט אַ הילכיק געלעכטער, מע האָט אַף אים געטײַטלט מיט די פֿינגער:

— זעט נאָר, ס'איז דאָך מאַקס דער בעקער!.. וואָס איז מיט אים געשען?

— פֿאַני זשיכלינסקאַס שיק־יינגל...

עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער פֿאָרהאַנג, און באַ דער ראַמפּע האָט זיך באַוויזן אַ קליינוווּק־סיק שוואַרץ מענטשל מיט אַ גרויסן קאָפּ, מיט אַ פּאָר גילדענע פּענסנע אַף דער לענגלעכער שאַר־פֿער נאָז. ער האָט קוים אײַנגעשטילט דעם עולם און דאַן אויסגעשריגן:

— לײדיס, דאָס הײסט דאַמען און דזשענטעלמענס, אונדזערע כאַשעווע געסט! איך פֿאַרלאַנג אײַן ווײַלע אויפֿמערקזאַמקײַט... אַ פּאָר ווערטער בלויז!

ער האָט פֿאַרלײגט די הענט אויף הינטן און נערוועז זיך דורכגעגאַנגען לענגאויס דער בינע, מעסטנדיק מיט זײַן שאַרפֿן בליק דאָס פּובליקום:

— רײשיס־כאָכמע, — האָט ער פֿאָרגעזעצט, — דערלויבט מיר זיך פֿאָרשטעלן, טײַערע דאַמען און דזשענטעלמענס! פֿאַר אײַך שטײט דער אימפּרעסאַריאָ פֿון דיזן טעאַטער לײזער, אַנט־שולדיקט, לעאָפּאָלד זגורסקי... צי קאָן איך אײַך זאָגן צװײ װערטער, איר זאָלט אױסהערן מיט קאָפּ? יאָ? איך מעג? אױסערגעװײנלעך! דאָ איז פֿאָרגעקומען אַ מיספֿאַרשטײעניש, נאָר ס׳איז ניט שרעקלעך. אַלץ טרעפֿט זיך בײַ מיר אין טעאַטער... אַ פּאָר מענטשן האָבן שױן אַמאָל בײַ אונדז געפּלאַצט פֿון געלעכטער, און דער טעאַטער האָט זײ געמוזט אױף זײַן כעזשבן ברענגען צו קװורע... װיפֿל װײַבער זײַנען אױף אונדזערע ספּעקטאַקלען געפֿאַלן כאַלאַשעס און מע האָט זײ קױם אָפּגעראַטעװעט, װעגן דעם רײד איך שױן ניט. אַזאַ גוטער און שײנער טעאַטער, װי מײַנער, איז אין ערגעץ ניטאָ... נאָר ניט דאָס בין איך אױסן. קעדײ אױסמײַדן אױף װײַטער מיספֿאַרשטײעניש, װי נאָרװאָס איז פֿאָרגעקומען מיטן באָכער, דערלױבט מיר זאָגן צװײ װער־טער. נאָר איך בעט הערן מיט קאָפּ.

לײזער, אַנטשולדיקט, לעאָפּאָלד זגורסקי האָט פֿאַריכט אױף דער שאַרפֿער נאָז די פּענסנע, זיך אױסגעהוסט און מיט װירדע, הײבנדיק זיך אױף די שפּיץ פֿינגער, ער זאָל אױסזען העכער, פֿאָרגעזעצט:

— איך מוז אײַך מעלדן, אַז אונדזער שױשפּילערן עסטערקע שאַפּיראָ איז אין לעבן ניט אַזױ אומגליקלעך, װי עס װערט געװיזן אױף דער בינע... זי האָט ביז הונדערט און צװאַנציק יאָר אַ פֿאָטער, װעמען איר קענט גוט און זעט אים אָפֿט אױף דער בינע. זי האָט אַ שטוב, און קײנער טרײַבט זי כאָלילע ניט אַפֿן פֿראָסט, װי אײַך קאָן זיך אױסדוכטן. נאָר װאָס קאָנט איר טאָן, לײדיס און דזשענטעלמענס, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט קונסט... די קונסט פֿאָדערט, אַז גראָד דעם אָפּדער־נאַכט זאָל עסטערקע שאַפּיראָ זײַן אַ יעסױמע. איז זי אַ יעסױמע און זינגט. מאָרגן װעט די קונסט פֿאָדערן, זי זאָל לאַכן און טאַנצן, װעט זי לאַכן און טאַנצן... אַבי איר זאָלט נאָר װעלן נעמען בילעטן און קוקן און הערן. איבערמאָרגן װעט די קונסט פֿאַרלאַנגען, עסטערקע זאָל זיך אײַנליבן, װעט זי זיך אײַנליבן. אַן אַנדער ברירע האָט זי? טעאַטער... קונסט...

װען אונדזערע כאַשעװע צושױער זאָלן אַלע אָפּדערנאַכט דערשטיקן אונדזערן אַ שױשפּילער, װאָלט איך שױן לאַנג ניט געהאַט מיט װעמען צו שפּילן... מיר שטיקן ניט, שטעכן ניט און שיסן ניט אײנער דעם אַנדערן. איר פֿאַרשטײט, יונגערמאַן, צי איר פֿאַרשטײט ניט? װוּ איז ער דאָרטן ערגעץ?!.. מיר זײַנען ניט קײן אױסװורפֿן, ניט קײן שיקורים און גאַזלאָנים. איר פֿאַרשטײט מיך?

איז אַלזאָ, לײדיס און דזשענטעלמענס, רוף איך אײַך צו פֿולקומער אָרדענונג, זיצט רויִק און לאָזט שפּילן טעאַטער. נעמט זיך, יונגערמאַן, אין די הענט און האַלט אײַן אײַערע נערװן, װײַל שפּעטער װעט זײַן נאָך שרעקלעכער, באַלד װעט אױפֿטרעטן מיסטער אָסקאַר שאַפּיראָ מיט אַ רע־װאָלװער אין די הענט. דערנאָך װעט קומען מאַדאַם זילבערקראַנץ און װעט זיך רײַסן בײַ די האָר און שלאָגן טאַפּליעס... עס װעט זיך נאָך טאָן אױף טיש און אױף בענק און אױף קלײנע בענקעלעך, נאָר דאָס אַלץ פֿאָדערט די קונסט, דער פּראָפֿעסער, דאָס הײסט דער שרײַבער, האָט אַזױ געװאָלט, און מיר זײַנען זײַנע איבערגעגעבענע און טרײַע קנעכט...

אַלזאָ, לײדיס און דזשענטעלמענס, נעמט זיך אָן מיט געדולד און לאָזט אונדז דערפֿירן די דראַמע ביזן סאָף. זיצט רויִק אױף די ערטער און שפּרינגט ניט, איך בעט אײַך, אױף דער בינע, װאַרפֿט זיך ניט און שטיקט ניט מײַנע קאָלעגן שױשפּילער. אַלזאָ, רויִק! איך גאַראַנטיר אײַך, אַז אַלץ װעט זיך ענדיקן שײן און לײַטיש. נאָר געדולד! מאַעסטראָ, דערלאַנגט לאָשן! — האָט דער אימפּרעסאַריאָ געלאַנט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, זיך צעשמײכלט און אַנטרונען געװאָרן פֿון יענער זײַט פֿאָרהאַנג. נאָר דער אױלעם האָט זיך נאָך שטאַרקער צעטומלט. מע האָט געזוכט מיט די אױגן דעם בעקער־יונג, װאָס האָט אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל.

נאָר מאַקס איז שױן אין זאַל ניט געװען. װי נאָר ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך אַזױ באַנאַרישט, איז ער ניט טױט ניט לעבעדיק אַרױסגעשפּרונגען אין דרױסן. ער האָט זיך ניט פֿאָר־געשטעלט, װיאַזױ װעט ער איצט קוקן מענטשן אין די אױגן. נאָך אַ גליק, װאָס דאָ איז קײנער פֿון די בעקער ניט געװען, אַנדערש װאָלט ער גלײַך געדאַרפֿט פֿאַרלאָזן די שטאָט.

מאַקס קרײסלער האָט זיך געפֿילט װי אַן אױסגעשמיסענער. אַזאַ כאַרפּע! ער שטעלט זיך פֿאָר, װאָס עס װעט זיך אָפּטאָן אין בעקערײַ, װען מע װעט זיך דערװיסן װעגן דער געשיכטע! ער װעט האָבן אַ שײן פּאָנעם, װען ער װעט אַרײַנפֿאַלן אין מױל צו די קאָלאָמײער לײצים.

באנאכט, ווען עס שלאָפט זיך ניט

מאקס איז געווען פארטאָן אין זײַן וואָכעדיקער ארבעט. ער האָט געשלעפט אַף די פלייצעס שווערע קוישן מיט בייגל, בולקעלעך. ער האָט אומיסטן זיך געסטארעט האלטן אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מענטשן זאָלן אים ניט דערקענען, זאָלן צו אים ניט צושטיין, ניט לאכן, דערמאָנענדיק אין יענעם אפדערנאכט, ווען ער האָט זיך אזוי באנאריש אין טעאטער... נאָר דאָך האָט מען אים דערקענט, זיך אָפּגעשטעלט, נאָכגעשריגן:

— היי, מאקס, ווען שפּילסטו נאָכאמאָל טעאטער?

און אים וואָלט בעסער געווען אײַנעמען א מיסע־מעשונע, איידער אויסהערן אזעלכע דיבורים. אָפט האָט מען אים דערפירט ביז טרערן און ער איז גרייט געווען לאָזן אין גאנג די פויסטן. נאָר גיי האָב צו טאָן מיט א גאנצער שטאָט. און איר דארפט וויסן, אז קאָלאָמייער לייצים זײַנען ניט קיין פארשלאָפענע מעלאמדים. פאר איין נעריק וועסטו אָפּליזן דרײַ צוריק. האָט ער נעבעך געמוזט דערשטיקן דעם קאס אין זיך.

ער האָט בא זיך פעסט באשטימט, אז זײַן פוס וועט מער ניט אריבערטרעטן די שוועל פון דעם טעאטער. דער באָכער האָט זיך באמיט ניט טראכטן, זיך ניט דערמאָנען אָן דעם שרעקלעכן אפדערנאכט. אָבער ווי ער האָט זיך ניט געסטארעט, איז ווי אפצולאָכעס אים עסטער שאפּיראָ שטענדיק געשטאנען פאר די אויגן. ווען וואָס ער האָט ניט געטראכט, איז זי אים געקומען אַפן זינען. אַף אַלע ראָגן האָט זי אראָפּגעקוקט צו אים פון די אפישן. איר בליק האָט אים נאָכגעשפּירט, אים געבעטן, ער זאָל קומען ווידעראמאָל הערן, ווי זי זינגט...

ס'איז שוין אוועק א שיין שטיקל צײַט, און מאקס האָט טאקע געהאלטן וואָרט — ניט אריבערגעטראָטן די שוועל פון טעאטער. נאָר ווען ס'איז דערגאנגען צו אים א קלאנג, אז די וואנדער־בראנזשע גרייט זיך אין וועג ארײַן, האָט ער שוין ניט געקאָנט אויסהאלטן, ניט געקאָנט בײַקומען דעם יעיצערהאָרע.

אין איינעם א פארנאכט האָט מאקס ארופגעכאפּט אַף די אקסל דאָס יאָמטעוודיקע רעקל, ארײַנגעשטופּט אין די קעשענעס עטלעכע בייגל פארן פארשוין מיט דער צעפּלעטשטער נאָז און אוועקגעלאָפן מיט די הינטערגעסלעך צום טעאטער. ער איז אָפּגעשטאנען א היפּש ביסל צײַט בא דער הינטערשטער טיר, ביז דער פאָנפאטש האָט זיך באוויזן. ווען דער פארשוין האָט דערזען מאקסן, האָט די נאָז בא אים נאָך מער זיך צעשפּרייט איבער זײַן פּאָנעם. אָט־אָט וועט ער אויסשיסן א געלעכטער.

מאקס געשמאקע פרישע בייגל האָבן געמאכט דעם פארשוין ווייך ווי טייג. ער האָט ארומגענומען דעם קרעפטיקן באָכער און, ארײַנקוקנדיק אים אין די אויגן, געזאָגט:

— נאָר זע, לעמאנעשעם, זאָלסט זיך מער ניט וואַרפן אַף אונדזערע לייצים! זיי זײַנען לײַטישע מענטשן, אָרעמע, נאָר פריילעכע, דו פארשטייסט, מאקס? אזוי, דאכט זיך, רופט מען דיך?

און ער האָט אים ארײַנגעלאָזט דורך דער הינטערטיר אין זאל.

דער ספּעקטאקל, לאָזט זיך אויס, איז שוין געווען אין רעכטן ברען. אין זאל איז געווען שטיל, מיט פארטײַעטן אָטעם און אויסגעצויגענע העלדזער, מיט גלאנצנדיקע אויגן האָט דער אוילעם געשפּירט נאָך דעם, וואָס עס קומט פאָר אַף דער בינע.

מאקס האָט דערזען אַף דער בינע א צעווילדעוועטן נעגער מיט גלאנצנדיקע אויגן און פינקלענדיקע ציין. דער נעגער האָט עפּעס געשריגן אַף עסטערן, וואָס איז געווען אויסגעפּוצט, ווי א קאַלע. צווישן דעם פּאָרפאָלק איז, זעט אויס, געגאנגען א גרויסע קריג... זי האָט זיך געבעטן בא אים, ווי בא א גאזלען, געשווירן בא גאָט און באם הימל, אז זי איז אים איבערגעגעבן און אז זי האָט אים קיינמאָל ניט פאראטן, נאָר דער נעגער האָט ניט געגלייבט, געווילדעוועט, געקערט ווערלטן, געסקריפּעט מיט די ציין, געבושעוועט און גרייט געווען דוירעס זײַן דאָס מיידל. און עס האָט טאקע ניט געהאָלפן ניט איר געבעט, ניט אירע טרערן און שוווּעס, דער רעצייעך איז צוגעשפּרונגען צו איר, ווי א בייזע כײַע, און זי דערשטיקט.

מאקס האָט אליין ניט געוווּסט, וואָס מיט אים קומט פּאָר. אין דער מינוט, ווען דער שווארצער האָט געשטיקט עסטערן, האָט ער ווידער פארגעסן, ווו ער געפינט זיך. נאָך א גליק, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט, אז ער געפינט זיך אין טעאטער...

מאקס איז געשטאנען א דערשטוינטער און געקוקט, ווי דער נעגער איז געפאַלן אַף די קני פאר זײַן קאָרבן, זיך גענומען מאָרדעווען, שלאָגן זיך אין קאָפּ. פארגיסנדיק טרערן, האָט ער זיך געווענדעט צום טויטן קערפּער פון דעם מיידל:

אומגליקלעכע! ווי דו האָסט זיך גלײַך געענדערט!
בלאס, ווי דער טויט, ווי דער קאַליר פון דײַן העמד!

אָ, ווען צום מישפּעט מיר וועלן מיט דיר קומען,
דײַן צאַרטער בליק וועט פאַרוואונדן מײַן נעשאָמע פונעם הימל,
און טײַוולאָנים וועלן זי אונטערכאַפּן אַפן וועג...

נאָך דעם, ווי דער נעגער האָט פאַרענדיקט זײַנע רייד, איז אין זאַל געבליבן הענגען א שווערע שטילקײַט, אָבער אין א רעגע אַרום האָט זי געפּלאַצט, די שטילקײַט, גלײַך א באָמבע וואָלט זיך אופגעריסן. דער אוילעם האָט געבושעוועט, געשריגן, אַפּלאָדירט, געקלאַפּט מיט די פיס. דער מאַוור מיט דעם מיידל האָבן זיך דערנעענטערט צום ראַנד פון דער בינע, האַלטנדיק זיך בא די הענט. זיי האָבן זיך נידעריק פאַרנייגט פאַרן אוילעם, שווער געאָטעמט, געווען גליקלעך, וואָס זיי האָבן אַזוי אויסגענומען מיט זייער שפּילן.

מאַקס האָט אַזוי געפּאַטשט אין די דלאָניעס, אַז די הענט האָבן אַזש אָנגעהויבן ווײ טאָן. ער האָט געשײַנט פון פאַרגעניגן, ער איז גליקלעך געווען, וואָס ער זעט דאָס מיידל א לעבעדיקע, א פריילעכע.

אין זאַל איז שוין געווען פּוסט און טונקל. נאָר מאַקס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין זײַן ווינקל און געקוקט אַף דער בינע, אַף וועלכער עס איז אַרומגעלאָפן דער מענטש מיט דער צוגעפּלעטשטער נאָז און נאָך א פּאָר עלטערע לײַט. מיט העמערלעך און אָפּצווענגעס האָבן זיי פאַנאַנדערגענומען די דעקאָראַציע, געטאַסקעט די טישלעך און בענקלעך.

מאַקס איז עמעס מעקאַנע געווען אָט די מענטשן. אַלע טאָג קאָנען זיי פראַנק־און־פרײַ קומען אין טעאַטער, זען די אַרטיסטן, ריידן מיט זיי. און מיט עסטערקען קאָנען זיי ריידן!.. ווען ער קאָן כאָטש אַף איר א קוק טאָן פון דער נאָענט, איר זאָגן, ווי שטאַרק עס איז אים געפעלן געוואָרן איר שפּילן... נאָר זי וואָלט אים געוויס אָנגעקוקט ווי א מעשוגענעם.

אין זאַל האָט מען אויסגעלאָשן די שײַן, און מאַקס האָט זיך אַרויסגערוקט אין דרויסן. עס איז שוין, ווײַזט אויס, געווען שפּעט, די גאַס איז געווען פּוסט. באַם ראַנד טראָטואַר זײַנען געשטאַנען עטלעכע פיאַקערס. די מידע פורמאַנעס האָבן געדרעמלט אַף די קעלניעס. די אײַנגעשטאַנענע פערד האָבן אײַנגעניורעט די מאָרדעס אין די טאָרבעס און געשמאַק געריבן דעם האָבער.

מאַקס האָט זיך אָפּגעשטעלט אונטער אַן אַלטן צעצווײַגטן קליאָן, געוואַרט, די אַרטיסטן זאָלן אַרויסגיין פון טעאַטער, עפּשער וועט ער כאָטש פונווײַטנס דערזען דאָס מיידל.

ענדלעך האָט ער זיך דערוואַרט. עטלעכע באָכערים מיט רענצלעך אין די הענט זײַנען אַרויס פון טעאַטער. די פורמאַנעס זײַנען גלײַך לעבעדיק געוואָרן. זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט פון אונטער די פערדישע מאָרדעס די טאָרבעס און זיך צעשריגן יעדער אַף זײַן אויפן:

— איי, כעווריע, זעצט זיך אַהער! איך וועל אונטערפירן אין גאָסטינעץ ניט טײַער! הײַדאַ!

— צו אים זעצט זיך ניט! זײַן שקאפּע טויג נאָר אַף פירן מייסים צום בעסוילעם...
— זײַן פּיאַקער וועט אינמיטן וועג צעשאָטן ווערן!
— און מיט אים וועט איר ביז טאָג ניט פאַרפאָרן צו דער גאָסטינעץ...
נאָר די כּעוורע אַקטיאָרן האָבן געלאַכט, קוקנדיק אַף די אָפּגעלעבטע פורמאַנעס, און זיך געסטאַרעט גיכער אָפּטראָגן פונדאַנען.
— איי, וווּהין זשע אַנטלויפט איר?
— אַן אַנדערשמאָל! דערוויַיל וועלן מיר זיך דורכגיין צופוס, כאַפּן פרישע לופט...
די פורמאַנעס האָבן נאָכגעקוקט די שיינע קונדן, זיך געזידלט:
— נו, אַוואַדע, קיין קאָלאַמייע וועט קומען עפּעס רעכטס? אַ באָרוועסע קאַפּעליע קאָמע־דיאַנשטשיקעס... מע שפּילט טעאַטער און מע פּעכגעט אַפּן פּיסק...
— פון אַזעלכע לייצים קאָנסטו האָבן פּאַרנאָסע...
די אַנטוישטע פורמאַנעס האָבן זיך באַרויגעזע געלאָזט פאָרן איבער די אײַנגעשלאָפענע געסלעך. דאָ איז געבליבן בלויז איינער מיט זײַן דראָזשקע, אַן אַקשן, וואָס האָט נאָך אַלץ געהאָפט עפּעס פאַרדינען.
דעם עמעס געזאָגט, איז מאַקס געווען אַנטוישט ניט ווייניקער פון די פורמאַנעס. ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז אַרטיסטן זאָלן ניט האָבן אַ פּאָר זלאָטעס אַף נעמען אַ דראָזשקע. דערפאַר איז ער אָבער געווען זיכער, אַז דער געבליבענער פורמאַן וואַרט אַף איר, אַף עסטערקען. ער וועט צוואַרטן, ביז זי וועט אַרויסגיין פון טעאַטער. ער וויל נאָר אַ קוק טאָן אַף איר פון דער נאָענט, זאָגן איר געציילטע צוויי ווערטער, מער דאַרף ער גאָרניט. ער וועט צוגיין צו איר, איר זאָגן אַ דאַנק און אַנטלויפן.
נאָר פאַרוואָס זעט מען ניט עסטערקען? פאַרוואָס פאַרהאַלט זי זיך?
ענדלעך האָט זי זיך באַוויזן. זי איז געווען פאַשעט אָנגעטאָן, אין אַ העלן אַלטן רעגנמאַנטל. אין די הענט — אַ שווערער טשעמאָדאַן, אויך ניט קיין שפּאָגל־נײַער. נאָך איר איז געגאַנגען אַ הויכער מענטש מיט קורץ אונטערגעשוירענע וואָנצעס, מיט אַ צעקנייטשטן קאַפּעליוש אַפּן קאָפּ. אַף זײַן ביינערדיק פּאָנעם האָבן זיך נאָך געזען סימאָנים פון גרים, די אויגן זײַנען געווען אונ־טערגעשמירט מיט שוואַרצער פאַרב.
מאַקס האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס האָט ער געשפּילט דעם נעגער, און זיך געוווּנדערט, ווי גיך דער מענטש האָט זיך געענדערט.
יאָ, דאָס איז ער! אָט פאַר דעם מיידל איז ער געשטאַנען אַף די קני, געוויינט, ווי אַ קינד, און געבעטן מעכילע.
— נו, טאָכטערקע, דו גיי אַהיים, איך וועל גיך קומען, — האָט דער „מאָור" געזאָגט צו עסטערקען. דאָס מיידל איז געבליבן שטיין מיטן טשעמאָדאַן אַ פאַרלאָרענע און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. זי האָט זיך גענומען בעטן בא אים, ער זאָל גיין אַהיים. ער איז דאָך מיד און ניט געזונט. און איצט איז שוין שפּעט...
נאָר דער פאָטער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך געלאָזט גיין מיט מידע טריט.
זי האָט אים עפּעס נאָכגעשריגן, געבעטן, ער זאָל זיך אומקערן, יענער האָט זיך אַף אַ רעגע אויסגעדרייט צו איר, ווידער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געהייסן איר גיין אַהיים, ער וועט זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן, ער וועט נאָר כאַפּן אַ גלעזל ווײַן און...
עסטער האָט אופגעהויבן דעם שווערן טשעמאָדאַן און זיך געלאָזט גיין. דער פורמאַן האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער בײַטש אין דער לופט, אונטערגעפאָרן און, באַהאַלטנדיק אַ מאַמזעריש שמייכעלע אין דער געדיכטער באָרד, זיך אָנגערופן:
— איי, פאַניענקע, זעצט זיך, וועל איך אונטערפירן...
— אַ דאַנק! מירן שוין פאָרן מיט אײַך אַ צווייט מאָל. איצט איז קיין געלט ניטאָ.
— וואָס הייסט ניטאָ? אַ פּרימאַדאָנע, אַזאַ קראַסאַוויצע זאָל קיין געלט ניט האָבן! געוויס קלײַבסטו נאַדן? — האָט ער געשמייכלט, פאָרנדיק נאָך איר, — און איך האָב געמיינט, אַז איר שאַרט זלאָטעס מיט די לאָפּעטעס. נו, זעץ זיך, בא אַזאַ שיינער פאַניענקע וועל איך קיין געלט ניט נעמען. איין קוש אין די ליפּעלעך...
עסטער האָט, אַריבערנעמענדיק דעם טשעמאָדאַן אין דער צווייטער האַנט, זיך געלאָזט גיין שנעלער.
מאַקס איז געווען אויסער זיך. ווי דערלויבט זיך עס דער גראָבער יונג אַזוי צו ריידן מיט איר? ער פאַרשטייט כאָטש, מיט וועמען ער האָט צו טאָן? ווען ער וואָלט געזען, ווי דער אוילעם האָט געשלונגען יעדעס וואָרט אירס. מע האָט דאָך זי שיר אַף די הענט ניט געטראָגן. זאָל ער זאָגן נאָך איין וואָרט, וועט ער באַלד פּליִען פון דער קעלניע. ער, מאַקס, וועט צעברעכן אַף אים

די האַלאַבליע. דער פורמאַן איז אַלץ ניט אָפּגעשטאַנען פונעם מיידל. מאַקס איז צוגעלאָפן און אויסגעשריגן:

— איי, פעטערל, עפשער וועט איר זיך מיט גוטן אָפּטשעפּען? — דערביַי האָט ער אַזאַ קוק געטאָן אויפן פורמאַן, אַז יענער האָט באַלד פאַרקערעוועט אין אַ זייַטיק געסל.

עסטער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם אומבאַקאַנטן באָכער, זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו אים, ווי זי וואָלט אים אָפּדאַנקען, און זיך געלאָזט גיין איר וועג.

מאַקס איז אַ רעגע געשטאַנען, דערנאָך זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און זי דעריאָגט. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט ער זיך אָנגערופן:

— דערלויבט, איך וועל אייַך העלפן צוטראָגן דעם טשעמאָדאַן? אייַך איז דאָך שווער...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרייַנגעקוקט אים אין די אויגן און רויִק געענטפערט:

— אַ דאַנק, איך בין געוווינט. און מייַן דירע איז דאָ ניט ווייַט.

ער האָט זיך פאַרויטלט. נאָר כאַפּנדיק אויף זיך איר שמייכלענדיקן בליק, האָט ער אַ נעם געטאָן דעם טשעמאָדאַן פון אירע הענט.

— איר זייַט שוין געוויס מיד, און באַ מיר איז אַזאַ טשעמאָדאַן פונקט ווי אַ פעדער. פאַר אַ בעקער איז אַ זאַק מעל אויך ניט צו שווער.

זיי זייַנען געגאַנגען מיטן טראָטואַר שווייַגנדיקע. זייערע טריט האָבן אָפּגעהילכט אין דער באַנאַכטיקער שטילקייַט. עסטערקע האָט גלייַך דערקענט דעם באָכער און פון מאָל צו מאָל געוואָרפן אויף אים אַ בליק. איר האָט זיך געגלוסט אים אַ פרעג טאָן, וואָס איז מיט אים דעמלט געשען, פאַרוואָס איז ער אַרופגעשפּרונגען אויף דער בינע און געגנומען שטיקן דעם אַקטיאָר. זי האָט אָבער מוירע געהאַט, אַז זי וועט אים דערמיט באַליידיקן.

מאַקס האָט זיך געבייזערט אויף זיך אַליין. דער טייַוול ווייסט עס, וואָס מיט אים איז. פאַרוואָס שעמט ער זיך, ווי אַ פּיצל קינד. פאַרוואָס זאָל ער זי ניט פרעגן, וויאַזוי זי איז געוואָרן אַן אַקטריסע, צי ווייסט זי כאָטש, ווי באַליבט זי איז באַם עולם... נאָר די צונג איז ווי צוגעוואַקסן צום גומען און כאָטש האַק זי און בראָק זי — שטום, ווי אַ שטיק האָלץ.

ער האָט געכאַפּט אויף זיך איר גוטמוטיקן, עטוואָס שמייכלענדיקן בליק און ניט פאַרשטאַנען, וואָס זאָל עס באַטייַטן. וואָס פאַר אַ רועך האָט אים געשטופּט, ער זאָל אויסשיסן, אַז ער איז אַ בעקער. נאָך גוט, וואָס ער האָט ניט אויסגעשאָסן די געשיכטע וועגן די קעץ פון פאַני זשיכלינסקאַ.

דאָך האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און אַ פרעג געטאָן, פאַרוואָס אַלע זייַנען אַוועק און דער טאַטע האָט זי געלאָזט אַליין אין גאַס.

עסטערקע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און געגנומען פאַרענטפערן איר פאָטער. ער איז זייער אַ גוטער, אַ האַרציקער, איר טאַטע, נאָר עס טרעפט באַ אים די לעצטע צייַט, אַז ער טרינקט אויס, און זי איז ניט בעקויעך אים אָפּהאַלטן, ער ליבט שטאַרק איבער... די מוטער אירע איז געשטאָרבן, ווען זי, עסטערקע, איז נאָך געווען גאָר אַ קליינינקע. די מוטער איז אויך געווען אַן אַקטריסע, זייער אַ באַוווסטע, דער פאָטער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט. זי, עסטערקע, מיט איר פאָטער, אָסקאַר שאַפּיראָ, בלאָנקען שטענדיק אַרום איבער שטעט און שטעטלעך — הייַנט דאָ, מאָרגן דאָרט, נאָר זיי זייַנען צופרידן, דער טעאַטער איז פאַר זיי אַלץ אין לעבן...

מאַקס האָט נייַגעריק זיך צוגעהערט צו אירע ווערטער און זיך געכידעשט, וואָס זי דערציילט אים אַלץ אַזוי, ווי זיי וואָלטן זייַן באַקאַנט ווער ווייסט וויפל צייַט. און ס'האָט אים באַנג געטאָן, וואָס זיי האָבן זיך דערנענטערט צום האָטעל. באַלד וועט זי געוויס פאַרשווינדן אין דער באַ־לויכטענער געבייַדע, און ווער ווייסט, צי וועט ער זי נאָכאַמאָל באַגעגענען, צי וועט זי מיט אים נאָכאַמאָל אַזוי ריידן? ער האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם אַרייַנגאַנג. עסטער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און זיך צעלאַכט:

— איר מיינט מינאַסטאַם, אַז איך וווין דאָ, אין האָטעל? — זי האָט אים היימיש אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל און זיך געלאָזט גיין ווייַטער, פאַרקערעוועט אין אַ שמאָל געסל, וואָס האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט באַרג־אַראָפּ.

— און איך האָב טאַקע געמיינט, אַז איר וווינט דאָ...

זי האָט אַ צי געטאָן די האַנט צום טשעמאָדאַן:

— איך וועל שוין אַליין גיין, איר זייַט געוויס פאַרנומען, אַ דאַנק...

— ווער איז פאַרנומען? — האָט ער נאָך פעסטער אָנגענומען דעם טשעמאָדאַן.

— ס'איז שוין זייער שפּעט, איר וועט מוירע האָבן גיין צוריק...

— וואָס רעדט איר! איך האָב מוירע? אַפילו פאַרן טייַוול אַליין האָב איך אויך ניט קיין מוירע...

ער איז געוואָרן אויפגעלעבטער, באַריידעוודיקער:

— איך בין שוין עטלעכע מאָל געגאַנגען באַנאַכט אין די בערג. ווייַט־ווייַט.

— פאַרוואָס עפּעס אין די בערג? איר זײַט א יעגער?

— ניין. איך אַרבעט אין א בעקערײַ מיט זייער א טײַערן מענטשן, א הוצול, פון די בוקאָ־ווינער בערג, אילקאָ זאַגול, א גאָלדענע נשמה. פאַרן עמעס קאָן ער גיין אין פײַער און אין וואַסער. ער איז געווען א סטודענט אין וואַרשע, נאָר מע האָט אים פון דאָרטן אַרויסגעטריבן... אין ערגעץ האָט מען ניט ליב קיין מענטשן, וואָס זאָגט דעם עמעס. אין טורמע איז ער שוין אויך געזעסן צוויי מאָל, נאָר ס'העלפט זיי ניט, ער איז זיך געבליבן בא זײַנעם... מיר זײַנען שוין עט־לעכע מאָל מיט אים געגאַנגען באַנאַכט אין די בערג.

מאַקס האָט זיך פאַרהאַקט. „צעלאָזט דאָס צינגל, — האָט ער א טראַכט געטאָן. — ווען אילקאָ זאָל וויסן, וואָס איך פּלאַפּל, וואָלט ער מיר די ציין אויסגעזעצט".

— נו, אַט זײַנען מיר געקומען!.. א גרויסן דאַנק אײַך! — האָט עסטער אים איבערגעשלאָגן די גערדאַנקען.

זי האָט גענומען פון זײַנע הענט דעם טשעמאָדאַן און אים אַוועקגעשטעלט לעבן גאַנעקל פון א האַלב אײַנגעזונקען שטיבל.

— א גרויסן דאַנק! — האָט זי איבערגעכאַזערט און אים אויסגעשטרעקט די האַנט. — מיט אײַך איז מיר געווען פריילעך צו גיין. איך האָב אַפילו ניט באַמערקט, ווי איך בין געקומען אַהיים.

זי האָט א רגע געקוקט אויף אים שמייכלענדיק, ווי זי זאָל וועלן פאַרגעדענקען דעם באָכער, און ערשט דערנאָך זיך אופגעהויבן אויפן קרומען גאַנעקל.

עסטערקע איז פאַרשווּנדן געוואָרן, אין א פּאָר מינוט אַרום האָט זיך אינעם נידעריקן פענצטערל אָנגעצונדן א לאָמפּ. מאַקס האָט דערזען דורכן פענצטער דאָס מיידל. געזען, ווי זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל, זיך אָפּגעשטעלט באַם שפּיגל, פאַריכט מיט דער האַנט די צעשויבערטע האָר. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום טישל. אויף די שפּיץ פינגער איז מאַקס צוגע־גאַנגען נעענטער צום באַלויכטענעם פענצטערל. עסטער האָט גענומען פון טיש א שטיקל ברויט, זיך צוגעזעצט א מידע אויפן אײַזערנעם בעטל, וואָס איז געשטאַנען בא דער וואַנט, און גענו־מען עסן.

מאַקס איז אָפּגעגאַנגען אָן א זײַט, זי זאָל אים כאָלילע ניט באַמערקן. עס האָט אים פאַר־קלעמט באַם האַרצן, ער ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס, צי דערפאַר, וואָס זי הריזעט א טרוקן שטיקל ברויט, צי דערפאַר, וואָס זי איז דאָ איינע אַליין אין דעם האַלב פוסטן צימערל? ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער איר געבראַכט צו טראָגן עטלעכע פרישע בולקעלעך, עטלעכע בייגל, נאָר ווער ווייסט, וואָס זי וועט אים אויף דעם זאָגן. זי קאָן אים נאָך דורכטרײַבן מיט זיי אינײנעם. מיט אזא מיידל טאָר מען קיין קאַטאָוועס ניט טרײַבן!

מאַקס האָט נאָך ניט באַוויזן אַרויס פונעם געסל, ווי ער האָט אין דער טונקלעניש באַמערקט א מענטשן, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. ער האָט עפּעס געזונגען אויף א קאָל, עמעצן גערופן.

דער בעקער האָט זיך צוגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו א פּלויטל און זיך אײַנגעקוקט אינעם שיקערן פאַרשוין. יאָ, ס'איז עסטערקעס פאָטער! ניט שוין זשע האָט דער דאָזיקער שיקער ערשט מיט א שאָ צוריק אזוי ווונדערלעך געשפּילט? באַצויבערט דעם אוילעם מיט זײַן טאַלאַנט?

יאָ, דאָס איז געווען עסטערס פאָטער, אָסקאַר שאַפּיראָ...

מאַקס האָט געוואָלט צו אים צוגיין, אים העלפן דערשלעפּן זיך אַהיים, נאָר עס האָט א סקריי־פּע געטאָן די טיר און אויפן גאַנעקל איז אַרויסגעלאָפן עסטער. זי איז געשטאַנען א דערשראָקענע און א מידע. דאָס באַנאַכטיקע ווינטל האָט געשויבערט אירע האָר, נאָר זי האָט עס, דאַכט זיך, גאָרניט געפילט.

א מינוט האָט זי געקוקט אויפן שיקערן פאָטער, דערנאָך זיך געלאָזט אים אַנטקעגן און אים גענומען אונטער דער האַנט:

— ווי שעמסטו זיך ניט? אויב ניט פאַר מענטשן, איז שעם זיך כאָטש פאַר גאָט! האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט מער ניט טרינקען...

— וואָס רעדסטו, עסטערל, איך האָב געטרונקען? ס'האָט זיך דיר געכאָלעמט... א בילבל... יאָ, יאָ, א בילבל, טעכטערל מײַנס.

— גענוג!.. וועסט אופוועקן די שכיינים. גיי אין שטוב. איך וועל אַוועק אין דער וועלט אַרײַן. ווי האַלט מען דאָס אויס? דאָס לעצטע ביסל געזונט פאַטערסטו אַוועק, און מענטשן האָבן דיך נאָך ליב.

מיט אַלע קויכעס האָט זי אים געשלעפּט צו דעם גאַנעקל.

מאַקס איז געשטאַנען באַם פּלויט א דערשטוינטער און ניט געוווּסט, וואָס זאָל ער טאָן — צוגיין איר העלפן אָדער שטילערהייט אַוועקגיין. יאָ, אזוי וועט, דאַכט זיך, זײַן בעסער. ער האָט

צוגעוואַרט, ביז זיי האָבן צוגעמאַכט די טיר, און דערנאָך אוועק. מאַקס האָט זיך דערמאָנט אָן דעם טאַטן, וואָס פאַרבלאָנדזשעט אַפּטלעך אין קרעטשמע. צו דעם איז ער שוין געווען צוגעוווינט. נאָר קאָן מען דען גלײַכן זײַן טאַטן, יאָסל דעם סטעלמאַך, מיטן באַוווּסטן אַקטיאָר אָסקאַר שאַפּיראָ?

נאָר כאָטש עס איז אים גוט געווען קאַלאַמוטנע אָפּן האַרצן, האָט זיך מאַקס דאָך געפרייט, וואָס ער האָט זיך באַגעגנט מיט עסטערקען. ער האָט זיך גאָר ניט פאַרגעשטעלט, אַז זי איז אַזאַ גוטע, אַז זי וועט ריידן מיט אים אַזוי פּאַשעט. ער האָט זי געפּרוּווט פאַרגלײַכן מיט מאַרטען, וועלכע איז אים אַמאָל אַזוי געפעלן. נאָר מאַרטע קעגן עסטערקען איז פּונקט ווי אַ פאַלש שטיינדל קעגן אַן עמעסן בריליאַנט.

די גאַס איז געווען פּוסט, און מאַקס האָט זיך ניט געשעמט ריידן אָף אַ קאָל צו זיך אַליין:

...זאָל צעפּלאַצט ווערן מײַן האַרץ, אויב די גרויסע ליבע מײַנע
איז ניט פאַר דיר! און זאָל דער גרעסטער אומגליק מיט מיר געשען,
אויב איך וועל דיך אויפהערן ליבן!..

ער וואָלט אַזוי געגאַנגען, געלייענט און געלייענט ביז דער בעקערײַ. דאַרפן זיך אָבער אויפכאַפּן פון שלאָף די נאַכט־וועכטער, וואָס האָבן געשמאַק געדרעמלט בא די קראָמען, און אים דערקענען.

— איי, מאַקס, וואָס שלעפּסטו זיך אַרום אַזוי שפּעט? האָסט שוין מיסטאָמע געכאַפּט ערגעץ די שיינע קויסע?

— צו פרי האָסטו זיך אָנגעהויבן באַלעווען מיטן ביטערן טראָפּן.

— גיי שוין גיכער צו דער אַרבעט!.. דו וועסט דאָך איבערלאָזן אַ גאַנצע שטאָט אָן בייגל... פּאַני זשיכלינסקאַ וועט דערזען, וועסטו בא איר ליגן אין דר'ערד און באַקן בייגל!

מאַקסן איז געווען גוט אָפּן האַרצן, האָט ער בלויז אָפּגעענטפערט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

אַ פריילעכער פרימאָרגן

ניט אומזיסט טײַנעט די וועלט, אַז גליקלעכע קוקן ניט אָפּן זייגער.

אונדזער בעקער מאַקס קרייסלער האָט אויך ניט געקוקט אָפּן זייגער, ניט געפּילט, ווי עס לויפט די צײַט.

אין יענער לעוואָנעדיקער נאַכט איז ער נאָך לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער די פאַרשלאָפענע געסלעך פון קאָלאָמייע און ניט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם, אַז דאָרטן, אין קעלער, וואַרטן שוין לאַנג אָף אים די לאָפּעטע און דער אויוון, שוין ניט ריידנדיק וועגן זאַגולן, וועלכן ער דאַרף פאַרבײַטן.

אַלעמאָל אין דער צײַט שטייט ער שוין לאַנג באַם אויוון אַ צעפּאַליעטער, אָפּגייענדיק מיט שוויס, און הײַנט האָט ער שיר־שיר ניט פאַרגעסן, ווו ער האַלט אין דער וועלט.

ס'וועט נאָך גוט זײַן, אַז די כעוורע בעקער וועלן לויט זײַן צורע ניט באַמערקן, אַז מיט אים קומט עפּעס פּאָר.

נאָר ווי עס זאָל ניט זײַן, האָט מאַקס זיך געפּילט גליקלעך. די גאַנצע צײַט האָט זיך אים געוואָלט אַוועקלויפן צו עסטערקען, ברענגען איר עטלעכע פרישע בולקעלעך.

און עפּשער זאָל ער גאָר קויפן אַ בוקעט בלומען און מאָרגן, ווען זי וועט שטיין אָף דער בינע, זיך בוקן פאַרן אוילעם, דערלאַנגען איר? ער האָט אָבער גלײַך אַ טראַכט געטאָן: „מיט בלומען וועט זי דען ווערן זאַט?"

ווען מאַקס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער, האָט דאָס פּאָנעם בא אים געפּלאַקערט, אַלע האָבן אים באַטראַכט, זיך נאָכגעפרעגט, וואָס איז מיט אים געשען. נאָר ער האָט זיך געסטאַרעט אויסמײַדן די שמייכלענדיקע בליקן. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס נײַע רעקל, דאָס העמדל, אַרופגעזעצט אָפּן שפּיץ קאָפּ דעם ווײַסן טשיפּעק, אונטערגעבונדן דעם פאַרטעך, געכאַפּט די לאָפּעטע און זיך אַ לאָז געטאָן צום אויוון, ווו עס איז אַ טויט־מידער געשטאַנען אילקאָ זאַגול.

מאַקס וואָלט גערן דערציילט זאַגולן, וואָס עס איז מיט אים הײַנט פאַרלאָפן און וואָס עס טוט זיך אין זײַן האַרצן, נאָר גיי רעד, אַז אָף אים קוקן אַזויפיל נײַגעריקע אויגן! קוים פאַלסטו אַרײַן צו זיי אין מויל, ביסטו שוין ניט זיכער מיטן לעבן.

אילקאָ זאַגול איז געשטאַנען אָן אַ זײַט און מיט זײַן דורכדרינגעוודיקן בליק אַ מינוט באַ־טראַכט דעם באָכער. ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט, האָט ער זיך געלאָזט אין זײַן ווינקל צו די זעק מעל, זיך אויסגעצויגן און אַנשלאָפן געוואָרן.

די אַרבעט בא מאַקסן האָט מאַמעש געבערענט אונטער די הענט. אַ פאַרפּאַליעטער, איז ער געשטאַנען באַם אויוון און אונטערגעזונגען אַ פריילעך ניגנדל. די בעקער האָבן אים נאָכגעשפּירט, אונטערגעשמייכלט און ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז אָפּן באָכער די סימכע.

— איי, מאַקס, ביסט הײַנט עפּעס צו פרײלעך! — האָט זיך עמעצער אָנגערופן. — זע, עס זאָל דיר ניט אויסקומען װײנען...

— פאַר מיר זאָרגט זיך ניט!.. בא מיר שטײט ניט דער װאַסערפּירער אין די אויגן!.. — האָט מאַקס אָפּגעענטפערט. פּלוצעם האָט ער אװעקגעשטעלט די לאָפּעטע, ארויף אױף א טאַבורעט, צוגעלײגט די הענט צו דער ברוסט, פּונקט אַזױ װי עס האָט עס געטאָן אױף דער בינע דער מאוור, און אױף א קאָל גענומען לײענען.

מע האָט ניט פאַרשטאַנען, װאָס קומט עס פאַר מיטן באָכער, נאָר װאָס װײַטער, אַלץ אופמערקזאַמער זיך צוגעהערט צו זײַנע רײד.

ביסלעכװײַז האָט מען פאַרגעסן אין דער אַרבעט. אַלע זײַנען געשטאַנען אַרום אים, ניט דורכגעלאָזן קײן װאָרט פון דעם, װאָס מאַקס האָט דערצײלט. און דערצײלט האָט ער װעגן מאוור, װעגן דעזדעמאָנען, װעגן עסטער שאַפּיראָ און איר טאַטן. אַלע זײַנען אַזױ געװען פאַרכאַפּט, אַז מע האָט פאַרגעסן א קוק טאָן אױפן פאַרשטױבטן זײגער, װאָס איז געהאַנגען אין װינקל, פאַרגעסן אין די ראַשטשינעס, אין די ברענענדיקע אויװנס. דאָס טײג האָט אָנגעהױבן אַרױסרינען פון די דײזשעס און קאַרעטעס, זיך צעפלאָסן איבערן קױטיקן דיל. פון בײדע אױװנס האָט א זעץ געטאָן א מוירעדיקער רויך, נאָר אױף דערשטיקט צו װערן.

אין בעקערײַ איז געװאָרן א געלױף, א גערודער.

די בעקער האָבן געהאװעט, געגאָסן װאַסער אין די אױװנס, און דערפון איז דער רויך געװאָרן נאָך גרעסער, גענומען זיך אַרױסשלאָגן פונעם קעלער. פּונװײַטנס האָט געקאָנט דוכטן, אַז האַלב קאַלאָמײע ברענט.

אױף דער גאַס איז אױך געװאָרן א טומל. עמעצער האָט געשריגן, אין די אײבערשטע שטאָקן האָבן זיך צעעפנט פענצטער, עס האָבן זיך אַרױסגערוקט דערשראָקענע פּנעמער, עמעצער האָט אין אײַלעניש גענומען צונױפבינדן קלומעקעס. אױסגעלאָזט האָט זיך, אַז קײן שום סרײפע איז ניט געװען, אױב ניט רעכענען די צװײ אױװנס בולקעלעך, װאָס זײַנען פאַרברענט געװאָרן.

מאַקס איז א דערשלאָגענער געשטאַנען אין א זײַט, אָנגעשפּאַרט אינעם הענטל פון דער צוגעברענטער לאָפּעטע, און מיט װײטעק געקוקט אױפן בערגל קױלן, װאָס איז געלעגן באַם אױװן, — אַלץ, װאָס איז געבליבן פון די בולקעלעך.

אַלץ װאָלט ניט געװען אַזױ געפערלעך, װען די באַלעבאָסטע זאָל ניט געװען אָנקומען. פאַני זשיכלינסקאַ איז געקומען צו לױפן אָן א נעשאָמע.

קײנמאָל אין דער װעלט װאָלט איר זי ניט געזען אָן דער װואַלקע, אָן דעם שירעם, אָן דעם קאַפּעליוש, װאָס איז געװען ענלעך אױף א טורעם. זי איז געקומען צו פליִען, איך בעט איבער אײַער קאָװעד, אין אײן העמד, מיט אַן אָפּגעריבענעם מאַנטל אױף די אַקסל. די האָר — צעשױבערט, די אױגן איבערגעקערט פון רעציכע — א מאַכשײפע!

װי מאַקס איז ניט געװען דערשלאָגן, האָט ער זיך קױם אײַנגעהאַלטן, ער זאָל זיך ניט צעלאַכן.

זי האָט א קוק געטאָן אױף די פאַרברענטע בולקעלעך, אױפן טײג, װאָס איז געװען צעשמירט איבערן גאַנצן דיל, און, ניט אַרױסברענגענדיק קײן װאָרט, געפאַלן כאַלאָשעס, פאַרגלאָצט די אויגן — אָט־אָט גיט זי אָפּ גאָט די נעשאָמע.

מאַקס האָט זי אונטערגעכאַפּט, אװעקגעזעצט אױף א בענקל. פון דערשרעק האָט עמעצער געכאַפּט אַן עמער װאַסער און אים אױסגעגאָסן אױף דער פאַני זשיכלינסקאַ.

אַן אָפּגעצװאָגענע פון קאָפּ ביז די פיס, האָט זי זיך א װאָרף געטאָן אױף איר רעטער, אים אָנגעכאַפּט פאַר די פּאַטלעס, שיער ניט אױסגעגראַבלט די אױגן.

אין בעקערײַ איז געװאָרן א מעהומע, א מוירעדיקער געפילדער.

— װאָס שטײט איר? פּאָליציי! — האָט די באַלעבאָסטע געשריגן.

נאָר די פּאָליציי האָט זיך עפּעס ניט געאײַלט. איצט איז שױן פאַני זשיכלינסקאַ געזעסן א דערשלאָגענע, צוגעטוליעט זיך מיט דער פּלײצע צו דער װאַנט, און געבראָכן די הענט, קוקנדיק אױף די פאַרסאַרפעטע בולקעלעך.

אילקאָ זאַגול איז פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען צו דער באַלעבאָסטע, זי אָנגערירט בא דער האַנט און זיך אָנגערופן:

— פאַני זשיכלינסקאַ, נעמט זיך ניט אַזױ צום האַרצן, איר זײַט א קראַנקער מענטש... װאָס קאָן מען טאָן... עס טרעפט אַן אומגליק, קײנער איז דאָ ניט שולדיק.

זי האָט אױף אים אופגעהױבן א פּאָר ראָצכישע אױגן, זיך פאַרקרימט און אױף א קאָל אױס־געשריגן:

— פאַרנעם זיך פונדאַנען, אַרעסטאַנטן! איך האָב אײַך גענומען אין בעקערײַ און ניט געװוּסט, אַז איר זײַט אַלע א כאַליאַסטרע אױסװורפן! די טורמע בענקט נאָך אײַך אַלעמען! איך װעל אײַך איבערגעבן דער פּאָליציי, איר װילט מיך פאַרטרײַבן פון דער װעלט...

אילקאַ זאגול, וואָס האָט ניט געוואָרט אַף אַזאַ פּסאַק, איז אָפּגעגאַנגען אָן א זײַט, פאַריכט די ברילן אַף דער נאָז, צוגעקעמט מיט די פינגער די לאַנגע בלאָנדע האָר, וואָס זײַנען אים געפאַלן איבער די אויגן, ער האָט שוין כאַראַטע געהאַט, וואָס ער איז צוגעגאַנגען צו איר. פאַני זשיכלינסקא האָט אים געגעבערט מיט איר שאַרפן בליק. זי האָט זיך ערשט געוואָלט נעמען צו אים, נאָר גאָט האָט געהאָלפן און געבראַכט אהער אין קעלער דעם אלטיטשקן פעלדשער פאַן טשאַפּעק־גוראַלסקי, א זשוואַווע מענטשל, א גאַנעץ די גרייס, מיט א שאַרף פּענעמל, וואָס דערמאָנט אין א פויגל. ער האָט קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און מיט זײַנע קורצזיכטיקע אויגן גענומען זוכן דעם קראַנקן.

אים, דעם פאַן טשאַפּעק־גוראַלסקין, האָט מען געזאָגט, אז די פאַני זשיכלינסקא גויסעט, שטאַרבט אַוועק. לאָזט זיך גאָר אויס, אז ניט נאָר זי לעבט נאָך, זי קוקט אַף אים מיט אירע גאַזלאָנישע אויגן, און ניט אַזוי אַף אים, ווי אַף די בעקער־יונגען, וועלכע שטייען בא דער זײַט, אַף מאַקסן און אַף אילקאַ זאגולן.

ער האָט פאַרשטאַנען, טשאַפּעק־גוראַלסקי, אַז אומזיסט איז געווען זײַן לויפעניש, מע וואָלט זיך גאַנץ גוט געקאָנט באַגיין אָן אים, נאָר ער איז ניט פון די, וואָס לויפן ראַטעווען א כוילע גלאַט אַזוי זיך, אומזיסט, אויס ליבע צו דער פּראָפעסיע. איז ער שוין געקומען — וועט ער ראַטעווען, מעג אַפילו דער כוילע זײַן געזונט, ווי אײַזן.

פאַריכט די פּענסנע אַף דער קורצער נאָז, איז ער צוגעשפּרונגען צו דער קליפּע, אָנגעכאַפּט זי פאַרן דויפּעק, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, א נעם געגעבן פונעם סאַקוואַיאַזש א פלעשעלע מיט נאַשאַטיר־ספּירט און איר א טיטשע געטאָן עס אונטער דער נאָז. פונעם שאַרפן גערוך, וואָס וואָלט געקאָנט אופהייבן א מעס פון קייוואָר, איז די פּריצע שיר ניט פּריטשמעליעט געוואָרן. און ווען זי האָט נאָך דערזען, אז דער רעצייעך שלעפּט אַרויס א שפּריץ מיט א שאַרפער נאָדל, האָט זי זיך אופגעכאַפּט פון אָרט, און ווען דער פעלדשער שפּרינגט ניט אָפּ באַצײַטנס, וואָלט ער געוויס געעפנט מיטן קאָפּ די וואַנט. טשאַפּעק־גוראַלסקי איז אַזוי בלאַס געוואָרן, אָט־אָט פאַלט ער כאַלאָשעס.

פאַני זשיכלינסקא איז צוגעגאַנגען און אים גענומען מינטערן:

— פאַן טשאַפּעק־גוראַלסקי, באַרוּיקט זיך, נערווירט זיך ניט, איר האָט דאָך א קראַנק האַרץ. נעמט זיך אין די הענט, זײַט א דזשענטלמען, א...

מאַקס איז נאָך אַלץ געשטאַנען בא דער זײַט און זיך געשטיקט פון געלעכטער. אים האָט זיך געדוכט, אז אין דעם טאַראַראַם וועט די באַלעבאָסטע אין אים פאַרגעסן און ס׳וועט אים אָפּגיין גלאַט, נאָר ווען זי האָט דערזען, אז מיטן פעלדשער איז ניט געפערלעך, האָט זי זיך ערשט א לאָז געטאָן צו מאַקסן:

— דײַן פוס זאָל בא מיר אין בעקערײַ מער ניט זײַן, פּסיא קרעוו! — האָט זי געשריגן, — איך האָב געמיינט, אז איך וועל פון דיר קאָנען מאַכן א מענטש, נאָר, זעט אויס, אז פון קיין מאַלפּע וועט קיין מענטש ניט ווערן!

איבערגעפירט דעם בליק אַף דעם פאַרברענטן געבעקס, האָט זי נאָך מיט מער אימפּעט פאַרגעזעצט:

— וועסט מיר אומקערן פאַרן שאָדן ביז א גראָשן, אויב דו ווילסט ניט פאַרפוילט ווערן אין טורמע.

מאַקס האָט זיך א קראַץ געטאָן אין דער פּאַטיליצע, גענומען זײַן רעקל אַף די פּלייצעס און, אונטערזינגענדיק א ניגנדל, זיך געלאָזט גיין.

— א מאַזיק! — האָט מען געשמייכלט. — אים איז נאָך פריילעך.

שימשן־האַגיבער

עס איז נאָך א גליק, וואָס עס לעבט אַף דער וועלט שימשן־האַגיבער, אַנדערש וואָלט ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט געוואָרן פון אונדזער בעקער, וווהין וואָלט ער זיך אהינגעטאָן.

שימשן־האַגיבער...

אויב איר מיינט, אז דאָ וועט גיין א רייד וועגן יענעם באַרימטן גיבער פון די אַלטע לעגענדעס, לעבט איר אין טאָעס. הײַנט, דאַרפט איר וויסן, וועלן מיר אײַך דערציילן וועגן אַן אַנדער גיבער, ער איז מיט גאָרניט באַרימט אַף דער וועלט, כוץ דעם איז ער גאָר קיין גיבער ניט. פאַרקערט. באַרימט איז ער ניט מיט זײַן גווורע, נאָר מיט גאָר עפּעס אַנדערש.

קורץ, דער שימשן־האַגיבער פון אונדזער צײַט איז ניט קיין אַנדערער, ווי אונדזער גוטער באַקאַנטער מיט דער צעפלעטשטער נאָז, וועלכער האָט צוריק מיט א שטיקל צײַט אַזוי גראָיסאַרטיק באַגעגנט מאַקסן, ברייט צעעפנט פאַר אים די טירן פונעם טעאַטער און דערמיט אים אַראָפּגע־

פירט פונעם גלײַכן װעג. און דאָך האָט אים מאַקס קײן פאַריבל ניט געהאַט. װען עס װאָלט זיך דעמלט ניט געיאָװעט די צעפּלעטעשטע נאָז מיטן לײטער, װאָלט עפּשער מאַקס׳ לעבן אװעק גאָר אין אַן אַנדער זײַט.

אָבער דאָס איז שױן אַ שפּאָגל־נײַע געשיכטע, צו װעלכער מיר װעלן זיך אינגיכן אומקערן, און דערװײַל דאַרפֿן מיר זאָגן עטלעכע װערטער װעגן שימשון־האַגיבער.

זײַן עמעסער נאָמען, װי מע גיט איבער, איז בעפּיירעש געװען שימשון. שימשון שקאָלניק. נאָר אַז אַ מענטש מיט אַזאַ נאָמען פּאַלט אַרײַן צװישן פּריילעכע און אָרעמע לײצים, צװישן אַקטיאָרן, װאָס לײגן זיך שלאָפֿן מיט צאָרעס און שטײען אױף מיט װײטעקן, װאָס שטופּן אָפּ דעם טאָג מיט אַ כאָכמע, נאַרן אָפּ דעם מאָגן מיט אַ װיץ, מיט אַ לידל, פֿאַרשטײט איר שױן אַלײן, אַז אַן קײן צונעמעניש װעט ער שױן פֿון זײערע מײַלער ניט אַרױס.

האָט מען טאַקע שימשענען, דעם זעלבן טאָג, װי נאָר ער איז אַהער געקומען, געקרױנט מיטן גרױסאַרטיקן צונעמעניש שימשון־האַגיבער. איר פֿאַרשטײט דאָך, אַז שימשון אַלײן איז פּונקט װי אַ קאַץ אָן אַן עק! איז אַװעק אַ גאַנג — שימשון־האַגיבער!

פֿאַרװאָס עס שמײכלט דער אױלעם, װען מע רופֿט דעם פּאַרשױן מיט זײַן פֿולן טיטל, איז פֿאַראַן גאָר אַ װיכטיקע סיבע. שימשון־האַגיבער איז אַ קלײנװוקסיק און דאַר מענטשל — הױט און בײן. דערפֿאַר איז ער אָבער װי אַ שטיק קװעקזילבער. אַ מענטש אָן אַ גאַל. װער עס װיל נאָר, שאַפּט זיך מיט אים, טרײַבט אים אַרום, און ער פֿאַרלױפֿט אַלעמען דעם װעג. איר מעגט אים שיקן אַפֿילו אין דער שװיל־טאַכטיאָ, און אַלץ דערפֿאַר, װײַל ער איז פֿאַרליבט אין טעאַטער. װאָלט ער ניט געהאַט קײן צעפּלעטעשטע נאָז און געװען אױסערלעך אַ ביסל מער מענטש, װאָלט ער אַלײן אױך געקאָנט שפּילן טעאַטער. ביז די נאָז זײַנע איז געװען אָף אַן אָרט און ניט אַזױ צעמאַזיקט, פֿלעגן מײדלעך זיך אָפּט פֿאַרקוקן אָף אים, — איצט איז ער נאָך אױך געבענטשט מיט גרױסע ליכטיקע אױגן, אַ סאַך מײדלעך פֿון בוקאָװינע װאָלטן זיך געװוּנטשן האָבן אַזעלכע.

אין דער װאַנדער־טרופּע איז שימשון־האַגיבער דאָס אײבערשטע פֿון שטײסל.

אָן אים הײבט זיך גאָרנישט ניט אָן, און אָן אים לאָזט זיך גאָרנישט ניט אױס. דאָ, אין טעאַ־טער, לעבן די דעקאָראַציעס און די קעסטלעך מיטן ביסל פֿאַרמעגן פֿון דער טרופּע, טאָגט ער און נעכטיקט. ער שטעלט צונױף די דעקאָראַציעס, און, אַז מע דאַרף, מאָלט ער נײַע. ער קאָן פֿאַר־בײַטן דעם רעזשיסער און דעם סופֿליאָר. אָבער װאָס עמעס איז עמעס, צוליב זײַן סופֿלירן איז געװען ניט װײניק צאָרעס. ניט אײן אַקטיאָר האָט ער אַראָפּגעפֿירט פֿון װעג, געשטעלט אין אַ קאָמישער און אַפֿילו אין אַ טראַגישער לאַגע. װײַל, איר דאַרפֿט אַלײן פֿאַרשטײן, אַז אױב אָטעלאָ באַקומט זיך באַ אים „אָעלאָ“, דעזדעמאָנאַ — „עזדעאָנאַ“ און נאָך ערגער, איז גאָר קײן כידעש ניט, װאָס דער אַקטיאָר, אַז ער דערהערט אַזאַ לאָשן, בלײַבט ער שטײן, כאָטש מעלק אים אױס. עס טרעפֿט, אַז דער אַרטיסט שיסט אױס אַ געלעכטער גראָד אין יענעם מאָמענט, װען מע דאַרף װײנען. נאָר צו די דאָזיקע צאָרעס האָט מען זיך שױן אױך צוגעװױנט.

עס טרעפֿט אַמאָל, אַז עס פֿעלט אױס אַן אַקטיאָר אָדער עמעצער האָט זיך אָנגעזשליאָקעט, װי אַ כאַזער, און קאָן מיט דער צונג ניט פּלאָנטערן, כאַפּט מען שימשענען, מע טוט אָף אים אָן אַ פּאַריק, מע קלעפּט אים צו אַ שטיקל טײג אָף זײַן צעפּלעטעשטער נאָז, מע ציט אָף אים אַרױף עטלעכע רעקלעך, עטלעכע פּאָר הױזן, שיך אָף הױכע אָפּצאַסן, ער זאָל אױסזען, װי אַ מענטש, און מע שטופּט אים אַרױס אָף דער בינע. אָן אַנדער ברײרע איז דאָ?

װיפֿל אַקטיאָרן זײַנען שױן דאָ איבערגעװען אין טעאַטער! דאַכט זיך, נישטאָ אַזױפֿיל שטערן אין הימל. געקומען, דערשמעקט, אַז קײן געשעפֿטן קאָן מען דאָ ניט מאַכן, זאָגט זײַן — אױך ניט, פֿאַרקערעװעט מען גלײַך די האָלאָבליעס. נאָר ער, שימשון־האַגיבער, האַלט זיך דאָ װי מע װאָלט אים צוגעקאָװעט. מע דאַרף בעפּיירעש זײַן אַ גיבער אָף אױסצוהאַלטן נאָר פֿון אײן באַלעבאָס, פֿונעם אימפּרעסאַריאָ פֿון דעם טעאַטער לעאָפּאָלד זגורסקי דעם דריטן.

זגורסקי דער דריטער איז אַ קלײנװוקסיק מענטשל, אַ טרוקנס, אַ קלומעקל נערװון. אָף זײַן לענגלעך שאַרף נעזל האַלט זיך קױם די גילדענע פּענסנע, װאָס מאַכט אים סאָלידער. ער האָט אַ שלעכטן זיקאָרן, ער פֿאַרגעסט, װאָס ער האָט אײַך געזאָגט פֿריִער מיט אַ מינוט. נאָר דער־פֿאַר האָט ער אָבער אַ צונג אָף שרױפֿן. ביכלאַל פֿאַרהיקעט ער זיך אַ ביסל, נאָר אַ ליגן האַקט ער אָפּ און פֿאַרהיקעט זיך ניט. אַרײַנהאַקן אַ ליגן איז באַ אים, װי באַ אַ גוטנײַדן אַ קראַץ טאָן די פּײע. ער איז פֿון יענעם סאָרט מענטשן, װאָס דאָ נעמט ער, דאָרטן זעצט ער אָן, דאָ זאָגט ער צו, כאַפּט אָפּטלעך אַרײַן אין האַלדז־און־נאַקן און מאַכט זיך ניט װיסנדיק, אָבער די, װאָס קענען אים, װײסן, אַז באַ אַלע זײַנע כעסרױנעס דאַרף מען זיך האַלטן לעבן אים, ער פֿירט אײַך צונױף אַ װאַנט מיט אַ װאַנט, און באַם גרעסטן דורכפֿאַל פֿאַלט ער באַ זיך ניט אַראָפּ. צוליב דער קונסט איז ער גרײט כאַפּן קלעפּ, איבערטראָגן ביזיױנעס. פּונקט אַזאַ איז אױך געװען זײַן זײדע, זגורסקי דער ערשטער, װעלכער האָט אַמאָל געשאַפֿן אין דער בוקאָװינע אַ װאַנדער־טעאַטער און איז

געשטאָרבן, אויסגעגאַנגען אַף דער בינע, ווי א ליכט; פונקט אזא איז געווען זגורסקי דער צוויי־טער, זײַן פאָטער, און אזא איז ער, זגורסקי דער דריטער, וואָס איז בארופן, זאָגט ער, דערפירן דעם טעאטער ביז מאָשיעכס צײַטן.

אָבער פון אלע דרײַ זגורסקיס איז דער דריטער א נײַער מין אימפרעסאריאָ, אַן אימפרע־סאריאָ מיט א פארנעם, מיט א שטעל! אָן א ווײַסער מאנישקע, אָן א זשילעט, אָן א קאָטעלאָקל אפן קאָפּ וועט ער די שוועל פון די שטאָט־באלעבאטים ניט אריבערטרעטן. אז ער קומט צונויפשטעלן א קאָנטראַקט, וועט קיינער ניט זאָגן, אז דאָס איז ניט קיין גרויסער מענטש, כאָטש סײַ דער זשילעט, סײַ דער קאפעליוש איז פון שימשן־האגיבערס טעאטער־רעקוויזיט.

נאָר צו דעם וואָלט מען זיך נאָך געקאָנט צוגעוווינען. זגורסקי דער דריטער האָט אָבער נאָך איין כאלאס, גאָר ניט קיין פײַנעם — ער האָט ליב כאסענעס. ניט פארברענגען אָדער טאנצן אַף פרעמדע כאסענעס, נאָר פארקערט, פראווען אייגענע כאסענעס, דאָס הייסט אליין כאסענע האָבן.

איר וועט ניט געפינען אין דער בוקאָווינע קיין איין שטאָט אָדער שטעטל, ווו זגורסקי דער דריטער זאָל ניט האָבן אָפּגעשפּילט קיין כאסענע. עס איז גענוג, די טרופּע זײַנע זאָל זיך אָפּשטעלן אין א שטעטל אַף א וואָך צײַט, ווי ער וועט פון אונטער דער ערד אויסגעפינען א מיידל, א ווײַבל, איר פארדולן דעם קאָפּ, אָפּשפּילן א כאסענע, דאָס גאנצע שטעטל זאָל גיין כאָדאָראָם, און דערנאָך אויסרײַנען, ניט סטײַען, און גיי זוך דעם ווינט אין פעלד.

דער טײַוול ווייסט, ווו ער זוכט זיי אויס, די קאַלעס! וואָס פאר א מאגניט ציט זיי צו אים, וואָס זיי ווערן אזוי צוגעזאָפּטן? אייניקע זאָגן, אז זײַנע ברילן פריטשמעליען די קאַלעס פונעם ערשטן קוק, אנדערע מיינען, אז זײַן צונג העלפט אים מיט. אז ער הייבט אָן ריידן מיט א קאַלע, שיטן זיך מאמעש פערל פון זײַן מויל, באזונדערס זעט ער אויסנעמען בא פארזעסענע מוידן, וועלכע פארמאָגן א גוט ביסל נאדן.

א וואָרט אהער, א וואָרט אהין, און מע פראוועט א כאסענע. אָפּגעהוליעט, באקומט ער גלײַך פון א צווייטער שטאָט א טעלעגראמע, אז מע רופט אים ארויס וועגן וויכטיקע איניאָנים, און דער כאָסן איז שוין אין וועג! אויב דער טעאטער וועט זיך פארבענקען נאָך דעם אימפּרעסאריאָ, וועט ער פאָרן נאָך אים. שימשן־האגיבער ווייסט שוין דעם נײַעם אדרעס, און ביז דער לעצטער מינוט וועט ער אים קיינעם ניט אויסזאָגן. זאָל גאָט היטן!

עמעס, ניט ווייניק קלעפּ האָט זגורסקי שוין ארײַנגעכאפּט פאר זײַן כאלאס, ניט איין מאָל האָט ער געשוואָרן, אז דאָס וועט שוין קיינמאָל זיך ניט איבערכאזערן, ער וועט זיך אָפּזוכן אַן עמעסע קאַלע און אויס, גענוג, פאָטער. נאָר עס גייט אוועק א שטיקל צײַט, און זגורסקי דער דריטער טראכט שוין פון א שפּאָגל־נײַער כאסענע. וויפל מאָל איז אים שוין אויסגעקומען אויס־טאָן פון זיך דאָס לעצטע העמד, קעדיי זיך אָפּטשעפּען פון אַן אגונע, א קליפּע, אַן אומגליק, נאָר דאָס שרעקט אים ניט אָפּ — איין מאָל לעבט א מענטש אַף דער וועלט!..

מינאסטאם פארשטייט איר שוין אליין, אז נאָך זגורסקי דעם דריטן איז דאָ, אין טעאטער, אונדזער שימשן־האגיבער דאָס אייבערשטע פון שטייסל.

ער טראָגט דעם אָל, אז די אקטיאָרן זאָלן זיך ניט צעלויפן, צאָלט זיי אויס דאָס ביסל פאר־דינסט, אים קומט אויס טאָן זאכן, וואָס בלויז א גרויסער דיפּלאָמאט איז אַף דעם פּייִק. אפילע די אטאקעס פון זגורסקי דעם דריטנס ווײַבער און קאַלעס שטייט ער אויך אויס.

עס טרעפט אָפּט, אז די בראנזשע אקטיאָרן פארפאָרט אין אזעלכע שטעט, ווו דער אימפרע־סאריאָ טאָר די נאָז ניט ארויסרוקן — די ווײַבער און זייערע קרוויוים ווילן אים שפּאלטן דעם קאָפּ. דעמלט שטעלט זיך אָפּ דער אימפּרעסאריאָ אין שכײנישן שטעטל און פירט פון דאָרטן אָן מיט זײַן מעלוכע. א ביסל דורך בריוולעך, א ביסל מיט שליכים. ער גיט צו וויסן שימשן־האגיבער, וואָס מע דאַרף טאָן, וווהין מע דאַרף פונדאנען פאָרן.

אין אזעלכע פאַלן פירט זיך זגורסקי דער דריטער, ווי ניפּריטשקעם דער בארימטער אלטער אימפּעראטאָר פראַנץ־יאָסיף, וועלכער פלעגט אָנפירן מיט זײַן כאַיל פונדערווײַטנס און איז דער־פאר טאַקע געבליבן אָן זײַנע כאיאָלעס און אָן זײַן טראָן.

נאָר וואָס גייען אָן שימשענען די אימפּעראטאָרס מיט די דיקטאטאָרס, אז ער האָט זײַנע אייגענע צאָרעס. ס'איז אים שוין גענוג די גרויסע פרייד, וואָס דער אימפּעראטאָר, עס זאָל אים פונעם קייוער ארויסמאָרדעווען, האָט אים פארשאפן! העכער צוויי יאָר איז ער פארשוואַרצט גע־וואָרן אפן פראָנט, אויסגעריסן געוואָרן, צוויי מאָל פארוווּנדעט געווען, שיר גאָט די נעשאָמע ניט אָפּגעגעבן, זיך אומגעקערט קוים א לעבעדיקער פון פלען. ביז איצט הינקט ער נאָך אונטער אפן לינקן פוס, און וויפל אײַזן איז נאָך אדהײַעם פארבליבן אין זײַן לײַב, נאָר וועגן דעם דערמאָנט ער שוין ניט. עמעס, די שטיקלעך אײַזן שטערן אים ניט שטארק. זיי זײַנען בא אים ווי א באראָ־מעטער, זיי גיבן אים באצײַטנס צו וויסן, ווען עס דאַרף זיך ענדערן דער וועטער...

...וואָס פאַר א סאָלדאַט עס איז געווען שימשון, קאָנט איר זיך שוין פאָרשטעלן. קיין איין אָפיצער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ער רעדט. אז ער פלעגט איבערכאַזורן אין סטראָי א באַפעל אָדער באַגריסן נאַטשאַלסטווע, האָבן סאָלדאַטן געריסן קישקעס. ווען שימשון־האַגיבער האָט געדאַרפט אָפּגעבן די פּיִערלעכע שווע, אַז ער וועט ערלעך דינען דעם אימפּעראַטאָר, איז דערגאַנגען צו א גרויסן סקאַנדאַל. אַרום זײַנען געשטאַנען אָפיצערן, און שימשון־האַגיבער האָט געדאַרפט נאָך זיי איבערכאַזורן יעדעס וואָרט. איר וואָלט שוין געמעגט א באַלן זײַן זען, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען אָנשטאָט פראַנץ־יאָסיף האָט זיך בא אים באַקומען „וואַנץ יאָסיף". אַן אַנדערשמאָל וואָלט מען אים גלײַך דורכגעטריבן אײניינעם מיט יענע, וואָס האָבן אים געגומען צו דער דינסט, נאָר די צײַט איז געווען א שווערע, דער גרויסער אימפּעראַטאָר איז נעבעך גע־לעגן נײַן איילן אין דר׳ערד, איז קיין צײַט ניט געווען זיך פאַרנעמען מיט אויספאָרשן, ווי קומט דער פאַרשווין אין אַרמיי. בלויז זגורסקי דער דריטער אַף דער ערד און גאָט אין הימל האָבן געוווסט דערפון. נאָר אַזויווי עס איז שוין אַדורך שיינע עטלעכע יאָר, ווי די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, מעג מען שוין אויסזאָגן דעם סאָד.

צווישן אונדז גערעדט, איז שימשון־האַגיבער גאַנץ צופעליק געוואָרן א סאָלדאַט בא פראַנץ־יאָסיפן. בעסאַכאַקל האָט געזאָלט גיין אין מיליטער זגורסקי דער דריטער. נאָר ער איז געקומען צו שימשענען און געזאָגט, אַז אַן אים, אַן לעאָפּאָלד זגורסקין, וועט דער טעאַטער אומקומען. האָט שימשון־האַגיבער ניט געמאַכט קיין לאַנגע שיִעס און אַוועק זיך שטעלן פאַר זגורסקין. בלויז די ערשטע צײַט האָבן די סאָלדאַטן און נאַטשאַלסטווע געלאַכט פון שימשענען, געטריבן איבער אים לעצאָנעס, אָבער באַלד נאָך די ערשטע שלאַכטן האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם גיבער קאָן מען ניט פאַרשעמט ווערן, ער פלעגט דער ערשטער גיין אין פּײַער אַרײַן און טאַקע דער ערשטער געקראָגן א מעדאַל און דערנאָך א קרייץ פאַר העלדישקײַט.

פון דער מילכאָמע האָט זיך שימשון־האַגיבער אומגעקערט ווי א העלדישער זעלנער, נאָר די מעדאַלן און דער קרייץ האָבן שוין דעמאָלט ניט געהאַט קיין שום ווערט, ווײַל די אימפּעריע איז זיך צעפאַלן, דער אימפּעראַטאָר האָט אָנגעלייגט מיטן קאָפּ, און אַף זײַן אָרט איז געקומען א נײַער אומגליק — פאַן פּילסודסקי.

נאָר דאָ וואָלט שוין קעדײַ געווען איבערגיין צו מאַקס קרייסלערן.

נאָך דעם, ווי מע האָט זיך בא פאַני זשיכלינסקאַ געמאַכט אַן איבערקערעניש אין בעקערײַ און די מאַדאַם האָט זיך שיר ניט געריבט פון די געדאַנקען, נאָך דעם, ווי זי האָט געמאָלדן, אַז מאַקס זאָל איר באַצאָלן פאַרן שאָדן, איז מאַקס געבליבן ווי אַפּן וואַסער, כאָטש שרײַ גוואַלד. ער האָט זיך געלאָזט אַפּן וואָקזאַל טראָגן זעק, אָנלאָדן און אויסלאָדן וואַגאָנעס.

ער האָט באַשטימט אַוועקגיין צו שימשון־האַגיבער. יענער, דאַכט זיך אים, איז א צוגעלאָז־טער מענטש און וועט אים עפּשער געבן אַן אייצע.

שימשון האָט באַגעגנט מאַקסן גאַנץ פריִנע, גענומען אויספרעגן, ווער ער איז, פונוואַנען שטאַמט ער און נאָך אַנדערע זאַכן, און ערשט צום סאָף א פאָנפע געטאָן מיט דער נאָז:

— נעם א שײַט האָלץ און שלאָג זיך עס אַרויס פון קאָפּ, קיין אַרטיסט וועט פון דיר ניט זײַן, קיין סופלער וועט פון דיר ניט זײַן... גאָרניט וועט ניט זײַן פון דיר, פאַרשטייסט?

— ניין, איך פאַרשטיי ניט.

— נו, אַוודע, איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דו האָסט א פאַרשטאָפּטן קאָפּ.

— פאַרוואָס, שימשון־האַגיבער?

— וואָס הייסט פאַרוואָס? — האָט יענער זיך שוין א בייזער געטאָן. — דו האָסט אַליין גע־זאָגט, אַז דו ביסט געווען א בעקער, געבאַקן בולקעלעך, קניידלעך, בייגל און אַנדערע געשמאַקע זאַכן, עמעס?

— עמעס, איז וואָס?..

— זאָג איך דיר טאַקע, אַז דו האָסט בא אונדז ניט וואָס צו טאָן! דו ביסט געווינט בא דײַן פּריצע, ווי הייסט זי דאָרטן, פאַני זשיכלינסקאַ, אַלע טאָג כאַפּן פונעם בעקן א פּריש, צאַפּלדיק בולקעלע, א בייגל מיט מאָן, א קוילעטשל, און בא אונדז וועסטו אַלע טאָג באַקומען א שטעכעניש. אַז דו וועסט האָבן א טרוקן שטיקל ברויט, וועסטו אויך דאַרפן זאָגן א דאַנק. איצט פאַרשטייסטו?

— איך פאַרשטיי.

— ווען אין קאַסע איז פּוסט — און דאָס טרעפט בא אונדז גאַנץ אָפט, — פוכנען מיר אַפּן פּיסק, גייען אויס פון הונגער דרײַ מאָל א טאָג כוץ וועטשערע. בולקע עסן בא אונדז נאָר געציילטע אַרטיסטן, פאַר וועלכע אונדזער זגורסקי דער דריטער ציטערט נעבעך, ווי א הוישײַנע. דאָס איז עסטערקע שאַפּיראָ, דו האָסט זי שוין אַמאָל געזען, געדענקסט, מעשוגענער, ווען דו ביסט געלאָפן די ראַטעווען אַף דער בינע? איר טאַטע אָסקאַר שאַפּיראָ און נאָך א פּאָר כעוורע, אַף וועלכע די וועלט שטייט און דער טעאַטער האַלט זיך. אַף די איבעריקע שפּײַט ער זיך אויס, און זיי מוזן זיך

נעבעך לעבן אים האלטן, ווי פליי אין א פעלץ. צוזאמען מיט מיר און מיטן אימפרעסאריאָ בעסויכעם קומען זיי נעבעך גאנץ שיין אָפּ. וואָס זשע דארפסטו האָבן די גאנצע קאָמעדיע מיט דער טרופּע? ברענט זי אפן פייער! גיי און באק ווייטער בייגל... האָסט כאָטש איין מאָל געהערט, אז א בעקער אָדער א קעכער זאָל שטארבן פון הונגער? אָ? ניט געהערט? און ארטיסטן שטארבן זייער אָפט פון הונגער. זיי ליגן אין דר'ערד און באקן בייגל.

נאָר א מאָדנער באָכער! אים ערגערט דאָס ניט. ניט אנדערש, ווי עס פעלט אים א קלעפּקע אין קאָפּ. קוקנדיק אף דעם כיינעוודיקן, קרעפטיקן יונג, האָט שימשן־האגיבער געפויעלט בא זיך, אז אויב אים געפעלט, זאָל ער פארזוכן דאָס ביטערע שטיקל ברויט פון אן אקטיאָר אָדער א בינע־ארבעטער. און ער האָט צו אים א ווונק געטאָן מיט אן אויג:

— נו, וואָס קאָן איך מיט דיר טאָן, מיט אזא אקשן. ווארף אראָפּ דאָס רעקל, וועל איך דיר וויַיזן, ווי מע שלאָגט צונויף דעקאָראציעס.

מאקס האָט זיך צעשייַנט, ווי דער מאָרגנשטערן. ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער געטאנצט, געשפּרונגען ביז דער סטעליע. ער איז גרייט געווען טאָן די שווערסטע ארבעט, פארלויפן אלעמען דעם וועג. א קלייניקייַט, ער וועט קאָנען זען אלע טאָג אומזיסט טעאטער, זען עסטערקען, הערן די קלעזמער!

מאקס קרייסלער איז געווען אפן זיבעטן הימל. קיין גרעסער גליק האָט ער ניט גענדארפט. אין זיַינע אויגן האָט איצט שימשן־האגיבער אויסגעזען טאקע ווי אן עמעסער גיבער.

נאָך אילקאָ זאגולן, האָט מאקס געטראכט, האָט דער גוירל אים צוגעשיקט נאָך איין גאָלדענעם פרייַנט.

דארף דען דער מענטש א סאך?

אז א ווארעם קריכט אריַין אין כריין, מיינט ער, אז קיין זיסערס איז גאָר נישטאָ.

מאקס האָט געבענקט נאָך דער בעקעריַי, און מער פאר אלץ — נאָך אילקאָ זאגולן. אפילע סטאסיק פשעפּיצקי, די בעקער־יונגען און די מיידלעך, וואָס פלעגן בא דער ארבעט זינגען הוצולישע לידער און קאָלאָמייקעס, זיַינען אים אָפט געקומען אפן זינען. פון צייַט צו צייַט פלעגט ער זיך אויך דערמאָנען אין דער באלעבאָסטע פּאַני זשיכלינסקא, פון וועלכער אלע פלעגן אָפּלאכן.

מאקס האָט זיך געערגערט, וואָס ער האָט אָנגעטאָן אזא שאָדן דער באלעבאָסטע, און באשלאָסן בא זיך, אז ווי נאָר ער וועט זיך שטעלן אף די פיס, אָנהייבן פארדינען, וועט ער איר באצאָלן פארן העזוק.

דערוויַיל האָט וועגן דעם ניט געקאָנט זיַין קיין רייד, וויַיל שימשן־האגיבער איז געווען טויזנט מאָל גערעכט, ווען ער האָט אים געוואָרנט, אז ער, מאקס, וועט זען דעם דריטן טאָג א שטיקל ברויט און שטארבן דריַי מאָל א טאָג פון הונגער, כוץ וועטשערע.

נאָר צו דעם האָט זיך דער באָכער גאָר גיך צוגעוווינט, קיינער האָט קיינמאָל ניט געזען קיין מאָרעשכוירע אף זיַין פּאָנעם.

מאקסן איז געפעלן די פריילעכע בראנזשע ארטיסטן, אים איז ניט שווער געווען גאנצע טעג ארומלויפן איבער די גאסן און געסלעך פון קאָלאָמייע און קלעפּן אפישעס אף די פּארקנס און ווענט, ער פלעגט אויך גערן אופהענגען אפן קארק א גרויסן פלאקאט, ארומלויפן און שריַיען: „קומט אין טעאטער זען „אוריעל אקאָסטא!" „קומט זען דעם בארימטן ארטיסט אָסקאר שאפּירא! קויפט באצייַטנס בילעטן אף „קיניג לירן!" „אויב אירווילט האָבן פארגעניגן, לאכן און וויינען, זיצט ניט אין שטוב, קומט אין טעאטער זען עסטער שאפּירא. די לעצטע פאָרשטעלונגען!"

שימשן־האגיבער איז געווען צופרידן מיט דעם באָכער; וואָס ער פלעגט אים ניט זאָגן, האָט מאקס אלץ אויסגעפילט. א ווונק — און אלץ איז געמאכט.

אויב איר מיינט, אז נאָר דאָס, וואָס עס קומט פאָר אף דער בינע, דאָס איז טעאטער, האָט איר א גרויסן טאָעס. טעאטער האָט איר אף יעדן שריט און טריט. גאנץ קאָלאָמייע איז פאר מאקסן א טעאטער. אָט טוט א קוק, ווי יענץ וויַיבל דינגט זיך איבער א הערינג, — מע קאָן פּלאצן פון געלעכטער; אָדער ווי דער ציגייַנער פארקויפט זיַין שקאפּע. ער האָט זי אָנגעפּאָמפּעט מיט לופט, און זי האָט אן אויסזען פון א לייַטישער באשעפעניש. גייסטו איבער די הינטערגעסלעך און זעסט, ווי צוויי וויַיבער צעפּאטשן זיך, הערסט, ווי באלמעלאָכעס שיטן מיט ווערטלעך און וויצן, האָסטו האנאָע, ווי פונעם שענסטן טעאטער. און דאָס האָט מאקס ליב געהאט, ווי דאָס לעבן. אומקערנדיק זיך אין טעאטער נאָך אזא שפּאציר, פלעגט ער זיך אוועקשטעלן פאר שימשענען און פּינקטלעך באוויַיזן, וואָס ער האָט געזען אין שטאָט. און יענער פלעגט, אף אים קוקנדיק, מיט אָפּשיַי טראכטן, אז ניט אומזיסט ציט אזוי דעם באָכער צום טעאטער. נאָר גיי ווייס, אז ער טראכט גאָר פון עפּעס אנדערש — פון עסטערקען.

יאָ, נאָר לאָמיר זיך ניט אראָפּשלאָגן פון וועג. מיר האָבן דאָך אָנגעהויבן פון טעאַטער. וואָס זשע איז אונזער טעאַטער? ערשט נאָך דעם, ווי עס לאָזט זיך אראָפּ דער פאָרהאַנג און עס הילכן אָפּ די אַפּלאָדיסמענטן אין זאַל און די אַרטיסטן וואַשן זיך אָרום און צעגייען זיך, ערשט דעמלט הייבט זיך אָן הינטער די קוליסן בא מאַקסן און שימשענען די עמעסע אַרבעט.

ביידע וואַרפן זיי זיך אַרוף אָפן ביסל אָרעמקייט, מע לייגט אַלץ צונויף אין די קאַסטנס, מע ברענגט אין אָרדענונג די בינע און מע פאַרקלייבט זיך אין א ווינקל צווישן די לייוונטן און ברעזענטן. דאָ כאַפּט מען איבער דעם הונגער מיט וואָס ס'מאַכט זיך, מע טרינקט אויס א פּאָר קוואַרטעלעך אָקראָפּ אָף דערקוויקן די נעשאָמע. שימשן רוקט נעענטער צו דאָס לעמפּל, נעמט אַרויס פונעם קעסטל א פאַרשמאָלצעוועטע פּיעסע, וואָס נאָר ער איינער קען זי לייענען, און הייבט אָן אָף א קאָל דעקלאַמירן. און מאַקס שלינגט יעדעס וואָרט און איז מעקאַנע שימשענען, וואָס ער לייענט אַזוי פיין.

די ערשטע צייט, ווען שימשן־האַגיבער פלעגט זיך אוועקשטעלן, די הענט אָף דער ברוסט, ווי נאַפּאָלעאָן אָדער ווי אָסקאַר שאַפּירא, און אָנהייבן אָף א קאָל לייענען א מאָנאָלאָג פון „אָטעלאָ" אָדער פון „שיילאָק", פלעגט זיך מאַקס קוים איינהאַלטן פון געלעכטער. אָבער גאָר אינגיכן האָט ער זיך צוגעוווינט צו זיין פאָנפען און האָט אים געהערט מיט פאַרגעניגן, אָפּט האָט דאָס ייִנגל געוויינט, געלאַכט. ער האָט געטראַכט, אַז ווען שימשן־האַגיבער וואָלט ניט האָבן אַזא מיִעסן כי־סאָרן, וואָלט ער געוויס געקאָנט שפּילן ניט ערגער פון אָסקאַרן, וועלכן מאַקס האָט גלייך פון די ערשטע טעג באַוויזן פיינט צו באַקומען. און פיינט באַקומען האָט ער אים ניט כאָלילע דערפאַר, וואָס עס געפעלט אים ניט, ווי יענער שפּילט. פונקט פאַרקערט! פאַר זיין שפּילן האָט ער אים ליב געהאַט און איז אים מעקאַנע געווען. דעם באָכער האָט פאַרדראָסן, וואָס אָסקאַר לאָזט ניט עסטערקען אופהייבן דעם קאָפּ, אָפּט פלעגט דער טאַטע זי דערפירן ביז טרערן.

שימשן־האַגיבער איז געווען אָפן זיבעטן הימל דערפון, וואָס מאַקס האָט אים אופמערקזאַם געהערט, אים קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט, ניט איבערגעשלאָגן. פאַרקערט, געבעטן לייענען נאָך און נאָך.

ווען שימשן־האַגיבער פלעגט ענדיקן לייענען, פלעגט ער אַקוראַט צונויפלייגן די פּיעסע, פאַרשליסן דאָס קעסטל און באַהאַלטן די שליסל.

— בייזער זיך ניט, ברודערקע, ניט פון דיר באַהאַלט איך די פּיעסן, — פלעגט ער זיך אָנרופן, אופהענגענדיק אָפן קעסטל דעם שלאָס, — אין קעסטל ליגט דער גרעסטער אוצער פון דער וועלט. ניט כאָלילע קיין גאָלד און ניט קיין בריליאַנטן. דאָ ליגט די כאָכמע פון דער גאַנצער וועלט. דאָ איז פאַרשלאָסן דער געלעכטער, דאָס געוויין, די ליבע, דער האַס, דער אייפער, די נישטיקייט און גרויסקייט פונעם מענטשן... פאַרשטייסט, צי דו פאַרשטייסט ניט? היינט ווייסטו שוין, ברודערקע, וואָס דאָס איז פאַר א קעסטל און פאַרוואָס איך היט עס אַזוי אָפּ? דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס די שריפטשטעלער האָבן פאַרפאַסט, געפינט זיך אינעם קעסטל. אַז איך לייען, ווערט מיר ליכטיק אין די אויגן, גרינג אָפן האַרצן, וואָס צאָרעס, ווער ווייטעקן, ווען הונ־גער. דו פאַרשטייסט?

— יאָ, אַוודע פאַרשטיי איך...

— זייער פיין, ברודערקע! איז אויב דו פאַרשטייסט, דאַרף מען כאַפּן א דרימל, ווייל עס וועט שוין באַלד אָנהייבן טאָגן און זגורסקי דער דריטער וועט אַריינשפּרינגען צו אונדז בייז, ווי א לייב...

גאָר אינגיכן זיינען זיי אַזוי באַפריינדעט געוואָרן, אַז שימשן־האַגיבער האָט אים אָנגעהויבן פאַרטרויען דעם שליסל פון דעם טייערן קעסטל. ווי נאָר שימשן פלעגט אָנהייבן כראָפּען אין ווינקל אָף זיינע שמאַטעס, אַזוי פלעגט מאַקס זיך צוכאַפּן צום קעסטל, אַרויסנעמען פון דאָרט שימשנס אוצרעס און לייענען ביז אין גרויען טאָג אַריין. נייןָ, ער האָט ניט געלייענט, ער האָט געשלונגען, און וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער באַגייסטערט געוואָרן.

עס איז קעדייַ, קעדייַ, האָט מאַקס געטראַכט, עס איז קעדייַ ליידן הונגער און קעלט, גיין אָפּגעריסן, נאַקעט און באָרוועס, אַבי אַלץ זיך דערוויסן.

גוט, וואָס דער גורל האָט אים פאַרטראָגן אַהער, באַפריינדעט מיט שימשן־האַגיבער! זאָל מען לאַכן פון שימשענען, מאַכן כויזעק פון אים. אין זיינע אויגן איז שימשן־האַגיבער דער שענ־סטער און דער בעסטער.

(פאָרזעצונג קומט)

איטשע באָרוכאָוויטש

כ'באַגריס דיך מיט פרילינג

שענק מיר א בלאַט פון יענעם בוים,
וואָס אין מײַן כאַלעם איז ארײַנגעוואַקסן
מיט גרינעם פרילינגדיקן שוים
אף צווײַגלס ציטעריקע אַקסלען.

אויב ניט קיין בלאַט — איז כאָטש א קנאָספּ,
וואָס האָט אין זיך דאָס אַלץ פארבאָרגן —
פון לעצטן רויגעזדיקן פראָסט
ביז אָט דעם זוניקן פרימאָרגן.

אויב ניט קיין קנאָספּ — איז כאָטש א גלעט
פון האַנט פון דײַנער איבער קאָרע, —
און איך וועל בענטשן דעם געוועט
פון רינגען ביימערשע און יאָרן...

* * *

כ'באַגריס דיך מיט פרילינג,
מיט ריטלעך צעשפּיזטע,
מיט וואַרעמער קאָרע,
מיט ווינטיקן יאָג,
מיט גראָז פאַראַיאָריקס,
וואָס שנייפאַל אומזיסט האָט
מיט גליווער פארכאַסמעט אין איינעם א טאָג.
כ'באַגריס דיך מיט פרילינג,
מיט אופלויכט צעווישן
די הרודיקע וואָלקנס, וואָס ציִען זיך אָפּ,
מיט טראָפּן אף דלאָניע אף מײַנער —
מיט פרישן,
מיט פּאַך פון א פליגל אריבער מײַן קאָפּ.
כ'באַגריס דיך מיט פרילינג,
מיט יונגן, מיט שפּעטן,
מיט גרינס, וועלכעס ווייסט נאָר פון זוניקן גנאָד,
מיט הימלשן גלאַנץ אף א פעדער א יעדן
פון פייגלען, צעזייטע אין בלויען בראָט.
כ'באַגריס דיך מיט פרילינג,
מיט איינציקן, יענעם,
וואָס נידער און הייך, ווי א שיקזאַל,
פארקניפּט:
און גרויס ווערן שטערן,
דער ערד־קײַלעך — קלענער,
און נעענטער ווערט מיר אָט די,
וואָס איך ליב...

* * *

צו די אומשטערבלעכע כ'וועל ניט געהערן,
ניט זײַן צווישן די אויסדערוויילטע זינגער,
אַז מער פון זינגען ליב געהאַט כ'האָב הערן —
מיט האַרץ פארקלעמטן, מיט פארקלעמטע
פינגער.

נאָר כ'וואָלט פון אײַך, ווי מ'זאָגט,
פארשטעלט דעם עמעס,
ווען איך באַהאַלט אים, מײַן באַגער געבענטשטן:
אויב ניט אין אייגן ליד,
זאָל כאָטש אין עמעצס,
מײַן האַרץ ווי ס'האָט געקלעמט,
דערגיין צו מענטשן.

4—3344

* *
*

איך עלטער זיך — כ'האָב טײַנעס צו דער וועלט.
דאָ בראַט זי מיר צופיל,
דאָרט — בריט מיט קעלט
און לערנט הייבן פיס אין ליים צעקנאָטענער
(ס'איז קיינעם דאָך ניט ליב אין בלאָטע גיין!)
איך עלטער זיך — כ'האָב טײַנעס צו דער וועלט.
דאָ לויבט זי מיך אָן מאָס
און דאָרטן — שעלט,
און פרוווט ארײַנבליקן אין מײַנע סודעס
(אז ווער האָט ליב אין עפּעס זײַן זיך מודה!)
איך עלטער זיך — כ'האָב טײַנעס צו דער וועלט.
אלץ מערער ערגערט מיך,
אלץ ווייניקער געפעלט,
דער נעכטן קלאָרער ווערט, דער מאָרגן קוקט פארשטעלט.
איך עלטער זיך —
און זי בלײַבט יונג, די וועלט!

* *
*

איך וועל דיר אויסזאָגן דעם עמעס
פון הויכן הימלשן פארטראַכט,
ווען ער דעם הארצן ווײַזט א רעמז —
רײַסט אָפּ א שטערנדל באַנאַכט.

און אָפּגעטיילט, פונקט ווי א ציטער,
פון שווארצן וואָלקנדיקן פליין,
דער שטערן פאלט אָן אָפּגעגליטער,
נאָר ניט קיין אָפּגעקילטער, ניין!

* *
*

א פרי אזא.
אין הימלס וויסטע —
בלויז וואָלקנדיקע שקאָצערײַ,
און שטילקײַט ערדישע, פארמישטע
אָף רויען דופט פון ערעוו מײַ.

און ציטעריקע זונען־פלעקן
אָף שווארצן שטאם — קוים אָנגעמערקט,
און לײַכטזין פונעם פויגלס פרעגן:
„וואָס איז פון דיר, יונגאטש, דער מער?..“

און איך — איך שפּאַן אריבער טויען,
אריבער קאַליוזשעס אין פעלד,
א גרייטער אָט דעם פרי פארטרויען,
זײַן קעלט און שײַן — מײַן שײַן און קעלט;

און ווערן, פונקט ווי ער, באַשיידן —
אָן בליאַסק, אָן פאלשן שעמעריר,
אין שאָ פון שאָדן — פאלן, איידער
א שאָטן פאלן וועט אָף מיר...

* *
*

איך וואָלט געקאָנט ניט אויסמײַדן דעם ווייטעק
פון אָפּגיין הייס מיט בלוט אין פעלד אין הוילן,
אָן אויסדערוויילטער פון דעם סוינעס קוילן
און קיינמאָל שוין פון דיר קיין אויסדערוויילטער.

פון יענעם פעלד כ'וואָלט זיך געקאָנט ניט קערן,
דאָס הארץ דאָס אומבאשיצטע ניט פארהיטן

אין שארפן שיידימדיקן שיט פון שפּליטערס,
ווי אין א נעץ פון פאלנדיקע שטערן.

ניט פילן כ'וואָלט, ווי גראָז מיר שטעכט דעם גומען,
ווי ס'טוט מיט גרינס די אויגן מײַנע וועקן.

— — — — — — — — — — — — — —

איך וואָלט געקאָנט פון יענעם קריג ניט קומען...
איך קאָן פון דיר אצינדער ניט אוועקגיין!..

* * *

כ'האָב קיינמאָל ניט געוווסט, וואָס רו באַטייַט, —
מייַן אַקסל איז געוווינט צו אונטערשפּאַרן
אַ וואַנט, אַ לאַנד, אַן אָפּגעפּליקטע צווייַג,
וואָס — אויב ניט איך —
זי וואָלט געוויס פאַרדאַרן.

און איצטער גלוסט זיך, אַקוראַט פּאַרקערט,
מיט מידער פלייצע צו אַ שטאַם זיך קלעפּן,
כאָטש כ'ווייס, אַז פון דער דרימלענדיקער ערד
דער בוים אַ נייַעם אומרו וועט פאַרשעפּן...

* * *

דערצייל מיר וועגן זיך, דערצייל מיר
דאָס ניט אַרויסגעזאָגטע, —
דאָס,
וואָס כ'הער אין ווינט, ווען ער טוט ציילן
אין האַרבסט אין שפּעטיקן דאָס גראָז.

צו ערשטע קעלטן צוגעשמידטע,
די גראָזן יענע פאַרן טויט
דעם ווינט פאַרטרויען זייער ביטערס,
וואָס זיי דאָס לעבן האָט פאַרטרויט...

* * *

כ'האָב זיך געלערנט פּראָסטקייַט בא דער ערד,
פון יעדעס גרעזל אירס געצויגן פּאַשטעס,
אין מינדסטן שטיינדל אייַנגעזען זייַן ווערט,
אַ טריף פון סמאָלע ניט פאַרזען אין כאַשכעס.

און איצטער בין איך, גלייַך ווי קוירען, רייַך,
און הימל-קרוין איז מיר — ווי אָנגעמאָסטן.
נאָר שרעקט זיך ניט —
די קרוין כ'לאָז איבער אייַך.
אייַך איז זי ליב: אין איר איז אייַער פּראָסטקייַט.

* * *

מיר ווערן נעענטער צו יענער שוועל,
וואָס זי אַדורך — איז גרינגער נאָך פון פאַלן.
אַהינטער איר —
אַן אָוונטיקע וועלט
מיט שוואַרצער זון און טונקלער קרוין פון
שטראַלן.
און אַלץ, וואָס דאָ ז'געווען, —
דאָרט שייַנט פאַרקערט:
אַ פּאַכדן זיך באַשטאַט מיט מוט און גוורע,

אַ שניט פאַרטיליקט בלאַנקע שאַרף פון שווערד,
אַ וואָרט אַ יעדעס זיך צעצווייַגט אָף שורעס.
אויך דו, פאַרטיפט אין ביטערן געוועט
פון גוטס און שלעכטס, פון סינע און פון
ליבע, —
אין האַרץ פון נאַכט, באַם אופלויכט פון
פאַריבל —
געהאַרכזאַמער וועסט זייַן...
נאָר זייַן וועט שפּעט...

* * *

ער רעדט הייַנט האַרב, דער שוואַרצער יאַם
(אַ מויל אַ פולס מיט שטיינער),
און וועל מיט וועל קימאַט זיך גראַמט —
הער צו זיך און פאַרשטיי נאָר!

דער צופלוס שלאָגט אין סאַמע ברוסט —
איך שטיי פאַרטויבט, באַליידיקט.
ווען כ'בין אַ פעלדז, — איך וואָלט געוווסט,
וואָס יאַם מיט ברעג טוט ריידן.

* * *

פאַראַן אַזעלכע טונקעלע פרימאָרגנס,
ווען אָנהייב טאָג
נאָך טראָגט די נאַכט אָף זיך...
אַזוי גאַנץ אָפט אַ מענטשלעכעס געזיכט,
אַ שמייכלענדיקס, באַהאַלט אין זיך די זאָרגן.

אַזאַ מין מענטש מיר ווילט זיך זאָגן:
„הער, —
וויש אָפּ, צעגלעט די האָפּערדיקע קאַרבן,
לעש אויס די קנייטשן, ברודער מייַנער
האַרבער, —
דער ווייטעק דייַנער ניט נאָר דיר געהערט...“

די וועלט, זי האָט דערלאָזט א טאָעס:
אף הייך און נידער זיך צעטיילט,
אף ווײַט און נאָענט זיך צעציילט,
אף דאָס און יענץ —
און אלץ געגוי איז.

און מאך איך ווען זיך קילעיאָדע
און פרווו א פלאָנטער טאָן אָן בייז:
כ׳פארגיי צו ווײַט, צי מערער כ׳פאָדער
פון נאָ׳נט, אָט דעם, וואָס לעבן הייסט, —

זי נעמט מיך דאן אף דלאָניעס הייסע
און טוקט באלד אָפּ אין שטערן־קעלט...
כ׳גיי אָפּ מיט זיבן ווילדע שווייסן
און זינג א לויב דער קלוגער וועלט.

* * *

א פאָלקסמענטש א בינע־ענטוזיאַסט

דאָס שטעטל יאנעווע לעבן קאונאס שעמט זינט יאָרן מיט זײַנע בארימטע אין גאנץ ליטע סטאָליארעס, מוליערס, שנײַדערס. געשעמט האָט דאָס שטעטל מיט זײַנע רעוואָליוציאָנערן (אגעוו, שטאָלצירן די יאנעווער מיט זייער גרויסן בען־איר מאָריס ווינטשעווסקי). אויך איז דאָס שטעטל געווען בארימט מיט די „ליבהאָבער"־קרײַזן (איצט רופן מיר עס קינסטלערישע זעלבסטעטיקײַט): נאָך דער ארבעט פלעגן די האָרעפּאשניקעס זיך צונויפקומען ווער אף א פּראָבע פון א דראמאטיש קרײַזל, ווער צו א רעפּעטיציע פון א מאנדאָלינע־אָרקעסטער... פיל פון די קרײַזלעך האָבן געדינט אלס מאסקירונג פאר דער טעטיקײַט צווישן די מאסן פון דער דעמלט אומלעגאלער קאָמפּארטיי פון ליטע.

מיט 40 יאָר צוריק האָט אין יאנעווע, אין איינעם אזא קרײַזל, אָנגעהויבן „שפּילן טעאטער" דער 20־יאָריקער שנײַדער מאָטל קאנאָוויטש. און פון דאן אָן האָבן שטענדיק צוויי לײַדנשאפטן פארפולט זײַן לעבן — ערלעכע ארבעט, און אין די פרײַע מינוטן — טעאטראלע טעטיקײַט, די סצענע. וויפל בגאָדים עס זײַנען ביז איצט ארויס פון אונטער זײַנע פלײַסיקע הענט, ווער מ. קאנאָוויטש, הײַנט א בריגאדיר פון דער בריגאדע פון קאָמוניסטישער מי אין דער ניי־פאבריק „ראמונע", ניט זײַן אימשטאנד צו בארעכענען, אָבער די פאָרשטעלונגען, אין וועלכע ער האָט זיך באטייליקט, די אופגעפירטע ראָלן האָט ער יאָ צונויפגעציילט. עס באקומט זיך א רעשימע פון אן ערעך 50 פּיעסן. 50 ראָלן! און צווישן זיי אזוינע, ווי טעוויע און מאָזגאָוואָיער אין שאָלעם־אלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער" און „דער אויצער", דער באדכן רעב בער אין ז. שנייערס „פריילעכס", רעב זײַנוול אין גערשענזאָנס „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", דער זיידע אין דאָברושינס „דער 62־טער", הילעל מאלווע אין קולבאקס „בויטרע".

מ. קאנאָוויטש איז אלט געוואָרן 60 יאָר. אָבער מיט וואָס פאר א יוגנטלעכער האסמאָדע ער ארבעט אדהײַעם איבער זיך, איבער זײַן זשעסט און דיקציע, קאָנען אָפּשאצן אלע, וועלכע פאָלגן נאָך דעם קינסטלערישן וווּקס פון דעם דאָזיקן האָרעפּאשניק און שוישפּילער.

ווען מע שטרײַכט אונטער די גרויסע דערגרייכונגען פון דעם ייִדישן דראמקרײַז, כאָר, אָרקעסטער, טאנץ־גרופּע באם ווילנער קולטור־פּאלאץ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאריינען, דערמאָנט מען שטענדיק די פארדינסטן פונעם אָנפירער מיטן קינסטלערישן ראט פון די דאָזיקע קאָלעקטיוון — דעם ענערגישן און צוגלײַך זייער באשיידענעם פאָלקסמענטש, דעם ערלעכן ארבעטער און בינע־ענטוזיאַסט — מאָטל קאנאָוויטש.

ריווקע רובין

דרײַ דערציילונגען

דער פלעצק

1

מײַן מאמע האָט פײַנט געהאט כסידים. מײַן מאמע האָט פײַנט געהאט געלע. יעדער כאָסיד האָט בא איר געהייסן „גאָטס גאנעוו“; יעדן געלן מאנצבל האָט זי גערופן ניט אנדערש, ווי „דער געלער ראמײַ“. דער מומע מאלקעס מאן האָט מײַן מאמע געקרוינט מיטביידע נעמען, ווײַל ער איז געווען אי א כאָסיד, אי א געלער.

די מומע מאלקע, מײַן טאטנס לײַבלעכע שוועסטער, האָט מען בא אונדז אין שטוב שטענדיק באדויערט — עס האָבן זיך ניט געהאלטן בא איר קיין קינדער. אין קימפעט האָט זי זיך געלייגט קימאט יעדן יאָר, נאָר זעלטן פלעגט נאָך א בריס ניט קומען קיין לעווײַע. און דער מאן אירער, דער שנײַדער — דער לאטוטניק, האָט אלץ ניט אופגעהערט צו טאנצן פאר גאָט. אזוי האָט געזאָגט מײַן מאמע. זײַן פרומקײַט האָט ניט געהאט קיין גלײַכן. באנאכט פלעגט ער עטלעכע מאָל אראָפגיין פון געלעגער, קעדיי צורעכט מאכן די קאָרטענע היטעלעך אף די קעפּ פון זײַנע ייִנגלעך, זיי זאָלן ניט שלאָפן, כאָלילע, בעגילוי־ראָש.

צו אונדז אין שטאָט איז די מומע מאלקע אראָפּגעקומען שוין אן אלמאָנע. איר מאן איז דערהארגעט געוואָרן אף מילכאָמע. פונעם פוילישן שטעטל, ווו זי האָט געלעבט, האָט מען פארטריבן אלע ייִדן אויס מוירע, זיי זאָלן דעם דײַטש ניט ארויסגעבן ניקאָלײַ דעם צווייטנס סוידעס. האָט זיך די מומע מאלקע געלאָזט אין איר געבורטסשטאָט, נעענטער צו אייגענע מענטשן. אין איינעם א פרימאָרגן זײַנען דער טאטע מיט דער מאמען אוועק באגעגענען זי אפן וואָקזאל.

— א העלד א ייִדענע! — האָט געזאָגט דער טאטע, ארײַנקומענדיק צוריק אין שטוב.

די מאמע האָט זיך געבייזערט:

— א שיינע יערושע איבערגעלאָזט... ס'פעלט איר אויס נאָך א געל כאָסידל... אז אלץ איז מיטן רעבנס קויעך...

איך האָב דאן פונקט געמאָזלט. דעריבער האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען די מומע מאלקע מיט א וואָכן צוויי שפּעטער. ס'איז געווען פרילינג, די ערשטע טעג פייסעך, און דער טאטע האָט מיך מיטגענומען צו דער מומען.

אונדז אנטקעגן איז ארויסגעלאָפן א קליינינקע ייִדענע מיט א קליין פענעמל און א שפּיציקן בויך. אינעם נידעריקן צימער זײַנען באם טיש געזעסן צוויי ייִנגלעך און געשאָקלט זיך איבער איין גרויסן סייפער. פון אונטער די טיפע גרויע היטעלעך האָבן ארויסגעקוקט בלוילעך־מילכיקע פענעמלעך, באזוימטע מיט לאנגע געלע פייעס.

דער טאטע האָט מיר געהייסן דערלאנגען א האנט מײַנע שוועסטערקינדער. איך האָב אים געפאָלגט. נאָר די ייִנגלעך האָבן זיך שטיל אראָפּגערוקט פון דעם בענקל, אף וועלכן זיי זײַנען ביידע געזעסן, פארשלאָגן זיך אין א ווינקל און פארלייגט די הענט אהינטער. ס'האָט ניט געהאָלפן מײַן טאטנס מוסער און דער מומע מאלקעס בעטן זיך.

מיר איז געוואָרן אומעטיק. נאָר דאָ האָט זיך באַוויזן אין צימער כּאַוועלע, דער מומע מאַל־קעס טעטערל. כּאַוועלעס גרויסע ברוינע אויגן (א פול פּאָנעם מיט אויגן) האָבן ווי פאַנאַנדערגעצ־רוקט די ווענט אינעם ענגן צימערל און געמאַכט עס ליכטיקער. ווען די מומע מאַלקע האָט אינ־גיכן א זאָג געטאָן: „כּאַוועלע, לאָמיר דערלאַנגען צום טיש!", האָב איך שוין באַוויזן צו ווערן מיט מײַן שוועסטערקינד כּאַווער.

כּאַוועלע האָט אָנגעטאָן אַף איר גרינעם קליידל א זויבער ווײַס פאַרטעכל. פונקט מיט אזא פאַרטעך האָט אַרומגעבונדן איר שפּיציקן בויך די מומע מאַלקע. און באַלד האָבן ביידע פריי־לעכע פאַרטעכלעך געגומען האַווען אַרום טיש. פון דעם טאָג אָן האָב איך ליב געקראָגן צו עסן בא דער מומע מאַלקע.

נאָך מיטיק האָבן די מומע מאַלקע און אירע קינדער געזונגען.

איך א פינצטערן וואַלד א געשריי, א געפּילדער,
דער טאַטע זוכט דאָרט זײַנע קינדער... —

האָט פאַרצויגן די מומע מאַלקע. „זײַנע קי־י־ינדער" — האָבן מיט קלינגענדיקע קוויטשיקע קעלעכלעך אונטערגעכאַפּט די ייִנגלעך. „זײַנע קי־י־ינדער" — האָבן מיט ווייכע ברוסטיקע שטימען פאַרקײַלעכיקט די מומע מאַלקע מיט כּאַוועלען.

שפּעטער האָב איך מיט דער מומע מאַלקעס קינדער געשפּילט אַפן הויף אין ניס. די ייִנג־לעך האָבן שוין פון לאַנג פאַרגעסן, אז איך בין אן „אישע" און מע טאָר אַף מיר ניט קוקן. דער ייִנגערער, וועלוועלע, האָט אויסגעצויגן צו מיר די רעכטע האַנט מיט א פאַרקוועטשטער פויסט און הילכיק אויסגעשריִען:

— אים צי גרוד?

איך האָב קיין איין מאָל ניט געטראָפן, צי ס'איז אום, צי גראַד. איך האָב זיך געקאַטשעט פון געלעכטער, קוקנדיק, ווי וועלוועלע שפּרינגט אונטער אַף איין פוס, ווי עס טרייסלען זיך דערבײַ זײַנע פּייעס און ער קוויטשעט פריילעך: „אים צי גרוד?".

אין דרויסן איז געוואָרן קילבלעך, זײַנען מיר אַרײַן אין שטוב. דער טאַטע מיט דער מומע מאַלקע האָבן וועגן עפּעס שטיל גערעדט. ביידע זײַנען געווען פאַרזאָרגט. אין דער טונקלקייט פון צימער האָבן דער מומעס גלאַט פאַרקעמטע האָר מיטן ווײַסן שרונט אינמיטן, גלײַך ווי א ווירע, אויסגעזען ווי א צו גרויס היטל איבער איר קליין דאַר פּענעמל. אז דער מומעס קאָפּ איז גלאַט אָפּגעגאָלט, אז זי טראָגט א שײַטל, האָב איך נאָך דאַן ניט געוווּסט. אַן אומקלאָר געפיל פון ראַכמאָנעס האָט צונויפגעפּרעסט מײַן האַרץ. די מומע מאַלקע, ווי זי וואָלט עס דערפילט, האָט זיך פלינק א הייב געטאָן אונדז אַנטקעגן, און דער וואָלקן איז פאַרשוווּנדן.

כאָטש איך בין דאַן אַלט געווען אינגאַנצן אכט יאָר, בין איך שוין פון לאַנג געוווינט געווען צו זיצן אײנע אַליין אין שטוב. בא אונדז פלעגן אַלע פאַרשווינדן א בליאַסק אַף טאָג. עפּשער האָב איך איבער דעם טאַקע אַזוי צוגעבונדן זיך צו דער מומע מאַלקעס שטוב. דאָ האָט שטענ־דיק געהערשט א שטילע אופלעבונג. יעדערער איז געווען מיט עפּעס פאַרנומען. כ'האָב ליב געהאַט צוצוקוקן, ווי פלינק כּאַוועלע שפּרינגט אַרוף אַפן הויכן בענקל אין קיך, און די ייִנגלעך דערלאַנגען איר האָלץ. זי פאַרשווינדט אינעם גרויסן רוסישן אויוון. עס סטאַרטשען אַרויס נאָר די באָרוועסע פיס און א שטיקל זוים פון איר קליידל. ווען כּאַוועלע באַווײַזט זיך ווידער אַף דער ליכטיקער שײַן, פלאַקערט שוין אין אויוון א פײַער. די ייִנגלעך פלעגן ברענגען זאַלבענאַנד אַף א שטעקן אַן עמער וואַסער, אַרויסטראָגן א פּאַמוניצע, לויפן אין קלייט.

איך קום צו דער מומע מאַלקע יעדן טאָג און טרעף זי קימאַט שטענדיק אײַנגעבויגן איבער א גרויסער דייזשע. די דאַרע הענט זינקען אינווייניק און קנעטן געשמאַק. נאָר אָט נעמען זיך אָן די פינגער, באַקלעפּטע מיט ווייכן טייג, בא די ראַנדן פון דער דייזשע. ווי ביגנייווע פון זיך אַליין, גלײַכט זיך די מומע מאַלקע אויס און כאַפּט איבער דעם אָטעם. ווען איך זע עס, ווערט מיר אויך ענג אין דער ברוסט. איך קער זיך אָפּ און גיב שנעל א שלונג די לופט. איך האָב בעסער ליב צו קוקן, וויאַזוי די מומע מאַלקע כאַפּט אַרויס פון אויוון אַף א גרויסער לאָפּעטע שיינע קײַלעכדיקע לאַבנס ברויט, איינס־אין־איינס. כּאַוועלע שטייט דערבײַ אין איר קלאָר ווײַסן פאַרטעכל, טונקט אײַן א פעדער אין קאַלטן וואַסער און באַשמירט מיט דעם יעדן לאַבן באַזונ־דער. טיילמאָל בעט איך זיך אײַן, מע זאָל מיך דאָס לאָזן טאָן. נאָכדעם זעצט די מומע מאַלקע ווידער אַרײַן דאָס ברויט אין אויוון, פלינק, אויסגערעכנט יעדן קער, די לאָפּעטע זאָל, כאַלילע, קיין ציטער ניט טאָן אין אירע הענט. אין א האַלבער שאָ אַרום ליגן שוין די לאַבנס ברויט אויס־געלייגט אַף א ווײַסן טישטעך אין עטלעכע רייען, עטוואָס אָפּגערוקט איינס פונעם אַנדערן, מיט דער מעליקער זײַט אַרוף. פאַרברוינטע, צוגעשאָטענע מיט קימל, פאַרשפּרייטן זיי איבער דער שטוב א מעכײַעדיקן רייעך, און ס'פאַרווילט זיך זייער עסן. ביפראַט נאָך, אז פאַר די קינדער,

פאַר מיר אויך, באַקט אויס די מומע מאַלקע אַמאָל לענגלעכע, אַמאָל קײַלעכדיקע קליינינקע לעבעלעך ברויט, וואָס האָבן גאָר אַ באַזונדערן טאַם. אָווערעמל מיט וועלוולען לייגן אָוועק זייערע כאַלאָקים אָפּקילן אויף פּענצטער און לויפן לעבעדיק פאַנאַנדערטראָגן דאָס פרישע ברויט איבער די הײַזער פון די שטענדיקע קונדן.

מײַן טאַטע האָט אָנגעהויבן אָפּטער אַרײַנגיין צו דער מומע מאַלקע. עפּעס האָט ער געהאַט צו איר טײַנעס, אויף וועלכע זי פלעגט אים געוויינלעך ענטפערן:

— פאַטער, נו! אַ באַטרעף עס האָט!

— ביסט אַ גאַזלען אויף זיך און אויף דײַנע קינדער! — האָט דער טאַטע איינמאָל אַ זאָג געטאָן מיט הארץ.

פון דעם טאָג אָן האָט די מומע מאַלקע אויפגעהערט צו באַקן ברויט פאַר יענעם. דאָס האָט, קענטיק, מײַן טאַטע זי אײַנגערעדט, און מיסטאָמע איז ער געווען גערעכט. אויף דער מומע מאַלקע איז אָבער געווען אַ ראַכמאָנעס צו קוקן. זי איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב ווי אַ פאַרלוירענע. טיילמאָל פלעגט זי זיך צוזעצן, צונויפלייגן די הענט מיט די דיקע בלויע אָדערן אויפן גרויסן בויך און טיף פאַרטראַכטן זיך. פון די קינדער איז עפּעס אויך ווי אָפּגעטאָן געוואָרן די פרייד.

2

דערווײַל זײַנען בײַ אונדז אין שטוב פאָרגעקומען צוויי געשעענישן: דער טאַטע איז געבליבן אָן אַרבעט („ניטאָ קיין לעדער" — האָט ער דערקלערט דער מאַמען), און דער מאַמעס אַ ווײַטע קרויווע האָט פלוצלינג צוגעשיקט אַ בריוול און אײַנגעלאַדן דעם טאַטן, די מאַמע און אַלע קינדער אויף דער כאַסענע צו איר טאָכטער רישע־באַשע. איבער דער דאָזיקער אײַנלאַדונג האָט מען בײַ אונדז קימאַט ווי ניט באַמערקט די צאָרע, וואָס עס האָט אונדז געטראָפן, אַז דער טאַטע איז געבליבן אָן אַרבעט. אין שטוב האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאַסענע אַרום דער כאַסענע.

— איך דאַרף ניט האָבן קיין רײַכע קרויווים, — האָט געפײַערט די מאַמע. — מויכל דעם קאָוועד... אַז איך האָב ביכלאַל פײַנט קרויווים. אַ גוטערפרײַנט איז פאַר מיר דער בעסטער קאָרעוו. אויב רייזעלע לאָזט פון זיך צו וויסן, איז דאָס ניט אומזיסט. פאַרשטאָכענע אויגן... זי ט'שוין פאַרגעסן, ווי איך האָב איר געוויזן די טיר.

ס'איז טאַקע געווען ניט צו פאַרשטיין. פונקט מיט אַ יאָר צוריק האָט זיך מײַן מאַמע צעקריגט מיט רייזעלען אויף טויט, און פון דעמלט אָן האָט בײַ אונדז אין שטוב איר נאָמען ניט געטאָרט דערמאָנט ווערן. געשען איז עס אַזוי:

פון רייזעלען איז אָנגעקומען אַ דעפּעש, אַז דעם און דעם טאָג קומט זי צו פאָרן. צו דעפּעשן איז מען בײַ אונדז אין שטוב ניט געווען געוווינט. סײַדן, אויב עמעצער איז מעסוקן קראַנק... אַזוי, אַז קוידעמקאָל האָט די דעפּעש אַלעמען איבערגעשראָקן, און דערנאָך האָט מײַן מאַמע אויסגעשפּיגן:

— רייזעלעס שטיק...

דער טאָג פון רייזעלעס אָנקומען האָט זיך מיר גוט פאַרגעדענקט, ווײַל איך בין דאַן צום ערשטן מאָל אויף מײַן לעבן געפאָרן אויף אַ דראָזשקע — צוריקוועגס פון וואָקזאַל, פאַרשטייט זיך. די באַשעפעניש, וואָס האָט געטראָגן דעם פאַרצויגענעם נאָמען „רייזעלע", האָט קרעכצנדיק אַרײַנגעפּאַקט זיך אין דער ברייטער דראָזשקע און איז דאָרטן צעשוווּמען געוואָרן, ווי צעיוירענע ראָשטשינע. אפילו די שפּאַלטן פונעם אָנלען זײַנען פאַרפולט געוואָרן מיט איר לײַב, אַזוי אַז פון אויסן האָט דאָס וועגעלע אויסגעזען ווי אַ געפּאַלדעוועטס. דער טאַטע האָט, שטייענדיק אויף דער ערד, אָפּגעבויגן דאָס קליינע בענקעלע אַנטקעגן רייזעלען און איז לײַכט דערויף אַרויפגעשפּרונגען. מיך האָט ער אַוועקגעזעצט צופוסנס אויפן אייבערשטן טרעפּל און געהייסן שטאַרק האַלטן זיך.

דעם גאַנצן וועג האָט רייזעלע זיך געקלאָגט אויפן געזונט:

— וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס, אַז מע דאַרף זיך קוקן אין מויל אַרײַן? ניט קיין וווּרשט, ניט קיין געבעקס, ניט קיין שטיקל געבראָטנס... וואָס זשע זאָל מען עסן? די נעשאָמע קאָן מען דאָך ניט אויסשפּײַען... איטשע, דאָס איז, דוכט זיך, קאַנטאָראָוויטשעס קאָלבאַסנע, — איז רייזעלע מיטאַמאָל אומרויִק געוואָרן. — מע דאַרף קויפן עפּעס איבערצובײַסן.

די דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט. רייזעלע האָט געעפנט איר היפּשן האַנט־בײַטל פון שוואַרצן גלאַנציקן שטאָף אויף צו געבן דעם טאַטן געלט, נאָר דאָ באַלד האָט זי אַ צי געטאָן דאָס שנירל אויף צוריק, און דער בײַטל האָט זיך פאַרמאַכט. ווי כאַראַטע האָבנדיק פאַרן פרײַערדיקן ברייטן זשעסט, האָט זי עטלעכע מאָל פעסט אַרומגעדרייט דאָס העלדזול פונעם בײַטל:

— אַ, וואָס פאַרשטייסטו אין אַזעלכע זאַכן? לאָמיר שוין בעסער גיין צוזאַמען.

די קוויטן פונעם קלייד האָבן זיך א וואקל געטאָן, און רייזעלע האָט גענומען פאַוואָליע ארויסשלעפן איר גוף פון דער דראָזשקע.

ס'האָט ניט לאנג געדויערט, און מיר זײַנען שוין ווידער געזעסן יעדערער אף זײַן אָרט. פון רייזעלעס פּעקלעך, וועלכע דער טאטע האָט אונטערגעהאלטן מיט ביידע הענט אף זײַנע קני, האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ. א פאַרבאָרגן געפיל האָט מיר אונטערגעזאָגט, אז ס'איז א גרויסער סאַפּעק, צי וועל איך עפּעס געניסן פון די אלע קלענערע און גרעסערע פּעקלעך. דער וועג פון וואָקזאַל צו אונדזער דירע איז געווען גענוג ווײַט, און איך האָב באַוויזן פײַנט צו קריגן רייזעלען. אז זי איז א ליגנערקע, האָב איך שוין געוווּסט אף זיכער. אָט האָט זי געזאָגט, אז זי טאָר גאָרנישט ניט עסן, און אָט האָט זי אײַנ־געקויפט אזויפיל עסנווארג. איך בין געווען הונגעריק און שלעפעריק. ס'האָט מיך געציבלט. „רייזע די גראָבע! רייזע די ליגנערקע!" — האָב איך געכאָזערט פאר זיך. ווען די דראָזשקע איז צוגעפאָרן צו אונדזער טויער, האָב איך שטארק כיישעק געהאט צוגיין צו רייזעלען פון הינטן און א קניפּ טאָן זי דורך א שפּארונע פונעם אָנלען. אָבער דאָס פּערד האָט נאָך ניט באַוויזן זיך רעכט אָפּצושטעלן, איז שוין רייזעלע געשטאַנען

ריווקע רובין.
געבוירן אין מינסק אין 1906.
פאַרענדיקט די אספיראַנטור בא דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1931. וווינט אין מאָסקווע.

מיט ביידע פיס אף דער ערד. זי האָט א ווײַז געטאָן מיט א פינגער אף רעכטס און א פרעג געטאָן ניט באַם טאטן, נאָר בא מיר:

— אָט דאָ?

— ניין, אָט דאָ.

מיט גיכע, פעסטע טריט איז רייזעלע אוועק אין דער טיף פון הויף, דריקנדיק צום בויך איר מוירעדיק גרויסן שווארצן האנט-בײַטל און די אלע פּעקלעך און פּעקעלעך מיט עסנווארג. ווען זײַנען זיי דאָס איבערגעגאנגען פונעם טאטנס הענט אין אירע, האָב איך ניט באַמערקט. איך האָב זיך אומגעקוקט. דער טאטע איז געשטאַנען ווי פאַרשעמט לעבן דעם פורמאַן און עפּעס געזוכט אין זײַן אָפּגעריבן קליין לעדערן בײַטעלע...

אין דער טיר האָט זיך רייזעלע קוים דורכגעשטופּט, און ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א קרעכצעניש. נאָכן עסן האָט זי די קינדער ארויסגעטריבן פון צימער, ווי זי וואָלט דאָ געווען די באַלעבאָסטע.

— איך וויל כאַפּן א דרעמל, — האָט זי געזאָגט.

קיין דרעמל האָט זי, קענטיק, ניט געכאַפּט. ס'איז ניט דורכגעגאנגען קיין פערטל שאָ, האָט די מאמע האסטיק אָן עפן געטאָן די פענצטער און ארויסגעשריִען:

— קינדער, גייט אין שטוב אַרײַן!

רייזעלע איז געשטאַנען אינמיטן צימער הויך און ברייט, ווי א טורעם. די גראָבע הענט מיטן אָנגעשטאָפּטן שווארצן בײַטל האָט זי געהאלטן אָפּן בויך. ערגעץ אין דער הייך האָט זיך געזען עפּעס קײַלעכדיקס און רויטס, א מאָדנע ניט אויסדריקלעכע קיילע, וואָס האָט געזאָלט הייסן „פּאָנעם". דעם סאמע שפּיץ פונעם טורעם האָט באַצירט א פּיצל קוקסעלע. און מײַן טאטע? ער איז אויך געשטאַנען — א דארער, א קליינער, א רירעוודיקער, מאמעש ווי א ייִנגעלע. אָט דערפאר טאַקע האָב איך עס מיסטאמע אזוי גוט פאַרגעדענקט די דאָזיקע סצענע, ווײַל צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך דאַן באַגריפן די שיינקײַט פון אַן עכט מענטשלעך פּאָנעם. אָף אַן אומדערוואַרטן אויפן האָט איצט פאַר מיר אופגעשײַנט דעם טאטנס ברייטער שטערן, הינטער וועלכן ס'איז שטענדיק גרייט געווען צו געבוירן ווערן א געדאַנק, די פריילעכע אויגן מיטן קרומלעכן אופשניט און דאָס קלוגע כיינעוודיקע בערדל, אונטערגעשאָרן ווי בא מענדעלע מויכער-ספאָרים, דעם טאטנס ליב־לינג. „שאָלעם-אַלייכעם איז אויך א גוטער מאמזער, — פלעגט ער זאָגן, — אָבער מענדעלע גראָבט טיפער". איך האָב נאָך קיינמאָל ניט ליב געהאט דעם טאטן אזוי, ווי איצט, ווען ער איז געשטאַנען אנטקעגן „רייזע דער גראָבער, רייזע דער ליגנערקע" מיט א שולדיקן שמייכל אף די ליפּן, ווי שטענדיק, ווען עמעצער איז באַגאנגען קעגן אים אַן אוולע.

דאָס, וואָס איך האָב איצט געפילט, קוקנדיק אָפן טאטן, איז געווען ניט די נאַטירלעכע צו־געבונדנקײַט, וואָס יעדערער פילט אין דער קינדהײַט צו זײַנע עלטערן. ניין, ס'איז שוין געווען א פונק פון דער ליבע, וואָס גייט אָפּ דאָס גערעכטע, וואָס ווייסט פאַר וואָס און פאַר ווען.

פון דעם פענצטער, ווו ס'איז געבליבן שטיין די מאמע, האָט מיטאמאָל א פלי געטאָן א

שטיק גלאַנציק לעדער, האָט זיך אָפּגעקלאַפּט אָן רייזעלעס ברוסט און איז פאַרשווּנדן אין איר בײַטל. די טיר האָט זיך צעפּראַלט מיט א טראַסק, און... א סאַף, אויס רייזעלע...

און איצט רופט אונדז רייזעלע אַף דער כאַסענע צו איר טאָכטער, און דער טאַטע האָט דאַפקע אײַנגעשטימט צו פאָרן.

— איבער רייזעלען וועל איך ניט זײַן אַף רישע־באַשעס כאַסענע? — האָט געטײַנעט דער טאַטע. — ווער איז נאָך ווערט א גוט מאַזל, ווי רישע־באַשע? א שטילע טויב. קיינמאָל קיין ליכ־טיקע שאָ ניט געזען. אָפּגעווען אירע יונגע יאָרן א דינסט בא דער אייגענער מאַמען.

מײַן מאַמע האָט סאַפּקאָלסאַף זיך אונטערגעגעבן. זי אַליין וויל אפילע ניט הערן פון אַזעלכע כאַזערשע כאַסענעס. נאָר אויב דעם טאַטן געפעלט זיצן צווישן גווירים, טאָ זאָל ער כאָטש מיט־נעמען א פּאָר לאַבנס ברויט מיט עטלעכע הערינג, וועט שוין זײַן פאַר די געסט אויך. וואָס זשע, פאַרלאָזן זיך אַף רייזעלעס קיבעד? זײַ געהיט, זיי זאָלן דיך דאָרטן ניט אויסמעלקן, זי מיט איר בענאַק, מיט סאַלאָמאָנטשיקן! כאַליעוועקעס אויסאַרבעטן פאַר זיי פון גנייוויישן לעדער... אַז פאַר אַזעלכע איז גאָר די מילכאָמע א גליק. זע נאָר, צי זיצט ניט אונדזער כאַים ערגעץ אין אַן אָקאָפּ באַרוועס אין זכוס פון סאַלאָמאָנטשיקן?..

אַף דער כאַסענע איז דער טאַטע געפאָרן. אַזוי ווי איך בין געווען די מיזינקע און גאַנצענע טעג פלעגט מיר אויסקומען צו זיצן אין שטוב איינע אַליין, איז געבליבן, דער טאַטע זאָל מיך מיטנעמען.

א טאָג פאַרן אוועקפאָרן בין איך אוועק מיטן טאַטן צו דער מומע מאַלקע געזעגענען זיך. אַפן הויף נאָך האָבן מיר דערהערט דאָס שטעפּן פון א ניי־מאַשין. קיין ברויט, הייסט עס, האָט מען שוין טאַקע דאָ ניט געבאַקן. אין פּירהויז האָט אַוורעמל, שטייענדיק אַף אַלע פיר, געפּאַרעט זיך אַרום א פּרעסל. דערזעענדיק מיך, האָט ער שטאַרק אָנגעבלאָזן די באַקן און גענומען הוקען אינעם פּרעסל אַזוי, אַז פונקען זײַנען געפלויגן. אין צימער איז געזעסן די מומע מאַלקע בא איר זינגער־מאַשין, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך פון שטעטל. א שטיק ווײַסע צײַג איז געפלאָסן פון אונטער אירע פינגער אַף יענער זײַט שטעפּנדיקער נאָדל. אַף א נידעריק בענקל איז געזעסן לעבן איר כאַוועלע און צוגענייט קנעפּלעך צו א ציכל.

באַם געזעגענען זיך האָט די מומע מאַלקע באַטראַכט מײַן קליידל, א צי געטאָן ־אַף אַראָפּ, א גלײַך אויס געטאָן פון הינטן.

— אַזוי וואָלט געווען נישקאָשע, — האָט זי געזאָגט, — נאָר די אַרבל זײַנען קורץ. אויס־געוואַקסן, קיין אײַנהאָרע.

זי האָט אַרויסגענומען פון קאָמאָד כאַוועלעס יאָמטעוודיק גרין קליידל און האָט עס מיר אָנגעמאָסטן. זי האָט אָנגעקוואָלן פון דעם, ווי עס פּאַסט מיר. דער טאַטע האָט דאָס קליידל ניט געוואָלט נעמען, נאָר די מומע מאַלקע האָט זיך אַף אים אָנגעבייזערט:

— גיי שוין, גיי, אויך מיר א באַטרעף... ס'וועט גאַנץ זײַן... און טאָמער ניט, — האָט זי צוגעגעבן, — וועל איך דיך אויך צום ראָוו ניט רופן.

בין איך געפאָרן אַף דער כאַסענע אין כאַוועלעס גרין קליידל מיטן ווײַסן געהאָפטענעם קעלנערל, מיט די פאַלדן אַרום און אַרום.

3

מײַלער, אָן א שיר מײַלער האָבן געקײַט, געזופט, געסמאָקעט, געשלונגען, געפּילדערט, געלאַכט, געזונגען, געשריִען איינס צום אַנדערן. און די קאַלע האָט מען ניט געזען. בא דער כופּע־וועטשערע האָבן זיך אַלע אַזוי א לאָז געטאָן פאַרויס, אַז איך מיטן טאַטן האָבן קוים זיך צוגעזעצט באַם סאַמע עק פונעם לאַנגן טיש. שפּעטער, בייס מע האָט געטאַנצט, האָט זיך פאַר־בײַ מיר עטלעכע מאָל דורכגעטראָגן א פיגור אין ווײַסן מיט א לאַנגן ווײַסן טיול איבערן פּאָנעם. די זעלבע, וואָס האָבן אַזויפיל געגעסן, געפּילדערט, געלאַכט, האָבן זי אָבער פון מיר די גאַנצע צײַט פאַרשטעלט. צו דער כופּע האָב איך זיך אוואַדע ניט געקאָנט דורכשטויסן. האָב איך גע־צויגן דעם טאַטן פאַר אַן אַרבל און אַלץ געפרעגט:

— טאַטע, די קאַלע איז א שיינע? — אַז זי איז א יונגע, האָב איך ניט געצווייפלט, ווײַל ווי קאָן דאָס זײַן א קאַלע ניט קיין יונגע...

— א שיינע, א שיינע, — האָט מיר דער טאַטע צעשטרייט געענטפערט.

„א שטילע טויב" — אַזוי האָט דער טאַטע אָנגערופן רישע־באַשען, איידער מיר זײַנען געפאָרן אַף איר כאַסענע. איז זי בא מיר איצט פון א שטילער טויב פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א ווײַסן מאַלעך. ניט קיין טויב, ניט קיין מאַלעך האָב איך קיינמאָל ניט געזען. כ'האָב נאָר געוווּסט, אַזביידע זײַנען זיי שיינע און גוטע, און ניט זיי גייען, נאָר זיי שוועבן.

אלע צימערן פון רייזעלעס גרויסן אײַנפּאַר־הויז, אַדער גאַסטיניצע, ווי ס'איז געווען אופגע־שריבן אפן שילד אין דרויסן, האָבן יענע נאכט פאַרנומען די כאַסענע־געסט. מיר זײַנען אויך געבליבן נעכטיקן. ווען איך האָב זיך אופגעכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. דער טאַטע איז געזעסן אף דער ווייכער סאָפקע אנטקעגן מיר און גערעדט מיט עפּעס א יידענע אין א העל־בלויער זײַדענער קלייד. אף די הענט און אף דער ברוסט האָט בא איר געבלישטשעט א סאַך צירונג, וואָס האָט זיך מאָדנע ניט געקלעפּט צו איר לאַנגן אומעטיקן פּאַנעם מיט דער בראָדעווקע אף דער רעכטער זײַט נאָז און מיט די אָפּגעבליאַקעוועטע מידע אויגן.

דער טאַטע און די פרעמדע יידענע האָבן אף מיר קיין אכט ניט געלייגט, האָב איך זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט. ביסלעכווײַז איז צו מיר אין האַלבן דרעמל דערגאַנגען, אז דער טאַטע רופט די יידענע רישע־באַשע. איך בין באַלד געוואָרן וואַך.

— טאַטע, איך וויל אהיים, — האָב איך זיך פּלוצלינג אָנגערופן אומגעריכט פאַר זיך אַליין.

דער טאַטע האָט מיך ווי ניט געהערט. רישע־באַשע האָט פאַרשטעלט מיט בײדע אויסגע־האָרעוועטע הענט דאָס פּאָנעם און זיך שטיל צעוויינט. אף אירע פינגער האָבן געפינקלט בריליאַנטן.

4

די סאַמע אָנגעזעענע געסט האָבן געזאָלט בלײַבן אף דער כאַסענע א גאַנצע וואָך. מיר זײַנען געווען צווישן זיי. מע האָט אונדז בעשום־אויפן ניט געוואָלט אָפּלאָזן. און דאָך זײַנען מיר אוועקגעפאָרן אפן דריטן טאָג און זייער אײַלנדיק, מיטן באַנאַכטיקן צוג.

יענער טאָג איז פון אינדערפרי אָן געווען ניט קיין מאָזלדיקער. אופגעכאַפּט האָבן מיר זיך אונטער די קלעפּ פון רעגן־טראָפּנס אין די שויבן. די געסט זײַנען ארויס צום טיש מיט פאַרשלאָ־פענע פּענעמער.

געגעסן האָט מען שווײַגנדיק. ס'האָט זיך נאָר געהערט דאָס זופן, דאָס טשמאַקען מיט די ליפּן. נאָכן עסן איז מען געבליבן זיצן באַם טיש. אין דרויסן האָט אַלץ געליאַפּעט דער רעגן. האָט דאַן דער שיינער סאָלאָמאָן אויסגעטראַכט א פאַרווײַלונג: איך זאָל דעקלאַמירן. דער טאַטע האָט אים, ווײַזט אויס, געזאָגט, אז איך קען דעקלאַמירן. רייזעלעס זון שלוימקע, אַדער, ווי מע האָט אים דאָ גערופן, „סאָלאָמאָן", איז טאַקע בעעמעס געווען זייער א שיינער. דערפאַר האָב איך פון אָנהייב געמיינט, אז ער איז דאָס דער כאָסן. אַלע געסט האָבן זיך געדרייט ארום סאָלאָמאָנען. האָט ער געלאַכט, האָבן אַלע געלאַכט; האָט ער גערעדט, האָבן אים אַלע געהערט אזוי, ווי פון זײַנע רייד וואָלט געווען אָפּהענגיק זייער לעבן. און סאָלאָמאָן איז דאָס טאַקע אַלץ ווערט געווען — אזא יונגער, א פריילעכער און א צוגעלאָזטער צו יעדערן. צו יעדערן און מער פון אַלעמען — צו מײַן טאַטן. קעדיי טאָן דעם טאַטן צוליב, האָט ער עס מיך ארופגעשטעלט אפן טיש און גע־הייסן דעקלאַמירן. און איך האָב דעקלאַמירט מיט א טרויעריקער שטימע דאָס געדיכט, וואָס עס האָט מיך אויסגעלערנט אַנאַ לוואָוונאַ, די לערערן פון דער רוסישער שול פאַר יידישע מיידלעך.

Три бледных тени чередой	(דרײַ בלייכע שאָטנס, איינס נאָך איינס,
Стучатся робко в двери рая:	אין טויער פון גאַניידן קלאַפּן פאַרכטיק:
— Открой, открой, стapéц святой...	— עפן, עפן אונדז, דו הייליקער זאָקן...)

מײַן דעקלאַמירן האָט אויסגענומען. דער אוילעם האָט געפּאַטשט אין די דלאָניעס, אָפּ־וואַרפנדיק זיך מיט די שווערע קערפּערס צו די ווענטלעך פון די שטולן. אויב אזוי, וועל איך זיי איבערלייענען דאָס געדיכט, וואָס דער טאַטע האָט מיך אויסגעלערנט. איך האָב זיך דערפילט זיכער און זיך ניט געקליבן אזוי גיך אראָפּגיין פון טיש. איך האָב ארויסגעשטעלט דעם רעכטן פוס פאָרויס און פאַריסן דעם קאָפּ אין דער הייך:

איך קום, ווי א שטאָלצער קאָמעט,
ווי די זון, ווען עס הייבט אָן צו טאָגן...

עטלעכע הענט האָבן אומזיכער א פּאַטש געטאָן, עמעצער האָט א זאָג געטאָן „בראַוואָ!", און ס'איז באַלד שטיל געוואָרן. דער טאַטע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דעם ווענטל פון סאָלאָמאָנס שטול, און אין זײַנע אויגן האָט געברענט א צעלאַכעסדיק פײַערל. סאָלאָמאָנס פּאַנעם האָט מיר אויסגעזען עטוואָס פאַרכמורעט, אָבער בלויז אף א ווײַלע.

— גוט, אויסגעצייכנט, מאָלאָדיעץ! — האָט ער פריילעך א זאָג געטאָן, גענומען מיך אף די הענט, צערטלעך צוגעדריקט צו זיך און אראָפּגעשטעלט אפן דיל. איך האָב נאָך ניט באַוויזן צו

פאַרשטיין, אַז אַראָפּגענומען האָט מען מיך פון טיש, קעדיי איך זאָל מער ניט דעקלאַמירן, ווי איך בין אופגעציטערט געוואָרן פון אַ מאָדנעם קלאַנג. דער כאָסן האָט הויך געלאַכט, אָפּגעהאַקט, הילצערדיק, אָן אַ שום אויסדרוק אַפן טרוקענעם פּאָנעם מיט די ווײַסע אויגן. ביז יענער רעגע האָב איך דעם כאָסנס שטים ניט געהערט, ניט באַמערקט, אַז ער האָט ווײַסע אויגן. פון זײַן געלעכטער האָב איך זיך ניט פאַרשעמט. איך האָב זיך דערשראָקן. און שפּעטער, ווען איך האָב אין דער היים געהערט ריידן, אַז רישע־באַשע איז בא אים דאָס פערטע ווײַב, אַז די פריִער־דיקע ווײַבער האָט ער געקנײַפּט און זיי האָבן זיך מיט אים געגעט, האָב איך ווידעראַמאָל איבער־געלעבט די זעלבע שרעק: „געקנײַפּט?.. צוליב וואָס האָט ער זיי געקנײַפּט?“ באַנאַכט האָבן זיך מיר אַלץ פאָרגעשטעלט זײַנע ווײַסע אויגן, און כ'האָב געציטערט פון שרעק.

דאַן אָבער, אַף דער כאַסענע, האָט מיך דערוואַרעמט אַ נײַער קלאַפּ. אַפן סאַמע פאָרנט פונעם געליִענעם קליידל האָב איך דערזען אַ גרויסן פלעק, קענטיק, פון פעטס. אַף כאַוועלעס קליידל... וואָס וועל איך זאָגן דער מומע מאַלקע? און... ווען איך האָב דעקלאַמירט, האָבן אַלע געזען דעם דאָזיקן מיִעסן פלעק... איך האָב געברענט פון בושע.

אין אָוונט האָט מען געשפּילט אין פאַנטן. איינער אַ גראָבער ייִד האָט געקרייעט, ווי אַ האָן, עפּעס אַ לאַנגער באָכער האָט געפּויזעט אַף אַלע פיר אונטערן טיש. סאָלאָמאָנען האָט מען צו־געמישפּעט, ער זאָל אויסקושן אַלע מיידלעך. די מיידלעך האָבן געקוויטשעט און אַנטלאָפן פון אים. נאָר ער האָט זיי געכאַפּט איינס נאָך איינס און אַלעמען געקושט.

איך האָב זיך אַרויסגעגאַנוועט פון זאַל און אַרײַן אינעם צימערל, ווו איך מיטן טאַטן האָבן גענעכטיקט. כ'האָב אַראָפּגענומען פון זיך דאָס קליידל און אָנגעטאָן אַפן בלויזן העמד מײַן גרוי זומער־מאַנטעלע. דאָס קליידל האָב איך פאַרוקט אונטערן אָרעם און אַוועקגעלאָזט זיך אין קיך פאַרוואַשן דעם פלעק.

דעם אַרײַנגאַנג אין קיך האָט מיר פאַרשטעלט אַ וואַנט, באַשלאָגן מיט גלאַנציקן שוואַרצן זײַד. בא דער וואַנט הינטערן אָרעם איז געווען פאַרקוועטשט אַ טישטעך, ווי בא מיר דאָס פאַר־פלעקטע קליידל. די וואַנט האָט געטײַנעט מיט רייזעלעס שטים צו עמעצן, וואָס איז, קענטיק, געווען אין קיך:

— דערוואַרגן זאָלן זיי ווערן מיט יעדן ביסן. צוניפגעפאָרן זיך פון דער גאַנצער וועלט און מע קלײַבט זיך גאָר ניט אוועקצופאָרן. א טעל פון דער שטוב האָבן זיי מיר געמאַכט. סאָלאָ־מאָנטשיקס קאַפּריזן... שפּראָטן וואָלט איך זיי געגעבן? קיין עק פון א הערינג זײַנען זיי אויך ניט ווערט. דער סערוועט וועט זיך דאָך ניט אָפּוואַשן. זע, ס'אַרא געלע פּליאַמעס, געלוזוכט זיי אַף די פענעמער, ריבוינעשעלוילעם!

איך בין אומבאַמערקטערהייט אוועק. כ'האָב צוריק אָנגעטאָן מײַן פאַרפלעקט קליידל. איצט האָב איך דאָך שוין געוווּסט אַף געוויס, אַז ס'וועט זיך ניט אָפּוואַשן.

די שפּיל אין פאַנטן האָט זיך דערווײַל פאַרענדיקט. אין זאַל האָט זיך איצט געהערט נאָר איין קאָל, מײַן טאַטנס — סאָלדאַטן, אָקאָפּעס, אינטענדאַנטן, כאַבאַר... איך בין אַרײַן אין זאַל פונקט דאַן, ווען דער טאַטע האָט עפּעס געזאָגט וועגן שטיוול און ס'האָט זיך אופגעהויבן א מוירעדיקער טומל. די געסט זײַנען אופגעשפּרונגען פון די ערטער. זיי האָבן געשריִען אַפן טאַטן, געמאַכט מיט די הענט. איך האָב מוירע געהאַט, אַז באַלד וואַרפן זיי זיך אַלע אַף אים אַרוף.

מײַן טאַטע איז געווען א שטילער, אײדעלער מענטש, א פרייַלעכער און א גוטער, נאָר קוים האָט אין אים עפּעס אופגעפּלאַצט, האָט ער זיך ניט געקאָנט צוימען. ער האָט זיך דאַן אַליין צו־געגעבן קוראַזש, קעדײַ ניט אָפּצוקילן זיך. אַזוי איז געווען אויך איצט. די אַמפּערײַ האָט זיך פאַר־צויגן, און איך בין אײַנגעשלאָפן, זיצנדיק צוניפגעקאַרטשעט אַף א שטול.

אופגעכאַפּט האָב איך זיך אין בעט, ווו איך בין געלעגן אינעם אָנטאָן. ס'איז געווען נאַכט. אַפן טיש האָט געברענט א ליכט. דער טאַטע איז געשטאַנען לעבן מיר אין מאַנטל:

— שטיי אוף, לייעלע, מיר פאָרן אַהיים.

אין איין מינוט איז פאַרגעסן געוואָרן דער אומרויִקער טאָג. ס'איז גוט. מיר פאָרן אַהיים. דער טאַטע האָט מיך געהאַלטן פאַר א האַנט, און מיר האָבן אין דער פינצטער פריילעך געשפּאַנט צום וואָקזאַל. דער טאַטע האָט מיט מיר גערעדט ווי מיט א גרויסער, אַזוי ווי שטענדיק, ווען מיר פלעגן בלײַבן אַליין:

— רייזעלע האָט אָבער געוווּסט, אַז די מאַמע וועט צו איר אַף דער כאַסענע ניט פאָרן. און מיט מיר, האָבן זיי געמיינט, קאָן מען אַלץ אויספירן. איך בין א שטילער. איין קליינִיקײַט האָט ער פון מיר פאַרלאַנגט, סאָלאָמאָן, — איך זאָל באַהאַלטן בא זיך זײַן גאָלד. „איר זײַט אַן ערלעכער, אײַך געטרוי איך".

— פאַרוואָס האַלט ער ניט זײַן גאָלד בא זיך? — האָב איך זיך פאַרווונדערט. — פאַרוואָס דאַרף מען עס באַהאַלטן?

— נאַרעלע, ער שטעלט דאָך צו לעדער אַף שטיוול פאַר די סאָלדאַטן. אָ, קיין געלט פעלט אים ניט, סאָלאָמאָנען... דאָס האָט ער דאָך אויסגעגעבן מיט אַזא טראַסק די שוועסטער. נאָדן האָט ער איר געגעבן מיט דער ברייטער האַנט... גאָר א גרויסע פּויטעקע... דער שוואָגער איז פאַר אים א נייטיקער מענטש. טאָמער מאַכט זיך עפּעס...

א סאַך „פאַרוואָסן" זײַנען פאַר מיר פאַרבליבן ניט פאַרענטפערט. דער טאַטע האָט, דוכט זיך, הײַנטיקס מאָל גערעדט מער מיט זיך, ווי מיט מיר.

5

די מאַמע האָט אונדז באַגעגנט, פונקט ווי מיר וואָלטן גאָר ניט אוועקגעפאָרן. ווי נאָר מיר זײַנען אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָט זי אָפּגערופן דעם טאַטן אין א זײַט און אײַנגערוימט אים א סאָד. דער טאַטע האָט צעטומלט געפרעגט:

— פאַר דער צײַט?

דער טאַטע האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, און איך, ווי געוויינלעך, נאָך אים.

די מומע מאַלקע איז געלעגן אין בעט. איר פּאָנעם איז געווען נאָך בלייכער, ווי שטענדיק. איבער דער ציצענער געשטעפּטער קאָלדרע זײַנען געלעגן אירע הענט. און אַזעלכע צאַרטע זײַנען זיי געווען, אירע הענט, ווײַסע־ווײַסע, מיט לאַנגע אויסגערוטע פינגער. הארט לעבן בעט איז אַף א בענקל געשטאַנען א הילצערן מולטערל, אין וועלכער די מומע פלעגט פאַרקנעטן כאַלע אַף שאַבעס. שטײַף פאַרוויקלט אין ווײַסן איז דאָרט געשלאָפן א פּיצעלע. מיט דער רעכטער האַנט האָט די מומע מאַלקע מיך צוגעצויגן צו זיך און א קוש געטאָן אין שטערן. זי האָט זיך צו מיר צוגעקוקט א פאַרזאָרגטע:

— לייעלע, ביסט דאָך צוגאַסט גאָר אַראָפּ פון פּאָנעם. זעט נאָר, — האָט זי זיך געכאַפּט, — דאָס זײַט איר ערשט פון דער באַן? איר האָט כאָטש עפּעס געגעסן?

איך האָב אופגעציטערט פון ליבע צו דער מומע מאַלקע. א הייס געפיל פון כאַראַטע האָט מיך ווידער אַרומגעכאַפּט פאַרן העזעק, וואָס איך האָב איר אָנגעטאָן. געפּאַטערט כאַוועלעס

קליידל, אזא שיינס, מיט פאלדן. איך בין צוגעפאלן מיטן פּנים צו דער מומעס קאָלדרע, און כ'האָב זיך צעוויינט. די מומע מאלקע האָט זיך דערשראָקן:

— איטשע, דאָס קינד איז בא דיר עפּעס ניט מיט אלעמען. צי האָט זיך עס ניט צוגעקילט אין וועג? וואָס וויינסטו, לייעלע, עס טוט דיר עפּעס וויי?

— איך... איך האָב אײַנגעריכט כאוועלעס קליידל, — האָב איך געזאָגט, שלינגענדיק די טרערן. — גאָר פון פאָרנט... א געלע פליאמע...

— אָט דאָס גאָר? איבער דעם דאַרף מען וויינען? אײַנגעריכט, וועט מען אויסוואשן.

— ניין, רייזע... רייזע די גראָבע זאָגט, אז אזא פלעק וואשט זיך ניט אָפּ.

די מומע מאלקע האָט אָנגענומען מיט ביידע הענט מײַן פּנים און אויסגעדרייט צו זיך:

— נארעלע, אבי די נעשאָמע זאָל זײַן אָן א פּגימע, א פלעק אף דער נעשאָמע איז ניט אזוי גרינג אָפּצוּוואשן, און פארבײַטן זי קאָן מען ניט. אָבער א קליידל... ניט דאָס, וועט זײַן אַן אנדערס... א באטרעף עס האָט!

קלאָרע שויבן

I

וועגן ליאָניעס מאמע האָט זיך די ערשטע דערוווּסט מײַקע. אלע נײַס דערוויסט זיך מײַקע די ערשטע. זי וואָלט גערן צעפּויקט איבער דער גאנצער גאס, אז ליאָניעס מאמע האָט זיך אָפּגעזוכט. האָט איר אָבער כאוועע פארזאָגט, זי זאָל שווײַגן. מײַקע האָט ניט ליב צו שווײַגן, גייט זי ארום דעם גאנצן פרימאָרגן אָן אָנגעכמורעטע.

ס'איז זונטיק. אלע זײַנען אין דער היים. מיר לעבן דאָ צוזאמען — דרײַ פרויען און דרײַ קינדער. אָן מענער, אָן טאטעס. מיר זיצן אלע בא איין טיש — כאוועע מיט איר טאָכטער מײַקע, איך מיט מײַן טאָכטער בײַעלע, די מומע מאלקע און מײַן כאוועס יינגל, ליאָניע, וועלכן מיר רופן אין א שפּאס „דער מומע מאלקעס מיזיניקל".

אף פרישטיק האָט די מומע מאלקע אָפּגעקאָכט צווי צוקער־בורעקעס, ווײַסע, ווי רעטע־כער. מיר עסן זיי, אָנגעשניטענע אף דינע ריפּטלעך. אינעם זיסן וואסער האָט די מומע מאלקע פארקאָכט טיי. פונקט נעכטן באקומען אף די קארטלעך. טרינקען מיר זיסע טיי מיט ברויט. בא די קינדער איז דאָס ברויט באשמירט מיט מארגארין. דאָס הייבט אוף די שטימונג אפילע בא מײַקען.

נאָכן עסן וואשט בײַעלע דאָס געפעס. ס'איז איר פליכט. אזוי איז בא אונדז אָפּגעמאכט. ווען צווישן די קינדער וואָלטן איינמאָל פאר אלעמאָל ניט געווען אײַנגעטיילט די פליכטן, וואָלט מײַקע קיינעם ניט געלאָזט צו גארנישט צורירן זיך. אזוי אויך האלט זיך אף איר די שטוב.

מײַקע קומט פון שול, גיט זי א כאַפּ צווי טעפּ, שטעלט זיי אוועק איינעם אפן אנדערן אינעם שטריקענעם קושל און לויפט אין סטאָלאָווע נאָך מיטיק. זי טיילט אײַן גלײַכע כאלאָקים בײַעלען, ליאָניען און זיך. פאנאנדערגעגאָסן דאָס ביסל שיטערע געקעכטס איבער די טעלער, לייגט זי די טעפּ שלאָפן. זי וויקלט זיי אײַן אין א קאָלדרע און באדעקט פון אויבן מיט א קישן, קעדיי צו פארהיטן דאָס עסן א וואַרעמס פאר די דערוואקסענע. ערשט דאַן זעצט זי זיך אליין צום טיש. זי לערנט זיך גוט און לאָזט ניט ארויס פון אויג אויך ליאָניען מיט בײַעלען. מײַקע איז צווישן זיי די עלטסטע. זי איז שוין אריבער אין פינפטן קלאַס.

בײַעלען רופט מײַקע ניט אנדערש, ווי „די פארשלאָפענע". זי שרײַט אף איר, לעמײַ זי טוט אלץ אזוי לאנגזאם און פרעגט זיך נאָך אף יעדער זאך. בײַעלע איז טאקע א שטילע און א פאר־טרוימטע, א נײַניאָריקע פארקישעפטע באַסמאלקע. קיין ליידיקגייערן איז זי אָבער אויך ניט. זי קלײַבט אין די הויפן מעטאל־ברוך אף צו מאכן טאנקען, זי נייט פאר די רויטארמייער זעקעלעך אף מאכאָרקע. נאָר מײַקע האָט אלציינס צו איר ניט קיין געדולד. זי איז זייער א גיכע, מײַקע, אפילע וואקסן אײַלט זי זיך. זי האָט שוין באלד דעריאָגט כאוועען. די שארפע לאָפּעטקעס אף מײַקעס פלייצע גייען זיך צונויף און נעמען זיך פאנאנדער, ווי פליגלען. די מאָגערע בלאָנדע צעפּלעך קוקן יעדעס אין אן אנדער זײַט, ווי זיי וואָלטן זיך אויך ערגעץ געײַלט.

בײַעלע וואשט אויס א גלאָז און ווישט מיט אזא ערנסט, ווי זי וואָלט אין דער ארבעט געזוכט עפּעס א באזונדער באטײַט. רײַסט בא איר מײַקע ארויס די גלאָז, גיט שנעל א דריי מיטן האנטעך — און שוין. ס'איז טרוקן. בײַעלע קוקט זי אָן פארוווּנדערט מיט אירע ריינע, ווי אויסגע־וואשענע, אויגן. דערנאָך קערט זי זיך אָפּ, און איר פלייצע גיט א צוק פון דער אומגעריכטער

באליידיקונג. מײַקע ווײַזט בײַעלען א צונג און גיט זי א צופ פאר איינעם פון אירע דיקע שווארצע צעפ.

— או־או־ו, ניוניע!

דער רויגעז צווישן די קינדער דויערט ניט לאנג. מײַקע טראָגט ארײַן אן עמער און גיט א פיר מיט א נאסער טוך איבער דער פּאָדלאָגע. דערנאָך טונקט זי אײַן אין עמער א דערקאטש.

— נא, רײַב, אָט אזוי־אָ, — ווײַזט זי בײַעלען, אוועקשטעלנדיק א פוס אפן דערקאטש.

דאָס באטײַט, אז מײַקע האָט זיך מיט איר איבערגעבעטן.

אויך ליאָניען האלט מײַקע פאר א פארשלאָפענעם. צו אים האָט זי אויך ניט קיין גדולה. נאָר אָנרופן אים „ניוניע", אזוי ווי בײַעלען, וועט זי ניט. כאָטש איצטער מעג מען עס שוין עפשער יאָ. זײַן מאמע האָט זיך דאָך אָפּגעזוכט.

ווען מיר זײַנען געלאָפן פון דער היים, איז זי געווען מיט אונדז, ליאָניעס מאמע. מיטאמאָל האָט זיך פארשפּרייט א קלאנג, אז א דײַטשישער דעסאנט יאָגט אלעמען צוריק אין שטאָט. האָבן מיר זיך פון וועג א וואָרף געטאָן אין וואלד. ווען מיר זײַנען געבליבן שטיין אין דער געדיכטעניש, האָב איך זיך ארומגעזען, אז איך האלט פאר די הענט פון איין זײַט בײַעלען, פון דער צווייטער — ליאָניען. פון הינטן זײַנען אָף מיר אָנגעפלויגן כאווע, מײַקע און די מומע מאלקע. געפעלט האָט נאָר מײַן יוגנט־כאווערטע סאָניע — דאפקע זי, די פלינקע, די לײַכטפיסיקע, וואָס האָט ערשט ניט לאנג באקומען א פּריז פאר איר גיכן לויפן.

ליאָניע איז דער איינציקער מאנצבל בא אונדז אין שטוב. דעריבער איז טראָגן וואסער זײַן זאך. קעדיי מײַקע זאָל בא אים ניט אויסכאפּן, לאָזט ער זיך שנעל לויפן צום פּלומפּ אָף דער גאס מיטן ריינעם עמער, וואָס שטייט אין קאָרידאָר אָף א בענקל.

אין צימער הייבט זיך באלד אָן אן אמפּערײַ, צי זאָל מען זאָגן ליאָניען, צי ניט.

— פּאָטער, נו, — גיט א מאך מיט דער האנט די מומע מאלקע, — פון א גוטער בסורע איז נאָך קיינעם שלעכט ניט געווען.

איך זע אָבער, אז זי איז ניט פעסט אין דער דייע. אונדז אלעמען ליגן נאָך גוט אין טאַם די ערשטע כאדאָשים פון עוואקואציע, ווען ליאָניע פלעגט גאנצע טעג ניט אָפּגיין פון פענצטער. ער האָט געקוקט אין פענצטער און געוואַרט אָף דער מאמען.

עמעס, איצט איז פונקט פארקערט. ליאָניע דערמאָנט ניט די מאמע, ווי זי וואָלט גאָר קיין־מאָל אָף דער וועלט ניט געווען. פארדריסט עס מיך אפילע. כאווע זאָגט: „א קינד... וואָס קאָן מען פון אים פארלאנגען. אזוי איז בעסער". און דאָך... ווער ווייסט... סאָניעס בריוול איז מאָדנע קורץ. פון א מיליטערישן שפּיטאָל. אוועלכע איז זי איצטער, סאָניע? און ווען קאָן זי קומען?

כאווע לייגט צו א פינגער צו די ליפּן. אין טיר באווײַזט זיך ליאָניע.

— פּארוואָס אזא פולער עמער? — זאָגט צו אים די מומע מאלקע. — בעסער גיין אן איבעריק מאָל...

— נו, ווי קאָן מען לעבן אין אזא שטוב? — דערהערט זיך פון הינטער דער וואנט די שלאבעריקע שטים פון אונדזער שכיינע טאמארא יאקאָוולעוונא. — פון די קינדער איז דאָ אזוי אויך ניט אויסצוהאלטן, דארף מען נאָך לײַדן פון א פרעמדער יינגל, וואָס טוט צולאָכעס און מאכט יעדן טאָג א טײַך אין קאָרידאָר.

ליאָניע האָט ארײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אקסלען און געהערט. און מיטאמאָל האָבן זיך פון זײַן מויל א שאָט געטאָן מאָדנע כוצפּעדיקע רייד. און אויסגעזען האָט עס, אז ער צילט דאפקע אין דער מומע מאלקע, צו וועלכער ער איז די גאנצע צײַט געווען צוגעבונדן מער, ווי צו אונדז אלעמען.

— איך וויל אזוי. כ׳וועל אלעמאָל אָנעמען פול. זאָל זיך פארגיסן. איך בין א שלעכטער. איך בין א פרעמדער. טרײַבט מיך ארויס. איך וויל דאָ מער ניט זײַן. כ׳וועל אלעמאָל... כ׳וועל אלעמאָל...

אין איין רעגע איז פונעם יינגלס פּאָנעם אָפּגעווישט געוואָרן די קינדערשע ווייכקײַט. ס׳איז געוואָרן פארענדערט, אופגעבלאָזן. אונדזערע רייד דערגרייען צו אים ניט. ער דרייט זיך אויס מיט דער פּלייצע, און דער נאקן איז בא אים א פאראקשנטער, א פארשטײַפטער, א מאנצבלשער. נאָר די אקסלען ציטערן קינדעריש־הילפלאָז. ער ווישט מיטן ארבל די נאָז און די אויגן און טײַנעט זײַנס:

— איך וויל בא אײַך ניט זײַן... כ׳וועל אנטלויפן... כ׳וויל צו דער מאמען... ווו איז מײַן מאמע?

— דײַן מאמע וועט אינגיכן קומען. איך ווייס אָף געוויס, — האָט ניט אויסגעהאלטן די מומע מאלקע.

— מײַן מאמע וועט ניט קומען. איר זאָגט גלאַט אַזוי, איך וויל צו דער מאַמען. כ'וועל אַנטלויפֿן...

דער מומע מאַלקעס פּאָנעם איז גאָלע גוטסקײַט און ראַכמאָנעס, נאָר זי מאַכט זיך האַרץ:

— צו וואָס דאַרפֿסטו אַנטלויפֿן? קיינער וועט דיך דאָ מיט געוואַלד ניט האַלטן. גיי געזונ־טערהייט, וווהין דו ווילסט. נאָר איך וואָלט דיר געזאָגט, דו זאָלסט צוּוואַרטן אַף דער מאַמען. ווײַל ווּ וועט זי דיך גיין זוכן, אויב דו וועסט אַנטלויפֿן?

ליאָניע הייבט זיך אָן צוצוהערן. די מומע מאַלקע ווערט באַ זיך שטײַפֿער:

— צעכליפּעט זיך ווי אַן אייפּעלע, כ'וואָלט זיך אַף דיר גאָר ניט געריכט. די מאַמע וועט קומען. ס'איז דאָ אַ בריוו. נעם אַ נאָזטיכל, אָט, באַ דיר אין קעשענע. נו, געַנוג, קום זיך אײַנוואַשן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיצט שוין ליאָניע באַם טיש און מאַלט, ווי ס'וואָלט גאָרנישט ניט געשען. פֿון צײַט צו צײַט נאָר גיט זיך באַ אים אַ הייב די ברוסט מיט אַ שטילן שלוכץ. ער אַליין באַמערקט עס אַפֿילע ניט. די קאָלירטע בלײַערס טראָגן זיך האַסטיק איבערן ווײַסן פּאַפּיר־בויגן: כוואַליעס... כוואַליעס... בלויע, גרינע. אַ נאָז פֿון אַ שיף באַ איין ברעג בויגן, אַ נאָז פֿון אַ שיף — באַם צווייטן. אַ רויטער שטערן, אַ שוואַרצער האַקנקרייץ. אַף די שיפֿן — קוימענס. פֿון ביידע שפּאַרט אַ רויט פֿײַער אין גרעלן הימל. ליאָניע איז פֿאַרטאָן אין אַ יאַם־שלאַכט.

די מומע מאַלקע זוכט עפּעס אין טישקעסטל. עס ציטערן באַ איר עטוואָס די הענט. נאָר אָט זעצט זי זיך אַוועק אַפֿן פֿענצטער, די פֿיס אונטער זיך, קעדיי ניט צו שטערן מײַקען און בײַעלען וואַשן דעם דיל. זי קאַלכט אָן די שויבן, דערנאָך ווישט זי זיי פֿון בייטע זײַטן מיט צוויי ווייכע ווײַסע שמאַטקעס. די הענט ציטערן איר שוין ניט. זיי טוען פֿלינק זייער זאַך. געענדיקט, שפּיגלט זיך די מומע מאַלקע אַ ווײַלע אינעם פֿינקלענדיקן גלאָז.

— אָט אַזוי, — זאָגט זי צופֿרידן, — אַז די שויבן זײַנען ריין, זעט מען ערשט, ווי שיין ס'איז די וועלט.

2

איינס באַנאַכט בין איך אוועק אַף דער אַרבעט. איך בין הײַנט דעזשורנע אין רעדאַקציע. דאָס טעלעפֿאָן־טרײַבל שווײַגט, נאָר דערפֿאַר רוט ניט דאָס גלעקל פֿון דער טיר. טעלעגראַמעס. קליינע שוואַרצע אויסיעס, אָנגעקלעפּטע אַף האַרטלעכן ווײַסן פּאַפּיר — זיי שווימען און שווימען אין דער נאַכט. אַ מאָדנעם קויעך פֿאַרמאָגן אין זיך די דאָזיקע געוויינלעכע אויסיעס. אָט קומט אַ טעלעגראַמע אַ קלאָרע, אַ פֿאַרגאַנצטע. לייענסט און ווייסט, אַף וועלכער וועלט דו ביסט. אַ צווייטע טעלעגראַמע איז איבערגעריסן אַפֿן האַלבן וואָרט. אַ פּאַסיקל אין דער ברייט — אַ גע־היימניס. וואָס וועט קומען ווײַטער?

די טעלעגראַמעס גייען פֿון מיר צו דער מאַשיניסטקע, דערנאָך ווידער צו מיר. איך קאָנ־טראָליר זיי. לייג אויס מיט אַ סיידער. גוטע נײַס. אײַנגענומען אַ „באַפֿעלקערטן פּונקט", אַ שטאָט. מאָרגן וועלן אַלע לייענען אין אונדזער צײַטונג גוטע נײַס.

די נאַכט ציט זיך לאַנג. די צימערן אין רעדאַקציע זײַנען פּוסט, ניט באַלויכטן. צווישן איין טעלעגראַמע און דער צווייטער איז אַ היפּשע האַפּסאַקע. גיט זיך מיטאָמאָל אַ ריס דאָס האַרץ: „יויסעף... לאַנג ניט באַקומען קיין בריוו פֿון יויסעפֿן". און ס'צעוויקלט זיך אַ קנויל:

ס'איז שוין באַ אונדז אַזוינס געווען... געדענקסט, יויסעף? מיר זײַנען ביידע געווען אַזוי יונג. מיר ·האָבן פֿאַרוואָרפֿן איינע די אַנדערע מיט פֿאַרבענקטע בריוו. און מיטאָמאָל האָסטו מיר אַף איינעם ניט געענטפֿערט. איך בין אַרומגעגאַנגען מיט געשוואָלענע אויגן. אין די נעכט האָב איך געביסן די קישן פֿאַר ווייטעק. נאָר שרײַבן דיר האָב איך אופֿגעהערט. אַ שטאָלצע בין איך געווען. כ'האָב זיך ניט אונטערגעגעבן. און כ'האָב זיך דערוואָרט. „זײַ מויכל, אויב דו קענסט", — האָסטו מיר געשריבן.

וואָס וואָלט איך דיר איצט ניט מויכל געווען, יויסעף? ווייסטו וואָס, איך וועל דיר שרײַבן יעדן טאָג, יעדע שאָ. כ'וועל דיר שיקן צען, צוואַנציק, הונדערט בריוו... און דו ענטפֿער אַף איינעם פֿון צען. כ'וועל קיין פֿאַריבל ניט האָבן. ענטפֿער מיר, יויסעף, ענטפֿער! עטלעכע שורעס... לאָז מיך דערקענען דײַן האַנט.

כ'וועל דיר זאָגן דעם עמעס, יויסעף, ווען איך באַקום פֿון דיר אַ בריוו, אײַל איך זיך גאָר ניט אים עפֿענען. ווי אַ צאַרט שוועלבעלע זיצט ער אַף מײַן דלאָניע. עס איז געקומען פֿון ווײַט. עס איז מיד. פֿאַר מיר איז גענוג, וואָס עס איז צו מיר דערגאַנגען. ניין, כ'וועל דיר שוין אויסזאָגן אַלץ ביזן סאָף. לעמײַ זאָל איך זיך פֿון דיר אויסבאַהאַלטן? ווייסט, פֿאַרוואָס איך אײַל זיך ניט אַרײַנצוקוקן אין דײַן בריוול? כ'האָב מוירע פֿאַר דער דאַטע. אַ שלעכטע געוווינהײַט באַ דיר — אָנצוווײַזן אַף אַ בריוו די דאַטע. מע דאַרף ניט, יויסעף. דאָס איז געווען גוט אַמאָל.

מילכאָמע־צײַט טויג עס ניט. דײַן בריוו איז געגאנגען דרײַ וואָכן, א כוידעש... א גאנצן כוידעש! רוף זיך אָפּ! וואָס שווײַגסטו? האָסט דאָך מיך אמאָל ליב געהאט, אמאָל, ווען ס'איז קיין מילכאָמע ניט געווען. אָט זעסטו, כאָטש באקומט בריוו פון זאלמענען אזוי רעגולער, ווי ער וואָלט אוועקגעפאָרן אין א געוויינלעכער קאָמאנדירונג. די מומע מאלקע באקומט אויך בריוו פון אלע דרײַ זין. און יויסעף... אוי, ווי לאנג ס'איז ניט געווען קיין בריוו פון יויסעפן!

די נאכט איז אוועק. די רעדאקציע ווערט פול מיט ראש. אלע מיטארבעטער אײַלן פריִער פון אלץ צו מיר, און איך דערצייל זיי די גוטע נײַס, ווײַז די באנאכטיקע טעלעגראמעס.

כ'האָב זיך שטארק פארהאלטן. אין דרויסן איז שוין גרויסער טאָג. א זומערדיקער טאָג אָן א מינדסט ווינטל, אָן א כמארעלע, וואָס זאָל אים פארשטערן די סימכע. א וווּנדערלעכע שטאָט, שיין, ווי א מיזרעך־מײַסעלע. די צײַטן פון יאָר ווייסן דאָ ניט פון קיין שוטפעס. יעדערע פון זיי קומט

אָן א פולע, ווי א יאָדערדיקער נוס, א שטאָלצע אין איר רײַפקײַט. ווינטער איז אף די ביימער און אף די דעכער געלעגן שניי, די ערד איז געווען פארקאָוועט מיט אײַז. האָט אָנהייב מארט באוויזן זיך די זון און, ווי א געניטער באלמעלאָכע, איינס־צוויי געמאכט א סאָף צום ווינטער.

דער הימל איז בלוי, הויך און ווײַט. די זון זיצט אין אים פעסט — א גרויסע, א רונדע, א זיכערע אין זיך. באם ראנד פון הימל כוואליען זיך בלוילעך־זילבערנע בערג. פון דאָרט פליסן עס די פריילעכע אריקן.

עפּעס ציט מיך הײַנט ניט אהיים. איך וועל דאָרט קיינעם ניט טרעפן. אין די שולן איז איצט קאניקולן, נאָר כאָטש נוצט ניט אויס איר זומער־אורלויב. זי האָט זיך מיט לײַב־און־לעבן ארײַנגעטאָן אין דער ארבעט אין פּיִאָנערן־הויז. די קינדער פארברענגען דאָרט אויך גאנצע טעג. די מומע מאלקע איז איצט אף דער ארבעט. גיי איך ניט געײַלט צווישן די גלײַכע שורעס טאָפּאָלן, וואָס ציִען זיך בא ביידע זײַטן גאס און ווארפן אָפּ פון זיך שמאָלע שאָטנס. מיט אזא רויִקײַט ווייעט דאָ פון אלץ ארום, מיט אזא טאם פון אייביקײַט...

ווי נאָר איך דערזע אָבער פונדערווײַטנס אונדזער טויער, פארשנעלער איך דעם טראָט. אזוי יעדן טאָג. קעגן מײַן ווילן. און אָט לויף איך שוין, געיאָגט פון אומרו. באם סאמע טויער

נעם איך זיך דאָך אין די הענט. איך כאַפּ איבער דעם אָטעם און זידל זיך אַליין אויס: „מעשוגע! אָט דאָס הייסט מעשוגע!“ איך גיי געלאָסן אַרײַן אין הויף. אונדזער פענצטער איז אָפן. א פול צימער מיט מענטשן. עטלעכע באַקאַנטע פּלייצעס. א סאַך מענטשן... איז פאַרוואָס זשע איז דאָרט אַזוי שטיל? איך גיב א ריס די דרויסן־טיר.

אין דעם שלעכט באַלויכטענעם קאָרידאָר שטייט די מומע מאַלקע, צוגעדריקט דעם שטערן צו דער וואַנט. א שכיינע נעמט זי אַרום פאַר די אַקסל. דערהערט דעם סקריפּ פון דער טיר, גיט די מומע מאַלקע א ציטער און לאָזט זיך אָוועקפירן פון דער שכיינע צו יענער אין צימער. אַנטקעגן מיר פליט אַרויס בײַלע:

—מאַמע, מע האָט געהאַרגעט דעם פעטער זאַלמען!

א סאַך טירן בא אונדז אין קאָרידאָר. זיי טאַנצן מיר פאַר די אויגן. אין וועלכער פון זיי דאַרף איך אַרײַנגיין?

ס'איז שטיל, מאָדנע שטיל בא אונדז אין צימער. כאַווע זיצט אָף דער הילצערנער נאַרע אָן אײַנגעשלאָסענע, אָן אָפּגעפרעמדעטע פון אַלעמען. איר פּאָנעם איז ווײַס, ווי באַשאָטן מיט מעל. די גרויסע ברוינע אויגן קוקן אין איין פונקט. מײַקע זיצט לעבן איר א צעשויבערטע און א דער־שראָקענע.

איך גיי צו צו כאַווען, גיב זי אומגעשיקט א קוש אין שטערן. איך נעם אַרום מײַקען. זי גיט זיך צו מיר א צי מיט איר גאַנצן דאַרינקן גופל, נאָר זי קוקט זיך אום אָף דער מאַמען און בלײַבט שטיל זיצן בא איר זײַט.

איך גלעט כאַוועס קאַלטע הענט, איך פאַריכט איר די האָר. איך פיל זיך אָבער מאָדנע איבעריק דאָ אין צימער. איך בלײַב שטעקן בא דער טיר און גיי לעסאָף אַרויס אין קאָרידאָר. די מומע מאַלקע שטייט דאָרט ווידער צוגעשפּאַרט מיטן שטערן צו דער וואַנט און ציטערט מיט אַלע איווורים. „זי איז דאָך קראַנק, — פליט בא מיר דורך אין קאָפּ, — איין אומגליק שלעפּט נאָך זיך דעם צווייטן...“

— דאָס איז נאָך ניט אַלץ... — בא דער מומע מאַלקע רײַסט זיך אַרויס א ווייטעקלעכער שלוכץ. — לייעלע, ווי טראָגט מען דאָס איבער?

— ניט אַלץ? וואָס? וואָס נאָך?

די מומע מאַלקע גיט א פיר מיט דער האַנט איבער דער קעשענע און טרעפט ניט אין איר. איך צי אַליין אַרויס בא איר א פּאַפּיר. איך לייען מיט די אויגן פאַר זיך: „אײַער זון, גאַרעליק אַבראַם דאַווידאָוויטש... דעם 6 יון 1943...“ אוורעמל, דער מומע מאַלקעס בכאָר!..

— אוי, פאַרוואָס קומט עס אונדז? — די מומע מאַלקע — ניט זי רעדט, נאָר זי כריפּעט. דאָס פּאָנעם מינעט זיך אין קראַמפּן.

— מומינקע, איך לויף שוין נאָך א דאָקטער! — שרײַ איך אויס דערשראָקן.

א פּאָר ברייט צעעפנטע קינדערשע אויגן, פול מיט צאַר, קוקן אָף אונדז פון דער טיף פון קאָרידאָר. ליאָניע... ער גיט זיך א וואָרף צו דער מומע מאַלקע און כאַפּט זי אַרום מיט ביידע הענטלעך.

דער מומע מאַלקעס פּאָנעם הערט אוף צו שוידערן. זי נעמט אָן דאָס ייִנגל פאַר א האַנט און לאָזט זיך מיט אים אין צימער. איך גיי איר נאָך. די מומע מאַלקע בלײַבט א ווײַלע שטיין, קוקט אָף כאַווען. מיטאַמאָל צעשרײַט זי זיך אָף איר:

— וואָס זיצסטו, ווי א ליימענע? — זי כאַפּט אָן די טאָכטער פאַר אָן אַקסל און גיט זי בייז א טרייסל, — א באַלגײַווע דאָס איז... וויין, זאָגט מען דיר, וויין...

כאַווע גיט זיך ווי א בראָך איבער. איר קאָפּ פאַלט אַנידער אָף דער מוטערס ברוסט, און זי פאַרגייט זיך אין א יאָמערלעך געוויין. אַלע אין צימער וויינען. סײַ אייגענע, סײַ פרעמדע.

ווי איך שטיי אַזוי און באַוואַש זיך מיט טרערן, דערזע איך פּלוצלינג אָפן פענצטער א דרײַ־עקיק בריוול. עס ליגט פאַרוואָרלאָזט, פאַרגעסן פון אַלעמען. איך שלײַך זיך דורך נעענטער צום פענצטער, גיב א זײַטל מיט אָן אויג און, ווי א גאַנעוו, קיינער זאָל ניט זען, שאַר איך אַראָפּ דעם בריוו צו זיך אין קעשענע. פון יויסעפן.

3

אינדערפרי האָט טאַמאַראַ יאַקאָלעוונאַ איידל געקריגט זיך מיטן מאַן:

— נישטיקײַט וואָס דו ביסט, דו טויגסט דען צו עפּעס?

אַליין איז טאַמאַראַ יאַקאָוולעוונאַ אויך אָן איידעלע, א דינינקע. איר פיגור איז לײַכט, לופ־טיק, גאָר אָן וואָג. פון דער פּלייצע, מיט די צעלאָזטע איבער די אַקסלען אָנגעפּריזירטע האָר, זעט זי אויס ווי א יונג מיידל.

וואָס אין שײַעך איר פּאָנעם, איז עס שטענדיק ווי ניטאָ אין דער היים. די קינבאַקן זײַנען

שטײַף ארומגעצויגן מיט א ראָזלעכער גלאַטער הויט, שוין צו א גלאַטער און צו א גלאַנציקער. פּונעם שטערן ציִען זיך צו דער נאָז צוויי לאַנגע טיפע קנייטשן. און די נאָז אליין, א שמאָלע און א שפּיציקע, לאָזט זיך ווי א ריגל אראָפּ צו דעם מיט רויטן פאַרכאַסמעטן מויל.

געוויס האָט טאַמאַרא יאַקאָוולעוונא נעכטן געהערט דאָס געוויין אין אונדזער צימער, וואָס איז אָפּגעטיילט פון אירן מיט א דין ווענטל; געוויס האָט זי געזען, דורכגייענדיק דעם קאָרידאָר, וויִאַזוי ס׳האָט זיך געקאָרטשעט אין קראַמפּן די מומע מאַלקע. נאָר דאָס אַלץ האָט צו איר קיין שײַכעס ניט, זי מישט זיך ניט אין קיין פרעמדע געשעפטן.

טאַמאַרא יאַקאָוולעוונא איז א מאַמע. זי וואַרט אויך אף בריוו מיטן שטעמפּל פון א פעלדפּאָטשט. און דאָך האָט זי איינמאָל א גאַנצן מעסלעס ניט אָפּגעגעבן דער מומע מאַלקען אוורעמלס א בריוו, וואָס איז אַלפּי־טאָעס אַרײַנגעפאַלן צו איר. ערשט אף מאָרגן האָט זי אומגעקערט דאָס בריוול דעם אינוואַליד — דעם בריווטרעגער און אָנגעשריבן אף אים אן אָנקלאָגע.

ווען מיר האָבן באַקומען דעם אָרדער אף אונדזער איצטיקן צימער, האָט טאַמאַרא יאַקאָוולעוונא שוין דאָ געוווינט מיט איר זון, וועלכער איז אינגיכן מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי. אין אַלע צימערן פון דער אַלטער הילצערנער געבײַדע מיטן לאַנגן קאָרידאָר אָן פענצטער האָבן געוווינט עוואַקויִרטע. מיר האָבן פאַרנומען דאָס לעצטע פרײַ־געבליבענע צימער. האָבן מיר באַזונדערס ענג געמאַכט טאַמאַרא יאַקאָוולעוונען. און דעריבער איז אף אונדז אַזוי אויסגעגאָסן געוואָרן איר צאָרן. מיט די איבעריקע שכנים רעדט זי אויך ניט, זי גריסט זיך מיט קיינעם ניט פון זיי. אף אונדז אָבער שרײַבט זי קעסיידער אָנקלאָגעס אין דער הויז־פאַרוואַלטונג: אַלע אײַנדערפרי, ווען כאַווע גייט אף דער אַרבעט, קלאַפּט זי מיט די קנאַפּל איבערן דיל ספּעציעל, קעדיי צו שטערן דעם שלאָף איר, טאַמאַרא יאַקאָוולעוונען.

טאַמאַרא יאַקאָוולעוונא איז אן אינטעליגענטע פרוי. מיידלווײַז איז זי אַפילע געווען א צײַנדאָקטערן. פונדאַנען מיסטאָמע שטאַמט איר נעטיִע אָפּצוטייטן פרעמדע נערוון. זי האָט ליב צו דערגרונטעווען זיך צום וואָרצל. די סיבע פון אַלע אירע צאָרעס זעט זי אין דעם, וואָס מיט צוויי יאָר צוריק איז איר מאַן אף איינער א סטאַנציע אָפּגעשטאַנען פון צוג. בלויז דערפאַר אַרבעט ער איצט אין אַזא נעבעכדיקן אַנשטאַלט אַלס פּאַשעטער בוכהאַלטער. בלויז דערפאַר וווינט זי אין אַזא שלעכטן צימער. בלויז דערפאַר האָט מען איר סאַשען צוגענומען אין דער אַרמיי. די אַלע, וואָס זײַנען געפאָרן אין יענעם וואַגאָן מיט זיי צוזאַמען, לעבן דאָ ניט ערגער, ווי אין דער היים. איין יעפים באָריסאָוויטש האָט דורכגעלאָזט אַלע שאַנסן. ער האָט פאַרשפּעטיקט. אַז ביכלאַל האָט מען זיך גאָר ניט געדאַרפט רירן פון אָרט. וואָס וואָלט איר איצט געפעלט אין מאָסקווע? יעפים באָריסאָוויטש גלײַכט זיך מיסטאָמע צו אָט די נישטיקײַטן, וואָס האָבן ניט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. בא זיך אין דער היים האָבן זיי אויך קיין בעסערס ניט געזען.

טאַמאַרא יאַקאָוולעוונעס שיפען גייט פלוצלינג אויס, ווי עמעצער וואָלט בישכיינעס פאַרלאָשן א פּרימוס. און דאַן ערשט דערהער איך די שטילקײַט אין שטוב. ניט קיין טריט אין קאָרידאָר, ניט קיין רייד. מיטן פרישטיק האָבן די שכיינעס הײַנט זיך אָפּגעפּאַרטיקט, קענטיק, יעדערע בא זיך אין צימער. אַפילע קיין קינדערשע שטים דערטראָגט זיך ניט צו אונדז.

דערווײַל פירט אַרויס טאַמאַרא יאַקאָוולעוונא דעם מאַן פאַר דער טיר און באַטראַכט פון אַלע זײַטן זײַן הוילעך — צי איז דאָס העמדל ניט צעקנייטשט, צי איז דער שניפּס אף אן אָרט. דאָס ווערט געטאָן שווײַגנדיק. ס׳איז צו א פאַראַנטוואָרטלעכע אַוודע, מע זאָל דערבײַ פאַרלירן ווערטער.

א באַפרידיקטע עפנט זי דאָס הויף־טירל מיט דער פּאָלע פון איר זומער־סעקל. טאַמאַרא יאַקאָוולעוונא רירט ניט אָן מיט דער אַנטבלויזטער האַנט ניט קיין קליאַמקע, ניט קיין הענטל פון א טיר. זי האָט מוירע פאַר אָנשטעקנדיקע קראַנקײַטן. מיט איר לײַכטן מיידלשן טראָט לאָזט זיך טאַמאַרא יאַקאָוולעוונא אין גאַס אַרײַן. דער מאַן גייט בא איר לינקער האַנט. ער גייט אף דער אַרבעט, און זי — זען, ווו וואָס מע „גיט״. ערגעץ וועט זי שוין אוועלכע־ניט־איז „נישטיקײַט״ איידל באַזײַטיקן פון דער ריי, ווײַל יענער איז דאָרט קלאָל ניט געשטאַנען און די ערשטע אין דער ריי איז, ווי שטענדיק און אומעטום, זי, טאַמאַרא יאַקאָוולעוונא.

יעפים באָריסאָוויטש איז מיט אונדז דאַפקע העפלעך. בא יעדער באַגעגעניש גיט ער א נייג דעם קאָפּ. טיילמאָל לאָזט ער אַפילע פאַלן א וואָרט — ביטע, א דאַנק... אַלע דאַמען, אַפילע מײַקען און בײַעלען, לאָזט ער דורך די ערשטע אין דער טיר פון קאָרידאָר. פאַר כאַוועס באַכערט ער זיך אַפילע. ווען ער דערזעט זי, שטעלט ער אַרויס די ברוסט פּאָרויס, גלײַכט זיך אויס אין זײַן גאַנצן מעכטיקן וווּקס. נאָר וואָס פאַר אן אָנשטעלן ער זאָל ניט מאַכן, זעען מיר קלאָר, אַז כאַווען האָט ער דערקענט פון דער ערשטער מינוט אָן, אַז ער געדענקט אַלץ. ניט אומזיסט וואַרפט ער אַזעלכע גנייווישע בליקן אף אונדזער פענצטער, ווען ער מיינט, אַז קיינער זעט אים ניט.

אָקטיאבער 1941. מיר פארלאָזן אונדזער צווייטע היים. אויך אהער דערנעענטערט זיך דער־סוינע. אין עוואַקאַפּונקט האָט מען אונדז אַרויסגעגעבן פּאַפּירלעך, אַז מיר ווערן עוואַקוירט קיין קאַזאַכסטאַן. זיצן מיר אַ וואָך צײַט מיט די אויסגעמאַטערטע הונגעריקע קינדער אינעם געפּאַקטן קויטיקן וואָקזאַל און קוקן אַרויס אַף אַ צוג.

אַ ייִנגל מיט אַ לאַבן ברויט אונטערן אָרעם, אַ פּאַרסאָפּעטער, אַן אויסגענעצטער פונעם רעגן, פליט אַרײַן אין וואָקזאַל מיט אַ בשורע:

— אַ באַן שטייט... אַף דער זעקסטער ליניע... קיין קאַזאַכסטאַן...

אַרומגייען דעם לאַנגן לאַסטצוג, וואָס פאַרשטעלט אונדז דעם וועג צו דער זעקסטער ליניע, וועט אָפּנעמען צופיל צײַט. לאָזן מיר זיך פויזען אַף אַלע פיר צווישן די מעכטיקע רעדער. די־צווייטע ליניע איז אָבער אויך פאַרשטעלט. און די דריטע, די פערטע, די פינפטע... אונדז קומט־אַפילו ניט אַפן זינען, אַז אַ באַן קאָן זיך אַמאָל רירן פון אָרט אין דער צײַט, ווען מיר פויזן־צווישן זײַנע רעדער.

איך מיט כאַוועון קומען צום פיניש די ערשטע. די מומע מאַלקע און די קינדער שטייען אָפּ. מיר שלעפּן זיי אַרויס פון אונטער דעם לעצטן צוג. מיר שטייען שוין בײַ דער זעקסטער ליניע. נאָר ווײ־ווײ... ניט מיר אַליין זײַנען, ווײַזט אויס, געגאַנגען אַהער מיטן גלײַכן וועג. אינגאַנצן פינף טעפּלושקעס. פאַרפּראָפּט מיט מענטשן. אייניקע פּרוּוון זיך נאָך אַרײַנשטופּן. מע פאַלט. מע קריכט ווידער. קינדער שרײַען. עס זײַנען פאַרפאַלט די טאַמבורן, קלעטערט מען אַפן דאַך.

איך כאַפּ אונטער די מומע מאַלקע אונטערן אָרעם. כאַווע שרײַט:

— קינדער, האַלט זיך פאַר די הענט!

מיר לויפן לענגאויס דעם צוג, כאַטש מיר ווייסן, אַז ס'איז אַן אומזיסטע טירכע. ניטאָ מער קיין טעפּלושקעס. עס ציִען זיך אָן אַ שיר אָפענע פּלאַטפאָרמעס מיט אויסגעשטעלטע אַף זיי מאַשינעס. דאָ איז פאַר אונדז קיין אָרט ניטאָ. נאָר עס טראָגט אונדז אַלץ ווײַטער און ווײַטער.

שוין אויסערן פעראָן, באַם סאַמע עק פון צוג, דערזעען מיר פּלוצלינג אַ וואַגאָן. אַן עמעסן וואַגאָן פאַר פּאַסאַזשירן — אַ בלויען, אַ פריילעכן, מיט פענצטער, מיט ווײַסע פאָרהענגלעך, מיט גאַסטפרײַנטלעכע טרעפּלעך באַם אַרײַנגאַנג. עטלעכע מענטשן שטייען אַף די טרעפּלעך און טראַסקען מיט די פויסטן אין דער פאַרשלאָסענער טיר, נאָר קיינער רופט זיך ניט אָן אַף די־קלעפּ. אַ באָכערל פון אַ יאָר זעכצן האָט זיך אַרופגעכאַפּט צו אַ צווייטן אַף די אַקסל און איז צוגעפאַלן מיטן פּאָנעם צום נאָענטסטן פענצטער.

— מע זיצט דאָרטן, — האָט ער אויסגעשריִען. — עפּעס גאָר ווייניק... אַ פּוסטער וואַגאָן...

— וואָס טוען זיי דאָרטן? זיי זײַנען לעבעדיקע צי ניט?

— איך ווייס ניט, דוכט זיך... אוי, זיי שפּילן אין קאָרטן.

— עפנט! — האָבן זיך דערהערט קולעס. — אַניט וועלן מיר אויסזעצן די שויבן. מיר וועלן זיך צו אײַך דערקלײַבן, וועט ערגער זײַן.

עס האָט אַ גרילץ געטאָן דער שלאָס. אין דער טיר האָט מיט ברייט צעשפּרייטע פיס זיך אָוועקגעשטעלט פעסט, ווי אַ מאָנומענט, אַ שוואַרצער פאַרשוין, אַ הויכער און אַ דיקער. ניט קוקנדיק אַף קיינעם, האָט ער קורץ אָפּגעשניטן:

— אַהער טאָר מען ניט!

דער שוואַרצער האָט פאַרשאַרט אַ פּאָלע פון זײַן לאַנגן לעדערנעם מאַנטל, געלאָזן אַרויס־געצויגן פון דער רעכטער הויזן־קעשענע אַ זילבערנעם פּאַרטסיגאַר, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס און פאַרוקט אים אין ווינקל פון מויל. דעם פּאַרטסיגאַר האָט ער אַ ווײַלע געהאַלטן אַף דער דלאָניע, ווי ער וואָלט אים אָפּגעווויגן, דערנאָך פאַרמאַכט מיט אַ טראַסק און באַהאַלטן אין קעשענע. מיט דער זעלבער געלאַסנקײַט האָט ער צוגעטראָגן צום פּאַפּיראָס אַ צינד־מאַשינקע, פאַררייכערט און גענומען לאָזן דעם רויך דורך די נאָזלעכער.

לעכאַטכילע איז דער אוילעם אָפּגעטראָטן. אַז מע זאָגט — מע טאָר ניט... ווער ווייסט... מילכאָמע...

— ס'אַרע פּרעכער סוביעקט! — האָט אַרײַנגעזיפּצט אין דער אָנגעקומענער שטילקײַט אַן עלטערע פרוי אין ברילן.

דאָס ווײַטערדיקע איז פאָרגעקומען אין איין אויגנבליק. כאַווע האָט אַ שלײַדער געטאָן אַף דער ערד דעם פּאַק, וואָס זי האָט געהאַלטן מיטביידע הענט, און איז אַרופגעשפּרונגען אַפן אייבערשטן טרעפּל פון וואַגאָן.

— אַנו, טרעט אָפּ! — האָט זי געזאָגט שטרענג.

דער שוואַרצער האָט זי אַ שטויס געטאָן אין ברוסט, און דאָ האָט זיך געריִרט דער צוג. כאַוועון האָט מען קוים באַוויזן אונטערצוכאַפּן. מיט צעפלאַקערטע אויגן האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פאַרויס, אײַנגעקלאַמערט זיך אין דעם שוואַרצנס אַ פּוס און אַראָפּגעשלעפּט אים פון

די טרעפּ. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד אין זײַן גאַנצער לענג. עטלעכע גליקלעכע האָט זיך דערווײַל אײַנגעגעבן אַרײַנצוכאַפּן אין וואַגאָן, נאָר אים ניט.

און ערגעץ אין אַ כּוידעש אַרום נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אויפן נײַעם אָרט, האָט זיך באַ אונדז אין הויף באַוויזן אַ היפּש אָפּגעבליאַקעוועטער דער שוואַרצער פּאַרשוין. טאַמאַראַ יאַקאָוולעוונאַ האָט אים דערזען דורכן פענצטער און אַ לאָז געטאָן זיך צו אים אַנטקעגן. דאָס איז געווען איר מאַן, אונדזער איצטיקער שאָכן יעפים באָריסאָוויטש.

4

ליאָניע פאַרשאַפט אונדז מער ניט קיין צאַר. ער צעגיסט ניט קיין וואַסער אין קאָרידאָר. ער טראַכט ניט פון אַנטלויפן. ער מאָלט, ליאָניע. אָן אַ שיר: ביימער, ברוינע און שוואַרצע שטאַמען אויף אַ גלאַטער גרינער פלאַך. אַ פרוי אין אַ געל קלייד ליגט, איין פוס אויסגעדרייט אין אַ זײַט. אויפן בלויען הימל הענגט אַ שוואַרצע זון מיט אַ מענטשלעך פּנעם, מיט שטעכלקעס אַרום און אַרום.

ליאָניע דערקלערט אונדז: „דאָס האָט מײַן מאַמע פאַרטשעפּעט זיך אין אַ סוק און איז געפאַלן".

אַ גרויע שטוב מיט אַ רויטן דאַך, מיט אַ סך בלויע פענצטער. לעבן דער שטוב שטייען אַ מאַן מיט אַ פרוי. זייער גרויסע. ביידנס קעפּ דערגרייכן קימאַט ביזן דאַך. דאָס הייסט — גוטע מענטשן היטן אויף ליאָניעס מאַמע פון די דײַטשן.

ביימער מיט פּאַטלאַטע קרוינען און פונקט אַזעלכע וואָרצלען איבער דער אויבערפלאַך פון דער ערד. צווישן די ביימער, אויפן פּילקאָליריקן גראָז ליגט די פרוי אינעם געלן קלייד, מיט אַ רויטאַרמייִש היטל אויפן קאָפּ. זי צילט פון אַ ביקס. דאָס איז שוין ליאָניעס מאַמע — די פּאַרטיזאַנקע.

לויט ליאָניעס צייכענונגען האָבן מיר זיך אַלע דערמאָנט, אַז יאָ, אין יענעם טאָג, ווען מיר האָבן זיך מיט איר צעשיידט, איז סאָניע געווען אין אַ געל זומערדיק קלייד. צוויי מאָל אין וואָך באַקומט ליאָניע בריוו פון דער מאַמען. און ער מאָלט און מאָלט. איצט איז שוין געבליבן זייער ווייניק צו וואַרטן. אינעם לעצטן בריוו שרײַבט מיר סאָניע: „מײַן אַהויסגיין פון שפּיטאָל איז אַ פראַגע פון טעג, העכסטנס אַ וואָך. איך בין שוין אינגאַנצן געזונט. די דאָקטוירים האָבן גאָלדענע הענט. פאַרנייט און פאַרצירעוועט ווו אַ ריס. איך פיל זיך גוט. נאָר לויפן וועל איך שוין ניט. און טאַנצן אויך ניט. צו דעם אַלעמען דאַרף מען האָבן ווייניקסטנס צוויי געזונטע פיס".

כּוץ מאָלערײַ האָט ליאָניע נאָך ליב פּאָליטיק. אין דער לאַנדקאַרטע איז ער באַהאַוונט ניט ווייניקער, ווי אין דער גאַס, אויף וועלכער מיר וווינען. אין אַ קעסטל פון שוועבעלעך זײַנען באַ אים פאַרגרייט אָנגעשניטענע שטיקעלעך רויט פּאַפּיר און שפּילקעס. אפילו מײַקע איז זיכער, אַז די פענדעלעך שטעקט ליאָניע אַרײַן אין דער לאַנדקאַרטע אויף דער וואַנט פונקט דאָרט, וווּ מע דאַרף. ליאָניע האָט ליב צו פירן מיטן שטעקעלע איבער דער מאַפּע, דאַפקע אַז מײַקע זאָל זען. אים געפעלט, וואָס מײַקע הערט אים. נאָר איצט איז זי אין דאָרף. כּאָווע איז אַרויסגעפאָרן מיט אירע שילער אַראָפּנעמען די גערעטעניש, האָט זי מיטגענומען מײַקען, ווײַל ס'איז ניטאָ אַזאַ אַרבעט, מיט וועלכער יענע זאָל זיך ניט ספּראַווען. גייט זיך איצט ליאָניע דורך איבער דער מאַפּע באַ דער שײַן פונעם נאַפטלאָמפּ בלויז פאַר בײַעלען.

די מומע מאַלקע, די ברילן אויף דער נאָז, זיצט מיט אַ זײַט צום טיש, אויף וועלכן עס שטייט דער לאָמפּ, און לייענט. דאָס בוך האַלט זי ווײַטלעך פון זיך אין די אויסגעשטרעקטע הענט, רירט שטיל מיט די ליפּן, קלײַבט אַ וואָרט צו אַ וואָרט.

די לעצטע עטלעכע טעג איז אויף אונדזער מאַפּע קיין איין נײַ פענדעלע ניט צוגעקומען. „דאָס איז דערפאַר, ווײַל מע שלאָגט זיך שטאַרק, — דערקלערט ליאָניע בײַעלען, — אָט דאָ־אָ, זעסט..." ליאָניעס שטעקל גייט צו גאָר נאָענט צו אונדזער היימשטאָט. בײַעלע קוקט אים אָן מיט אירע ריינע, ווי אויסגעוואַשענע, אויגן און זאָגט אַרויס פאַרטרוימט:

— אוי, ס'איז עפּעס אַזוי אומעטיק אָן סאַליוטן!..

אינעם לאָמפּ אויפן טיש גיט דער פלאַם מיטאַמאָל מעשונעדיק אַ שפּרונג מיט צוויי שפּיצן אין דער הייך און הייבט אָן צאַנקען.

— קינדער, מע דאַרף גיכער מאַכן נאַכט! — האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן די מומע מאַלקע.

איך בין אײַנגעשלאָפן, ווי נאָר מײַן לײַב האָט דערפילט די קילקײַט פון געלעגער. אָבער ניט אויף לאַנג. כ'האָב זיך פּלוצלינג אופגעכאַפּט און ניט געקאָנט פאַרשטיין, צי ס'איז טאָג, צי ס'איז נאַכט. אין פענצטער האָט געשלאָגן אַ קאַלטע ליכט. איך האָב אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ און באַלד אַראָפּגעלאָזט אים צוריק אויפן קישן. געבליבן ליגן שטיל פאַרטײַעט. אַנטקעגן מיר איז אין לעוואַנע־שײַן געזעסן אויפן ראַנד פון איר אײַזערנעם בעט די מומע מאַלקע. זי האָט זיך נאָך,

קאַנטיק, ניט געלייגט. אירע פּיס, איינער אין א זאַק, דער צווייטער — א באַרוועסער, זײַנען אראָפּגעהאנגען, ניט דערלאנגענדיק דעם דיל. דער קאָפּ איז אָן קויעך אראָפּגעפאלן אַף דער ברוסט.

הינטערן פענצטער האָבן זיך דערהערט טריט פון א פארשפעטיקטן דורכגייער. די מומע מאלקע האָט אופגעציטערט, אומרויִק אופגעהויבן דעם קאָפּ און אנגעשפּיצט די אויערן, ווי זי וואָלט אַף עמעצן געוואַרט. זאָל איך זי א רוף טאָן? נייך, דאָס האָב איך ניט געוואָגט. ווייס איך ניט, ווי לאנג זי איז אזוי געזעסן. איך בין געווען מיד. די אויגן האָבן זיך מיר געקלעפּט. דוכט זיך, איך שלאָף, נאָר אלציינס זע איך די מומע מאלקע, ווי זי זיצט מיט איין פוס א באַרוועסן, מיטן צווייטן אין א זאָק און הערט זיך צו צו דער גאַס. עס עפנט זיך שטיל דאָס פענצטער און ס׳באווײַזט זיך א סאָלדאט.

— זון מײַנער, — שמייכלט בלייך די מומע מאלקע. — דאָס העמדל איז אַף דיר ווי אויסגעגאָסן. אליין גענייט. געדענקט דײַן מאָס.

און אָט איז זי שוין באַם פענצטער. זי גיט א גלעט דעם סאָלדאט איבערן אקסל, טיילט זיך אָפּ פון אים א פּוסטער ארבל.

— אוורעמעלע, ווו איז דײַן האנט?

זי גיט א גלעט דעם סאָלדאט איבער דער פּלייצע, בלײַבט אין אירע הענט א פּוסט העמדל. גיט זיך די מומע מאלקע א לאָז צו דער ניי־מאשין, און עס הייבן אָן פליען פון אונטער ז׳ער נאָדל ארבל און פלייצעס, פלייצעס און ארבל. די מומע מאלקע זעט מען שוין פון אונטער זיי ניט ארויס. עס וואקסט א בארג. ער וואלגערט זיך אָן אַף מיר. עס פעלט מיר אויס אָטעם.

— לייעלע, וואָס שרײַסטו? ס׳האָט זיך דיר עפּעס געכאָלעמט?

ס׳איז טאָג. די מומע מאלקע שטייט איבער מיר אין איר בלויען געשטריקטן קאָפּטל. דאָס פּאָנעם איז פריש אָפּגעוואשן, די גראָווע האָר גלאַט פארקעמט. דערזען, אז איך בין וואך, טוט זי אָן געהיט, קעדיי ניט צו צעשויבערן די האָר, איר זויבער־ווײַס טיכל און פארבינדט עס אהינטער. איך קוק אַף דער מומע מאלקעס אויסגעטריקנטע הענט מיט דער געקארבטער געלער הויט און זע אין מײַן דימיען, וויאזוי די דאָזיקע הענט וועלן אין א האלבער שאָ ארום געשיקט עפּעס מײַסטרעווען דאָרט, אַף דער פאבריק. פון העל־גרינעם שטאָף... כאקי־שטאָף, ארבל און פלייצעס... פלייצעס און ארבל...

— ווּעסט הײַנט קומען שפּעט? — טוט א פרעג די מומע מאלקע שוין בא דער טיר.

— איך ווייס ניט. וואַרט ניט אַף מיר. וויפל מאָל האָב איך אײַך געבעטן, איר זאָלט אַף מיר ניט וואַרטן, אויב איך קום שפּעט, איר זאָלט זיך לייגן שלאָפן. — איך בין צערודערט, דעריבער רייד איך אומדערוואַרט פאר זיך אליין עטוואָס אופגערייצט.

— וואָס ערגערסטו זיך, נארעלע, — האָט מיר געענטפערט די מומע מאלקע. — ס׳איז בא מיר א געוווינהײַט אזא. קאָלזמאַן ניט אלע זײַנען דאָ אין דער היים, איז דאָס הארץ ניט אַף אָן אָרט. איך קאָן ניט אײַנשלאָפן.

ווען איך בין ארויס אין גאַס, איז מיר געווען פריקרע דער אויסגעשפּילטער טאָג מיט זײַן היץ און בלענדיקער שײַן. כאָטש נעם און שטעל אים ארויס א צונג, ווי דאָס טוט מײַקע, ווען זי איז מיט עפּעס ניט צופרידן: „שוין סאָף זומער, גענוג אויסצופּײַנען זיך! געפונען א צײַט!"

גיי ווייס, אז דאָס איז דאפקע געווען די סאמע פאסיקע צײַט, אז אָט דער טאָג וועט אַף שטענדיק פארבלײַבן אין מײַן זיקאָרן. פון דער ארבעט בין איך געלאָפן אהיים א צעפּלאָמטע, מיט אויסגעקושטע באקן. ווער עס האָט נאָר גאָט אין הארצן, האָט מיך הײַנט געקושט, אלע מיטארבעטער פון דער רעדאקציע, פונקט ווי איך וואָלט עס אײַנגענומען די שטאָט, מײַן היימשטאָט. ערשט סאָף טאָג איז אָנגעקומען די יעדיִע. איך לויף א פארפאליעטע אהיים. צי ווייסט מען שוין דאָרט? צי האָט שוין די ראַדיאָ איבערגעגעבן די נײַס?

די מומע מאלקע איז געזעסן באַם פענצטער. קאָנטיק, געוואַרט אַף מיר.

— איך ווייס, לייעלע, איך ווייס, — האָט זי מיר אָנגעזאָגט נאָך פונדערווײַטנס.

אָן ווערטער נעם איך ארום די מומע מאלקע פון יענער זײַט פענצטער. א היפּשע ווײַלע בלײַבט זי ליגן אין מײַנע אָרעמס, ווי א צוגעשטילט קינד.

א סקריפּ פונעם הויף־טירל. איך קוק זיך אום, גרייט צו לאָזן זיך אנטקעגן יעדן, קעדיי זיך טיילן מיט מײַן פרייד.

אָן אײַנגעבויגענער אונטער א היפּשן ווײַסן זאק, באווײַזט זיך אין הויף יעפים באַריסאָוויטש. דאָס ווײַב זײַנס גיט שטיל אָן עפן די טיר פון קאָרידאָר און פארמאכט זי באלד מיט דער פאָלע פון כאלאט. פונעם סאמע טויער ביז דער טיר האָט זיך אוועקגעצויגן א שמאָל שטעגעלע: ציכטיקע, ווײַסע גרויפּן, גרויפּן, ווי שטערנדלעך, — רײַז. דער זאק איז, ווײַזט אויס, געווען א לעכערדיקער.

מײַן בליק האָט זיך באַגעגנט מיט דער מומע מאַלקעס. זי האָט אויך געקוקט אַפֿן ווײַסן שטעגעלע.

— איך טראַכט אַמאָל, — האָט זי געזאָגט: — וואָס געניסן אַזעלכע מענטשן פֿונעם לעבן? זיי זעען דאָך ניט די ליכטיקע שײַן. ווי די מײַז... אונדז, לײַעלע, איז בעסער, ווי זיי, גלייב מיר. זאָלן מיר זיך נאָר אומקערן געזונטערהייט אַהיים און די נעפּאַשעס זאָלן זײַן גאַנץ... — זי האָט טרויעריק צוגעגעבן, — די, וואָס זײַנען נאָך פֿאַראַן...

אין דרויסן האָט אַ ווייַע געטאָן אַ לינד ווינטל. די פֿאַרגייענדיקע זון האָט זיך געשפּיגלט אין די קלאָרע שויבן פֿון אונדזער צימער און פֿאַרוויטלט דער מומע מאַלקעס אויסגעצערט פּנים.

די וועגן קרייצן זיך

I

פֿון דער קאָמאַנדירונג האָב איך זיך אומגעקערט שפּעט באַנאַכט. קעדיי קיינעם ניט צו וועקן, האָב איך זיך אויסגעטאָן אין דער פֿינצטער, אַרײַנגעגליטשט זיך אין בעט און טאַקע באַלד אײַנגעשלאָפֿן.

אופֿגעכאַפּט האָב איך זיך פֿרי. די שויבן זײַנען נאָך געווען בלוי. דורך דער עטוואָס צעעפֿנטער טיר אינעם פֿאָדערשטן צימער האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ פּאַסיקל געלע שײַן.

— אַז איך וויל ניט, מיר זאָל זײַן גרינג, — דערטראַגט זיך צו מיר מײַקעס שטים.

— און וווּהין וועסטו פֿאָרן נאָכן ענדיקן?.. — פֿרעגט בײַעלע.

— צו די ווײַסע בערן, — שיסט אויס מײַקע. בײַעלען האָט זי ליב, ווי דאָס לעבן, נאָר ריידן מיט איר ערנסט קאָן זי ניט. — האָסט אַ באַגריף, אָנשטאָט הינט וועל איך אײַנשפּאַנען אין מײַן נאַרטע אַ ווײַסן בער. אַליין. כ'האָב פֿײַנט, אַז מע העלפֿט מיר. און ער וועט מיך טראָגן איבערן שניי פֿון איין עלעקטראָסטאַנציע צו דער צווייטער. אָט אַזוי־אָ...

— שטיי אַ רעגע רויִק, — בעט זיך די מומע מאַלקע, — ווילסט, איך זאָל דיר אויספּאַרטיקן צום נײַ־יאָר דאָס קליידל, טאָ לאָז כאָטש איין מאָל אָנמעסטן ווי ס'דאַרף צו זײַן.

מײַקע גיט הילכיק אַ טשמאָקע די מומע מאַלקע:

— איך וויל, באָבינקע, איך וויל.

אין אַ האַלבער שאָ אַרום ווערט אין שטוב שטיל. איך וואָלט עפּשער געמעגט זיך אַ ביסל נאָכגעבן. אָף דער אַרבעט דאַרף איך אַרויס ערשט מאָרגן. שלאָפֿן ווילט זיך אָבער ניט. נעם איך, ליגנדיק, בלעטערן מײַן בלאָקנאָט. די פֿיס לאָזן זיך אַליין אַראָפּ פֿון בעט און טרעפֿן גלײַך אין די שטעקשיך. די הענט קריכן אַרײַן אין די אַרבל פֿון כאַלאַט און פֿאַרבינדן שנעל דאָס בענדל אָף דער לינקער זײַט. איך זעץ זיך צום טיש. אָט ערשט איז באַ מיר אין קאָפּ אַלץ פֿאַרטיק געווען. נעם און פֿאַרשרײַב. מיטאַמאָל איז געוואָרן אויס. ס'איז פּונקט ווי אַ שלעכט פֿאַרגעדענקטער ניגן. אינווייניק אין אײַך לעבט ער, איר זינגט אים, נאָר אַפֿן קאָל קאָנט איר אים ניט אַרויסברענגען.

איך מאַך אָן אָנשטרענגונג, שרײַב אָן די ערשטע שורע. איז דאָס גאָר קיין שורע ניט. „אַז וואָס איז פֿון דיר געוואָרן, לײַקע? — בייזער איך זיך. — אַ שטאַמפּ אָף צוויי פֿיס". איך וואַרף זיך אָפּ צום ווענטל פֿון שטול, פֿאַרמאַך די אויגן. דערנאָך גיב איך אַ מעק אויס די אָנגעשריבענע שורע, און מײַן הענטל צעפֿליט זיך איבערן פּאַפּיר. איך בין איצט מיט דעם איינס. דער ווײַסער בויגן פּאַפּיר איז ווי אַ גוטער שליטוועגס.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. אָט דער קלאַפּ, איבער וועלכן יענער טאָג, פֿינף און צוואַנציקסטער דעקאַבער 1952, האָט זיך אַזוי אײַנגעקריצט אין מײַן זיקאָרן. קיין אומגעוויינלעכס איז, אייגנטלעך, ניט געשען. דער פּאָסט־טרעגער האָט געבראַכט אַ צײַטונג, די צײַטונג, אין וועלכער איך אַרבעט. איך קוק אין איר אַרײַן, כאָטש ס'איז מיר אַ שאָד אַפּצורײַסן זיך פֿון שרײַבן. עס גייט, דאַכט זיך, נישקאָשע. אָט שוין, נאָר אַ קוק טאָן. אין די אויגן וואַרפֿט זיך מיר אַ קליינע נאָטיץ אונטער אַ היפּשן פֿעטן קאָפּ: „אַכרײַעס פֿאַרן געדרוקטן וואָרט", געצאַסמעט — „אַ לייענער":

„דאָס לאַנד דאַרף קענען אירע בעסטע מענטשן. דאָס פֿאָלק דאַרף וויסן וועגן די דערגרייכונגען פֿון דער סאָוועטישער וויסנשאַפֿט. דעריבער וואָלט מען געדאַרפֿט באַגריסן די רעדאַקציע פֿון זשורנאַל „זאָרג פֿאַרן געזונט", וואָס האָט אינעם ערשט דערשינענעם צוועלפֿטן נומער אָפּ־

געדרוקט א פאַרצייכענונג וועגן די אופטוען פון פּראָפעסאָר מאַקאַראָוו, וואָס דערמעגלעכן אָפּעראַציעס פון איבערגעבאָרענע האַרץ־פעלערן.

צום באַדויערן, צייכנט זיך אויס דער אַוטאָר פון דער פאַרצייכענונג ל. פייַנבערג מיט אַבסאָליוטער אָפּוועזנהייט פון אַכרייַעס פאַרן געדרוקטן וואָרט. וויאַזוי האָט געקאָנט א סאָוועטישער זשורנאַליסט וועקשטעלן אַף איין ברעט מיטן בארימטן כירורג עפּעס אַן אַבראַם גאַרעליק, א פאַכדן און א פאַרעטער, וואָס האָט, אַנשטאָט צו פאַרטיידיקן מיט געווער אין האַנט דאָס פאָטערלאַנד, איבערגעגעבן זיך אין געפאַנגענשאַפט די פאַשיסטן. נאָך דער מילכאָמע האָט ער אויך ניט שלעכט אייַנגעאָרדנט זייַנע געשעפטן. אַן אמהאָרעץ, וואָס איז ניט בעקויעך געווען צו באַהערשן דעם נייַנטן קלאַס פון א מיטלשול, איז ער געוואָרן א דירעקטאָר פון א זאַוואָד אין דער שטאָט נ. און אַלס סוינע פון פאָלק אָנגעטאָן דאָרט פיל שאָדן. וועגן וואָס האָט געטראַכט דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל, ווען ער האָט אָפּגעדרוקט די אומפאַראַנטוואָרטלעכע שרייַבעכץ פון דער אויבנדערמאָנטער ל. פייַנבערג? ווו איז זייַן באַלשעוויסטישע וואַכזאַמקייַט?”

דער טיש מיטן פאַרשריבענעם פּאַפּיר־בויגן האָט גענומען פון מיר זיך אָפּרוקן. איך האָב צונויפגעלייגט די צייַטונג אינצווייען, אינפירען, ביז זי איז געוואָרן גאָר קליין, און כ׳האָב זי אַרייַנגעשטופּט אין א ווינקל פון מייַן פאָרטפעל. די מומע מאַלקע טאָר ניט זען די צייַטונג. ניט פון מיר זאָל זי זיך דערוויסן...

אין טראַמוויי האָבן עטלעכע מענטשן אַרייַנגעקוקט אין דער הייַנטיקער צייַטונג. וואָס איז דאָס פאַר א האַסמאָדנע אָנגעפאַלן אַף אַלעמען? הינטער מיר איז געשטאַנען א יונגער באָכער, א הויכער, מיט פּוכקע קינדערשע ליפּן. ער האָט אויך געהאַלטן א צייַטונג. מאַכמעס דער ענגשאַפט אין וואַגאָן איז אים געווען ניט באַקוועם צו לייענען. האָט ער די צייַטונג געהאַלטן איבער מייַן קאָפּ און פאַריסן דעם האַלדז, וואָס האָט ווי א שלאַנק טורעמל אַרויסגעלויכטן פון דעם געקעסטלטן שאַלעכל. איך זע: ער לייענט וועגן מיר און גלייבט יעדן וואָרט. פאַרוואָס זאָל ער ניט גלייבן? אזא איינער — א יונגער, א ציכטיקער, מיט א האַלדז, ווי בא מיקעלאַנדזשעלאָס „דאָוויד“, גלייבט יעדערן. איז ער מיסטאָמע איצט שטאַרק אופגעבראַכט אַף עפּעס איינער א ל. פייַנבערג, וואָס האָט אים מיַעס אָפּגענאַרט, געלויבט א סוינע פון פאָלק, זייַן סוינע, זייַן טאַטנס, זייַן מאַמעס, זייַן שוועסטערס. עפשער זאָל איך אים גאָר זאָגן, אַז איך בין עס טאַקע ל. פייַנבערג און דערציילן דעם גאַנצן עמעס. באַלד ער האָט צוטרוי צו מענטשן, טאָ פאַרוואָס זאָל ער גלייבן יענעם לייענער, וואָס האָט מוירע געהאַט צו כאַסמענען זיך מיטן אייגענעם נאָמען, און ניט מיר? א לייענער... זייַן נוסעך איז מיר באַקאַנט. נאַכטיגאַל, איך זע דייַנע קאָפּיטעס...

2

— א גוט־מאָרגן, ליִא איסאַקאָוונא, איר דאַרפט אַוואַדע צו וואַדים פּעטראָוויטש. ער זיצט אין ביבליִאָטעק.

מאַריע אַנדרייעוונע, די ניט יונגע, ניט שיינע, אָבער זייער טיכטיקע סעקרעטאַרשע, האָט קיינמאָל קיין טאָעס ניט. אויב זי זאָגט, אַז איך דאַרף צו וואַדים פּעטראָוויטשן, ווייסט זי, אַז איך דאַרף צו אים, ניט צו קיין אַנדערן. געוויינלעך, ווען ער פאַרשפּאַרט זיך אין ביבליִאָטעק, לאָזט זי צו אים קיינעם ניט צו.

וואַדים פּעטראָוויטש טשערנוכין, דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע, איז א מענטש א קיילעכדיקער. קיילעכדיק איז זייַן פּאָנעם מיט די, ווי מע רופט עס געוויינלעך, ריכטיקע שטריכן, קיילעכדיק איז דער קאָפּ מיט די קורץ געשוירענע גראָווע האָר, קיילעכדיק איז דער גוף, האָגאַם ניט זייער דיק, אַלץ אין דער מאָס. טשערנוכינס ליטעראַרישער נוסעך אַנטשפּרעכט ניט שטענדיק זייַן אויסערלעכקייַט: טיילמאָל איז ער קיילעכדיק און טיילמאָל — שפּיציק. אַף א קיילעכדיקן אויפן שרייַבט טשערנוכין וועגן גרויסע מענטשן, מעג עס זייַן טשעכאָוו, שעקספּיר אָדער גאָר קאָפּערניק. קיין ספּעציִאַליסטן דערלאָזט ער ניט צו קיין יובילייִ־אַרטיקלען, ווייַל „געלערנטע האָבן ניט קיין צוגאַנג צום פּראָסטן פאָלק“. ווען עס קומט צו א יובילייִ, פאַרשפּאַרט זיך טשערנוכין אין דער ביבליִאָטעק, לייגט זיך אַרום מיט קאָמפּלעקטן פון די צענטראַלע צייַטונגען און פאַרקייַלעכיקט דאָס, וואָס געלערנטע, וועלכע „האָבן ניט קיין צוגאַנג צום פּראָסטן פאָלק“, האָבן אַף דער זעלבער טעמע געשריבן מיט יאָרן צוריק. אַף א שפּיציקן אויפן שרייַבט טשערנוכין נאָר וועגן לעבעדיקע מענטשן. דאָ קומט ער אויס אָן דיקע קאָמפּלעקטן. צי איז זייַן קאָרבן גערעכט, צי אומגערעכט, כאַפּט אים טשערנוכין אַרוף אַף זייַן שפּיז און דרייט איבערן מיזבייעך־פייַער אַזוי לאַנג, וויפל עס לאָזט זיך נאָר.

וואַדים פּעטראָוויטש האָט זיך אופגעהויבן מיר אַנטקעגן, אויסגעשטרעקטביידע הענט:

— ליִא איסאַקאָוונאַ? ביטע, ביטע! שטענדיק גליקלעך אייַך צו זען. אָ, איר האָט זיך אין דער קאָמאַנדירונג גאָר פאַרריכטעט. איר ווערט אַלץ שענער און שענער.

— וואדים פעטראָוויטש, וואָס איז געשען?

— וואָס איז געשען? לאכלוטן גאָרנישט. אלץ אין אָרדענונג.

טשערנוכין קוקט מיך אָן מיט זײַנע קײַלעכדיקע קאלטע אויגן, ווי ער וואָלט ניט געוווּסט פון וואָס צו זאָגן.

— גיט אלץ איז אין אָרדענונג, וואדים פעטראָוויטש! איך האָב געלייענט די הײַנטיקע צײַטונג.

— א, איר מיינט די נאָטיץ פונעם לייענער? דאָס ערגערט אײַך אוודע? געוויס, איך פארשטיי... אונדז דאָ איז אויך געווען שווער. נאָר ניט דרוקן האָבן מיר ניט געקאָנט. מע מוז זיך צוהערן. אונדזער לייענער איז שטארק אויסגעוואקסן. קיין איין טאָעס איז ער ניט מוחל. — טשערנוכין, פארכאפט פון די אייגענע רייד, באמערקט ניט, אז ער זיצט און איך שטיי. — צווישן אונדז זאָל דאָס בלײַבן, מײַן טײַבעלע, נאָר מיך אליין ווונדערט אויך, וויאזוי האָט זיך עס בא אײַך באקומען... וואָס הייסט, איר שרײַבט וועגן א מענטשן ניסים-וועניפלאָעס און עס לאָזט זיך אויס פונקט קאָפויר. די פאקטן זאָלן שטימען — דאָס איז דער ערשטער געבאָט פון א סאָוועטישן זשורנאליסט. אונדזער פאך פאָדערט קאָנטראָל און קאָנטראָל.

— וואדים פעטראָוויטש, איך בעט אײַך, וואָס האָט געטראָפן מיט גאָרעליקן?

— מיט גאָרעליקן? איר דארפט עס וויסן בעסער פון מיר. כ'האָב געהערט, מײַן טײַבעלע, אז ער איז אײַערער א קאָרעוו.

אזוי גאָר... אזא מין אָנצוהערעניש...

— וועמעס יובילייז? — איך גיב א ווונק אפן טיש מיט די אָנגעוואלגערטע צײַטונגס-קאָמפלעקטן. איינער פון זיי איז אָפן. פיל שורעס זײַנען אונטערגעשטראָכן מיט א רויטן בלײַער.

— אוי, זײַט איר א שטיפערקע, ליִא איסאקאָוונא. איר ווייסט, אז איך האָב א שוואכקײַט צו גרויסע פערזענלעכקײַטן...

— א דאנק, וואדים פעטראָוויטש. ביז הײַנט, ביז איך האָב ניט איבערגעלייענט די נאָטיץ פונעם... לייענער, האָב איך ניט געוווּסט, אז איר האלט מיך פאר א גרויסער פערזענלעכקײַט.

טשערנוכינס ווײַס פּאָנעם האָט פארלאָרן יעדן סימען פון רונדער גוטמוטיקײַט:

— גענוג כאָכמעלעך! איר האָט געמיינט, אז אײַך וועט זיך אײַנגעבן צו פארוואנדלען א סאָוועטישן זשורנאל אין א רעקלאמע-בלעטל פאר אײַערע קרוויים, קאריעריסטן און פארעטער. די מידעס פון דער געלער פרעסע האָט זיך אײַך פארוואָלט אײַנפירן בא אונדז. ס'וועט אײַך ניט געלינגען..

עפּעס רעדט ער נאָך, טשערנוכין, נאָר האלעמײַ זאָל איך אים הערן? איך דריי זיך אויס און גיי אוועק. איך באַוויַיז ניט צו פארמאכן הינטער זיך די טיר, וואקסט לעבן מיר אויס מאריִע אנדרייעוונע:

— טאָדאר איוואניטש בעט אײַך ארײַנגיין.

וואָס פאר א מענטש איז זי, מאריִע אנדרייעוונע? אין די פּײַקאָווע צײַטן, געדענק איך, פלעגט זי שטענדיק קומען צו לויפן מיר אָנזאָגן, אז אין בופעט גיט מען פּירוזשקעס אָן טאלאָנעס. דאן האָט זי מיר אויסגעוויזן גאנץ סימפאטיש. און הײַנט? עפּעס איז זי צופיל מיט מיר באשעפטיקט.

דער קאבינעט פונעם הויפט-רעדאקטאָר, ווו איך פלעג ארײַנקומען קימאט יעדן טאָג, האָט מיך איצט איבערראשט מיט זײַן גרייס. דער וועג פון דער טיר ביזן שרײַבטיש איז מאָדנע לאנג. וואָס טויג אים אזא גרויסער קאבינעט?

דער רעדאקטאָר האָט מיטן קאָפּ אָנגעוויזן אפן שטול אנטקעגניבער.

— ווי איר פארשטייט אליין, — האָט ער אָנגעהויבן אָן שום פּאָרעדעס, — וועט איר מוזן פארלאָזן די ארבעט... לויטן אייגענעם פארלאנג... שרײַבט אָן א מעלדונג.

— איך האָב אָבער ניט אזא פארלאנג.

— ליִא איסאקאָוונא, שרײַבט אָן א מעלדונג.

— און טאָמער גיט?

— טאָמער ניט, וועל איך אויסהענגען א באפעל, אז איר ווערט אראָפּגענומען פון דער ארבעט.

— פארוואָס?

— פאר דעזאָריִענטירן דעם סאָוועטישן לייענער. דאָס איז אין בעסטן פאל. שרײַבט.

טאָדאר איוואניטש האָט א שאר געטאָן צו מיר מיט דער לינקער האנט א ווײַסן פּאפּירבויגן. מיט דער לינקער האנט... איך האָב זיך מיטאמאָל דערזען אין א קליין צימערל פון א צעשעדיקטן הויז. דאָס איז געווען דער לעצטער מילכאָמע-ווינטער. מיר האָבן אָנגעהויבן די ארבעט אין רעדאקציע זאלבעדריט: וואניע אָסטאפּענקאָ, איך און טאָדאר איוואניטש טוראָוועץ,

א דעמאָביליזירטער אָפיצער אין א שינעל מיט א פוסטן ארבל. יעז׳עס מאָל פארן נעמען די פען מיט דער לינקער האנט, פלעגט ער זיך א צי טאָן צו איר מיטן רעכטן אקסל. איך פלעג אָפּווענדן די אויגן. צי דען געדענקט ניט טאָדאר איוואניטש יענע טעג? כאָטש איין מענטשלעך וואָרט ווען ער זאָגט מיר איצט...

— ליִא איסאַקאָוונא, זײַט ניט קיין קינד. שרײַבט אָן די מעלדונג. אזוי איז פאר אײַך בעסער.

זאָל זײַן אזוי... איך האָב זיך צוגערוקט נעענטער צום טיש, אָנגעשריבן, וואָס עס האָט זיך פון מיר געפאָדערט. טאָדאר איוואניטש האָט מיר שווײַגנדיק א דריק געטאָן די האנט. איך בין ארויס פון קאבינעט, דורכגעגאנגען דעם פאָדערצימער, ווו ס׳איז געזעסן מאריִע אנדרייעוונע. כ׳האָב צו איר א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און ארויס. הינטער דער טיר, וואָס איך האָב ערשט פארמאכט, האָט זיך דערהערט א טעלעפאָן־קלונג. אליין ניט וויסנדיק צוליב וואָס, בין איך געבליבן שטיין.

— וועמען? — האָט געפרעגט מאריִע אנדרייעוונע. — ניין. אזא איינע ארבעט ניט בא אונדז. וואָס? איך האָב דאָך אײַך געזאָגט. ניטאָ בא אונדז אזא.

אף מיר... דאָס האָט זיך עמעצער נאָכגעפרעגט אף מיר. כ׳האָב זיך דערפילט אזוי, ווי כ׳וואָלט בײַגעווען אף דער אייגענער לעווײַע.

אין דרויסן איז געווען פראָסטיק און ליכטיק. כ׳האָב זיך צוגעהערט, ווי עס סקריפּעט דער שניי אונטער מײַנע פיס, און ס׳איז מיר געווען גוט פון דעם. אפן ראָג גאס בין איך געבליבן שטיין, איבערוואַרטנדיק דעם שטראָם אווטאָמאָבילן. איך האָב זיך פארקוקט אפן ניטדערבויטן הויז אף דער צווייטער זײַט גאס. א מיידל אין א געשטעפּטן קאָמבינעזאָן האָט דאָרט פלינק געקלעטערט אף די גליטשיקע רישטאָוואניעס. עמעצער האָט מיך לײַכט אָנגערירט באם אָרעם. כ׳האָב א ציטער געטאָן פון אומדערוואַרטקײַט. לעבן מיר איז געשטאַנען וואניע אָסטאַפּענקאָ אין זײַן קורצן פויערשן פעלצל, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען פארשפיליעט, אָן א היטל אפן קאָפּ. דאָס עטוואָס געשטופּלטע פּאָנעם מיט די דיקע ליפּן האָט שולדיק געשמייכלט:

— איך בין ארויס דיך א ביסל באגלייטן, ליִא.

— וואניע, זאָג דעם עמעס, ס׳איז טשערנוכין?

— נ־ניין. א דעביוט... א יונגער טאַלאַנט...

איך האָב פארווונדערט אים אָנגעקוקט. וואָס פארא מײַסעס דערציילט ער מיר דאָ?

— פארשטייט זיך, אז ס׳איז זײַן ארבעט, — האָט געזאָגט וואניע. — נאָר געשריבן האָט מאריִע אנדרייעוונע. אפילו האָנאָראַר באקומען. כ׳האָב אליין געזען. טאָדאר האָט לעכאַטכילע ניט געוואָלט דרוקן...

— נו?

— וואָס נו? זעסט דאָך...

— וואניע, גאָרעליק... זיצט?

— אזוי רעדט מען בא אונדז. ליִא, ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, עפּשער וואָלסטו ערגעץ אוועקגעפאָרן... אף א פּאָר כאָדאָשים...

— ניין. איך קלײַב זיך אין ערגעץ ניט פאָרן. וואניע, ס׳איז מיר זייער א שאָד דער מאַ־טעריאַל פון דער קאָמאַנדירונג. ניץ אים אויס, איך בעט דיך. און כאַפּ זיך אליין אהין אראָפּ. דער הויפּט־אינזשעניער, באגושעוויטש איז א וווּנדערלעכער מענטש. אָן עכטער דערפינדער. זע, מע זאָל אים דאָרטן ניט אופּעסן. — איך האָב ארויסגענומען פון פּאָרטפעל מײַן בלאָקנאָט: — אָט. וואניע, נעם. די נאַטשאַלסטווע האָט אזוי זיך געאײַלט פון מיר פּאָטער צו ווערן, אז זיי האָבן אפילו גאָרנישט געפרעגט וועגן מײַן נעסיִע.

— און עפּשער... עפּשער וועט טאָדאר דיך אליין דרוקן... אונטער א פּסעוודאָנים.

— איך האָף נאָך צו געדרוקט ווערן אונטערן אייגענעם נאָמען.

וואניע האָט מיך דערפירט ביז דער טראַמווײַ־סטאַנציע. שוין נאָכן געזעגענען האָט ער זיך א פּאַטש געטאָן אין שטערן:

— פארגעסן דיר צו זאָגן. דער פּראָפעסאָר מאַקאַראָוו איז גאנצפרי געווען אין רעדאַקציע. א היפּשע צײַט פארבראַכט אין טאָדארס קאבינעט. נאָך זײַן אוועקגיין האָבן בא טאָדארן געברענט די אויערן.

— א דאנק, וואניע, דו האָסט מיך זייער דערפרייט. איז מאַקאַראָוו, הייסט עס, גלײַך גע־קומען... א דאנק, וואניע, א גרויסן דאנק!

איך האָב אזוי געדאנקט וואניען, פּונקט ווי ער וואָלט עס געווען מאַקאַראָוו און איבער אים האָבן באם רעדאַקטאָר געברענט די אויערן. איך בין ארײַנגעשפּרונגען אין דעם אָנגעקומע־נעם טראַמווײַ. וואניע האָט מיר נאָכגעקוקט און אין פארלעגנהײַט געשמייכלט.

ערשט ווען איך בין אַרײַן אין שטוב, איז מיר געקומען אפן זינען, אַז אין דעם צימער, וואָס איך האָב אָט־אָט געזאָלט באַקומען, וועט שוין וווינען אַן אַנדערער, ניט איך. פאַר מיר מיט בײַלען וואָלט גענוג געווען איין פערטל פון טאָדאַרס קאַבינעט. וואָרט נאָר, עפשער איז גאָר דער צוגעזאָגטער צימער די סיבע פון דער גאַנצער זאַווערוכע? איך האָב זיך אַליין פאַרוווּנדערט פון דעם, וואָס אַזוינס קאָן מיר גאָר אײַנפאַלן.

3

די מומע מאַלקע האָט פאַר דער מילכאָמע פאַרנומען מיט איר טאָכטער א דירע פון צוויי צימערן אין א שמאָל שיפּועדיק געסל, וואָס האָט פון איין זײַט געפירט צום ייִדישן בעסוילעם און פון דער צווייטער — אין א שיינער ברייטער גאַס. ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון דער עוואַקואַציע, איז די שיינע ברייטע גאַס געלעגן אין רויִנען און דאָס שמאָלע געסל, וואָס האָט בייס דער אָקופּאַציע געהערט צום ראַיאָן פון געטאָ, איז דאַפקע געבליבן גאַנץ. די הילצערנע הײַזלעך אָן פאַרקענער, אָן לאָדנס אף די פענצטער האָבן אויסגעזען פונקט אַזוי וויסט און פאַר־וואָרלאָזט, ווי דער דערבײַיִקער בעסוילעם אָן א צוים, אָן א ברעטל אף א קייווער. זיי זײַנען אָבער געווען מער אָדער ווייניקער גאַנץ. מע האָט געקאָנט אין זיי לעבן. איך האָב קיין היים ניט געהאַט. האָבן מיר זיך באַזעצט צוזאַמען. אין דעם פאָדערשטן גרעסערן צימער — די מומע מאַלקע, כאַווע און מײַקע, אין דעם קלענערן — איך מיט בײַלען. אָט דאָ, אין די צוויי צימער־לעך, האָבן מיר זיך געטיילט מיט דער פרייד פון שאָלעם, פון זיג. אָט דאָ האָט יעדערע פון אונדז אויסגעבאַהאַלטן פון די נאָענטע איר צאַר. ווער עס האָט זיך געפעלט, איז געווען ניט אומצוקערן.

און מיטאַמאָל איז אין איינעם אַן ערעוו־האַרבסטיקן פרימאָרגן געשען א נעס. איך בין געזעסן באַם טיש און עפּעס אָפּדערגיך פאַרנאָטירט. א שטילער שאָרך הינטערן פענצטער האָט מיך געצוווּנגען אופצוהייבן דעם קאָפּ. צו דער שויב האָט זיך פון דרויסן צוגעדריקט מיטן פּאָנעם א סאָלדאַט. מיך האָט א טראַג געטאָן פון אָרט. איך האָב געמאַכט צום סאָלדאַט מיטן קאָפּ: „ניין, מע טאָר ניט". איך האָב אים געוויזן מיט די הענט, ער זאָל אָפּגיין אָן א זײַט. שנעל און אָן א מינדסטן קלאַנג (די מומע מאַלקע איז געווען אין קיך) האָב איך אָן עפן געטאָן דאָס פענצטער און אַרויסגעשפּרונגען אין דרויסן. „אוורעמל... אוורעמל..." — האָב איך געשעפּטשעט און גע־גאַנגען גלײַך אף אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט ניט אף אַרומצונעמען, נאָר אף צו דער־ווײַטערן, ווי אין אים וואָלט איך געזען די גרעסטע געפאַר פאַר אונדזער שטוב, און ער איז פּאַוואָלינקע אָפּגעטראָטן מיט דער פּלייצע אף אַהינטער.

— די מאַמע... איז דאָ?

— זי ז'דאָ, אוורעמל. — מיר האָבן זיך אַרומגענומען. — אין דרײַ און פערציקסטן האָט זי דיך שוין באַוויינט. מע דאַרף זי צוגרייטן...

עמעצער האָט מיך לײַכט אָפּגעשטויסן אָן א זײַט. כ'האָב ניט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, איז שוין די מומע מאַלקע א האַלב־פאַרכאַלעשטע געלעגן אין די אָרעמס פון איר זון.

מײַן ערשטער אײַנדרוק פון אוורעמלען, ווען ער איז צו אונדז ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, איז געווען, אַז ער איז אונטערגעוואַקסן. ס'איז מיר גאָר אַרויס פון זינען, אַז צו פערציק פעלט אים אַוודע א יאָר דרײַ־פיר, ניט מער. פון דער פריסטער יוגנט האָט אוורעמל געאַרבעט אַלס בעקער־ייִנגל. זינט איך האָב אים געדענקט, איז ער געווען א בלייכער און עטוואָס א געבויגענער. אַפילע דאַן, ווען ער האָט שוין געאַרבעט אַלס מײַסטער אפן גרעסטן ברויט־זאַוואָד בא אונדז אין שטאָט. און איצט האָט ער געהאַט גאָר א בראַוון אויסזען. דער שינעל איז גוט געזעסן אף זײַן אויסגעגלײַכטער פּלייצע. דאָס פּאָנעם איז געווען אָפּגעברענט פון דער זון. פון אונטער דער גרינער פּילאָטקע האָט זיך געוויכערט א היפּשע רויטע פּאַטלע.

אים האָט שטאַרק אָפּגעגליקט, אוורעמלען. אינעם דײַטשישן לאַגער פאַר קריגסגעפאַנגענע האָט אים קיינער ניט אַרויסגעגעבן אַלס ייִדן. פון די אַכט כאַווירים, וואָס האָבן פאַרטראַכט אַנטלויפן פון לאַגער, האָט זיך עס אײַנגעגעבן נאָר דרײַ, און ער איז געווען צווישן זיי. צוויי יאָר האָט ער פאַרטיזאַנעוועט, דערנאָך צוזאַמען מיט זײַן מאַכנע ווידער צוגעשטאַנען צו דער רעגו־לערער אַרמיי. דערבײַ איז ער בלויז איין מאָל געווען פאַרוווּנדעט מיט א שפּליטער אין דער רעכטער ליטקע.

שוין אינעם ערשטן טאָג, ווען מיר האָבן געהאַלטן אין איבערקלײַבן ליבע נעמען, האָט אוורעמל זיך נאָכגעפרעגט אף איינעם א דאָקטער מאַקאַראָוו, צי ווייסן מיר ניט צופעליק: ער אַרבעט דאָ אין שטאָט, צי ניט.

— מאַקאַראָוו? א כירורג? — האָב איך זיך א כאַפּ געטאָן. — ניקאָלײַ ניקאָלײַטש הייסט ער?

— קענסט אים? — האָט זיך דערפרייט אורעמל. — מיר זײַנען געווען צוזאַמען בא די פּאַרטיזאַנער.

נײַן, פּערזענלעך בין איך נאָך דאַן מיט מאַקאַראָוון ניט געווען באַקאַנט. איך האָב נאָר געהערט פון אים.

4

וואָלט אורעמל זיך ניט נאָכגעפרעגט, ווייס איך ניט, צי די פאַמיליע „מאַקאַראָוו" וואָלט זיך אָפ לאַנג אײַנגעהאַלטן אין מײַן זיקאָרן. פאַר מיר איז ער דאַן געווען ניט מער, ווי איינער פון פּייסעך זאַלצמאַנס פּערסאָנאַזשן.

זאַלצמאַן איז מײַנער א יוגנט־פרײַנט — א מאַטעמאַטיקער מיט א נאָמען און א מוירעדיקער ראָמאַנטיקער. ווען ער איז גוט געשטימט, לייענט ער שאַענווײַז אָפ אויטווייניק לידער. ווען ער איז שלעכט געשטימט, לייענט ער אויך לידער. כאָווע האָט אים איינמאָל געפרעגט מיט אַפּשײַ, וויאַזוי פאַרגעדענקט ער עס אַזויפיל לידער, האָט ער געענטפערט:

— דערופ בין איך א מאַטעמאַטיקער. מאַטעמאַטיק און דיכטונג זײַנען לײַבלעכע שוועס־טער. איינס, דרײַ, זיבן — וואָס איז דאָס אַזוינס? צייכנס, סימבאָלן, פונקט ווי אין פּאָעזיע. און פאַנטאַזיאָרן זײַנען מיר עפשער ניט קיין קלענערע, ווי די פּאָעטן.

זאַלצמאַן כאַפּט זיך אַרײַן צו אונדז אין אָוונט אמאָל אליין, אמאָל מיט זײַן צווייט ווײַב אַמינאַ, א קלייניניקע, דאַרינקע טאַטערקע מיט א גרויסן קאָפּ שוואַרצע האָר. אין א ביטערער שאָ האָט אַמינאַ אים אויסבאַהאַלטן בא זיך און דערנאָך אַרויסגעפירט אין א נאָענטן דאָרף, צו אירע קרויווים. געפירט האָט זי אים אליין, מיט אירע קליינע הענטלעך, אָפּ א געוויינלעך לאַסטוועגע־לע, פאַרשלאָסן אין א קליידער־שאַפע. „זי האָט מיך צונויפגעלייגט ווי אַן אַרשין און באַשטאַט אָפּ א וועש־פאַליצע" — שפּאַסט זאַלצמאַן. אַז מע קאָן אים צונויפפלייגן, לאָזט זיך גלייבן. א הויכער און א מאָגערער, איז ער ווי צוזאַמענגעשטעלט פון אַבי־ווי בעכיפאַזן צונויפגעשרויפטע ביינער.

זאַלצמאַן שטאַמט פון יידישער אַרעמקײַט. ער איז א צײַט געווען א לערער אין א יידישער שול. ער איז א גרויסער קענער פון יידישער דיכטונג. אויסערלעך איז ער אָבער ווײַט ניט קיין טיפּישער ייד. דאַכט זיך, גאָט אליין האָט געבאָטן, אַז זאַלצמאַנס ביינערדיק פּאָנעם זאָל באַצירן א לאַנגע נאָז. איז דאַפקע ניט. זײַן נאָז איז ניט קיין פאַריסענע. נאָר דאָך קוקט זי עטוואָס אַרופ. די גלאַטע העלע האָר, די בלויע אויגן האָבן שטאַרק צוגעדינט זאַלצמאַנען אין זײַנע באַמיִונגען צו פאַרבינדן די געטאָ מיט דער אויסערלעכער וועלט. וואָס איז שײַעך דעם הויכן אינטעלעק־טועלן שטערן, וואָס איז יענע יאָרן געווען קימאַט ניט קיין קלענערער כיסאָרן, ווי א יידישע נאָז, לאָזט ער זיך אויסבאַהאַלטן הינטער א טיף־אַנגערוקט היטל.

דערציילן האָט זאַלצמאַן ליב ניט ווייניקער, ווי צו לייענען לידער. זײַן וועלט איז באַוווינט דורכויס פון איידעלע, גרויסמוטיקע מענטשן. קיין אַנדערע לאָזט ער אַהין ניט אַרײַן. די מומע מאַלקע האָט אים איינמאָל געזאָגט מיט א שמייכל:

— ווען מע הערט אײַך, פּייסעך איליטש, קאָן מען מיינען, איר האָט קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען ניט קיין פאַשיסט, ניט קיין פאָליצײַ.

— איך האָב זיי געזען צופיל, — האָט געענטפערט זאַלצמאַן. — דעריבער ווילט זיך מיר ריידן נאָר וועגן מענטשן.

איינער פון די דאָזיקע מענטשן, וועגן וועלכע ס'איז קעדײַ צו ריידן, איז בא זאַלצמאַנען דער דאָקטער מאַקאַראָוו. זאַלצמאַנס זון אליק, וועלכער איז דערנאָך אומגעקומען אין געטאָ צו־זאַמען מיט דער מוטער, האָט זיך אין ערשטן קלאַס געכאַווערט מיט איינעם א יינגל סאַשע מאַקאַראָוו. דורך די קינדער האָבן זיך באַקאַנט די עלטערן.

— דעם איין און צוואַנציקסטן יוני, — דערציילט זאַלצמאַן, — האָבן די מאַקאַראָווס אײַנ־געלאַדן אונדז אָפּ זייער סאַשעס געבורטסטאָג. איך געדענק, ווי איצט, אליק האָט אַרײַנגעלאָזט אין צימער א פלוישענעם גייענדיקן בער און אליין באַהאַלטן זיך הינטער דער טיר, און סאַשע האָט געקוויטשעט פון פרייד. איז הערט זשע, ווי עס מאַכט זיך... ס'איז ניט דורכגעגאַנגען קיין כוידעש פון יענעם טאָג, און איך גיי שוין אינמיטן גאַס, אויסגעפּוצט אין א געלער לאַטע פון פאָרנט, א געלער לאַטע פון הינטן. איך טופּע אַזוי איבערן ברוק, ווי כ'וואָלט געווען א פערד אָדער אן אייזל, און איבערן טראָטואַר פון דער רעכטער האַנט גייט זיך מאַקאַראָוו, אין א ווײַס זויבער העמד מיט א שניפּס, א פרישער, ווי ערשט פון וואַנע אַרויס. גייען מיר, הייסט עס, פּאַראַלעל. ווי קאָנען זיך צונויפגיין אונדזערע וועגן, אַז מיר לעבן איצט אין צוויי באַזונדערע וועלטן? און דאָך זײַטל איך זיך מיט אן אויג, צי זעט ער מיך. מאַקאַראָוו גיט א שנײַד איבער

די גאַס, קוקט ניט אין מײַן זײַט, נאָר איך דערהער: „מײַן שטוב איז פאַר אײַך שטענדיק אָפן. פאַרגעדענקט“. און אָט גייט ער שוין רויִק זײַן וועג אויפן אַנדערן טראָטואַר.

ס'איז דורכגעגאַנגען נאָך אַ ביסל צײַט. איך האָב געמוזט דרינגענד פאַרלאָזן מײַן באַהעלטעניש אויף דער אַרישער זײַט. טראַכט איך מיר: אַ פּאַספּאָרט איז בײַ מיר אַ גוטער. און אויסזען האָב איך פון אַ רוסישן באַלמעלאָכע אין די צײַטן פון ניקאָלײַ דעם ערשטן, וועל איך פּרוּוון... אַ ברייִרע האָב איך? צו מאַקאַראָװוס דירע איז מיר געבליבן איין קוואַרטאַל. מײַסע גלעזער, אונטערהאַלטנדיק דעם קאַסטן מיט גלאָז אויפן אַקסל, האָב איך זיך בעשאָלעם דערקליבן. איך אײַל זיך ניט, פאַרײַס דעם קאָפּ, באַטראַכט די פענצטער. אַהאַ, אויפן צווייטן שטאָק פעלט אין אַ פענצטער אַ האַלבע שויב. האָב איך שוין אַ טערעץ אויף אויפצוהייבן זיך. איך גיב אַ דריק דאָס עלעקטרישע קנעפּל פון מאַקאַראָװוס וווינונג. שטיל... עפן איך פּאַוואָלינקע די טיר, קוק אַרײַן אויף רעכטס אין קיך. דאָ איז טאַקע אויסגעשלאָגן אַ שויב. איך גיי אַרײַן אין עסצימער, וווּ מע האָט געפּראַוועט סאַשעס געבורטסטאָג. שטיל, פּוסט... קיין סימען פון קיין מעבל. דער פּאַרקעט איז פאַרבלאָטיקט און פאַרמיסטיקט, ווי אַ סטאַדע ווילדע כאַזיירים וואָלט דאָ דורכגעגאַנגען. פאַרשטיי איך שוין, אַז ס'איז אַן אומגליק, ניט קיין שטוב. מע דאַרף זיך וואָס גיכער פונדאַנען אַרויסקריגן. נאָר די טיר אין צווייטן צימער איז אָפן און איך קאָן זיך ניט אײַנהאַלטן ניט אַרײַנצוקוקן אַהין.

אויפן פענצטער איז געזעסן אַ מענטש, צוגעטוליעט דעם קאָפּ צו דער ראַם. ער איז געזעסן אַזוי אומבאַוועגלעך, אַז כ'האָב געמיינט, ער איז ניט קיין לעבעדיקער. אויף יעדן פאַל האָב איך אויסגעשאָסן די עטלעכע פאַרגרייטע ווערטער:

— פעטערל, בײַ אײַך פעלט אין קיך אַ שויב. אַרײַנשטעלן? כ'וועל נעמען ניט טײַער...

דער מענטש האָט אויפגעציטערט. כ'האָב דערזען זײַן פּאָנעם, ענלעך אויף אַ מאַסקע — אויפגעלאָפן, צעבײַלט, פאַרבלוטיקט. מיט אַ מעשונעדיק צערייצטן בליק האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיר מיט די פויסטן.

— ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש! — האָב איך אים שטיל אָנגערופן בײַם נאָמען.

ער האָט פאַרשטעלט דאָס פּאָנעם מיט ביידע הענט אין צעריסענע אַרבל, אַ קרעכץ געטאָן פון ווייטעק און, ווי פאַרוווּנדערט, באַטראַכט די דלאָניעס מיט די פרישע בלוט־פלעקן אויף זיי.

„יוליקס פאָטער... געקומען... ניטאָ סאַשע... בײַ מיר פון די הענט אַרויסגעריסן, הײַנט באַנאַכט. זיי האָבן מיר דערלאַנגט אַ זעץ אין קאָפּ... ניט קיין ווײַב, ניט קיין קינד. ווערן האָבן זיי אויפגעהאַנגען, שוין אַ וואָך... דער קאָמענדאַנט... זײַן טײַוולאָנישע שפּיל. כ'האָב זיך אָפּגעזאָגט פון עקספּערימענטן... שנײַדט ער פון מיר אײַוועך נאָך אײַוועך. — מאַקאַראָװ האָט גערעדט הויך און גיך, ווי אין פיבער. מעגלעך, אַז בײַ אים איז טאַקע געווען היץ. ער האָט אַ פיר געטאָן מיט די אויגן איבערן צעראַבירטן צימער, און זײַן בליק איז מיטאַמאָל געוואָרן ניכטער. שוין גאָר מיט אַן אַנדער טאָן האָט ער שטיל געזאָגט: — זײַט מיר מויכל, וויאַזוי האָט זיך דאָס בײַ מיר איבערגעקערט די צונג צו קלאָגן זיך פאַר אײַך, פאַר אַ ייִדן. שטעלט גיכער אַרײַן די שויב. און מאַכט עס אַזוי, מע זאָל אײַך זען פון דער גאַס. גיכער, וואָס שטייט איר? איר פאַרשטייט ניט, אַז מײַן שטוב איז אַ פּאַסטקע?“

— פון דער פּאַסטקע בין איך אַרויס בעשאָלעם, — האָט זאַלצמאַן דערציילט ווײַטער. — ס'איז געווען ניט די ערשטע און ניט די לעצטע. איך האָב צו וויסן געגעבן וועמען מע דאַרף, און מאַקאַראָװן האָט מען אַריבערגעשמוגלט אין געטאָ. אַ היפּשע צײַט איז ער געווען טעטיק אין אונדזער אונטערערד ניט נאָר אַלס דאָקטער. נאָך דעם, ווי ער איז אַוועק אין וואַלד, האָב איך אים פאַרלאָרן פון אויג. ערשט דאָ ניט לאַנג טרעף איך אים אין גאַס. ער איז דאָ. מאַכט זיך אַ פרײַע שאָ, כאַפּן מיר זיך אַרײַן איינער צום אַנדערן. אָבער מאַקאַראָװ איז ניט אַזאַ פּלאַפּלער, ווי איך. איך דערצייל און ער... וועגן דעם, וואָס געווען, ווי קיינמאָל ניט געווען.

5

וווּרעמל האָט פאַרבראַכט בײַ דער מוטער אינגאַנצן פינף טעג. דורכגעפירט עלעקטרע אין ביידע צימערן און אין קיך, פאַריכט די טרעפּלעך בײַ דער טיר, אָנגעהאַקט אַ פולע שטאַל מיט האָלץ אויף ווינטער און איז אַוועקגעפאָרן אויף אוראַל, וווּ זײַן פרוי האָט זיך באַזעצט מיט די צוויי קינדער בײַס דער מילכאָמע. פאַרן אַוועקפאָרן האָט ער געבראַכט צו מיטיק מאַקאַראָװן.

לעקאָוועד וווּרעמלען און זײַן גאַסט האָט די מומע מאַלקע אויסגעבראַכט קימאַט דעם גאַנצן כוידעשלעכן פּאַיאָק אונדזערן. דער לויטערער זופּ מיט די פריילעכע אייגעלעך איז געווען אַזוי באַטאַמט, אַז אַלע האָבן געוואָלט דערגיין דעם סאָד, וואָס פאַר אַ רוכניעס איז עס אין אים פאַרקאָכט.

— פאַטער, נו... — האָט די מומע מאַלקע געמאַכט צו קליינגעלט אונדזער היספּײַלעס. — מע נעמט א ביסל קראָכמעל און מע גיסט אים אָפּ, ווי אַף שוועסדיקע בלינצעס. דאָס טייג צע־שנײַדט מען אַף שטיקעלעך, און מע פארקאָכט זיי אינעם זופּ. ס'זאָל נאָר זײַן פון וואָס, וועט מען שוין טרעפן ווי צו קאָכן.

די פרייד אין דער מומע מאַלקעס שטוב האָט יענעם טאָג ארויסגעקוקט פון יעדן ווינקעלע. ס'האָט זיך געוואָלט פלאַפּלען און שפּאַסן. עמעס, אין אָנהייב איז די שטימונג געווען א ביסל אַן אָנגעצויגענע, ווי געוויינלעך בייס אין אַן ענגן קרײַז פון נאָענטע מענטשן באַווײַזט זיך א זײַטי־קער. נאָר דאָס האָט ניט לאַנג געדויערט. דער גאַסט אַליין האָט זיך דערפילט היימיש פון דער ערשטער מינוט. נאָר מיסטאָמע האָט ער זיך אין יעדער געזעלשאַפט געפילט פרײַ. די געשטאַלט, וואָס איך האָב זיך אויסגעמאָלט לויט זאַלצמאַנס דערציילונג, איז, ווי דאַסראָוו אין אַזעלכע פאַלן, גאַנץ ווייניק ענלעך געווען אַפן לעבעדיקן מאַקאַראָוו. א שיינער מאַנצבל פון א יאָר פערציק מיט אַן אויסגעקעכלט שווארץ בערדל, אין אַן עלעגאַנטן גרויען אָנצוג, האָט ער געמאַכט אַן אײַנדרוק פון א בעניאַכיד בא גאָט. אוורעמל האָט אים אָנגעגאָסן א גלעזל בראַנפן. ער האָט צו־געווינטשעוועט די באַלעבאַטים, אויסגעטרונקען. דאָס צווייטע גלעזל האָט ער אויך אויסגעטרונ־קען. פונעם דריטן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

— צוויי גלעזלעך, מער טרינק איך ניט. דאָס האָב איך געלערנט פון איינעם א שוסטער. — מאַקאַראָוו האָט א שײַן געטאָן מיט די ווײַסע ציין פון אונטער די שווארצע וואָנצעס. — א גרוי־סער אָריגינאַל, דער שוסטער. „איך, — זאָגט ער, — בין ניט אַזאַ, ווי אַנדערע. אַן אַנדערער באַקומט סכירעס, פארטרינקט ער דאָס גאַנצע געלט. איך טרינק אויס צוויי גלעזלעך, און דאָס איבעריקע געלט ברענג איך דעם ווײַב". ווען פונעם געלט בלײַבט בא אים קיין פּרוטע ניט, זאָגט ער: „איך בין ניט אַזאַ, ווי אַנדערע. אַן אַנדערער האָט ניט קיין געלט, פארטרינקט ער דאָס היטל. איך טרינק אויס צוויי גלעזלעך אַף באָרג, און דאָס היטל בלײַבט בא מיר אַפן קאָפּ". ווען ער פארטרינקט דאָס היטל, זאָגט ער: „איך בין ניט אַזאַ, ווי אַנדערע. אַן אַנדערער פארטרינקט דאָס היטל און וואַלגערט זיך אונטערן טיש. איך טרינק אויס צוויי גלעזלעך און גיי מיר שלאָפן אהיים". ווען ער וואַלגערט זיך שוין אונטערן טיש, זאָגט ער: „איך בין ניט אַזאַ, ווי א...אַנ...דערע... צ־צוויי גלעזלעך, ניט מער".

דעם געלעכטער באַם טיש האָט ארויסגערופן ניט אַזוי די מײַסע גופע, ווי די פריילעכע ענערגיע פונעם דערציילער. מיט געטאָקטע באַוועגונגען פון זײַנע שטאַרקע הענט מיט די לאַנגע בייגעוודיקע פינגער האָט ער ווי אויסגעשפּילט יעדע סטאַדיע פון שיקרעס. צום דריטן גלעזל האָט ער זיך טאַקע ניט צוגערירט.

כאַוועס האָט דערלאַנגט דאָס צווייטע געריכט. זי האָט צוגערוקט צו מאַקאַראָוון א שעלעכל מיט ראָזן שמעקעוודיקן כריין, וואָס זי האָט אינדערפרי אַליין אָנגעריבן:

— ביטע, ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש!

מאַקאַראָוו האָט א קוק געטאָן אַף כאַוועס, ווי ער וואָלט זי ערשט דערזען, און אַזוי לאַנג פארהאַלטן אַף איר זײַנע גלאַנציקע אויגן, ביז ס'האָט בא איר א ציטער געטאָן די האַנט און זי האָט פארגאָסן עטלעכע טראָפּנס כריין אַפן טישטעך.

— א דאַנק, — האָט געזאָגט מאַקאַראָוו מיט אַזאַ ערנסט, ווי ער וואָלט געהאַט אין זינען עפּעס מער, ווי דעם דערלאַנגטן כריין. אין צימער איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. אַלע האָבן גע־וואַרט, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגן.

דער גאַסט האָט אָבער מער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט זיך גענומען פארן צווייטן גע־ריכט. אָפּגעשניטן א קליין פּירקאַנטיק שטיקל פלייש, ארומגעלייגט עס אַפן גאָפּל מיט קאַר־טאָפל־פּיורע, געדולדיק ארומגעגלעט מיטן מעסער און באַצירט פון אויבן מיטן ראָזלעכן כריין.

באַם געזעגענען זיך האָט מאַקאַראָוו ווידער פארהאַלטן לענגער זײַן בליק אַף כאַוועס.

— נו? — האָט געפרעגט אוורעמל, ווען דער גאַסט איז אוועקגעגאַנגען.

— אַן אָפּגערעטע־גאַזלען, — האָט געזאָגט כאַוועס. — נעמט אײַן די וועלט מיט זײַנע לאַ־קירטע אויגן. אַן אויסגעפּוצטער, א נאָכגעגעבענער...

אוורעמל האָט זיך צעלאַכט מיט זײַן גוטמוטיקן שטילן געלעכטער:

— אַן אויסגעפּוצטער איז ער געווען אפילע אין וואַלד, ערן וואָרט. מיטן בערדל, ווי זשע דען... אָבער נאָכגעגעבן... — אוורעמל איז מיטאַמאָל אין קאַס געוואָרן: — איך האָב פײַנט, אַז מע רעדט, וואָס מע ווייסט ניט. וואָלסט אים געדאַרפט זען אין אַן ערדשטיבל, באַנאַכט, בא א קיילעוון ליכטל. איינעם אָפּגעריירט ער דעם קאָפּ, דעם צווייטן שנײַדט ער אויף דעם בויך. פרעג, צי האָט זיך מאַקאַראָוו ווען צוגעזעצט אַף א פור נאָך אַזאַ נאַכט, קאַלזמאַן וועך פון אונדז איז געגאַנגען צופוס.

אוורעמל האָט דערציילט און דערציילט. שפּעטער, אין מײַן פאַרצייכענונג, האָב איך זיך אָפּ אים פאַרופן, ווי אָפּ מאקאראָווס א שלאַכט־כּאַוועד, און טײַער פאַר דעם באַצאָלט. דאָס, וואָס איך האָב געהערט פון זאַלצמאַנען, איז פאַר אוורעמלען געווען א נײַס.

— מאקאראָוו רעדט קיינמאָל ניט וועגן זיך, — האָט ער געזאָגט. — איך ווייס וועגן אים נאָר דאָס, וואָס איך האָב געזען מיט די אייגענע אויגן. די פאָטאָגראַפיע פון זײַן ווײַב האָט ער מיר, עמעס, איינמאָל געוויזן. — אוורעמל האָט א קוק געטאָן אָפּ דער שוועסטער. — אוי, כּאַווע, — האָט ער זיך פאַרוווּנדערט, — דו ווייסט, זי האָט געהאַט א ביסל דײַן אָנבליק... כּאָטש א בלאָנדע, ווי עס זעט אויס אָפּ דער פאָטאָגראַפיע. דערפאַר האָט ער דאָס אַזוי געקוקט אָפּ דיר...

צי האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן דער שטילער, באַשיידענער אוורעמל, אַז דער באַזוך פון זײַן פרײַנט וועט אין יאָרן אַרום אָפּ אַן אומדערוואַרטן אויפן זיך אָפּרופן אפן גורל פון יעדערן פון אונדז, וואָס איז דערבײַ געווען?

6

אוורעמל איז אוועקגעפאָרן. דאָרטן, אין דער שטאָט אָפּ אוראַל, האָט ער אויך געאַרבעט אַלס מײַסטער אָפּ ניט קיין גרויסן ברויט־זאַוואָד. אין א קורצער צײַט אַרום האָט מען אים אַרויסגע־רוקט פאַר א דירעקטאָר. קיין העכערע בילדונג האָט אוורעמל ניט געהאַט. ער האָט שטענדיק געמוזט אונטערהאַלטן די מוטער און די ייִנגערע קינדער. פאַר דער מומע מאַלקע אָבער איז דאָס, וואָס ער איז געוואָרן דירעקטאָר, גאָר קיין כידעש ניט געווען.

— ווער מיט בילדונג און אוורעמל אָן בילדונג איז נאָך ניט גלײַך, — האָט זי געזאָגט. — אַז א מענטש האָט א ליכטיקן קאָפּ. וואָס דען, מיינט איר, איז אים בײַגעשטאַנען אין אַלע נויטן?

מאַקאַראָוון האָב איך נאָך אוורעמלס אָפּפאָר א צײַט ניט געזען. גיי איך איינמאָל אַהיים פון דער אַרבעט, ווינטער איז עס געווען, ערשט לעבן אונדזער גאַנעק שטייט כּאַווע מיט מאַקאַראָוון. מיט די רויטע פאַרפראָרענע הענט אָן הענטשקעס האָט כּאַווע געהאַלטן צוגעדריקט צו דער ברוסט, ווי עס וואָלט איר געדינט פאַר א פּאַנצער, איר רענצל, אָנגעשטאָפּט מיט שילערישע העפטן. עפּעס האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון צוגיין צו זיי, נאָר אָפּטרעטן איז שוין געווען שפּעט. מע וואָלט מיך באַמערקט. בין איך געבליבן שטיין ניט אַהין, ניט אַהער. מאַקאַראָוו האָט פּאַוואָלינקע אוועקגענומען כּאַוועס רעכטע האַנט פונעם רענצל, א ווײַלע ווי געוואַרעמט זי אין די אייגענע דלאָניעס, אויך אָן הענטשקעס, און דערנאָך צוגעטראָגן צו די ליפּן. כּאַווע האָט קינדעריש אומ־באַהאָלפן אונטערגעהאַלטן דאָס רענצל מיט דער לינקער האַנט. מיטאַמאָל האָט זי זיך א ריס געטאָן פון מאַקאַראָוון, שאַרף אויסגעדרייט זיך און פאַרשוווּנדן הינטער דער טיר. מאַקאַראָוו האָט לאַנגזאַם אַרופגעצויגן אָפּ די פינגער די לעדערנע הענטשקעס און געלאָזט זיך מיר אַנט־קעגן. ער האָט אָפּ מיר צעשטרייט א קוק געטאָן, ווײַזט אויס, ניט דערקענט אײַנעם ווינטער־אָנטאָן און א פאַרטראַכטער אוועק ווײַטער.

איך האָב א ביסל אָפּגעוואַרט אין דרויסן און אַרײַן אין שטוב. די מומע מאַלקע איז געזעסן באַקוועם אײַנגעמאָסטעט אָפּ דער ווייכער סאָפּקע בײַ דער וואַנט און געשטריקט א קאָפּטל. יענע יאָרן איז זי שוין אָפּ דער אַרבעט ניט געגאַנגען. אָפּגעפּאַרטיקט זיך פאַרפרי מיט דער באַלעבאַ־טישקײַט, פלעגט זי זיך נעמען עפּעס נייען אָדער שטריקן. די הענט, וואָס האָבן געלאָזן געטאָן זייער זאַך, האָבן ווי גערעדט: „מיר האָבן זיך ניט וואָס צו אײַלן. מיר געניסן די פאַרדינטע רו פון דער עלטער. אַלע שטורעמס זײַנען פאַריבער. אַלדאָסבייז איז פאַרבײַ”. כּאַווע האָט שוין באַוויזן אַרויסצולייגן די העפטן אָפּ איר טישל. דערבײַ איז געלעגן דאָס רענצל מיט אַן אָפּגעריסן הענטל.

— א, לייקע, כ'האָב טאַקע אָפּ דיר געוואַרט, — האָט מיט אַן אומנאַטירלעכער פריילעכ־קײַט געוווּנדעט זיך צו מיר כּאַווע. — קוק זיך גוט אין מיר אײַן. ס'איז אַן עמעס, אַז איך בין ענלעך אָפּ א גאָטס־מוטער? וואַרט, וואַרט, מיט אַן אויסרייד, גאָטס־מוטער נאָך דער קרייצונג פון יעזוסן. אַזוי האָט מיר הײַנט געזאָגט איינער א מענטש...

— א מאָדנער אײַנפאַל! — האָט א שמייכל געטאָן די מומע מאַלקע. זי האָט זיך אָפּגעהאַקט און פון אונטער די ברילן געוואָרפן א פאָרשערישן בליק אָפּ דער טאָכטער. — וואָס מיינסטו, כּאַוועלע, מע דאַרף טאַקע ניט זײַן אַזוי פאַרומערט. די וועלט איז נאָך ניט אונטערגעגאַנגען.

— וואָס רעדסטו, מאַמע, דאָס זע איך נאָר אויס, ווי א גאָטס־מוטער, אָבער פאַרומערט... — און אָן קיין שום איבערגאַנג: — אַליקן וואָלט איך גענומען אַהער. בײַ אונדז וועט ער ניט זײַן קיין איבעריקער.

אַליק איז דער מומע מאַלקעס ייִנגסט אייניקל, דעם אומגעקומענעם וועלוולס איינציק קינד.

כאַוועס וואַרטער, זע איך, פֿאַרשאָפֿן דער מומע מאַלקע צאַר. איר פֿאָנעם ווערט פֿאַר־טונקלט.

— ער האָט אַ מאַמע! — זאָגט זי אַנטשלאָסן. — איר איז ער אויך ניט איבעריק.

— דאָס וועלן מיר נאָך זען...

די מומע מאַלקע הייבט זיך אויף, פֿאָרעט זיך אַ רעגע אין טיש־קעסטל און נעמט אַרויס פֿון דאָרט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע.

— לייעלע, טו אַ קוק, ס'אַראַ טײַער קינד דאָס איז. פּונקט וועלוול, ס'זאָל פֿעלן אַ האָר.

אַ ייִנגעלע פֿון אַ יאָר זעקס מיט לאַנגע ווײַסע איבער די ייִדישלעך־פֿאַרטרוימטע אויגן. די לינקע ברעם עטוואָס אונטערגעהויבן. דאָס פּענעמל מאַכט אַן אײַנדרוק פֿון עפּעס שאַרפֿס, פֿלינקס. איך קוק, און מיר דוכט זיך, אַז טאַקע אָט דאָס דאָזיקע ייִנגעלע האָט עס מיט יאָרן צוריק אין אַ מעכײַעדיקן פֿרילינג־טאָג פֿאַרלייגט אַף אַהינטער די הענט און, אונטערשפּרינגענדיק אַף איין פֿיסל, הילכיק אויסגעשריִען: „אים צי גרוד?“.

די מומע מאַלקע באַהאַלט די פֿאָטאָגראַפֿיע צוריק אין בײַטל:

— איך האָב צו ליובען גאָרנישט. אַ יונגע פֿרוי... זאָל נאָר זײַן מיט גליק... זי האָט עס קאָשער פֿאַרדינט.

—און טאָמער... — זאָגט כאַווע מיט ווײַס געוואָרענע ליפּן. — און טאָמער, ס'איז אַ טאָעס און ער קערט זיך אום... ווי איז דאַן? אָט האָט זיך דאָך אוורעמל אומגעקערט, — רײַסט זיך בא איר אַרויס קימאַט ווי אַ געשריי.

7

און איצט איז סאָף דעקאַבער 1952. דער מומע מאַלקעס זון, איר בכאָר מיטן ליכטיקן קאָפּ, איז ווידער ווי אין וואַסער אַרײַן, ווי מילכאָמע־צײַט.

דווירע, אוורעמלס ווײַב, האָט מודיִע געווען דער מומע מאַלקע, אַז ער זיצט שוין צוויי כאָדאָשים. פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען קאָן זי ניט דערגיין. ווו ער געפֿינט זיך, ווייסט זי אויך ניט.

דרײַ טעג האָט די מומע מאַלקע מיט קיינעם ניט גערעדט און ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון שטוב... אינדערפֿרי פֿלעגט זי, ווי געוויינלעך, אופֿהייבן זיך פֿריִער פֿון אַלעמען, אוועק־שטעלן אופֿזידן טיי. דערנאָך אַראָפּלאָזן זיך אַף אַ בענקל, ווו עס האָט זיך געמאַכט, און אַזוי שוין

אָפּזיצן שאָענוויַיז, די הענט אַף די קני, און טראַכטן און טראַכטן. אַפן פערטן טאָג האָט די מומע מאַלקע נאָך פרישטיק גענומען איבעראַנייַיס זיך וואַשן. זי האָט געזייפט דאָס פּאָנעם, דעם האַלדז, די הענט, געגאָסן און געגאָסן אַף זיך קאַלטע וואַסער. אַן אָפּגעפרישטע, דאָס פּאָנעם פאַרויטלט, האָט זי אָנגעטאָן דעם ווינטער־מאַנטל, ארופגעכאַפּט אַפן קאָפּ דאָס וואָלענע טיכל און מיט איר עטוואָס אונטערגעהויבענעם לינקן אַקסל א קער געטאָן זיך צו דער טיר.

— וווּהין? — האָב איך געפרעגט.

— נאָך א בילעט. וואָס איז דאָס, הפקר א וועלט? נישקאָשע, אין מאָסקווע וועל איך דערגיין דעם עמעס.

איך האָב געוווּסט, אַז אויב די מומע מאַלקע האָט עפּעס אָפּגעמאַכט צו טאָן, איז אָפּריידן זי ניט שייַעך. האָב איך פאַרגעלייגט:

— מומינקע, אויב איר ווילט, וועל איך צוגיין צו מאַקאַראָוון. עפשער וועט ער אייַך מיט־געבן א בריוו. ווער־ווער, נאָר ער האָט וואָס צו דערציילן וועגן אוורעמלען...

די מומע מאַלקע האָט זיך א ווייַלע געוואַקלט.

— ניין, — האָט זי געזאָגט. — מע דאַרף ניט. האַלעמייַ זאָל איך שטעלן א מענטשן פאַר אזא ניסאָיען? שרייַב דו בעסער אָן א מעלדונג אין מייַן נאָמען.

ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן שפּעטער, איז צו מאַקאַראָוון דער געדאַנק וועגן א בריוו געקו־מען פריִער, ווי צו מיר. דעם זעלבן טאָג, וואָס ער האָט געהאַט דעם געשפּרעך מיטן רעדאַקטאָר פון דער צייַטונג, האָט ער אָנגעשריבן וועגן אוורעמלען אין מ.ג.ב. ס'וואָלט געווען גלייַכער פאַר ביידן, ווען ער טוט עס ניט...

איך פאַרבייַט די מומע מאַלקע. איך אַרבעט ניט, בין איך איצט באַלעבאָסטע אין שטוב. פון צוועלף יאָר אָן עס איך מייַן אייגן ברויט. זינט איך געדענק זיך, איז מיר דער טאָג געווען קאַרג. איך האָב זיך נאָכאַנאַנד געיאָגט נאָך צייַט. איצט זייַנען אוועק אזעלכע נודנע, קלעפּיקע טעג. זיי האָבן פאַר מיר געהאַט ניט קיין גרעסערן ווערט, ווי די בלעטלעך פון קאַלענדאַר. הייַנט — א בלעטל, מאָרגן — א בלעטל... וואַרט, ווי לאַנג זיץ איך אין שטוב? ווייַזט זיך ארויס, נאָך קיין דרייַ וואָכן ניט...

אין איינעם א טאָג איז אין די צייַטונגען, אין דער אָפּטיילונג פון „כראָניק", געמאָלדן גע־וואָרן וועגן דעם „ארעסט פון א גרופּע דאָקטוירים שעדיקער". אַף מאָרגן צו צען אינדערפרי האָט מען מיך ארויסגערופן אין מ.ג.ב.

דער אויספאָרשער, א וווּקסיקער, קרעפּטיקער יונגערמאַן, האָט מיך העפלעך געבעטן זיצן. ער האָט אַפילע געוואָלט העלפן מיר אויסטאָן דעם מאַנטל. „א דאַנק, — האָב איך געזאָגט, — ס'איז מיר ניט הייס" און אראָפּגעלאָזט זיך אַפן שטול, אַן אייַנגעהילטע אינעם ווינטער־מאַנטל מיטן אופגעשטעלטן קאָלנער, מיטן פוטערנעם היטעלע אַפן קאָפּ. אזוי האָט זיך מיר געוואָלט. אהער, הייסט עס, בין איך געקומען אַף א ווייַלע, צוגעזעצט זיך, און באַלד גיי איך אוועק.

מיסטאמע, אויב עס האָט מיך ארויסגערופן אַן אויספאָרשער, וויל ער זיך פון מיר דערוויסן עפּעס אזוינס, וואָס אים איז ניט באַוווּסט. און עפשער דאַרפן מייַנע באַווייַזן באַשטעטיקן דאָס, וואָס דער אויספאָרשונג האָט זיך שוין אייַנגעגעבן פעסטצושטעלן. דער אויספאָרשער אליין האָט דאָך מיר געזאָגט בעפיירעש:

— מיר לייגן אַף אייַך גרויסע האָפענונגען, כאַווערטע פייַנבערג. איר דאַרפט אונדז העלפן אויסקלאָרן איינעם זייער א וויכטיקן איניען.

עס האָבן זיך א שאָט געטאָן פראַגעס. איך האָב געענטפערט. נאָר וואָס ווייַטער, האָב איך אַלץ מער געפילט, אַז מייַנע ענטפערס פאַלן אין א פוסטן כאַלאַל. זיי האָבן דאָ אין צימער לאַכ־לוטן קיינעם ניט אינטערעסירט. קיינער האָט דאָ גאָרנישט ניט געוואָלט אויסקלאָרן. איך האָב געפילט בעכוש, אַז דער אויספאָרשער נודעט זיך. ס'איז אים לאַנגווייַליק. פויל, מיט א פאַרבלאָזער שטים האָט ער פאַרגעבן אַלץ איינע און די זעלבע פראַגעס, און מיר איז געבליבן נאָר איבערצו־כאַזערן: „ניין. כ'האָב ניט געזען. כ'האָב ניט געהערט. אזוינס איז ניט געווען".

אין גאַנג פון פאַרהער האָט דער אויספאָרשער עטלעכע מאָל געזאָגט:

— און מיר האָבן געהאָפט, אַז איר וועט אונדז באַהילפיק זייַן. מיר זייַנען אין אייַך אַנטוישט.

זייַן אומצופרידנקייַט איז געווען א גערעכטע. איך, פאַרקערט, האָב ניט געהאַט אַף וואָס צו באַקלאָגן זיך. איך האָב זיך דאַפקע פון דעם אויספאָרשער דערוווּסט זייער פיל. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דער פּראָפעסאָר מאַקאַראָוו איז געווען פאַרבונדן מיט דער גרופּע דאָקטוירים טעראָריסטן. אַז אין געטאָ האָט ער אויך געסאַמט מענטשן, ווייַל וואָס האָט ער געהאַט צו טאָן דער ניט־ייִד מאַקאַראָוו אין געטאָ, אויב ניט אויספילן שליכעסן פון די דייַטשן? איך האָב זיך אויך דערוווּסט, אַז די ערדשטיבלעך — לאַזאַרעטן האָבן געדינט מאַקאַראָוון אַף צו סאַמען די פאַר־

װונדעטע, פונקט װי די פּאַרטיזאַנישע בעקערײַען האָבן געדינט גאָרעליקן אַף צו סאַמען דאָס ברויט פאַר די געזונטע. ביידע האָבן זיך שוין מוידע געװען, אַז אַזוי איז געװען צװישן זיי אײַנגעטיילט די אַרבעט. זיי האָבן ביידע מעלוכישע אויסצייכענונגען? דאָס איז װערט אַ שפּײַ. ניט די סאָװעטישע מעלוכע האָט זיי געקרוינט פאַר העלדן, נאָר איך, לייע פּײַנבערג. דער אויספּאַרשער האַלט מיך פאַר אַן אָרנטלעכן מענטש, װאָס איז מיעס אָפּגענאַרט געװאָרן. דעריבער האָפט ער, אַז איך װעל ניט אָפּלייקענען דאָס, װאָס איך האָב געזען מיט די אייגענע אויגן. און געזען האָב איך אַ קליין מעטאַלן, הערמעטיש פאַרמאַכט פּושקעלע, װאָס מאַקאַראָװ האָט בא מײַן מומען אין שטוב איבערגעגעבן גאָרעליקן.

דאָס פּושקעלע איז געװען דעם אויספאָרשערס קאָזער. צוליב דעם האָט ער מיך, װײַזט אויס, אַרויסגערופן. פון מיר האָט זיך געפאָדערט איין קלייניקײַט — איך זאָל פאַרװאַנדלען דאָס מיסטישע פּושקעלע אין אַ מאַמאָשעס, װאָס לאָזט זיך זען און אָנטאַפּן. און װאָס, אייגנטלעך, האָט געזאָלט אַנטהאַלטן דאָס פּושקעלע — באַקטעריעס, סאַם, אַ גיפטיקן גאַז?

דער אויספאָרשער איז אַװעק, מינאַסטאַם, עסן מיטיק, אָפּרוען. אים האָט פאַרביטן אַ שװײַגנדיקער פאַרשוין. דער אויספאָרשער האָט זיך אומגעקערט, און... װידער דאָס זעלבע.

איך בין נאָך אַלץ געזעסן אין מאַנטל מיטן אופגעשטעלטן קאָלנער, אין דעם פּוטערנעם היטעלע אַפן קאָפּ. מיטאָמאָל האָב איך דערפילט, אַז עס שטעכט מיר אונטער די נעגל, װי עס טרעפט אַמאָל אַפן פראָסט. איבער דער פּלייצע איז מיר דורכגעגאַנגען אַ קעלט. אַנטקעגן מיר איז געזעסן אַ יונגער מענטש, װאָס װען איך טרעף אים אַף דער גאַס, לעמאָשל, װאָלט זײַן ברייט פּאָנעם מיט די בוילעטע מאָנגאָלישע קינבאַקן געװיס אויסגעזען מיר סימפּאַטיש. און דאָ האָט ער פּויל, אָן אינטערעס, געשפּילט זיך מיט מאַקאַראָװס לעבן, מיט גאָרעליקס, מיט מײַנס. אונדזער אַלעמענס גוירל האָט ער געהאַלטן פאַרשלאָסן אין אַ מעטאַלן פּושקעלע, אַ פּראָדוקט פון זײַן שאַפלדיקער פאַנטאַזיע.

װאָס װײַטער, האָב איך אַלץ װייניקער פאַרשטאַנען, װער בין איך דאָ, אָן איידעס, צי אָן אָנגעקלאָגטע. נאָר אָט האָט דער אויספאָרשער זיך אופגעהויבן, געעפנט די טיר און דורכגעלאָזט מיך פאָרויס. מיר זײַנען אַרײַן אין אַ צװייטן צימער, קעדיי אונטערצושרײַבן מײַן דורכלאָז־שײַן. צװישן מײַן אויספאָרשער און דעם, װאָס עס האָט דאָס געזאָלט טאָן, איז אַװעק אַן אַמפּערײַ. פונעם אויספאָרשער איז װי מיט דער האַנט אַראָפּגענומען געװאָרן זײַן פלעגמאַטישקײַט. מיט צערייצטע פּענעמער האָבן ביידע געטיטשעט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן זייערע אַלציינע האַנט־זייגערס און ניט געקאָנט קומען צו קיין אויסגלײַך. צו מיר איז ענדלעך דערגאַנגען, אַז דער אויספאָרשער האָט מיך אָפּגעלאָזט פאַר דער צײַט, אַף זיבן מינוט פריִער.

אין דרויסן האָבן שוין געבערנט די לאַמטערנס. װען בין איך עס אַרויס פון טראַמװײַ? אָט ערשט, דאַכט זיך, האָב איך זיך געהאַלטן פאַרן רימענדל, װאָס הענגט אַראָפּ פון סופיט. עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ. איך בין זייער מיד. אַפן ראָג פון אונדזער געסל שטייט אַ טעלעפאָנבײַדל. עפּעס האָב איך דאָ צו טאָן. איך קוק זיך אַרום אין אַלע זײַטן, צי גייט מען מיר ניט נאָך. „װײ־װײ, לייקע, איטשע דעם שטעפערס טאָכטער, װער ביסטו איצט, פאַר װעמען שרעקסטו זיך?" איך גיי אַרײַן אין בײַדל.

— פאַרשרײַבט מיך, זײַט אַזוי גוט, צום פּראָפעסאָר מאַקאַראָװ.

— ער פּערזענלעך האָט אײַך אָפּערירט? — פרעגט מיך אַ פרויען־שטים.

— יאָ... ער...

— קלינגט מאָרגן פון נײַן ביז צװעלף.

איז גוט... און איצט — אַהיים. דאָרטן האָט מען שוין װעגן מיר איבערגעטראַכט װער װייסט װאָס. מיטאָמאָל כאַפּט מיך אַרום אַ פרייד. איך שעם זיך פאַר זיך אַליין, נאָר איך קאָן מיט זיך גאָרנישט מאַכן. די פיס טראָגן מיך, און דאָס האַרץ פרייט זיך: „איך גיי אַהיים. איך בין פרײַ. עס האָט מיך אויסגעמיטן... איך גיי אַהיים".

בײַעלע איז צוגעפאַלן צו מיר, ניט אָפּצורײַסן. מיר זײַנען געשטאַנען פעסט אַרומגענומען. און אַפן האַלדז האָבן מיר געקאַפּעט װאַרעמע טראָפּנס.

— גענוג, בײַעלע, — האָב איך געזאָגט. — לאָז מיך אויסטאָן דעם מאַנטל. אַ מאַסע דאָס איז. און איצטער אַ גלאָז הייסע טיי, גיכער, בײַעלע...

8

דרײַ װאָכן איז די מומע מאַלקע אָפּגעזעסן בא אירער אַ קרויװע אין מאָסקװע און האָט אויסגעפירט אירס. זי איז צוגעקומען צו דעם כאָשעװון מענטשן, װעלכן זי איז געװוינט געװען צו אַכטן נאָך פון יענע יאָרן, װען זי האָט אַראָפּגענומען דאָס שײַטל פון קאָפּ און איז אַװעק אין ליקבעז.

— דערשלאָגן זיך, ווי דען? ער האָט מיר צוגעזאָגט פאַנאַנדערקלײַבן זיך, — האָט האָפּער־דיק דערציילט די מומע מאלקע. — איך בין פונקט אַרײַנגעפאלן צו זייער א ווילן יונגנמאַן. איר מיינט, דאָרטן איז איין סעקרעטאַר? נאָר דער יונגערמאַן איז גראָד א גאָלד, האָט ער מיך וועגן אלץ אויסגעפרעגט און צוגעלאָזט.

די האָפּערדיקײַט האָט דאָס מאָל בא דער מומע מאלקע ניט לאַנג אָנגעהאלטן. אָף איר פּאָנעם האָט זיך באוויזן אן אויסדרוק פון פארלאָרנקײַט.

— כ'האָב געמיינט, אן אלטער מאַן... — האָט זי איינמאָל אויסגערעדט דאָס הארץ פאר מיר און פאר כאוועץ. — ער איז דאָך מיט מיר קימאַט אין איינע יאָרן... „צוויי זין, — זאָג איך, — האָב איך פארלאָרן אָף דער מילכאָמע. דאָס איז מײַן איינציק געבליבענער“. כּײַ וואָלט ער כאָטש אַרײַנקוקן אין מײַן בריוו. אפן טיש איז ער געלעגן, פאר זײַנע אויגן. דער יונגערמאַן האָט אים, ווײַזט אויס, אהין אַרײַנגעטראָגן. „איך קאָן אײַך גאָרנישט זאָגן, בירגערן גאָרעליק, מע וועט זיך פאַנאַנדערקלײַבן“. און די סעקרעטאַרשע רופט שוין אן אנדערן. איז וואָס טויג מיר די גאַנצע מײַסע מיטן פארשרײַבן זיך, מיטן אופנאַם, אז איך זע, קיינעם אַרט ניט מײַן אומגליק? „בירגערן גאָרעליק“... ווען מע האָט אונדז גערופן „כאווײרים און כאוועירטעס“, האָט מען ניט געהערט פון אזעלכע נעוואָלעס. פארזעצן א מענטשן, וואָס האָט געקראָגן אן אָרדען פאר שלאָגן דעם דײַטש... „מע וועט זיך פאַנאַנדערקלײַבן...“ ס'איז אים גרינג צו זאָגן...

— נו, וואָס זאָל מען טאָן, מאַמינקע, מע דארף א ביסל צוווארטן, — האָט כאווע זיך גע־מיט צו באַרויִקן די מוטער. — דו ביסט ניט איינע.

— אוואַדע ניט איינע, — האָט צוגעשטימט די מומע מאלקע. — כ'האָב זיך דאָרטן גענוג אָנגעזען. געמעגט זײַן ווייניקער. — זי האָט זיך א ווײַלע פארטראַכט. — כ'וואָלט וועלן וויסן איין זאַך — סטאַלין האָט עפּעס א יעדיִע פון דעם, וואָס עס טוט זיך? די בריוו, וואָס מע שרײַבט אים, לייענט ער כאָטש? צי ס'איז באָג וויסאָקאָ, פאַן דאַליאָקאָ?[1]

בעטעווע א קאַרגע אין רייד, האָט די מומע מאלקע איצט גערעדט און גערעדט.

— אזא ריינע נעשאָמע, ווי אוורעמל איז... קיינמאָל ניט געמאַכט קיין ווען פון זיך... ער זאָל זײַן א גאַנעוו, א גאַזלען, וואָלט מען דאָך אויך געמעגט וויסן, ווו ער איז.

אזוי האָט געטײַנעט די מומע מאלקע, ביז אין איינעם א פארנאַכט האָבן מיר זי געטראָפן פאַרטאָן אין קלעפּן קאָנווערטן. אפן טיש איז שוין געלעגן א גאַנצער באַרג.

כאווע איז געוועזן אויסער זיך:

— א שפּאָגל־נײַע אַרבעט אויסגעזוכט... א מענטש זאָל א רעגע ניט קאָנען זיצן רויִק.

— אָט זיך איך דאָך, — האָט געענטפערט די מומע מאלקע. — ס'איז א גרויסע טירכע א שמיר טאָן מיטן פּענדזל? אוורעמל וועט זיך אָפּרופן, דארף מען אים דאָך מיט עפּעס קומען צוהילף.

זינט די מומע מאלקע האָט געפונען פאר זיך א באַשעפטיקונג, האָט זי אופגעהערט צו טײַנען. אין די אָוונטן העלפן מיר איר אלע קלעפּן קאָנווערטן. אפילו מײַקעס און בײַעלעס כאַ־ווערטעס, כאָטש זיי וייסן ניט וואָס און ווען. אָט אזוי, מע רעדט, מע לאכט און מע קלעפּט קאָנווערטן. די מומע מאלקע, ניט אָפּרײַסנדיק זיך פון דער אַרבעט, הערט זיך צו צו די רייד פון דער יוגנט, און א שמייכל גיט אָפּט א ריר אירע ליפּן.

אין איינעם אזא אָוונט איז אַרײַנגעקומען זאַלצמאַן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט צו מיר מיטן פּראָפיל און אַרײַנגעקוקט דורך דער אָפענער טיר אינעם פאָדערשטן צימער, ווו די מומע מאלקע, מײַקע און בײַעלע האָבן געקלעפּט די קאָנווערטן. א שארפער פּראָפיל בא זאַלצמאַנען, אזעלכע טיף אײַנגעפאלענע באַקן...

— פּייסאַך, וואָס איז? — פרעג איך.

— גאָרנישט, — ענטפערט מיר דער פּראָפיל. — וואָס זאָל זײַן?

איך זע, אים ווילט זיך ניט ריידן. זיצן מיר שווײַגנדיק און קוקן דורך דער אָפענער טיר. מײַקע מיט בײַעלען טוען דאָרט מײַסים. זייערע דינע פינגער רירן זיך ווי צו גאָרנישט ניט צו, און עס פליִען און פליִען פון זיי קאָנווערטן. בא דער מומע מאלקע, פארקערט, זעט זיך בוילעט, וויִאזוי זי שמירט, פארבייגט די עקן, פארקלעפּט. עס אַרבעט די גאַנצע דלאָניע מיט די קנופּן בא די פינגער־ביינדלעך.

— ווי געשמאַק מע אַרבעט דאָס, — זאָגט צו מיר שטיל זאַלצמאַן. — אָף אונדזער אינ־סטיטוט געזאָגט געוואָרן.

— א, האָסט זיך שוין ווידער צעבוצקעט מיטן דירעקטאָר?

— וואָס, דו זעסט א בײַל אָף מײַן שטערן?

---

[1] גאָט איז הויך, דער פּאָרעץ איז ווײַט.

— אוודע זע איך. פייסאך, דו ארבעטסט נאָך אַלץ אין די נעכט? ביסט לעצטנס אראָפּ פון פּאָנעם.

— אמינא זאָגט אויך דאָס זעלבע, נאָר וואָס זאָל איך טאָן? באַטאָג האַלט מיך מײַן דירעק־טאָר פאר די פּאָלעס, איך זאָל, כאַלילע, ניט אופטאָן עפּעס רעכטס. ער האָט מוירע, איך זאָל ניט ארײַנפאלן אין זומפּ פון אידעאַליזם.

— פּייסאך איליטש, — רופט זיך אָפּ פונעם פאָדערשטן צימער מײַקע, — קומט צו אונדז. מיר ווילן אויך הערן, וואָס איר דערציילט.

— פּייסאך איליטש, — בעט זיך בײַלע. — לייענט אונדז עפּעס.

אונדזערעביידע מיידלעך זײַנען פארליבט אין זאלצמאַנען. ער קען זיי שיר ניט פון דער וויג און גיט זיי אַלץ נאָך. דערציילן — איז דערציילן. לייענען — איז לייענען.

— פראָזע ווילט איר הערן? — פרעגט ער. — הײַנט וועל איך אײַך לייענען א שטיקעלע פּראָזע.

— אָף אויסווייניק? — וווּנדערט זיך מײַקע.

— אָף אויסווייניק. ווײַל די פּראָזע איז דיכטונג.

זאלצמאַן זיצט שוין אין פאָדערשטן צימער, ווי געוויינלעך, עטוואָס אײַנגעהויקערט דעם צו לאַנגן גוף. אָפן שטערן פאַלט א היפּשע פּאַטלע גרויליכע האָר. ער הייבט אָן שטיל: „איך טרויער איבער די בינען. זיי זײַנען פארניכטעט פון די פּײַנטלעכע ארמייען. אָף וואַלין איז ניטאָ מער קיין בינען".

אַלעמען אין צימער באַהערשט א שטילקײַט. די מומע מאַלקע זיצט פּאַרטראַכט. מײַקע האָט ארומגענומען זיך אַליין מיט די דינע לאַנגע הענט. בײַלעס הערט מיט עטוואָס צעעפנטע ליפּן. אירע פינגער דריבלען דעם דיקן שווארצן צאָפּ אָף דער ברוסט.

„מיר האָבן פארשוועכט די בינשטאָקן, — לייענט זאלצמאַן. — מיר האָבן זיי אויסגעראָטן מיט שוועבל און אופגעריסן מיט פּולווער. טשאַדענדיקע שמאַטעס האָבן פארשטונקען די הייליקע בינען־רעפּובליקן"...

— אוי, ווי גוט, — האָט אָפּגעזיפצט בײַלע. — כ'האָב קיינמאָל ניט געהערט פון אזא שרײַבער. מאָרגן וועל איך נעמען אין ביבליאָטעק...

— אין ביבליאָטעק? מע דאַרף ניט. קום בעסער ארײַן צו מיר, וועל איך דיר געבן. — זאלצמאַן רעדט שוין ווידער אין פּראָפיל. — נו, צײַט צו גיין.

איך באַגלייט אים. אין קיך בלײַבן מיר שטיין.

— וואָס איז, פּייסאך?

— מאָרגן האָט דער פּראָפעסאָר מאַקאַראָוו געזאָלט אָפּערירן א זעקסיאָריק מיידעלע. זײַן ערשטע האַרץ־אָפּעראַציע. ער האָט זיך לאַנג צו דעם געגרייט...

איך האָב אופגעציטערט:

— געזאָלט?..

— יאָ, לייע, מע האָט צוגענומען מאַקאַראָוון.

9

„ווער האָט ארײַנגעלייגט דעם סקאַלפּעל אין דער האַנט פונעם מערדער אין ווײַסן כאַלאַט, דעם „פּראָפעסאָר" מאַקאַראָוו? וויאַזוי האָט זיך אײַנגעגעבן א פארשוין מיט אזא פארדעכטיקער ביאָגראַפיע ווערן אָן אָנפירער פון א באַדײַטנדיקער קליניק?" — מיט אַזעלכע און ענלעכע פראַגעס איז געווען אָנגעשפּיקעוועט דאָס היפּשע ארטיקל אין צײַטונג, געכאַסמעט — וו. טשערנוכין.

מיטן פולן נאָמען, הייסט עס... דאָ גאָר ניט לאַנג האָט טשערנוכין אָנגענומען זיך מאַקאַ־ראָווס קריוודע, האַלעמײַ שטעלט מען דעם באַרימטן פּראָפעסאָר אָף איין ברעט מיט עפּעס אַן אַבראַם גאָרעליק. איצטער אינטערעסירט אים עפּעס אַנדערש. איצטער דאַרף ער באַווײַזן דער וועלט, אַז ער, טשערנוכין, געהערט ניט צו די גוטמוטיקע יאָלדן, וועלכע לאָזן זיך פירן אין באָד ארײַן פון פארשוינען מיט „פארדעכטיקע ביאָגראַפיעס".

גיין זוכן ארבעט האָב איך אין יענעם טאָג זיך געפילט ניט בעקויעך. ערשט נעכטן האָב איך זיך אָנגעבאָטן אין צוויי ערטער — אין א ביבליאָטעק און אָף א שוך־פאַבריק. האָט מען אין דער ביבליאָטעק געפאָדערט באַ מיר אַן אַנטשפּרעכיקן דיפּלאָם, און אָף דער שוך־פאַבריק איז דעם פארוואַלטער פון קאַדרען־אָפּטייל געווען קאַשע, האַלעמײַ א מענטש מיט העכערער בילדונג וויל פּלוצלינג ווערן אַן ארבעטער. ניין, הײַנט מוז איך א טאָג פארברענגען אין שטוב. איך וועל גאָר־נישט ניט טאָן. אפילע ניט לייענען. אפילע ניט טראַכטן. איך האָב א דריי געטאָן דעם שליסל אין

טיר. איך האָב זיך נאָך קיינמאָל ניט פאַרשפּאַרט פון דער מומע מאַלקע, נאָר היינט קאָן איך ניט, איך וויל ניט, זי זאָל מיך פרעגן, פאַרוואָס איך ליג.

בין איך געלעגן אין בעט, געדרעמלט — ניט געדרעמלט, און אָט אַזוי, אין האַלבן דרעמל, האָט זיך אין מויעך אויסגעפּיקט אַ באַשלוס: מע דאַרף ערגעץ פאָרן. דאָ וועל איך קיין אַרבעט ניט קריגן. צופיל מענטשן קענען מיך דאָ. ביילעגן וועל איך איבערלאָזן בא דער מומע מאַלקע, ביז זי וועט ענדיקן דעם אינסטיטוט. זי לערנט זיך גוט. באַקומט אַ געהעכערטע סטיפּענדיע. וועט איר דערוויל קלעקן. אויב אַזוי, איז גענוג צו וואַלגערן זיך אין בעט. איך האָב געשטעלט וואַרעמען וואַסער, געוואַשן וואַסער, גענומען וואַשן וועש — מיינס און ביילעס. ווען איך האָב געענדיקט, איז שוין אין דרויסן געווען פינצטער. האָב איך דאָס וועש צונויפגעלייגט אין מולטער און פאַרגאָסן מיט קאַלט וואַסער, קעדיי אינדערפרי אַרויסצוהענגען עס טריקענען אַפן פראָסט. בא דעם האָט מיך געטראָפן זאַלצמאַן. ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַף אַ רעגע נאָך דער אַרבעט אָנזאָגן מיר, אַז אין פאַרלאַג פון טעכנישער ליטעראַטור פאָדערט זיך אַ קאָרעקטאָר.

— פּייסאַך, האָסט געלייענט די היינטיקע צייטונג?

— נו, איז וואָס? דער דירעקטאָר איז זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש. גיי גלייך צו אים.

— בא דיר, פּייסאַך, זיינען אַלע אָנשטענדיקע.

— דאָסראָוו מענטשן, לייע, זיינען מענטשן. מעגסט גלייבן מיין דערפאַרונג.

מיר זיינען ביידע געשטאַנען. זאַלצמאַן האָט געקוקט אַף מיר פון אויבן אַראָפּ מיט זיינע קלוגע גוטע אויגן. איך האָב אַרויסגערוקט מיין לעצטן אַרגומענט:

— איך פאַרשטיי דאָך אָבער גאָרנישט אין טעכניק.

— דאָס זאָל דיך ניט קימערן. עס זיינען דאָ טאַבעלעס, ווערטערביכער... אין דעם פאַרלאַג וועסטו זיין אַ גאָט, ניט קיין קאָרעקטאָר. שרייבן, ווי דו ווייסט, איז ניט פון די גרינגע מעלאָכעס. די לעצטע יאָרן האָבן זיך אָבער באַוויזן געלערנטע פון אַזאַ מין, וואָס האָבן ניט קיין צייט דערצו. זיי איילן זיך צו באַקומען די סטאַלין־פּרעמיע. וועסטו פאַר זיי שרייבן, און זיי וועלן דיר נאָך זאָגן אַ דאַנק.

איך האָב געפאָלגט זאַלצמאַנען. אַף מאָרגן האָט מיך אופגענומען אין זיין קאַבינעט אַ פעטט־געבויטער מענטש מיט אַ שווערן קוואַדראַטן פּאָנעם. „אַזעלכע האָבן ליב צו זאָגן „ניין", — האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

איך האָב באַשלאָסן אַרויסצולייגן אַלץ אַפן טעלער:

— מיין פאַמיליע איז פיינבערג. אַלס קאָרעקטאָר האָב איך געאַרבעט פינף יאָר, נאָר שוין זייער לאַנג. אין טעכניק האָב איך קיין אַנונג ניט. לעצטנס האָב איך פאַרוואַלטעט אין אַ צייטונג מיטן קולטור־אָפּטייל. פון דער אַרבעט האָט מען מיך אַראָפּגענומען. אויב נאָך דעם אַלעמען, וואָס איך האָב אייך געזאָגט, קאָנט איר מיך אָנעמען פאַר אַ קאָרעקטאָר, וועל איך זיך באַמיִען ניט צו בלייבן הינטערשטעליק.

דער דירעקטאָר האָט בייסמייסע געבלעטערט מיין אַרבעטס־ביכל:

— דאָ איז אָנגעוויזן, אַז איר זייט אַוועק פון דער אַרבעט לויטן אייגענעם פאַרלאַנג.

— עס רעדט זיך נאָר אַזוי.

— איך גלייב דעם געשריבענעם.

—איר האָט אַוודע ניט געלייגט קיין אַכט... וועגן מיר איז געווען אַ נאָטיץ אין דער צייטונג...

— איך געדענק אַזאַ נאָטיץ, געלייענט, און אייך האָב איך אויך געלייענט. ניט איין מאָל. לאָזט איבער די דאָקומענטן. מאָרגן קאָנט איר אַרויס אַף דער אַרבעט.

אין דער היים האָב איך געטראָפן אַזאַ בילד: כאַווע האָט צונויפגעלייגט אין אַ שטרויענעם קוישל עסנוואַרג — צוויי ווייסע בולקעס, אַ שטיק געראויכערטן וווּרשט, אַ לימענע... די מומע מאַלקע האָט שווייגנדיק נאָכגעקוקט איר יעדן ריר. ס'האָט מיר אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרץ: „ווּורעמל האָט זיך אָפּגעצוכט... אַ פּאָסילקע..." כ'האָב אָבער דערפילט לויט דער מומע מאַלקעס צוריקגעהאַלטנקייט, אַז ס'איז ניט דאָס. כאַווע האָט אַרויסגענומען פון טיש־קעסטל דעם פּאַספּאָרט און אים אַריינגעלייגט צו זיך אין האַנט־בייטל. דאַן האָט די מומע מאַלקע געזאָגט:

— כאַווע, מע וועט בא דיר ניט נעמען.

— מע וועט נעמען, — האָט געענטפערט כאַווע. — איך וועל זאָגן, אַז ער איז מיין מאַן.

בא דער מומע מאַלקע האָט אַ ציטער געטאָן דאָס פּאָנעם, נאָר דערווידערט האָט זי ניט.

ס'איז דורכגעגאַנגען אַ יאָר.

די מומע מאַלקע זיצט באַקוועם איַינגעמאָסטעט אַף דער וויכער סאָפקע באַ דער וואַנט. באַ איר זיַיט ליגט אַ קניַילכל וואָל. זי גיט אַ צי דעם פאָדעם, רירט שטיל מיט די ליפּן. זי ציילט די אייגלעך. די מומע מאַלקע גרייט אַ מאַטאַנע איר זון, אַ וואַרעמען סוועטער. ער איז באַ זיך אין דער היים, אוורעמל, שוין צוויי כאַדאָשים. זאָל נאָר ווערן לינדער אין דרויסן, וועט די מומע מאַלקע פאָרן זיך זען מיט אים.

אוורעמל איז געווען פאַרשיקט אין אַ לאַגער פאַר באַזונדערס שווערע פאַרברעכנס. מאַקאַראָוון האָט מען ארויסגעלאָזן אַ סאַך פריִער פון אים, דעם צוואַנציקסטן אַפּרעל פון 1953. דעם זעלבן אָוונט איז ער שוין געווען באַ אונדז, ווי שטענדיק, ציכטיק און שיין געקליידט. פון אונטער דעם וויכן גרויען הוט האָט זיך אָבער ניט ארויסגעזען קיין איין האָר אַפילע. פון דעם אויסגעקעלכטן בערדל, פון די פיַינע שוואַרצע וואָנצעס איז אויך קיין סימען ניט געבליבן. איבער דער ניט געוווינטער נאַקעטקייט איז זיַין פּאָנעם עפּעס ווי קלענער געוואָרן. בלויז די אויגן מיט זייער שאַרפן גלאַנץ זיַינען געווען די זעלבע.

פון יענעם אָוונט האָט זיך מיר מער פון אַלץ פאַרגעדענקט, וויאַזוי די מומע מאַלקע האָט געקוקט אַף מאַקאַראָוון, די שטומע פראַגע אין איר אָנגעשטרענגטן בליק. ער האָט אָבער וועגן דעם גוירל פון איר זון גאָרנישט ניט געקאָנט דערציילן. מאַקאַראָוון האָט מען קיין איין מאָל ניט ארויסגערופן אַף קיין פאַרהער. ער האָט ניט באַקומען קיין שום דערקלערונג, פאַרוואָס מע האָט אים פאַרהאַלטן. מע האָט אים אויך ניט געזאָגט, פאַרוואָס ער ווערט באַפריַיט.

די טפיסע, ווו מאַקאַראָוו איז אָפּגעזעסן קנאַפּע צוויי כאַדאָשים, שטייט קימאַט אין צענטער פון אונדזער שטאָט. געקומען איז ער אָבער ווי פון אַן אַנדער פּלאַנעטע. אַפילע וועגן סטאַלינס טויט האָט ער זיך דערוווּסט ערשט אַף דער פריַי. צו אים איז אויך ניט דערגאַנגען די ידיִע וועגן דער רעאַביליטאַציע פון זיַינע קאָלעגן, „די דאָקטוירים שעדיקער“.

פון אוורעמלען איז צו יענער ציַיט אָנגעקומען בלויז איין בריוו, דער ערשטער.

— איך האָב געמיינט, אַז באַ איַיך איז איין איניען... געקניפּט און געבונדן... דאַכט זיך, יעדערער קאָן פאַרשטיין... — האָט זיך ענדלעך אָפּגערופן די מומע מאַלקע.

— מומינקע, — האָב איך געזאָגט, — באַ ניקאָליַי ניקאָליַיִטשן איז ניט געווען קיין איניען. מע האָט אים ניט באַוויזן אויסצובאַקן. און דאָס וועט דאַפקע העלפן אוורעמלען, איר וועט זען.

מאַקאַראָוו האָט דערלאַנגט די האַנט דער מומע מאַלקע, דערנאָך מיר. ערשט צום סאָף איז ער צוגעגאַנגען צו כאַווען, וואָס איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט, אַ בלייכע און אַ שוויַיגעוודיקע. נאָר די אויגן האָבן געפלאַקערט.

— אַ דאַנק, יעווא דאַווידאָוונאַ, פאַר אַלץ, וואָס איר האָט פאַר מיר געטאָן. כ'וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. — ער האָט זי ארומגענומען און צעקושט זיך מיט איר.

מאַקאַראָוו איז אוועק, און כאַווע האָט זיך פלוצעם צעשריִען אַף דער מוטער:

— וואָס קוקסטו אזוי אַף מיר? טראַכסט נאָך אַלץ וועגן אַ טאַכלעס?

— וועגן אַ טאַכלעס? ניין, — האָט געענטפערט די מומע מאַלקע. — וועגן אַ גוט מאַזל. נאָר אויב דיר איז ניט צום האַרצן... ס'איז דיַין זאַך, טאָכטער.

שפּעטער אַ ביסל איז כאַווע אַריַין צו מיר אין צימער.

— כ'וועל באַ דיר נעמען עפּעס צום לייענען. כ'האָב היַינט גראָד אַ פריַיען אָוונט. — זי האָט איבערגעלייגט די ביכער אַף די פּאָליצעס, געזוכט. שטייענדיק צו מיר מיט דער פּלייצע, האָט זי אַ זאָג געטאָן: — די מאַמע, נעבעך, וויל האָבן נאַכעס. ס'וואָלט זיַין אין איר געוועלט, וואָלט זי כאַסענע געמאַכט מיך און מיַיקען אין איין טאָג.

— און עפּשער... כאַווע...

— וואָס עפּשער? — זי האָט זיך שאַרף אויסגעדרייט צו מיר: — צו שפּעט. ווען מיר האָבן זיך באַקענט, איז דאָס פאַר מיר געווען צו פרי. און איצטער...

— ס'איז ניט שפּעט, — האָב איך געזאָגט.

כאַווע האָט אַף מיר אַ קוק געטאָן מיט אירע גרויסע ערנסטע אויגן, און איר פּאָנעם האָט אופגעשיַינט.

עס זיַינען געגאַנגען כאַדאָשים. מיַיקע האָט געענדיקט דעם אינסטיטוט און איז סאָף זומער אוועקגעפאָרן אַפן וויַיטן צפון. אין אַ קורצער ציַיט ארום האָט כאַווע צונויפגעלייגט אירע זאַכן און שטיל אַריבערגעקליבן זיך צו מאַקאַראָוון.

אוורעמל איז נאָך אַלץ געבליבן אין לאַגער. אויסער מאַקאַראָוון האָבן זיך אין זײַן איניען אַרײַנגעטאָן נאָך צוויי שלאַכט־כאַוויירים. ער אַליין האָט אין צענדליקער מעלדונגען געמיט זיך צו דערוויַזן זײַן אומשולד. און דערוויזן. דאָס נײַע פיר־און־פופציקסטע יאָר האָט ער באַגעגנט מיט זײַן ווײַב און קינדער. גרייט אים די מומע מאַלקע אַ מאַטאָנע. ס׳וועט נאָר לינדער ווערן אין דרויסן, וועט זי פאָרן זיך זען מיטן זון.

די פענצטער בא אונדז אין שטוב זײַנען באַלאַגערט פון פראָסט. איך קלײַב זיך אָף דער אַרבעט. די מומע מאַלקע, זע איך, בינדט אויך אַרום דעם קאָפּ מיט איר וואָלענעם טיכל, טוט אָן דעם מאַנטל.

— וווּהין? — פרעג איך.

— נאָך אַ בילעט, — ענטפערט די מומע מאַלקע.

איך בלײַב שטיין צעמישט.

— וואָס וווּנדערסטו זיך אַזוי? — זאָגט די מומע מאַלקע. — מיינסט, איך פאַרשטיי ניט, אַז אוורעמל איז ניט מיט אַלעמען? דאָ האָט דווירע זיך באַקלאָגט, אַז ער איז אַן אײַנגעשפאַרטער, ער וויל ניט איבערגיין אָף קיין גרינגערער אַרבעט. דאָ האָבן זיי גאַנצע צוויי וואָכן ביידע ניט געשריבן. אין דעם לעצטן בריוו איז וועגן דער אַרבעט קיין וואָרט ניטאָ. איז עפּשער ליגט ער גאָר צו בעט, אוורעמל? ווער וועט אים דאָרט צוזען? דווירע אַרבעט, די קינדער לערנען זיך.

— איר האָט דאָך צוגעזאָגט כאַוועון וואַרטן ביז פרילינג. ווי וועט איר פאָרן אין אַזעלכע פרעסט אָף אוראַל?

— פּאָטער, נו... ס׳איז אַמאָליקע צײַטן, וואָס? צופוס וועל איך גיין אָדער שלעפּן זיך אָף אַ שליטן? כ׳וועל זיך זעצן אין באַן און פאָרן. הײַנט וואָס זײַנען דאָ שײַעך פרעסט?..

מ ו י ש ע ט י י ף

נײַע לידער

אללאַ...

— אללאַ!
— אללאַ!
איך קלינג צו אלע גוטע מענטשן פון דער וועלט:
געוויס דערקענט איר לויט מײַן שטימע,
אז ס'איז בא מיר א גלענצנדיקע שטימונג.
ער גייט!
ער גייט צו אײַך —
דער ערשטער כּיִעסדיקער פרילינג־טאָג
און האלט אין האנט א פולן קאָס מיט זון:
— לעכאיִם, ברידערלעך, לעכאיִם!
טרינקט, זיידעס האָרעפּאשנע, מיט די אייניקלעך
און זאָגט מיט מיר די דיכטערישע בראָכע:
— פרילינגען פון גאָר דער וועלט, פאַרייניקט אײַך!

די קורצע ליד...

די קורצע ליד,
די קורצע ליד,
וואָס פינקלט ווי א פיצל דימענט, —
זאָל לעבן איר געוואגטער פלי,
פון שיינער מוטער־ערד דער הימן.

די קורצע ליד,
די קורצע ליד,
ווו יעדער זילב איז פול מיט גווורע,
ווו יעדעס וואָרט,
ווי גליד צו גליד,
ווי צאָן צו צאָן —
א פעסטע שורע.

די קורצע ליד...
ווי ווײַט אין יאם
א דרייסטער זעגל אין גערא‍נגל,
אָ, לידער מײַנע —
זיסער סאם
פון וואכע נעכט די פײַנלעך־לאנגע.
מיט וויפל פרייד מײַן האנט צעברעכט
דעם צאם,
וואָס שטעלט זיך מיר אנטקעגן,
קעדיי זיך ווארפן אין געפעכט,
ווי ווײַט אין יאם
דער דרייסטער זעגל.

אין מאָסקווער פארק סאָקאָלניקי

ווען איר וואָלט הײַנט מיט מיר געווען
אין מאָסקווער פארק סאָקאָלניקי,
ווען איר וואָלט הײַנט געזען דאָס אײַז
באדעקט פונקט ווי מיט שטאָל־ניקל,
ווי גאסטפרײַנטלעך דער כודעש מארט צעטיילט
די ערעוו־פרילינגדיקע בוטעלעך קאָקטייל
פון ערשטער זון און לעצטן שניי —
אוי, וואונדערלעך געשמאק,
ווי זאפט פון לימענע מיט טיי...

ווען איר וואָלט הײַנט געווען מיט מיר
אין מאָסקווער פארק סאָקאָלניקי,
ווען איר וואָלט הײַנט אליין געזען,
ווי ס'פאלן שנייעלעך, נײַן, ניט קיין ווײַסע,
נאָר ערן וואָרט: זונגאָלדיקע!
איך האָב פון זיי פארשריבן דעם געבעט:
ניט טרעט אף אונדז, ניט טרעט...
מיר פאלן שטיל, ניט אײַלנדיק,
און לאָזט אונדז שטארבן פרײַוויליק,
מיר וועלן קיינעם גאָרניט טאָן,
ניט רירט אונדז אָן...
ניט רירט אונדז אָן...

„בעלאָרוסקי וואָקזאל“

פאר אײַך —
קאָן זײַן אזוי ווי ס'איז —
דער אייביקער גערויש פון צוגן,
פאר מיר —
א צויבער־קעסטעלע, אוווּ עס שפּילט
דער אומרויִקער ניגן פון מײַן יוגנט.

און וויפל מאָל איך זאָל ניט גיין פארבײַ —
מיך טוט א צופּ,
א ריס אין הארצן,
און ס'קלינגט מיר מילד מײַן שוועסטערס „סניי“,
מײַן מינסקער „פּערטשיק־אכטשיק“.

די רעלסן ציִען זיך פון הארץ
העט־ווײַט אהין ביז מײַן נעמיגע,
ווּ ס'האָט געבושעוועט ניט לאנג
דער קאלטער מעסער פון האריגע.

קאָן זײַן, דערפאר איך בלײַב דאָ שטיין...
פאר אײַך —
דער רויש פון יאָגנדיקע באנען,
פאר מיר —
א צויבער־קעסטעלע
פון פרי פארשניטענע פּאָעמעס און ראָמאנען.

* * *

שטילער...
שטילער...
דערשרעקט ניט דאָס פּאָרל,
דערשרעקט ניט!
ס'פּאלט א שניי אינעם פארק פון דער הויך.
שטילער... שטילער...
זיי שווײַגן,
ניט וועקט זיי —
די שנייעלעך קושן זיך אויך.
קילע שנייעלעך...
ווארעמע ליפּן...
זעט, דעם שניי ניט צעמישט,
ניט צעמאָלט,

לויף, טײַערע, לויף!
לאָמיר שטיפן!
זיך קײַקלען אין שניי, ווי אמאָל.
פאָרזיכטיק, זאָגסטו?
כ'וועל קושן דיך!
אכרײַעס?
אין פרייד און אין וויי!
לאָמיר דרייסט זײַן,
ווי שניי, וועלכער בושעוועט,
זײַן ריין,
ווי געוויסן פון שניי...

דעם שאָכנס מיידעלע

צו מיר אין צימער איז ארײַן די פּיִאָנערקע לענע,
א זוניק־ברוינע, ווי דער לײַוונט בא גאָגענען,
און קוקט מיט נײַגער קינדערשן (ווי די לעוואָנע דורכן שויב...)
אף מײַנע אויסיעלעך, צעוואָרפענע ווי שרויט.
עס איז מײַן פען געפלויגן אימפּעט־האסטיק,
באפרײַט די ווערטער פון געהיימע פּאסטקעס,
זיי אויסגעשטעלט אף דעם פּאפּיר אף ווײַס געראמען,
און אָפּגעשפּיגלט פון מײַן ליד די קארדיִאָגראמע...

עס קוקט דאָס קינד אף מײַנע אויסיעלעך, צעשאָטענע געדיכט,
נאָר אָט א וואָלקנדל פארכמורעט איר געזיכט:
איך שרײַב דאָך ניט, ווי זי, פון לינקס אף רעכטס,
איך שרײַב פארקערט: אף ייִדיש.
זי קוקט עטוואָס דערשראָקן און פארכידעשט:
ניט אנדערש, כ'בין א ביסל כאָסער־דייע.
דאָס הענטל האלט איך פונקט, ווי זי, אין רעכטער האנט,
נאָר דאָרט, אוווּ איך שטעל א „יוד“ — א פּינטל,
א נײַע שורע הייבט זיך אָן בא איר אינעם דיקטאנט.

נאָר האסטיק פליט מײַן פען. עס קוקט דאָס קינד,
ווי ס'פליִען מאָדנע אויסיעלעך פון בלויען טינט...
נו, גיי דערקלער איר, גיי דערקלער,
אז אלץ איז שוין בא מיר פון לאנג פארקערט.

שײַקע פײַפער

(פון פֿאָלקלאָר)

מע רופט מיך שײַקע פײַפער,
דאָס ווייסט די גאַנצע וועלט,
איך פײַף אף די יאַכסאָנים,
וואָס האָבן זעק מיט געלט.

נאָר דאַרפט איר א גלײַכוווערטל,
איך האָב א פולע קראָם,
און אויב איר ווילט א לידל —
זינג איך בעקויל־ראָם:
אוי טשירי־בירי־באָם!
אוי טשירי־בירי־באָם!

מע רופט מיך — דער בראָדיאַגע,
קאַלבוויניק און וואָס ניט,
און כאָטש איך בין א קאַפּצן,
נאָר א פריילעכער ייִד.

און וואָס עס זאָל ניט טרעפֿן,
אן אומגליק, א פּאָגראָם,
צעלאָכעס אלע סאָנים,
זינג איך בעקויל־ראָם:
אוי טשירי־בירי־באָם!
אוי טשירי־בירי־באָם!

שײַקע רעדט מיט דעם ווײַב

— אוי, ווײַבעלע־טײַבעלע,
געֶנוג מיט די קלאָלעס,
איך האָב שוין א בײַטש,
איך ווער א באלעגאָלע!

— אוי, הולטײַ, ראזבוויניק,
דו ביטערער שיקער,
די בײַטש גיט קיין ברויט ניט,
א פערד איז דער איקער!

— אוי, ניין, דושע־לעבן,
איך ווער א פּאַרדינער,
זאָל זײַן נאָר א בײַטש,
וועט א פערד זיך געפינען...

שײַקע ענטפערט

— וואָס שטייסטו, שײַקע, אפן דאך און קוקסט אין אלע זײַטן?
— איך דאַרף דערזען, ווי אף זײַן פערדל וועט אהער מאָשיִעך רײַטן.

— און וואָס וועט זײַן, ווען דו דערזעסט מאָשיִעכן פונווײַטן?
— איך לויף די סימכע אָנזאָגן אין שטעטעלע באצײַטנס.

— און קאָהאָל האָט דײַן ארבעט כאָטש פארעכנט אין דער סמעטע?
— גלאָמפּ! אז ניט, וואָלט איך דאָ שטיין פון פרי ביז אָוונט שפּעטן?!

— און סכירעס צאָלט מען דיר דערפאר עפּעס נישקאָשעדיק?
— א האלבן קערבעלע א וואָך און מער קיין האלבן גראָשן ניט.

— אוי, שײַקע, שײַקע, וויִניקלעך! אף ברויט נאָר און אף בולבע.
— גלאָמפּ! דערפאר אָבער אף אייביק שוין א סלוזשבע.

שײַקע דער אייצעגעבער

— שײַקע, וואָס טוט מען?
דער סטאנאָוואָי
טרינקט זיך און גוואלדעוועט:
ייִדן, ראטוּי!
— ווארפט אים א שטריק.

— ער נעמט ניט, דער ביק!
— שײַקע, וואָס טוט מען?
מע זעט אים ניט... אויס...
— ווײַזט אים א קערבל —
שפּרינגט ער ארויס!

שײַקע — א מעשאָרעס

— נו, גוט! —
זאָגט צו שײַקען דער גוויר. —
וועסט זײַן א מעשאָרעס בא מיר.
איין וואָרט וועל איך זאָגן —

גלײַך דארפסטו פארשטיין
דאָס אלץ, וואָס איך וויל,

דאָס אלץ, וואָס איך מיין.

— גוט, באַלעבאָס!
אַלץ וועל איך מאַכן גיך און גרויסאַרטיק,
איינס־און־צוויי און פּיקס־און־פּאַרטיק!

...גייט א וואָך, א צווייטע, דריטע,
שײַקע אַרבעט שווער און ביטער.
שײַקע — דאָ און שײַקע — דאָרט,
אַלץ פאַרשטיי נאָר פון איין וואָרט.
שײַקע סאַפּעט, ווי א גאַנדז,
ס'קריכט דער ביסן ניט אין האַלדז.

איינמאָל, ווען ער ליגט און רוט,
ווערט דעם באַלעבאָס ניט גוט.
— שײַקע! רופֿע!
— שוין! די רעגע! — שרײַט ער אויס,
און ער שפּרינגט פון שטוב אַרויס.

„נו, — טראַכט שײַקע, — באַלעבאָס,
כ'וועל דיר איצטער אָפּטאָן וואָס,
פאַר דײַן טעווע, ווי א גראַף,
בעטן אַלץ, וואָס מע באַדאַרף,
שטענדיק כאַפּ זיך אָפּן אָרט,
וואָס ער מיינט נאָר מיט איין וואָרט".

שײַקע קומט און באַ דער טיר
שרײַט ער פריילעך צו דעם גוויר:
— אַלץ איז צוגעגרייט גרויסאַרטיק,
איינס־און־צוויי און פּיקס־און־פּאַרטיק:
דער רופֿע גייט!
די אַגאַלע שטייט!
דער קייוואַר — גרייט!

שײַקע — א הייליקער רעבע

א טומלעניש,
א לויפעניש,
א כאַפּעניש,
א יאָגעניש —
דעם נאָגידס טאָכטער גייט צו קינד,
צום רעבן לויפט דאָס הויזגעזינד:
— זי שרײַט, רעבעניו!
גיט א סגולע!
האָט ראַכמאָנעס!

— וואָס שרײַט זי?
— מאָן דיו...[1]
— גייט אַהיים. ס'איז אָן סאַקאָנעס.

א טומלעניש,
א לויפעניש,
א כאַפּעניש,
א יאָגעניש —
דעם נאָגידס טאָכטער גייט צו קינד,
צום רעבן לויפט דאָס הויזגעזינד:

— זי שרײַט, רעבעניו!
גיט א סגולע!
האָט ראַכמאָנעס!
— וואָס שרײַט זי?
— אָ, באָזשע מאָי...[2]
— גייט אַהיים, ס'איז אָן סאַקאָנעס.
א טומלעניש,
א לויפעניש,
א כאַפּעניש,
א יאָגעניש —
דעם נאָגידס טאָכטער גייט צו קינד,
צום רעבן לויפט דאָס הויזגעזינד.
— גוואַלד, רעבעניו, זי ליגט אײַן וועלטן!
גיט א סגולע!
האָט ראַכמאָנעס!
— וואָס שרײַט זי?
— אוי, ווײ, מאַמע...
— אַזוי? איז וואָס איז די בעהאָלע?
גייט אַהיים. דער יעלעד קריכט בעשאָלעם.

שײַקע פאַרן בעסדן־שעל־מײַלע

— איז ריכטיק — מע שמועסט אין שטעטל —
דו שטייסט שמוינעצרע א פערטל מינוט,
דער שאָכן אַנטקעגן באַשטעטיקט.
דעם עמעס דערצייל!
עלע ניט, פאַרזוכסטו די רוט!

— מעסירע! ווי איך בין א ייִד!

דער שאָכן אַנטקעגן?! מיר זײַנען דען גלײַך?
ער האָט א פאַרמעגן, דער שאָכן אַנטקעגן,
ער האָט וואָס צו בעטן, ער האָט וואָס צו פרעגן...
און איך, גאָטעניו, איך?!
א ווײַב מיט א ציג. מאַך איך דאָס גיך:
ווײַב־ציג, ציג־ווײַב, און אויס שמוינעצרע.

[1] מײַן גאָט. [2] אָ, מײַן גאָט.

טריבונע פון לעבן

טעוויע גען

אין ביראָבידזשאַן

(רײַזע־נאָטיצן)

גלובינקא

לעבן דעם טויער פון די געגנטלעכע צײַטונגען „ביראָבידזשאַנער שטערן" און „ביראָבידזשאַנסקאַיא זוועזדא" שטייט אַן אויטאָמאָביל מיט אַ ברעזענטענעם אויבערדעק. געגנוג אַ קוק צו טאָן אויפֿן וועטעראַן פֿונדערווײַטנס, מע זאָל פֿאַרשטיין, אַז זייער ווייניק צײַט קומט אים אויס צו רוען אין גאַראַזש. ער איז פֿאַרשנייט און פֿאַרוויט. קיין וווּנדער ניט: די געגנט איז גרויס, קאָרעספּאָנדענטן האָבן וווּהין צו פֿאָרן, און דאָרטן, וווּ מע קאָן ניט צוקומען מיטן צוג, ניט פֿליִען מיטן עראָפּלאַן, קריכט אַדורך דער אַלטער האָרעפּאַשניק — דער „וועזדעכאָדיק".

דער ליטעראַטור־קריטיקער נאָכעם פֿרידמאַן צוזאַמען מיט צוויי פּאָעטן — מיטגלידער פֿון דער ביראָבידזשאַנער ליטעראַרישער פֿאַראייניקונג סאָלאָמאַטאָוו און אַבראַמאָוו — פֿאָרן הײַנט אין נײַפֿעלד דורכפֿירן אַ לייענער־קאָנפֿערענץ. זיי לאַדן מיך אײַן אין דער „בויד". איך לאָז זיך ניט בעטן. ווי נאָר די מאַשין רירט זיך פֿון אָרט, הייבן די פּאָעטן אָן זיך דערוואַרעמען מיט לידער. איך שאָקל צו מיטן קאָפּ, אָבער הער קיין וואָרט ניט. איך זיץ באַם לינקן טירל און האַלט עס צו מיט דער האַנט. דאָס טירל קלינגט און טרייסלט זיך, ווי עס וואָלט די גאַנצע צײַט געוואָלט מודיִע זײַן, אַז באַלד עפֿנט עס זיך אויף און וואַרפֿט מיך אַרויס אין קיוועט.

שניי און שניי, ניט געריִרטע ווײַסקײַט פֿון פֿעלדער: די שטאָט ביראָבידזשאַן איז שוין הינטער אונדז. פֿאַרבײַגעשוווּנדן זײַנען די ייִשובֿים פּטיטשניק, וואַלדהיים, זשאָלטי יאַר. די מאַשין טראָגט זיך ווײַטער און ווײַטער. אויב ס'איז ערגעץ־וווּ דער וועג פֿאַרצוימט, מע רעמאָנטירט אַ בריקל, איז עס פֿאַר איר אַ קליינע מעניִע, זי האָט ניט מוירע אַרײַנקריכן אין די שניי־הורבעס.

אין רוסיש איז פֿאַראַן אַ וואָרט „גלובינקא". אויף ייִדיש הייסט עס — אין אויסרײַסעניש. אויף מײַלן־ווײַט — קיין סימען פֿון אַ שטוב, פֿון אַ געבײַ. די אויגן זײַנען שוין מיד פֿון דער איינטאָניקער ליכטיקער בלענדיקײַט. און מיטאַמאָל, אינמיטן פֿעלד, וואַקסט אויס אַ גרויסער ייִשובֿ מיט אַ גוטע פּאָר הונדערט שטיבער, וואָס יעדע פֿון זיי קוקט בלינד אַרויס מיט צוויי אָדער דרײַ פֿאַרפֿרוירענע פֿענצטער. דער ייִשובֿ הייסט נײַפֿעלד. דאָ געפֿינט זיך די ערשטע אָפּטיילונג פֿון נאַדעזשדינסקער סאָווירט.

ווי ס'מאַכט זיך אָפֿט, גראָד דאַן, ווען מע וויל גיכער ערגעץ אַרײַנגיין, דערזעט מען אַ פֿאַרמאַכטע טיר — די קאָנטאָר פֿון דער אָפּטיילונג און אויך די פּאָר צימערן פֿונעם דאָרפֿסאָוועט זײַנען געווען פֿאַרשלאָסן. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין מיט דער סטעזשקע, וואָס איז אַמערסטן אויסגעטראָטן, זי האָט געפֿירט צו די פֿי־שטאַלן. ביז מיר האָבן דורכגעמאַכט די עטלעכע הונדערט שפּאַן, האָט דער שנײַדנדיקער, קאַלטער ווינט באַוויזן דורכנעמען די ביינער. דער ביראָבידזשאַנער ווינטער, אַז ער וויל — קען ער. מיר זײַנען אין דער שטאַל זיך מעכײַע געווען מיט דער אײַנגעשטאַנענער וואַרעמקײַט, וואָס האָט אַ דעכע געטאָן אויף אונדז. די בעהיימעס האָבן גלײַכגילטיק אויפֿגענומען די כאַשעווע געסט, אַפֿילו קיין מוקע ניט געטאָן און פֿאַרגעזעצט קײַען די סעטשקע. בלויז אַ פּאָר האָבן אויסגעדרייט צו אונדז אויף אַ ווײַלע די פּרעכטיקע שיינע גלאַנצנדיקע אויגן, ווײַזט אויס, אַ קוק צו טאָן, צי האָבן מיר ניט געבראַכט אַ געשמאַקערן מײַכל.

אינעם אָפּטייל, וווּ עס ווערט צוגעגרייט די שפּײַז פֿאַרן פֿי, האָבן מיר געטראָפֿן אַ היפּשן עולם. דער סעקרעטאַר פֿון ביראָבידזשאַנער ראַיאָנישן פּאַרטיי־קאָמיטעט יאָסיף לוואָוויטש באָקאָר האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ גלאָז מיט עפּעס אַ פֿליסיקײַט און געקוקט אויף איר באַ דער קאַרגער שײַן, וואָס האָט זיך געזיפּט דורך די פֿאַרפֿרוירענע פֿענצטער. אָפֿט האָט מען איבערגעכאַזערט דאָס וואָרט „הידראָליז".

---

1 סאָף. זע „סאָוועטיש היימלאַנד", 1964, נומ. 3.

— מיר מאַכן אַ הידראָליז, די סעטשקע זאָל ניט זײַן טרוקן, — האָט יאָסיף לוואָוויטש דערקלערט די אַרײַנגעקומענע.

אַ שוועָרלעך יאָר איז אויסגעפאַלן. די באַלעבאַטים קריגן ווייניק קאָנצענטראַטן, די טרוקענע צעבראָקטע שטרוי, די סעטשקע, פאַרדייען די בהמות שלעכט, מע דאַרף זי מאַכן זאַפטיקער.

באָקאָר רעדט מיט אַ האַרטן רייש. ער אַליין מעסט, שיט אין קעסל, מישט. לויט דעם, ווי ער טוט די מלאָכה, זעט מען, אַז ער איז אין איר באָקע. ניט איין צענדליק יאָר פאַרנעמט ער זיך מיט לאַנדווירטשאַפט. אַ ייִד אַ גוואַר, אַ קלאַפּטער אין די פּלייצעס, דער נאַקן איז רויט, אָנגעגאָסן מיט קראַפט. די געדיכטע האָר זײַנען בײַ די שלייפן באַזילבערט. אויף די פיס — הויכע שטיוול, די כאָלעוועס, אויבן ברייטע, ווי טרויבן מיט אַ גרויסן דיאַמעטער, זײַנען ווײַט אַריבער די קני פאַרצויגן מיט רימענס. אַזאַ שוכוואַרג, פונקט ווי דער „וועזדעכאָדיק״, אויף וועלכן מיר זײַנען געקומען צו פאָרן, איז אויסגערעכנט אויף אַלע סעזאָנען, אויף אַלע זאָנעס, אויף אַלע בלאָטיקע, זומפּיקע, שנייִקע אויסקומענישן.

איינס אַזייגער דאַרף זיך אין דער קאָנטאָר אָנהייבן אַ באַראַטונג פון די פיציכטלער.

דער אוילעם קלײַבט זיך צונויף לאַנגזאַם. דער בריגאַדיר פון דער מילך־פערמע קאָלעסניקאָוו, אַן אינוואַליד פון דער פאָטערלענדישער מלחמה, קומט אַרײַן און גייט צוריק אַרויס.

— אַן אומגליק מיט די ווײַבער, ביז מע קלײַבט זיי צונויף, גייט אַוועק אַ שאָ צײַט, — באַקלאָגט ער זיך. — זיי זײַנען דרײַסיק, און איך בין איינער, דערצו נאָך אויף איין פוס.

ווײַזט אויס, לעקאָוועד דער באַראַטונג האָט מען אַזוי אָנגעהייצט, אַז די טיר שטייט צעפּראַלט, די פאָרטקע איז אָפן און ס'איז נאָך אַלץ הייס. ווי נאָר מע קומט אַרײַן און מע זעצט זיך אַוועק, צעבינדט מען און מע טוט אויס די וואַרעמע טיכלעך, מע צעשפּיליעט די וואַטניקעס. די פּענעמער זײַנען בײַ אַלעמען פריש און געזונט. מע ווערטלט זיך, דערבײַ אין דער הייך, מיטן באַשײַמפּערלעכן פאַרלאַנג, אַז עס זאָל הערן אויך קלימענקאָוו, דער פאַרוואַלטער פון דער אָפּטיילונג, און באָקאָר, וועלכער האָט זיך צוגעמאָסטעט צום אויוון, האַלט די הענט אויף דער הרובע און שמעלצט זיך פון היץ. די מאַנצבלען — די פיציכטלער זעצן זיך ניט, נאָר שטייען בײַ דער טיר און כאָכמענען זיך מיט די ייִנגערע מעלקערנס, וואָס זיצן אויף די הינטערשטע בענק. אין דרויסן איז צום אָפּגעטײַעטן פענצטער צוגעגאַנגען אַ בהמה און אַ צײַט ניט אָפּגעטראָטן, ווי בעטנדיק, אַז אויף דער באַראַטונג זאָל מען וועגן איר ניט פאַרגעסן.

שפּעטער פון אַלעמען, ווען די באַראַטונג האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן, איז אַרײַנגעקומען אַ יונגערמאַן אין אַ זומערדיקן רעגנמאַנטל, דינע הויזן — גאַליפע, אין גומענע שטיוול, אַקוראַט עס וואָלט געווען ניט ווינטער, נאָר זומער. אַלט איז ער אַ יאָר צוויי־דרײַ און צוואַנציק, עפּשער מער אַ ביסל. דאָס אײדעלע, געטאָקטע פּאָנעם איז זייער ערנסט, די ליפּן — דינע, צונויפגעשנורעוועטע. ווען ער האָט אויסגעטאָן דאָס פוטערנע היטל — די איינציקע ווינטערדיקע זאַך, וואָס איז געווען אויף אים, — האָט זיך אַנטבלויזט אַ הויכער גלאַטער שטערן, אַ שטערן פון אַ כאָכעם.

די מעלקערנס זײַנען געווען, ווײַזט אויס, געשטימט זייער קעמפעריש, דאָס האָט מען שוין געזען פון די רעפּליקעס. איך האָב זיך אָבער ניט גערירט, אַז דאָס ערשטע פלאַמיקע וואָרט אין די דעבאַטן וועט זײַן געווידמעט אָט דעם שטילן, פאַרטראַכטן באָכער.

— ניקאָלײַ ריבקין פאַרשפּעטיקט יעדן טאָג אויף דער אַרבעט, און איך ווייס ניט, פאַרוואָס האָט מען אים פאַרשריבן אָפּן ערן־טאָוול. אויב ער איז ניט קיין מעלקערן, נאָר אַ מעלקער, איז וואָס? ווען מע ברענגט דעם סילאָס, פאַרכאַפּט ער פאַר זײַנע בהמות אַזויפיל, אַז עס קלעקט ניט פאַר די אַנדערע. ער מעג אַלץ!

די פרוי, וואָס האָט די דאָזיקע ווערטער אַרויסגעשאָסן, איז שוין אין די מיטעלע יאָרן. אירע באַקן זײַנען צונטער־רויט, דאָס קאָל ציטערט. ווײַזט אויס, די אַרויסטרעטונג קאָסט איר ניט ווינציק געזונט.

אַ שטורעם איז דורך איבערן צימער.

די מערהײַט פרויען האָבן פײַנט האַלטן לאַנגע רעדעס. מע שיסט קורץ.

— ריבקין איז אַ גוטער מעלקער...

— ניט בעסער פון אונדז אַלעמען...

— ער האָט אײַנגעפירט אַן אָרדענונג אויף דער פערמע...

— ער האָט אײַנגעפירט? עפּשער האָט ער אונדז אויסגעלערנט מעלקן אויך?

באָקאָר, וועלכער זיצט נאָך אַלץ די הענט אָנגעשפּאַרט אין אויוון, האָט האַנאָע פון דער היציקער פאַרזאַמלונג, אָבער אַלץ דאַרף האָבן אַ ברעג. ער בייגט זיך אָן צו ניקאָלײַען און טוט אים עפּעס אַ שעפּטשע.

ריבקין נעמט אַ וואָרט. ער הייבט זיך אויף, וואַרט אויס, ביז עס ווערט אינגאַנצן שטיל, און דאַן נעמט ער ריידן, צוערשט שטיל, דערנאָך אַלץ העכער, מיט אַזאַ אינערלעכער איבערצײַגעוו־

דיקייַט און זיכערקייַט, אַז אַלע הערן אים פאַרגאַפּט. ער האָט זיך ניט פאַרענטפערט, זיך מוידע געווען, אַז ער פאַרשפּעטיקט און אַז איין מאָל האָט ער זיך ניט אײַנגעהאַלטן און פאַר זײַנע בעהיימעס גענומען קאָרם מיט צוויי ווילעס מער. דערנאָך האָט ער אַ סאַך גערעדט וועגן די סובפּראָדוקטן, וואָס מע דאַרף אומבאַדינגט אַרײַנגעבן אין דער שפּײַז, זי זאָל ווערן זאַפטיקער און דאָס פּי זאָל זי גוט פאַרדייען. ער האָט וועגן גאָרנישט ניט פאַרגעסן — ניט וועגן דעם קאַלצי־פאָספאַט, ניט וועגן דער מאָטשעווינע, ניט וועגן דעם הידראָליז.

אַזעלכע יונגעלײַט, ווי ריבקין, זײַנען געוויינלעך די בעסטע סטודענטן אין אַן אינסטיטוט, די ליבלינגען בײַ די פּראָפעסאָרן. אין אַ דאָרף זײַנען זיי אויסגעצייכנטע מעכאַניזאַטאָרן — טראַקטאָריסטן, קאָמבײַנערן. קוקנדיק אויף אים און הערנדיק אים, האָב איך ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס האָט אים געשטויסן אויסצוקלײַבן די אויסגעשפּראָכן ווײַבערשע פּראָפעסיע פון אַ מעלקער? קאַרג מיידלעך זײַנען פאַראַן אין נײַפעלד, וואָס ווילן און קענען זײַן מעלקערנס?

די באַראַטונג האָט זיך פאַרצויגן. מע האָט גערעדט וועגן קינסטלעכער באַפרוכפּערונג, וועגן דעם, אַז אַ סאַך בעהיימעס האָבן איינע און די זעלבע נעמען. נאָר אין איין שטאַל זײַנען פאַראַן דרײַ „מאַרטעס“, דרײַ „קראַסוליעס“, פיר „פּרינצעסעס“. אַן אַלטע, פוילע „פּרינצעסן“, וואָס וויל ניט העלפן אויספילן דעם פּלאַן און געבן מילך, פלאַנטערט מען אין די סוואָדקעס מיט אַ יונגער מילכיקער שיינהייַט... פאַרענדיקט האָט זיך די זיצונג דערמיט, וואָס די בעסטע מעלקערנס האָט מען געגעבן פּרעמיעס. די מאַטאָנעס האָט מען ניט געזען, זיי זײַנען געווען אײַנגעוויקלט אין פּאַפּיר און איבערגעבונדן.

5 אַזייגער אין אָוונט, ווען מע הייבט אָן מעלקן די בעהיימעס, בין איך ווידער אַוועק אין דער שטאַל, וווּ מיר זײַנען געווען אינדערפרי. די עלעקטרישע לעמפּלעך אונטערן טונקעלן באַלקן זײַנען געווען פאַרצויגן מיט אַ בלוילעכן נעפּל. הילכיק האָבן געקלאַפּט אין די עמערס די שטראָמלעך מילך. ריבקין איז נאָך ניט געווען. ווי געוויינלעך, האָט ער אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. מיט אַ האַסטיקן ריס האָט ער אופגעעפנט דאָס טירל פון דער שטאַל, אַרײַנבריענגענדיק אַ קאַלטע כוואַליע לופט. אין צוויי מינוט אַרום האָט ער שוין געהאַלטן דעם עמער צווישן די קני. פאַרן אָנהייבן מעלקן לייגט ער אַוועק אויף אַ ווײַלע די הענט אויפן רוקן פון דער בעהיימע, טוט זי אַ גלעט און אַ זאָג אַ פּאָר ווערטער. די בעהיימע שטעלט איבער די פיס און בלײַבט שטיין, רירט זיך ניט פון אָרט, ביז זי גיט ניט אָפּ איר פאַרמעגן ביזן לעצטן טראָפּן. עפּעס זייער שיינס און רירנדיקס איז פאַראַן אין ריבקינס אַרבעט. שטיל, אונטערן אָנגענעמען קלאַנג פון דעם ווײַסן רעגנדל, וואָס האָט זיך געזיפּט אין עמער, האָט ער מיר געענטפערט אויף מײַן פראַגע, פאַרוואָס איז ער געוואָרן אַ מעלקער.

— איך האָב זיי ליב, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַרומכאַפּנדיק אויף אַ רעגע מיטן בליק די לאַנגע ריי בעהיימעס, זייערע פעלן האָבן מעטושטעש געגלאַנצט אינעם וואַרעמען נעפּל. — די ערשטע צײַט איז געווען שווערלעך. אייניקע מעלקערנס האָבן בייזע צינגער, זיי האָבן זיך געכאָכמעט און געשאָטן מיט ווערטלעך. איצט טרעפט נאָך אויך אַמאָל... אויב ס׳גיט זיך מיר אײַנמעלקן אַ ביסל מער, מעסט מען דרײַ מאָל איבער. ווען מע שטעלט מיך אַרויס אויפן ערן־טאָוול, טוט זיך כוישעך. נאָר ווען מע האָט מיך געוואָלט רעקאָמענדירן אַלס סעקרעטאַר פון דער קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע פון סאָווירט, האָבן די זעלבע טומלערקעס מער פון אַלעמען זיך צעשריִען: „איר ווילט צונעמען בײַ אונדז דעם איינציקן מאַנצבל?!“

פאַרענדיקט מעלקן, האָט ניקאָלײַ אַרײַנגעלייגט אַכילע אין די קאָרמושקעס, אַרויסגענומען אַ ביסל פון איינער, אַרײַנגעלייגט אין דער צווייטער, קיינעם ניט צו באַוולען, דערנאָך צוגעגרייט אַ טרוקענעם נאַכטלעגער, אופגעראַמט דעם דורכגאַנג.

ווען מיר זײַנען אַרויס אין דרויסן, איז אַלץ אַרום געווען בלוי. אַ הויכער אויסגעשטערנטער הימל האָט אויסגעבלויט דעם שניי, די שטיבער, די סטעזשקעס. פאַרגליווערט אונטערן שניי־צודעק, זײַנען געשטאַנען די פּרוכט־ביימלעך מיט די צווײַגן, אויסגעשפּרייט איבער די פּלויטן. די שאָטנס זייערע האָבן זיך ניט גערירט.

צווישן די דרײַ גרויסע שטאַלן אויף איין עק יִשעוו און דעם מויער פון דער שול אויפן צווייטן עק ליגט דאָס גאַנצע דאָרף. ווײַטער ציט זיך סטעפּ און סטעפּ, פון זײַן ברייטקײַט, אָנגעגאָסנקײַט מיט קרעפטיקן פראָסט פאַרכאַפּט דער אָטעם.

ניקאָלײַ האָט אַוועקגעײַלט אַהיים. ער איז אַ טאַטע פון דרײַ קינדער, און ס׳קלעקט אַרבעט אין שטוב אויך. האָלץ, זאָגט ער, האָט ער שוין אָנגעהאַקט באַטאָג, איצטער דאַרף ער אַרײַנטראָגן וואַסער, אָפּטאָן נאָך אייניקע זאַכן — אַ צאָרע, דאָס ווײַב קרענקט... דערנאָך דאַרף ער זיך איבערטאָן, אָפּעסן און לויפן אויף דער לייענער־קאָנפערענץ. באַנאַכט וועט ער גרייטן אַ קאָנטראָל־אַרבעט, ער לערנט זיך הינטער־אויגיק אין אַ טעכניקום.

— ווען באַווײַזט איר דאָס אַלץ? — האָב איך בײַ אים געפרעגט.

— דאָס איז דאָך מײַן אומגליק, וואָס איך באַווײַז ניט, — האָט ער געענטפערט.

איך בין אַרײַן אין קלוב, ווו ס׳געפינט זיך אויך די ביבליאָטעק און דער לייענזאַל. די צווי ביראָבידזשאַנער דיכטער צוזאַמען מיטן קריטיקער האָבן געהאַרעוועט איבער „טשאַסטושקעס“, וואָס מע האָט געדאַרפט גלײַך „אָפּדרוקן“ אין דער בליק־צײַטונג און אויסהענגען אויף דער וואַנט.

דערווײַל איז דער גערוימער צושויער־זאַל שוין געוואָרן פול. אין זאַל זײַנען געזעסן אַ סאַך מענטשן, מיט וועלכע מיר זײַנען שוין באַקאַנט. אין דער פֿאָדערשטער ריי זיצט די אַלטע מעל־קערן אַנאַ טאַראַסיוק. הײַנט איז בײַ איר אַ גוטער טאָג. אויף דער באַראַטונג האָט מען זי אָנגערופן אַלס די בעסטע מעלקערן, זי האָט געקראָגן די ערשטע פּרעמיע. לעבן איר זיצט די לערערן דאָרע אײַזלער מיטן מאַן עמאַנויל לאַזאַרעוויטש שינדער — ער איז דירעקטאָר פון דער אָרטיקער שול. אַ ביסל ווײַטער זיצט דער פּיציכטלער וולאַדימיר פּאַליאַקאָוו, ער איז אויך הײַנט אַ באַלסימכע. די פּרעמיע האָט ער געגומען מיט אַזאַ ווילוינגערישער מינע, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען בײַ אים אַ זאַך פון אַ גאַנץ יאָר. די מעלקערן לידע פורמאַן זיצט מיט איר מאַן אווראַם, וואָס אַרבעט אויף דער עלעקטראָסטאַנציע. די פעלדשעריצע ווערע וואַסיליעוונאַ מאַטװי־שינאַ, וועלכע האָט געהאָלפן אַרויסלאָזן די וואַנטצײַטונג, האַלט אין האַנט אַ פּאָר ביכלעך, זי נעמט אָנטייל אין דער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט, און הײַנט וועט זי פֿאַרלייענען עטלעכע זאַכן פון די ביראָבידזשאַנער שרײַבער, אויך מײַנע אַ קליינע דערציילונג. איך בין אומרויִק ווי קיינמאָל ניט. צי האָב איך גוט אָפּגעוויגן יעדעס וואָרט? די גאַנצע פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פון דער שרײַבערישער פּראָפעסיע דערפילסטו, זיצנדיק אין אַזאַ זאַל.

ריבקין האָט, פאַרשטייט זיך, ווידער פּאַרשפּעטיקט. די מעלקערנס געלמאַן און טאַלנאַווסקע האָבן מיט אַן אויסדרוק אויפן פּאָנעם, ווי זיי וואָלטן זאָגן: „ווי זשע קאָן זײַן אַנדערש?“, גלײַך געמאַכט פאַר אים אַן אָרט לעבן זיך. איצט, אַ צוגעפּוצטער, האָט ער אויסגעזען ווי אַ יונגער געלערנטער.

שפּעט באַנאַכט האָבן מיר זיך צעזעגנט מיט נײַפעלד. דאָס געזעגענען זיך האָט פאַרנו־מען אַ היפּש ביסל צײַט. מע דריקט די הענט איינער דעם צווייטן איינמאָל און נאָכאַמאָל. דער שאָפער טרומייטערט, מע זאָל עס מאַכן בעקיצער. שטייענדיק באַם אָפענעם טירל פון דער מאַשין, טײַנעט עמעצער אין דער פינצטער אײַן מיט אונדז:

— אָט האָט איר, כאַווײרים שרײַבער, אַ טעמע: אַ פאַרוואָרפן דאָרף, אַ גלוביניקע... אייגנט־לעך, האָט איר בײַ אונדז זייער ווייניק געזען — ניט די מעכאַניזאַטאָרן, ניט די גאָרטנציכטלער...

דער אויסגערוטער „וועזדעכאָדיק“ לאָזט אַרויס אַ קנויל רויך און טוט זיך אומגעדולדיק אַ ריס פון אָרט.

אינעם אַלטן וואַלדהיים

ווער האָט צוגעטראַכט אָט דעם שיינעם פּאָעטישן נאָמען? אומעטום, גלײַך נאָך דער ערשטער פראַגע „וואָס הערט זיך אין ביראָבידזשאַן?“, פאַרגיט מען די צווייטע: „נו, און וואָס הערט זיך אין וואַלדהיים?“

פון סאַמע אָנהייב אָן איז דאָס טײַגע־דערפעלע געוואָרן אַ באַזונדער מעיוכעס בײַ שרײַבער און פּאָעטן. דערמאָנט זיך מיר אָבער, וויִאַזוי אַמאָל, אין יענע ווײַטע אָנהייב דרײַסיקער יאָרן, האָט זיך מיר פאַרוואָלט זײַן אַן אויסנאַם. אַלע קאָרעספּאָנדענטן פאָרן קיין וואַלדהיים, איך האָב באַשלאָסן ניט פאָרן. ער איז שוין געגוג באַרימט אָן מיר. וואַלדהיים איז געווען דער איינציקער יִישעוו, ווו מײַן פוס איז ניט געווען. צײַטונגס־טוער, דערהויפּט יונגע, האָבן אויך צומאָל אייניקע קאַפּריזן. איצט, אויף די עלטערע יאָרן, האָב איך דאָס שפּיצל געוואָלט איבערכאַזערן. איך האָב זיך אויסגעקליבן אַן אַנדער מאַרשרוט, אָבער מײַנע פרײַנט האָבן מיט יעדן טאָג מיך אָנגעקוקט מיט אַלץ מער פאַרוואונדערונג: „ביסט נאָך ניט געווען אין וואַלדהיים?“

און אָט זיץ איך אינעם אויטאָבוס מיט שילדל „ביראָבידזשאַן—וואַלדהיים“. כ׳באַווײַז זיך ניט אַרומקוקן, און איך בין אויפן אָרט. איך זע פאַר זיך אַ גרויסן, צעוואַקסענעם יִישעוו. מע דאַרף ניט האָבן קיין רײַכע פאַנטאַזיע, קעדיי זיך פאָרשטעלן, אַז, פּונקט ווי אין אַמורזעט, בירעפעלד, איז דאָ פון אָנהייב גאָרנישט ניט געווען. די ערשטע איבערוואַנדערער האָבן אָוועקגעשטעלט דעם ערשטן באַראַק. איך זע די זעלבע, ווי אין נײַפעלד, אויסגעקאַלכטע ציכטיקע הײַזער, פונ־דאַמענטאַלע קאַלווירטישע געבײַען, אויסגערעכנטע אויף לאַנגע יאָרן. דער קלוב איז דאָ, עמעס, גרעסער, איידער אין נײַפעלד, די שול אויך, פאַראַן אַ שול־אינטערנאַט.

וואַלדהיים איז אַ טיפּישער דאָרפישער יִישעוו פון אונדזער סאָוועטישער צײַט. פאַרוואָס זשע פאַרלאָזט מיך ניט דער פאַרדראָס, וואָס איך בין דאָ ניט געווען פריִער? הײַזער, גאַסן, גאַנצע יִישוווים קאָנען זײַן ענלעך איינס אויפן צווייטן, ווי צווי טראָפּנס וואַסער, נאָר די מענטשן

זײַנען אומעטום נײַ און פאַרשיידן. כ׳האָב ניט געזען אין דער יוגנט, ווי לייב ר׳עזניק פאַרפלאַנצט אין וואַלדהיים דעם ערשטן סאָד; כ׳האָב ניט געזען, ווי דער געוועזענער באַלעגאָלע יעכיעל ראַק פאָרט אַרויס דאָס ערשטע מאָל אין פעלד אויף אַ טראַקטאָר; כ׳האָב ניט געזען דאָס ערשטע קינד, וואָס יעכיעלס פרוי, כײַע, האָט געהאַט. דערנאָך האָט זי געהאַט נאָך נײַן קינדער. אין יענע יאָרן, ווען דער יישעוו איז געווען קליין און יעדער נײַער טוישעוו איז געווען אַ געווינס, האָט כײַע געקינדלט. פונדערווײַטנס, בלויז דאַן, ווען ער פלעגט קומען אויף אַ באַראַטונג אין דער שטאָט בירָאָבידזשאַן, האָב איך געזען דעם ערשטן וואַלדהיימער קאָלווירט־פאָרזיצער יודל פעלהענדלער. איך האָב פאַרזען די יוגנט פון די ערשטע וואַלדהיימער טוישווים, איצט זע איך זייערע גרויע קעפּ. מע דאַרף אויסגלעטן די קאַרבן און קנייטשן, וועלכע די צײַט האָט אַרופגעלייגט אויף זייערע פּנעמער, כּדי זיך שאַפן אַ בילד, וויאַזוי די מענטשן האָבן אויסגעזען מיט איבער דרײַ צענדליק יאָר צוריק. נאָר אין דער שיינער עלטער זייערער געפינט מען די שיינקײַט פון זייער יוגנט. יעכיעל ראַק איז נאָך ביז איצט בריגאַדיר פון אַ טראַקטאָר־בריגאַדע; פעלהענדלער און רעזניק, זינט זיי קריגן פּענסיע, מישן זיך אין אַלע קאָלווירטישע איניאָנים נאָך מער, ווי פריער. דער באַרימטער שמיד אַרן גאָרעליק וואַרעמט זיך ניט נאָר באַם פײַער פון דער קוזניע, ער איז פאָרזיצער פון דער גרופּע אויף מיטהעלפן דעם מעלוכע־ און פּאַרטיי־קאָנטראָל. שיינע, שטאָלצע, אַרבעטזאַמע אַלטע לײַט, וואָס האָבן זייער ליב, ווען מע רופט זיי „פּיאָנערן“.

דעם קאָלווירט־פאָרזיצער וולאַדימיר איזראַילעוויטש פעלער האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן צו זען אין מעשך פון גאַנצן טאָג. וואַלדהיים איז נאָר איינער פון די פיר יישווים, פון וועלכע עס באַשטייט דער גרויסער קאָלווירט „איליטשס געבאָטן“, און אַ פאָרזיצער דאַרף אומעטום זײַן. ווען איך וואָלט אויסמײַדן אַזאַ מענטש, ווי פעלער, פאַרשווײַגן אים, וואָלט עס געווען אַ שווערער שטיין אויף מײַן געוויסן, כאָטש דעם וואָלטן די וואַלדהיימער קיינמאָל מיר דאָס ניט מויכל געווען. האָב איך געהאַט נאָר איין ברירע — פרעגן וועגן אים בײַ אַנדערע. דער פּאָרטרעט זײַנער, ווי מע האָט מיר אים אויסגעמאָלט: אַ גיבער, אַן אַטלעט, הויך, געזונט, קרעפטיק. אויפן פראָנט איז ער געווען אַן אויסשפּירער און האָט גרינג, ווי פייגעלעך, געשלעפּט אויף זיך פאַשיסטישע אָפּגעקאָרמעטע „צינגער“. ער האָט דעם אָרדן „סלאַוואַ“ פון אַלע דרײַ מאַדרייגעס.

אין בירָאָבידזשאַן רופט מען אים „דער בויער“. און אַזוי איז עס טאַקע. אויפן לעצטן פּלענום פונעם בירָאָבידזשאַנער ראַיאָנעם פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט פעלער פון דער טריבונע מיט האַרצווייטעק געזאָגט: „שוין זעקס כאַדאָשים, ווי איך בוי גאָרנישט“.

דער מעלוכע־באַנק, וואָס גיט קרעדיטן, האָט מיט פעלערן אָפּט צו טאָן. ער נעמט געלט, וויפל ער דאַרף, און דאַרפן דאַרף ער אַ סאַך, ווײַל שטענדיק בויט ער, אָבער ער דעקט ניט צו דער צײַט די כויוועס. דער קאָלווירט איז אַ מיליאָנער, די סכוירע זײַנע — קאַרטאָפל, פליישׁ, מילך, האָניק, פרוכטן — פאַרלעגערט זיך ניט, מעזומען איז פאַראַן, נאָר ווי עס קומט צום אַרײַנטראָגן אין באַנק, ווײַזט זיך אַרויס, אַז פעלער האָט שוין דאָס געלט פאַרטאָן אויף אַ נײַער בויונג. עס קומען דאַן פאַר לאַנגע זיצונגען פון דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג. סאָפּקאָלסאָף קריגט פעלער פאַר פינאַנציעלער אומדיסציפּלינירטקײַט אַן אויסרייד. אויסריידן האָט ער ניט ווינציק, קימאַט אַזויפיל, וויפל עס זײַנען פאַראַן אויף זײַן כעזשבן נײַע געבײַען. האָט מען אַ טראַכט געטאָן, עפּשער איז ער אַזאַ נאָר אין וואַלדהיים, און מע האָט אים געשיקט אין אַמורזעט. דאָרטן האָבן זיך באַוויזן, פּונקט ווי אין וואַלדהיים, נײַע דרײַרייִקע שטאַלן, נײַע וואַרשטאַטן און... נײַע אויסריידן באַ פעלערן. די וואַלדהיימער האָבן דאַן אָנגעהויבן צו טומלען: אויב אַזוי, גיט אים אונדז אָפּ צוריק... און פעלער האָט זיך אומגעקערט. דאָס מאָל האָט ער זיך גענומען צו דער פּאַסעקע. די אַלטע פּאַסעקע האָט געבראַכט נאָר העזיק. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז מע דאַרף זי אינגאַנצן ניט. פעלער האָט די בינשטאָקן אַריבערגעפירט אין די בערג, וווּ עס זײַנען פאַראַן ליפּע־וועלדלעך; צופוסנס די סאָפּקעס האָט מען אופגעאַקערט נײַע שטיקער ערד, פאַרזייט הריקע. דאָרטן האָט ער אויסגעבויט אַ גאַנץ האָניק־שטעטל. הונדערטער טאָן האָניק האָט מען אָנגעהויבן באַקומען, דער קאָלווירט איז געוואָרן אַן עקספּאָנענט פון דער אַלפאַרבאַנדישער אויסשטעלונג.

וואַלדהיים גליקט אין אַלץ. עס גליקט אים מיט די פאָרזיצערס. זינט דער קאָלווירט עקזיסטירט, האָט ער קיין שלעכטן פאָרזיצער ניט געהאַט. פעלערס פאָרגענגער ווערן אויך דערמאָנט צום גוטן. עס גליקט מיט אַגראָנאָמען, מעכאַניזאַטאָרן, גאָרטנציכטלער, מעלקערנס. דער איינציקער דערווײַל אין דער געגנט העלד פון סאָציאַליסטישער מי מאַריאַ יאָסיפּאָוונאַ פּאָקאָטילאָ איז אַ וואַלדהיימער; שוין יאָרן נאָכאַנאַנד שיקט וואַלדהיים דעפּוטאַטן אין אויבער־סאָוועט פון ססר. שיפרע קאָטשינע, ראָכל פריידקינע, איצט — ריווע ווישטשיניקינע. נאָר דער ערשטער דעפּוטאַט לייע לישניאַנסקע איז געווען פון בירעפעלד, אָבער אין וואַלדהיים זאָגט מען, אַז „זי איז אונדזערע, פּונקט ווי זייערע“. מע איז דאָך צווישן זיך געקניפּט און געבונדן.

איך זיץ אין שטוב באַם דעפּוטאַט פון אויבער־סאָוועט, עס מעכײַעדיקן היימישן קעז מיט

סמעטענע און פיר דערבײַ א געמיטלעכן שמועס. באם טיש זיצט ריוועס מאן — סעמיאָן גריגאָריעוויטש ווישטשיניקין. ער איז געקומען אהיים אף וואַרמעס. סעמיאָן גריגאָריעוויטש איז בריגאדיר פון א טראקטאָר־בריגאדע; איצט איז ער פארנומען מיט רעמאָנטירן די לאנדווירטשאַפטלעכע מאשינעס אין די ווארשטאטן. ער איז וווּקסיק, ברייטביינערדיק. און עס קימערט אים, דוכט זיך, א ביסל די דאָזיקע וווּקסיקײַט. דאָס ווײַב זײַנס איז א סאך קלענער. ווען ער לייגט אוועק די גרויסע דלאָניע אפן טיש, ווערט ענגלעך פארן טעלער און ער רוקט אים אָפּ פון זיך. די באקן זײַנען בלייכלעך, ווי ער וואָלט ניט לאנג אריבערגעטראָגן א קרענק. סעמיאָן גריגאָריעוויטש רעדט ווינציק, נאָר ער האָט די גוטע מײַלע פון קענען הערן יענעם. ריווע דערמאָנט אים, אז דער מיטיק־איבערײַס וועט זיך ענדיקן און ער וועט אוועק אף דער ארבעט ניט קיין געגעסענער. אנטקעגן אים, אפן אנדערן עק טיש, זיצט דער בריגאדיר פון דער גאָרטנציכטלער־בריגאדע גרישע פײַמאן, ער איז אלט 42 יאָר, אזויפיל אָדער קימאט אזויפיל, וויפל ווישטשיניקין, נאָר ער זעט אויס היפש יִנגער, גאָר ווי א יונגערמאן נאָך דער כאסענע, כאָטש ער איז שוין א טאטע פון פיר קינדער. ער איז באָכעריש פלינק, באווײַזט אלץ — עסן, ריידן, הערן... פון מילכיקס האלט ער ניט. דעם ביר „טאיאָזשנאָיע“, וואָס ער טרינקט גלאָז נאָך גלאָז, פארבײַסט ער מיט געזײַערטע פאָמידאָרן און שטיקער קאלב־פלייש, וואָס צעפאלן זיך פון ווייכקײַט אפן גאָפּל. די שווארצע אויגן זײַנע גלאנצן אלץ פריילעכער.

ריווע זעצט זיך אלע ווײַלע צו צום טיש און הייבט זיך ווידער אוף: עפּעס פעלט, עפּעס דארף מען נאָך דערלאנגען.

— זיץ, כ'וועל אליין ברענגען, — זאָגט די מוטער אירע.

— זיץ, — הייבט זיך אוף פון טיש דער מאן.

— זיצט, — וויל אויך העלפן גרישע פײַמאן, אָבער ווי נאָר אנדערע נעמען זיך דערלאנגען, ווערט א הו־הא, אלע טומלען און קיין טאָלק איז ניטאָ, א באלעבאָסטע אין שטוב בלײַבט א באלעבאָסטע, אויב אפילע זי איז א דעפּוטאט און האָט זיך נאָרוואָס אומגעקערט פון מאָסקווע פון א סעסיע. ענדלעך איז שוין אלץ, לאכלוטן אלץ אפן טיש, און ריווע זעצט זיך צו.

ריוועס מוטער, באסיע, זעט אויס, ווי זי וואָלט אראָפּ פון רעמבראנדטס א פּאָרטרעט. דער גרויסער קינסטלער האָט געמאָלט אלטע פרויען אזוי, אז יעדעס קנייטשעלע לויכט פון אינווייניק; באסיעס פּאָנעם איז פּארמעט־געל, די הויט אף די באקן — אויסגעטריקנט, אף די הענט מיט די ביינערדיקע, אויסגעצויגענע פינגער — אָנגעקוואָלענע אָדערן, נאָר דאָס גאנצע געשטאלט פארכאַפּט מיט זײַן שיינקײַט. גוטסקײַט שטראלט פון אירע ווונדערלעכע אויגן. באסיע איז אלט 76 יאָר. איר מאן, יעווסיי גאָטסדינער, איז אף צוויי יאָר עלטער. ער איינער זיצט ניט באם טיש, עס זיצט זיך אים ניט. מיט שטילע טריט גייט ער אום איבערן פּאָדערשטן צימער, אוועקשטעלנדיק זיך פון צײַט צו צײַט אף דער שוועל פונעם עס־צימער. ער האלט אָפן דאָס מויל, וויל, דוכט זיך, מיט די אָפענע ליפּן אופכאפּן דאָס, וואָס עס הערן ניט די פארכאסמעטע אויערן. די אויגן זײַנען ניט קיין אויסגעלאָשענע, זיי טליִען, ווי גוטער אנטראציט, וואָס האלט א צײַט ווארעמקײַט. יעווסיי גאָטסדינער איז דער גרינדער פון א גאנצער דינאסטיע גאָטסדינערס אין וואלדהיים. עפּשער א פערטל יִישעוו זײַנען גאָטסדינערס.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן אלע פײַן צוגעביסן, האָב איך יעדן געבעטן דערציילן א ביסל וועגן זיך.

— די קאָרעספּאָנדענטן, — האָט באמערקט גרישע פײַמאן, — האָבן שטענדיק זייערס אין זינען. נו, גוט, אײנקורצן...

און טאקע זייער אײנקורצן האָט פײַמאן דערציילט, אז פיר יאָר איז ער געווען אפן פראָנט, דערגאנגען ביז רומעניע. נאָך דער מילכאָמע איז ער געקומען צו פאָרן אהער, צוערשט געארבעט אלס טראקטאָריסט, דערנאָך געוואָרן דער בריגאדיר פון א פעלד־בריגאדע. אין דער בריגאדע זײַנען צוויי רינגען: איינער — ריווע ווישטשיניקינעס, דער צווייטער — מאריִע בראכמאנאָוועס. יעדעס יאָר, אומאָפּהענגיק פונעם וועטער, נעמט די בריגאדע אראָפּ א גוטע גערעטעניש.

סעמיאָן גריגאָריעוויטש האָט געזאָגט א פּאָר ווערטער וועגן רעמאָנט פון די טראקטאָרן און צוגעגעבן, אז דאָס איבעריקע ווייסט ריווע.

— אָנהייבן פון סאמע אָנהייב? — האָט זי געפרעגט.

בא ריוועס איז א גלאטער, ווײַסער שטערן און גרינבלעכע שטראלנדיקע אויגן.

— כ'וועל אײַך דערציילן, וויִאזוי און ווו מיר האָבן זיך באקאנט, — האָט זי עטוואָס א נייג געטאָן דעם קאָפּ צום מאן, ווי בעטנדיק בא אים א דערלויבעניש.

— דערצייל, דערצייל, — האָט זיך ארײַנגעמישט די מאמע. — דערצייל, וואָס פאר א גאזלען ער איז, וויִאזוי דו האָסט פארשפּילט דײַן יונג לעבן...

יעדע טנוע, יעדע מינע פון באסיעס פּנעם האָט גערעדט וועגן דעם, אז אלץ איז פונקט פארקערט. דער איידעם הערט דער שוויגערס קאָמפּלימענטן און שמייכלט באשיידן.

— מילכאָמע־צײַט, — האָט ריווע אָנגעהויבן, — האָב איך מיט די עלטערן געלעבט אין אזערבײַדזשאַן... צוערשט געקומען קיין באקו, נאָר דאָרטן איז שוין געווען פול מיט עוואקויִרטע, האָבן מיר זיך געלאָזן ווײַטער, אין דער שטאָט זאקאטאלי, און פון דאָרטן — נאָך ווײַטער, אין א דאָרף 120 קילאָמעטער פון דער אײַזנבאן. ווען מיר זײַנען געקומען אהין, האָט דער פאָרזיצער פונעם דאָרפסאָוועט אוועקגעפירט אונדז צו א פארכאסמעט שטיבל, די לאָדנס זײַנען געווען פארמאכט און פארקלאפּט מיט ברעטלעך. אין הויף, באם סאמע ארײַנגאנג — געדיכט ווילדגראָז. דאָס גראָז קריכט אויך דורך די שפּאלטן פונעם גאנעקל. א שווערן אײַנדרוק מאכן אזעלכע פארלאָזנע, אוועקגעוואָרפענע הײַזער. ווען מע זעט זיי, ווערט טרויעריק אפן הארצן. דער פאָרזיצער האָט אראָפּגענומען דעם פארזשאווערטן שלאָס פון דער טיר. ווען מיר זײַנען ארײַן אין שטוב, האָט אונדז ארומגעכאפּט א קעלט.

— באלד וועלן מיר אופעפענען די לאָדן, וועט ווערן ליכטיק, — האָט דער פאָרזיצער געזאָגט, — לעבט רויִק, ביז עס וועט זיך אומקערן דער באלעבאָס. דעמלט וועט איר שוין אויך זיך אומקערן אהיים...

אין א מינוט ארום איז געוואָרן ליכטיק. מיר האָבן זיך ארומגעקוקט: א בעטל, א טישל, א בענקל — דאָס אלץ וועט אונדז שטארק צוניץ קומען. אפן בענקל איז געשטאַנען א קענדל מיט וואסער. ווער און ווען האָט די וואסער געטרונקען צום לעצטן מאָל?

מיר אלע — די מאמע, דער טאטע און איך — האָבן געארבעט אין קאָלווירט. אף דער טאבעק־פּלאנטאציע בין איך געפאָרן רײַטנדיק אף א פערד. די ווײַבער האָבן פארוווּנדערט מיך אָנגעקוקט: א מיידל זאָל זיך זעצן אף א פערד? ס׳איז געווען א דאָרף, נאָך פול מיט אלטע אָבערגלויבענישן... מיר האָבן אָרגאניזירט א קאָמיוגישן רינג און אינגיכן אָפּגעגעבן קימאט אזויפיל טאבעק, וויפל דער גאנצער קאָלווירט האָט געדארפט אָפּגעבן דער מעלוכע. מע האָט מיך אויסגעקליבן פארן סעקרעטאר פון דער קאָמיוג־אָרגאניזאציע.

איינמאָל, איך בין אָקאָרשט געקומען אהיים, באוויזן בלויז אָפּצועסן, שטעלט זיך צו אונדז ארײַן א הויכער רויטארמייער אין א פּילאָטקע אפן שפּיץ קאָפּ, מיט א רוקזאק אף די פּלייצעס. ער האָט זיך באגריסט מיט אונדז און זיך פאָרגעשטעלט:

— איך בין סעמיאָןווישטשיניקין.

זייער גוט. סעמיאָן ווישטשיניקין, איז סעמיאָן ווישטשיניקין. די מאמע שטעלט אופזידן דעם טשײַניק, איז מעכאבעד מיט א גלאָז טיי. דער גאסט איז ניט איבעריקס באריידעוודיק, מיר שטעלן פראגע נאָך פראגע און דערוויסן זיך, אז ער האָט געדינט אין אן אוויִאדעסאנט־טייל, געווען ארומגערינגלט, זיך ארויסגעריסן, ווידער אָנטיילגענומען אין א סאך שלאכטן. גערעדט האָט ער פּוילבלעך, ווי ניט וועגן זיך. בא אונדז האָבן זיך די פראגעס אויסגעשעפּט, און סעמיאָן ווישטשיניקין איז אינגאנצן אנשוויגן געוואָרן. זיצט, אײַלט זיך ניט אוועקצוגיין. איך כאלעש שלאָפן. אפן טיש איז געשטאַנען א שפּיגעלע, באמערק איך אין ווינקל פונעם שפּיגל, אז ער קוקט אף מיר. איך האָב א קוק געטאָן אינעם אנדערן ווינקל — ער איז ווידער דאָ אין שפּיגל. דערווײַל האָט אונדזער שטוב אָנגעהויבן פול ווערן. א האלב דאָרף איז זיך צוזאמענגעקומען. „סיעניע", „סיעניעטשקע!" — מע וויינט, מע לאכט, מע קושט זיך. דער אוילעם כאָכמעט זיך:

— וויפל וועסטו, סיעניע, נעמען דירעגעלט בא די קווארטיראנטן?

— וואָס דארף ער דירעגעלט? ער וועט בעסער נעמען נאדן, — לאכט א צווייטע און ווינקט אף מיר.

יענעם אָוונט איז ער אוועק צו זײַן עלטערער שוועסטער און א צײַט בא אונדז זיך ניט באוויזן. מיך האָט ער אויסגעמיטן אפילע דאָרטן, ווו ער האָט געמוזט זיך טרעפן מיט מיר. מיר האָבן אָרגאניזירט אינעם דאָרף א קאָמיוגישן פּאטרול, און ווישטשיניקין, אלס עלטסטער, האָט יעדן טאָג געדארפט קומען און דערציילן דעם סעקרעטאר, וויִאזוי נעכטן איז דורך די דעזשורסטווע. הייבט זיך ניט אָן, ער קומט ניט איין טאָג, א צווייטן טאָג, א דריטן. בין איך ניט פוילל און גיי אליין אוועק צו אים.

— איך וועל דיר גאָרנישט ניט דערציילן און גאָרנישט ניט זאָגן, — האָט ער בערויגעז ארויסגעברומט. — א גוטער סעקרעטאר קומט כאָטש איין מאָל אין אָוונט, גייט זיך דורך צוזאמען מיטן פּאטרול, וואָלטן אים דערנאָך געווען קלאָר מײַנע באריכטן.

איך האָב א טראכט געטאָן, אז עפּשער איז ער גערעכט. דעם זעלבן אָפּדערנאכט בין איך אומגעגאנגען מיטן פּאטרול, אייגנטלעך, נאָר מיט סעמיאָנען. זײַנע צוויי כעוורע זײַנען געגאנגען אָדער פון פאָרנט אָדער פון הינטן. דער רייעך פון טאבעק, געמישט מיט די רייכעס, וואָס טראָגן זיך פון די סעדער, האָט גאָר א באזונדערן קויעך — ער פארשיקערט. קיינמאָל ניט — ניט פריִער,

ניט שפּעטער — האָב איך ניט געהערט סעמיאָנען אַזױפיל רײדן, װיפיל יענעם אָװנט. װען כ׳האָב זיך אומגעקערט אַהײם, האָב איך נאָך אַ צײַט זיך אײַנגעהערט צו די טריט פונעם פּאַטרול.

אינגיכן איז צו אונדז אַרײַנגעקומען סעמיאָנס אײנציקע שװעסטער און גאָר אַפן אַלטן שטײגער אונדז גענומען שאַדכענען.

— סעמיאָן זאָגט, אַז ער קאָן אָן אײַער ריװוקען ניט לעבן, — האָט זי זיך געװענדט צו מײַנע עלטערן, ניט קוקנדיק אױף מיר, פּונקט װי איך װאָלט דאָ געװען די פינפטע ראָד צום װאָגן, — אײַך װעט ער ליב האָבן און אַכטן, װי עמעסע טאַטע־מאַמע; מיר זײַנען אױסגעװאַקסן יעסױמים. דאָס הױז, אין װעלכן איר װױנט, געהערט דעם ברודער, דאָס הײסט סעמיאָנען, אַזױ אַז װי צו לעבן װעט איר האָבן...

דער כאָסן איז בײסמײַסע געשטאַנען אין פּירהײַזל. דאָ האָט ער ניט אױסגעהאַלטן, אַרײַנגע־שפּאַנט, צוגעפאַלן צו דער מאַמען, זי אַרומגעכאַפּט.

— ריװקע איז נאָך צו יונג, — האָט די מאַמע געענטפערט, — זי איז דאָך נאָך ניט אַלט אַפילע קײן נײַנצן יאָר...

איך האָב געשװיגן, זיך ניט געקאָנט פּאַנאַנדערקלײַבן אין מײַנע געפילן.

שפּעטער, װען עס איז געקומען די צײַט פון רעעװאַקואַציע און מיר האָבן אַרופגעלײגט די זאַכן אַפן װאָגן, איז דאָס גאַנצע דאָרף אונדז אַרױס באַגלײטן, בלױז אײן מענטשן האָב איך צװישן אױלעם ניט געזען. ס׳האָט מיר אַזױ פאַרקלעמט דאָס האַרץ, אַז כ׳האָב געװאָלט אַרײַנטראָגן די זאַכן צוריק אין שטוב און בלײַבן, בלײַבן דאָרט אױף אײביק. װען דער װאָגן האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט די מאַמע מיך גענומען פאַר אַ האַנט.

— װאָס זשע שטײסטו?

איך האָב זיך געלאָזט גײן. אַרומקוקן זיך האָב איך ניט געװאַגט, נאָר עס האָט זיך מיר געדוכט, ער יאָגט מיך אָן... נײן, ער האָט אױסגעהאַלטן כאַראַקטער, טאַקע ניט געקומען זיך געזעגענען... אין אַ צײַט נאָך דעם, װי מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהײם, אין קרים, האָב איך געקראָגן פון אים אַ בריװ. דאָס הײסט, ניט נאָר איך, ער האָט געשריבן צו אונדז אַלעמען. װאָס װײַטער — אַלץ אָפּטער. װען מיר זײַנען אַריבערגעפאָרן קײן בירָאָבידזשאַן, איז ער גע־קומען אַהער...

— דאַפקע געפונען, — האָט אַרײַנגעשטעלט די אַלטע באַסיע.

אונטערשמײכלענדיק, װי ער װאָלט אױסגעהערט אַ טשיקאַװע געשיכטע װעגן עמעצן אַן אומבאַקאַנטן, האָט סעמיאָן גריגאָריעװיטש זיך אױפגעהױבן פונעם טיש, אָנגעטאָן דעם װאַטניק, די גרױסע הענטשקעס, װאָס זײַנען פּונדעסטװעגן, דוכט זיך, ענגלעך פאַר זײַנע הענט. איך האָב זיך בײסמײַסע פאַרקוקט אױף דעם קלײנװאַרג, װאָס האָט זיך געשפּילט אינעם פאָדערשטן צימער, און אַ פרעג געטאָן, צי ס׳זײַנען פאַראַן נאָך קינדער. אַ װאָלקן, אַ שװערער, שװאַרצער װאָלקן, איז דורכגעגאַנגען איבער די פּענעמער. סעמיאָן האָט אױף אַ רגע פאַרהאַלטן די האַנט אױף דער קליאַמקע פון דער טיר, פאַרטױבט אַ קרעכץ געטאָן און איז אַרױס. כ׳האָב פאַרשטאַנען — ניט געדאַרפט געװען פרעגן. שפּעטער האָב איך זיך דערװוּסט, אַז צװײ זין זײַנען בײַ זײ געשטאָרבן, און אין גאָר אַ נײַער שײַן האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט ריװעס דערצײלונג װעגן איר ליבע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי און די מאַמע טוען אַלץ, װאָס זײ קאָנען, אָפּצװוּענדן סעמיאָנען פון די איבערלעבונגען, װעלכע האָבן נאָך מער, װי אױף זײ, זיך אָפּגערופן אױף אים, און ער קאָן ניט קומען צו זיך.

אינגיכן נאָך דעם, װי סעמיאָן איז אװעקגעגאַנגען, זײַנען מיר אינדרײַען — ריװע, גרישע פײַמאַן און איך — אױך אַרױס אין דרױסן.

— דאָ װױנט ראָכל פרײדקינע, אונדזער אַגראָנאָם. זי האָט אױסגעהאָדעװעט אַ נײַעם מין קוקורוזע „זאָלאָטאַיאַ"[1], װעלכן מע זײט איצט אין גאַנץ כאַבאַראָװסקער קאַנט.

— אָט דאָ לעבט מאַריע פּאַקאַטילאָ, אונדזער בעסטע מעלקערן.

— אין אָט דעם הױז װױנט דער מעכאַניזאַטאָר יאַנקל גאָטסדינער.

— און אין יענעם — דער פּאַרװאַלטער מיט דער מילך־פערמע בערל גאָטסדינער.

— עפּשער װילט איר אַרײַנגײן אין שול־אינטערנאַט, — װײַזט מען מיר אָן אױף אַ גרױסן מױער, — זײער אַ גוטער אינטערנאַט.

איך גײ אַרײַן צו דער מעלקערן פרײדע קופּערמאַן. פאַרװאָס דאַפקע צו איר? מיסטאָמע דערפאַר, װײַל איר הױז איז פון די עקסטע אין דאָרף. דער הונט אין איר הױף הײבט אָן בילן, װען מע איז נאָך אַ מײַל די װײַט. אַ גרױסער, בײזער הונט, װאָס לױפט אום פון זײַן בײַדל ביז דער קאַליטקע הין און צוריק, רײַסט זיך פון דער קײט און װיל פאַרצוקן. אָבער אין װאַלדהײם

---

[1] גאָלדענע.

האָב איך ניט מוירע פאר קיין הונט, דערהויפּט, אז די באלעבאָסטע איז ארויסגעלאָפן אפן גאנעק און א געשריי געטאָן אף אים. ווען פריידע האָט זיך באוויזן, איז אלץ געוואָרן זייער קליין אנטקעגן איר — דער גאנעק, גופע די שטוב, דער הויף. אין איין קאָפּטל אפן וואָכיקן קליידל, אין זומערדיקע צעשפּיליעטע שיכלעך אף די פּיס איז זי געשטאנען אפן ברענענדיקן פראָסט און האָט מיך רויִק באקוקט. אז מע זעט אזא איישעס־כאַיִל, טוט מען א טראכט, אז זי האָט מיסטאמע א קאָל פון א לייב.

א קאָל האָט זיך אָבער דערהערט א ווייכס און מילדס. גאסטפרײַנטלעך האָט זי מיך פאר־בעטן אין צימער און באקאנט מיטן מאן — סעמיאָן מארקאָוויטש, און מיטן זון, וואָס איז געקומען אף א טאָג אהיים. ער לערנט זיך אין טעפלאָזערסק אין דער האנטווערקער־שול באם צעמענט־זאוואָד. סעמיאָן מארקאָוויטש איז א פּיציכטלער.

— עס לעבט זיך גאָר נישקאָשע, — האָט פריידע געזאָגט. — און ס'איז נאָך פאראן א ביסל קאָוועד אויך. קיין גאָלדענע און זילבערנע מעדאלן האָב איך ניט, אָבער א בראָנזענע — איז פאראן. א בראָנזענע דארף מען אויך פארדינען, ווי מיינסטו? — האָט זי זיך אויסגעדרייט צו סעמיאָן מארקאָוויטשן.

זי האָט גענומען שטעלן מײַכאָלים אפן טיש. עס האָבן ניט געהאָלפן מײַנע אָפּזאָגעכצן, און נאָכן מיטיק בא די ווישטשיניקינס האָב איך געמוזט צוביַיסן נאָכאמאָל.

— ס'מאכט ניט אויס, — האָט פריידע מיט אירע גוטע הענט אונטערגערוקט מיר איין מײַכל נאָכן צווייטן, — אין א פראָסט דארף מען עסן צוויי מאָל מער.

אָפּגעזעגנט זיך מיט די קופּערמאנס, בין איך ווידער אוועק אין דער קאָלווירט־פארוואלטונג. פעלער איז נאָך ניט געווען, זײַן ארבעטס־צימער איז געווען פארשלאָסן, אָבער אין די איבעריקע צימערן, דערהויפּט אין יענעם, ווו עס זיצט דער בוכהאלטער, איז געווען לעבעדיק. דער הויפּט־אגראָנאָם טאראסאָוו, נאָך גאָר א יונגער מענטש לויטן אויסזען (די יונגקײַט גיבן אים מיסטאמע צו די בלויע אויגן), האָט וועגן עפּעס היציק אײַנגעטײַנעט מיט א פּאָר פרויען.

אין אָוונט בין איך ארײַן אין נאָך א פּאָר שטיבער, געשמועסט, געהערט די לעצטע נײַס דורך ראדיאָ, באוויזן א ביסל א קוק טאָן, וואָס מע ווײַזט אין טעלעוויזאָר. מיטן לעצטן אווטאָ־בוס האָב איך זיך אומגעקערט קיין ביראָבידזשאן. ווי נאָר עס זײַנען פארשוווּנדן די שורעלעך פײַערן פון וואלדהיים, האָבן פונדערווײַטנס אָנגעהויבן זיך מיניען די עלעקטרישע פײַערן פון דער שטאָט. קימאט דעם גאנצן וועג איז געווען ליכטיק.

צוויי אָביעקטן

יעדן טאָג שטעל איך אין בלאָקנאָט א פייגעלע אנטקעגן דעם „אָביעקט", ווו איך בין שוין געווען. די פייגעלעך מערן זיך, די אָביעקטן נעמען זיך ניט אויס. פון אינדערפרי ביז אָוונט גיי איך ארום. הײַנט בין איך געווען אין טראנספאָרמאטאָרן־זאוואָד און אין דער מעבל־פאבריק. דער טראנספאָרמאטאָרן־זאוואָד רופט בא מיר קיין זיכרוינעס ניט ארויס. אין מײַנע צײַטן איז ער ניט געווען, פונקט ווי ס'איז ניט געווען די גאנצע גאס, וואָס ציט זיך איצט לענגויס דער אײַזנבאן־ליניע. דער זאוואָד שליסט די גאס, ווי א שיינער, שטארקער אקאָרד. די טראנספאָרמא־טאָרן און סטאביליזאטאָרס צו טעלעוויזאָרן, וואָס ער לאָזט ארויס, צעגייען זיך ניט נאָר אינעם ווײַטמיזרעכדיקן קאנט. מײַן באגלייטער עליע בלעכערמאן פירט מיך אָבער דערהויפּט איבער די צעכן, ווו מע פראָדוצירט נאָך דערווײַל גאָרניט. פלינק און לעבעדיק, פונקט ווי אים וואָלט נאָך געווען א שאָק מיט יאָרן צו פענסיע, שפּרינגט דער אלטער איבער די בריקלעך, איבער די גריבער און בערגלעך פונעם ריזיקן קאָרפּוס, וואָס מע האָט אָקאָרשט פארענדיקט בויען און מע דארף אים, ווי עליע זאָגט, נאָר אופראמען. דער קאָרפּוס איז נאָך ניט אויסגעשטאט, בלויז גרויסע טרויבן ציִען זיך פון אויבן, אונטערן הויכן דאך.

די טרויבן זײַנען בלעכערמאנס. ער איז א בלעכער, זײַן טאטע איז געווען א בלעכער און דער זיידע — א בלעכער. ס'איז א באווײַז, אז אן אנדערשמאָל האָט די פאמיליע פון א מענטש פונדעסטוועגן יאָ וואָס צו זאָגן.

זײַן ביִאָגראפיע ווייס איך שוין א ביסל. ניט לאנג צוריק האָט מען וועגן אים געשריבן אין דער כאבאראָווסקער צײַטונג „טיכאָאָקעאנסקאיא זוועזדא", א פּאָר מאָל — אין די געגנטלעכע צײַטונגען. בארימט איז ער ניט אזוי מיט זײַנע טרויבן, ווי אלס גזעלשאפטלעכער אינספּעקטאָר פון דער זיכערהײַטס־טעכניק. פון די פארצייכענונגען און נאָטיצן איז צו זען, אז זינט אף דער וועלט איז פאראן „טעכניקא בעזאָפּאסנאָסטי", האָט זי נאָך אזא רעוויזאָר ניט געהאט.

עליע שיט מיט כאָכמעס, מיט ווערטלעך, איך כאַפּ זיך צו דער קעשענע נאָכן בלאָקנאָט.

— דערווײַל פֿאַרשרײַבט נאָר מײַן אַדרעס, — האַלט ער מיך אָפּ. — איר וועט קומען צו מיר אַהיים, וועלן מיר שרײַבן צוזאַמען.

עליע אײַיצעט מיר גלײַך אַרײַנגיין צום הויפּט־אינזשעניער.

— ס׳וועט זײַן פֿאַר אײַך א סורפּריז, — זאָגט ער צו מיר.

גלײַך ווי איך בין אַרײַנגעקומען צום הויפּט־אינזשעניער אין קאַבינעט, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אין וואָס דער סורפּריז באַשטייט. באַם טיש איז געזעסן נאָך גאָר א יונגער מענטש, קימאַט א באָכערל. מיט עפּעס איז ער ענלעך אָף ניקאָלײַ ריבקינען פֿון נײַפּעלד, כאָטש יענער איז בלאָנד און דער איז א ברונעט. בא ביידן איז אָבער איין און דער זעלבער אויסדרוק פֿונעם פּאָנעם — אַן אויסדרוק, וואָס צייכנט אויס מענטשן, אינגאַנצן פֿאַרטאָנענע אין זייער אַרבעט.

אין דער קאָרעספּאָנדענטישער פּראַקטיק האָט מען צו טאָן מיט פֿאַרשיידענע מענטשן — קאַרגע אָף א וואָרט און שטאַרק באַריידעוודיקע, באַשיידענע און אַזעלכע, וואָס האַלטן שוין צופֿיל פֿון זיך. אַלס קלאַל האָט די מערהײַט מענטשן פֿײַנט צו דערציילן וועגן זיך, אָבער אַזאַ מענטשן, ווי מאַרק מאַטווייעוויטש קופּערמאַן, האָב איך געטראָפֿן צום ערשטן מאָל. קיין האַלבן וואָרט, וואָס זאָל אָנבאַלאַנגען צו זײַן אייגענעם לעבן, האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן אַרויסצײַען.

— וואָס האָט דאָס פֿאַר א שײַכעס צו דער אַרבעט? — האָט ער אופֿגעהויבן אָף מיר א פּאָר פֿאַרוווּנדערטע שוואַרצע אויגן און גלײַך גענומען מיר דערקלערן דעם פּלאַן, וויאַזוי עס וועט אויסגעשטאַט ווערן דער נײַער קאָרפּוס.

— איך האָב געהערט, אַז איר האָט פֿאַרענדיקט די בירעבידזשאַנער שול מיט א גאָלדענער מעדאַל, — האָב איך אין עטלעכע מינוט אַרום ווידער זיך גענומען צו אים.

ער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק.

— נו, איר האָט זיך א סאַך דערוווּסט בא אים? — האָט בלעכערמאַן מיך באַגעגנט מיט א פֿראַגע אָף די טרעפּ פֿון דער זאַוואָד־פֿאַרוואַלטונג. — האָט ניט קיין אַגמעסנעפּעס, איך וועל אײַך וועגן אים אַלץ דערציילן. ער איז דאָ אויסגעוואַקסן פֿאַר מײַנע אויגן. זײַן טאַטע איז געווען א פֿליטן־טרײַבער. ער איז דער ייִנגסטער הויפּט־אינזשעניער אין בירעבידזשאַן, זייער א גוטער קאָנסטרוקטאָר, א כאָכעם. די „טעכניקע בעזאָפּאַסנאָסטי" איז בא אים אָפּן ערשטן פּלאַן...

אין די זאַוואָד־צעכן — בא די אויספּרווו־סטענדן, בא די קאָמפּליצירטע ווערקשטעלן, בא די אווטאָגען־ און עלעקטראָשווייס־אַפּאַראַטן — אַרבעטן אין דער מערהײַט יוגנטלעכע, ווי אומעטום, ווו מיר איז דאָ אויסגעקומען צו זײַן. אייניקע פֿאַמיליעס פֿון די יונגע אַרבעטער קלינגען מיר באַקאַנט. לעמאָשל, אַזאַ פֿאַמיליע, ווי מילער — מאַרעק מילער איז א שלאָסער. ס׳קומט אַרויף אָפּן געדאַנק זײַן טאַטנס, בוזי מילערס, ערשט ביכל „מישמוירעס בײַטן זיך". אינעם קינדער־גאָרטן האָב איך געזען מאַרעקס זון, סאַשענקען, — א געזונט באָכערעצל. ווען די מאַמע איז געקומען אָפּנעמען אים אַהיים, האָט ער זיך צעהוליעט, איבערגעקערט די וועלט, אומגעטראָגן זיך אַן אָנגעפּעלצטער אין די ווינטערדיקע מאַלבושים פֿון איין עק קאָרידאָר אינעם צווייטן, מע זאָל אים כאַפּן. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וועט אים פֿאַרקלאָגן פֿאַרן טאַטן; קיין איבעריקס גרויסן אײַנדרוק האָבן די ווערטער אָף סאַשען ניט געמאַכט. דאַן האָט זי גענומען דראָען, אַז זי וועט אים פֿאַרקלאָגן פֿאַרן זיידן. דער יונגאַטש האָט גענומען פּאַטשן מיט די הענטלעך אין די הענטשקעס:

— איך וויל צום זיידן! צום זיידן!

סאַשע איז דער דריטער דאָר בירעבידזשאַנצעס.

פֿונעם טראַנספּאָרמאַטאָרן־זאַוואָד און פֿונעם קינדער־גאָרטן בין איך אוועק אָף דער מעבל־פֿאַבריק. דאָ איז שוין ווידער יעדער שפּאַן מײַנער פֿאַרבונדן מיט דערינערונגען, מיט פֿאַרגלײַכן — ווי איז איצט און ווי איז געווען פֿריִער. אַמאָל האָב איך געהאַט דעם קאָוועד צו זיצן אָף איינעם פֿון די ערשטע ווינער שטולן, וואָס די פֿאַבריק האָט אַרויסגעלאָזט. צווישן אוילעם, וואָס האָט זיך פֿאַרזאַמלט באַם דירעקטאָר אין קאַבינעט, בין איך געווען דער ייִנגסטער און גרינגסטער, דעריבער האָט מען געהאַלטן, אַז אַן א סאַקאָנע פֿאַרן שטול מעג מען מיך בעטן זיך אוועקזעצן אָף אים. דאָס בענקל האָט העל־ברוין געבלאַנקט און געלויכטן, נאָר די פּיסלעך, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, זײַנען שוין א ביסל צו קרומלעך.

— די פּיסלעך וועלן מיר נאָך פֿאַרפּולקומען, — האָט צוגעזאָגט דער דירעקטאָר.

איך האָב זיך דרייסט אוועקגעזעצט, און עס האָט מיך אויסגעהאַלטן. דערנאָך האָב איך אָנגעשריבן א לאַנגע פֿאַרצייכענונג, א דיפֿיראַמב דעם ערשטן שטול.

— צען זײַטן וועגן איין בענקל... — האָט מיט א ווייכן שמייכל, ניט צו באַליידיקן דעם יונגן אווטאָר, א זאָג געטאָן דער ליבער, קלוגער רעדאַקטאָר אונדזערער, — וויפֿל זשע, ברודערקע, וועסטו אָנשרײַבן, ווען די פֿאַבריק וועט אָנהייבן אַרויסלאָזן טישן, שאַפֿעס, דיוואַנען?

די מעבל־פירמע „בירע" פאַרייניקט איצט דרײַ גרויסע אונטערנעמונגען, איר פּראָדוקציע וועל איך ניט באַשרײַבן, כאָטש מע קען, ניט אָנקומענדיק צו אַנדערע מעבל־פירמעס, דאָ אויס־מעבלירן קימאַט מיט אַלץ א גאַנצע דירע. ווען מען וועל איך פאַרווונדערן? פאַרקערט, מע וועט זיך ווונדערן אף מיר. אז עס פליען שוין ראַקעטעס אף דער לעוואָנע, איז שווער זיך צו ווונדערן, ווען מע זעט א קאָמבײַן, א טראַנספאָרמאַטאָר, א שיינע שאַפע. איין אייביקער ווונדער איז פאַראַן — דער מענטש, ער איז דער איינציקער קוואַל פון אַלע ניסים, וואָס קומען פאָר אף דער ערד.

ווען איך בין געקומען אף דער מעבל־פאַבריק, איז באַם דירעקטאָר פון דער אונטערנעמונג רובינשטיין געגאַנגען א באַראַטונג.

איך האָב געזען, אז די זיצונג וועט זיך פאַרציִען, און האָב באַשלאָסן דערווײַל זיך דורכגיין איבער די צעכן. אין די צוגרייטונגס־צעכן, פאַרוואַלגערטע מיט שטאַבעלן פריש־געהובלטע ברעטער, האָט אין נאָז א קיצל געטאָן א רייעך פון וואַלד, פון טײַגע; אינעם טערמישן צעך, ווו אונטער די פּרעסן טריקנט זיך דאָס געהילץ, הענגט אין דער לופט א לײַכטע פּאַרע, עס שמעקט מיט פרילינגדיקער ערד, וואָס וואַרעמט זיך אף דער זון. פריילעכער, ווי אומעטום, איז אָבער אין די סטאָליער־צעכן, ווו דער מאַטעריאַל קומט אַרײַן אין די הענט פונעם באַלמעלאָכע.

עס איז גראָד געווען מיטיק־צײַט. א סאַך אַרבעטער זײַנען אַוועק אין דער פאַבריק־גאָרקיך, אייניקע האָבן צוגעביסן אפן אָרט.

בא א שפּאָגל־נײַעם טיש, אף וועלכן מע האָט נאָרוואָס אַרופגעטאָן די קײַלעכדיקע דעק, די צאַרגע, זיצט דער סטאָליער אַרן וועדניק מיט דער פרוי העניע און מיטן זון יאַנקל. די גאַנצע מישפּאָכע אַרבעט אף דער פאַבריק.

— מע האָט זי געגומען צוליב מיר, — ווײַזט אַרן אָן אף העניען, וואָס שנײַדט בייסמײַסע ברויט אף דעם אויסגעשפּרייטן בויגן פּאַפּיר. — ביכלאַל פירט זיך ניט, אז מאַן און ווײַב זאָלן אַרבעטן אין איין צעך. געגוג, וואָס זיי זײַנען צוזאַמען אין דער היים. נאָר אַזוי ווי איך בין אן אַלטער אַרבעטער און מע רעכנט זיך מיט מיר, האָט מען געמאַכט אן אויסנאַם. איז איר נאָך געווען קנאַפּ. ווי נאָר מע האָט זי גענומען אין מײַן צעך, האָט זי גענומען צושטיין, איך זאָל נעמען צו זיך יאַנקלען, ער האָט פאַרענדיקט זיבן קלאַסן. וואָס הייסט נעמען צו זיך? ס׳איז מײַן פאַבריק? אויסגעפירט האָט זי. דאָס יינגל וועט שוין אינגיכן באַקומען א ראַזריאַד.

— ווען דו וואָלסט גוט געוואָלט, וואָלט ער אים שוין איצט געהאַט, — האָט העניע א זאָג געטאָן מיט א גוטמוטיקן צופרידענעם שמייכל פון א ווײַב, וואָס האָט א דייע באַם מאַן, אַלץ ווערט געטאָן אַזוי, ווי זי פּלאַנירט און ווי זי וויל. — פאַר די פרעמדע שילער האָסטו זיך שוין אויסגעסטאַרעט דעם ראַזריאַד...

אין צעך ווערט טומלדיק. די יוגנט קערט זיך אום פון דער גאָרקיך. וואָלאָדיע טיפּאָגראַפּ־שטשיק, קאַליע סטעגאַנקאָ, עדיק שאַפּראַנסקי זײַנען אַלט צו 17—18 יאָר. זיי לערנען זיך אין א טעכניקום. מיט פאַרווונדערונג דערוויס איך זיך, אז אין די געציילטע פרײַע אָוונטן איז זיי אומעטיקלעך. אינטערעסאַנטע קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען אינעם קולטור־פּאַלאַץ זײַנען גאָר נישט אַזאַ אָפּטע זאַך, אין קינאָ־טעאַטער „ביראָבידזשאַן" ווערן באַוויזן אַלע נײַסטע פילמען, אָבער עס מאַכט זיך, אז די נײַע זײַנען ערגער פון די אַלטע.

די יונגע כעוורע, דוכט זיך, טרײַבן קאַטאָוועס. א קולטור־פּאַלאַץ, א קינאָ־טעאַטער מיט צוויי זאַלן, עטלעכע קלובן, א ספּאָרט־סטאַדיאָן — אַזוי נײַ איז דאָס אַלץ פאַר מיר אין ביראָ־בידזשאַן, אָבער, ווײַזט אויס, יעדע צײַט האָט זיך אירע פאָדערונגען.

מיט דער האַסטיקײַט, וואָס איז אייגנטימלעך דער יוגנט, גייט מען אַריבער פון איין טעמע אף דער צווייטער. מע רעדט וועגן ראַזריאַדן, וועגן נײַע מינים מעבל. קאַליע דערציילט, אז אין קומענדיקן יאָר וועט ער צוזאַמען מיט עדיקן דינען אַוועקגיין אין דער אַרמיי.

גייענדיק פון דער פאַבריק, האָב איך אונטערוועגס פאַרקערעוועט אין אוניווערמאַג, וואָס געפינט זיך אף דער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס. איבער ביידע שטאָקן פון גרויסן אוניווערמאַג האָט זיך געטראָגן די מעלאָדיע פון „איציקל האָט כאַסענע געהאַט". באַם געשטעל, ווו מע האַנדלט מיט פּלאַטן, זײַנען געשטאַנען א פּאָר ייִדן מיט געזונטע, פאַרווינטיקטע פּנעמער, געקוקט, ווי עס דרייט זיך די פּלאַסטינקע, און געדרייט מיטן קאָפּ:

— קיין נײַערס איז ניטאָ?

די פאַרקויפערן גיט זיי דעם גאַנצן ייִדישן אַסאָרטימענט: „וואַרניטשקעס", „דער קראַנקער שנײַדער", „מעכוטאָנים", „בײַט מיר אויס א פינף־און־צוואַנציקער".

— מיילע, — זאָגן די ייִדן, נעמענדיק די פּלאַטן אין די שיינע קאָנווערטן, — אן אַלטער „פינף־און־צוואַנציקער" קאָן אויך צוניץ קומען...

נאָך איין פּעדאַגאָגישע פּאַמע

הײַנט אי'ז בא מיר א פּעדאַגאָגישער טאָג. אינדערפרי, ווען כ'בין ארויס אין דרויסן, האָט מיר געדוכט, אַז די שטאָט ווייס איך שוין. מיטן געפיל פון א טוישעוו, וואָס איז איבערצײַגט, אַז הײַנט וועט ער טרעפן דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געזען נעכטן און אייערנעכטן, האָב איך זיך געלאָזט שפּאַצירן איבער דער לענין־גאַס. איך ווייס שוין דאָ אויסגעצייכנט אַלץ, אַזוי האָט זיך מיר געדוכט. כ'ווייס יעדן פאַרשנייטן בוים אין סקווער, יעדן וועגווײַזער, וואָס וואָרנט מיך, ווו איך זאָל דורכגיין די גאַס, קעדיי איך זאָל בעשאָלעם פאַרענדיקן מײַן קאָמאַנדיראָווקע און ניט פאַלן א קאָרבן פון דער האַסטיקער גאַסן־באַוועגונג. כ'ווייס יעדן מויער מיט די צוויי אָדער דרײַ אַרײַנגאַנגען. פינף מינוט גאַנג אַרויף־צו איבער דער גאַס, און איך בין לעבן דעם ווײַסן צווייִשטאָקיקן מויער פון דער שאָלעם־אליי כעם־ביבליאָטעק. איך כאַפּ זיך אַרײַן אַהין. אין וועסטיבול טוען גלײַך אויף מיר א קוק פון א באַרעליעף אויגן פון א ייִדן א כאָכעם, שאָלעם־אליי כעמס אויגן. א גרויסער פאַרביקער סטענד, וואָס פאַרנעמט קימאַט א גאַנצע וואַנט, דערציילט וועגן דעם לעבנסוועג און וועגן דער שאַפונג פונעם גרויסן פאָלקס־שרײַבער, עס ווערן געבראַכט שאָלעם־אליי כעמס אַרויסזאָגונגען און די אַרויסזאָגונגען וועגן אים, עס ווערט דערציילט וועגן די פיל־מיליאָניקע טיראַזשן פון זײַנע ביכער.

איינע פון די קליגסטע אופטוען פון די ביבליאָטעק־טוער לעצטנס איז דאָס, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן פרײַ צולאָזן די לייענער צו די ביכער־סטעלאַזשן. גריבל זיך אין די אוצרעס, וויפל דו ווילסט, און זוך זיך אויס, וואָס דאָס האַרץ גלוסט. אָנטאַפּן יעדעס בוך, נעמען עס אין דער האַנט, א בלעטער טאָן, איבערלייענען גלײַך אויפן אָרט א פּאָר שורעס איז א סאַך אָנגענעמער, ווי זוכן אין די אָנגעסילעוועטע אויף אײַזערנע פרענטלעך קאַרטלעך פון די קאַטאַלאָגן. איך זאָל האָבן צײַט, וואָלט איך אַרײַנגעקוקט אין אַלע הונדערט פופצן טויזנט ביכער. זיבן טויזנט פון זיי זײַנען ייִדישע. א רײַכע גאַלעריע ליטעראַרישע העלדן, אָנגעהויבן פון מענדעלעס „קליין מענטשעלע" און פאַרענדיקט מיט שירע גאָרשמאַנס לעבנסלוסטיקע קאָמונאַרן.

די צווייטע טיר פון דער ביבליאָטעק איז דער געגנטלעכער מוזיי. ווי קאָן מען אים פאַרבײַגיין? אויב איך בין איצט א קנאַפּער באַלן צו גיין אין דער טײַגע, קומט די טײַגע צו מיר, מיט איר גאַנצן פאַרמעגן — מיט די אוסוריער און אַמורער טיגערס, וועלף, פוקסן, סאָבאָלן, ווידרעס. א סאַך מינים פייגל — פונעם אָדלער דעם „מאָהילניק", וואָס האָט, שטייענדיק אויפן הויכן פּאָסטאַמענט, אויסגעשפּרייט אין א גרויסן האַלבקרײַז זײַנע מעכטיקע פליגל, ביז די קליינטשיקע קוקאָווקעס, קעדרינקעס, פּיקהאָלצן. א נאַכטיגאַל האַלט אויפן דאָס פּיסקל — ער האָט ניט פאַרענדיקט אויסזינגען זײַן ליד.

אין די זאַלן פון צווייטן שטאָק — אין פאָטאָגראַפיעס, בילדער און אַנדערע עקספּאָנאַטן — דער אַנטוויקלונגס־וועג פון דער געגנט.

אויף די טישן, אונטערן גלאָז, — די בילדער און די רירנדיקע לעבנס־געשיכטעס פון זיבן מענטשן, וואָס זײַנען פון פאַרשיידענע יישוווים פון דער געגנט אַוועק מילכאָמע־צײַט אויפן פראָנט און געוואָרן העלדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד. איינער פון זיי — פּיאָטער פּעטראָוויטש קאַגיקין, א טוישעוו פונעם דאָרף לענינסקאָיע, האָט אָנטיילגענומען אין אויפהייבן און אַרויסהענגען די רויטע פאָן איבערן רײַכסטאַג אין בערלין.

איך קוק ניט נאָר און ניט אַזוי אויף די עקספּאָנאַטן, ווי אויף די באַזוכער — די עקסקורסאַנטן, דערהויפּט די יונגע. אויפט דערזעען זיי אין א רעמל א באַקאַנט פּאָנעם, דאַן דערהערט זיך א צופרידענער אויסגעשריי.

אינעם ביראָבידזשאַנער' מוזיי פּילט זיך דער צאַפּל פון הײַנטיקן טאָג. איך גיי אַרויס אויף דער גאַס און טרעף די זעלבע מענטשן, וואָס כ'האָב נאָרוואָס געזען דאָרט פאַרייביקטע.

אַנטקעגן מוזיי איז דער צענטראַלער ביכער־מאַגאַזין און לעבן אים — די רעדאַקציע און די דרוקערײַ פון די געגנטלעכע צײַטונגען. ווײַטער ציִען זיך אַוועק צוויי גלײַכע, לאַנגע שורעס וווינונגס־הײַזער, — געוויינלעך דערגיי איך ניט ביזן סאָף און פאַרקערעווע אויף דער גאָרקי־גאַס. הײַנט בין איך אַוועק ווײַטער, און מיטאַמאָל איז אויסגעוואַקסן פאַר מיר איינער פון די שענסטע מויערן אין שטאָט. ער שטייט א ביסל אין הינטערגרונט און לאָזט פרײַ א שטיק פּלאַץ, מע זאָל אים קאָנען בעסער אָנקוקן פון אַלע זײַטן. א כאַליאַסטרע באָכערים און מיידלעך מיט פּאָרטפעלן גייען אַרײַן אין דער געבײַדע. איך גיי אויך אַרײַן מיט זיי. אין די ליכטיקע קאָרידאָרן איז שטיל, עס גייט א לימעד.

דאָ, אין דער פּעדאַגאָגישער שול, הייבט זיך אָן מײַן באַקאַנטשאַפט מיט א מערקווירדיקן „פּעדאַגאָגישן דרײַלינג". ניין, אין שטאָט רופט מען זיי ניט אַזוי, די דרײַ כאָשעווע פּעדאַגאָגן. אַזוי רוף איך זיי אָן נאָר פאַר זיך. גאַנץ פאַרשיידענע לויט די כאַראַקטערן, לויט דעם, ווי בא

יעדן פון זיי האָט זיך צונויפגעלייגט דאָס לעבן, שטעלן זיי זיך מיר פאָר, זינט איך האָב זיך מיט זיי באַקענט, ווי אַ דרײַעק מיט גלײַכע ווינקלען. ציליע איסאַקאָוונע דוואָרקינע איז דער דירעקטאָר פון דער פּעדשול, ווערע יאַקאָוולעוונע גלייזער איז דירעקטאָר פון שול־אינטערנאַט, ראָזע מאַיִסייעוונע באַרענהאָלץ איז „פּאַשעט" אַ לערערן. ווען איך וואָלט געשריבן אַ דערציילונג וועגן אויסגעטראַכטע מענטשן, וואָלט איך געלאָזן אין גאַנג די גאַנצע שרײַבערשע פּאַליטרע, ניט געקאַרגט קיין פאַרב, באַניצט אַלע אַלטע, גוט אויסגעפּרוּווטע עפּיטעטן. כ'מוז אָבער זײַן אײַנגעהאַלטן, ניט אַרײַנצוברענגען מײַנע לעבעדיקע העלדן אין פאַרלעגנהײַט. ריידנדיק וועגן זיי, וועל איך זיך נאָר דערלויבן באַניצן דאָס וואָרט ענערגיע. אַ יאַם ענערגיע שפּרודלט פונעם פּעדאַגאָגישן דרײַלינג, און ענערגיע איז, ווי זיך אויס, אַ גוטע סגולע אַף בלײַבן יונג. זיבצנדיק באַ ציליע איסאַקאָוונע אין קאַבינעט, האָב איך מיט פאַרווונדערונג זיך דערוווּסט, אַז זי האָט שוין אַ פון לאַנג אויסגעגעבענע טאָכטער, אויך אַ דערוואַקסענעם זון, אַ מאַטעמאַטיקער, וואָס אַרבעט אין נאָוואָסיבירסקער פיליאַל פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, און אַז זי אַליין געדענקט שוין ניט דאָס יאָר, ווען זי האָט געענדיקט דעם סמאָלענסקער פּעדאַגאָגישן טעכניקום, און איז צוזאַמען מיטן מאַן, אויך אַ לערער, אַוועקגעפאָרן קיין ביראָבידזשאַן.

די ביראָבידזשאַנער פּעדשול, וווּ 800 סטודענטן לערנען זיך סטאַציאָנאַר און 500 הינטער־אויגיק, איז איינע פון די בעסטע אין דער רוסלענדישער פעדעראַציע.

דאָס צווייטע „ווינקל" פונעם דרײַעק איז דער געוועזענער דעפּוטאַט פון אויבער־סאָוועט פון פּססר ווערע יאַקאָוולעוונע גלייזער. זי קומט אין אינטערנאַט אַ צײַט פריִער, איידער די קינדער שטייען אויף, און גייט אַוועק אַ צײַט שפּעטער נאָך דעם, ווי די קינדער לייגן זיך שלאָפן. אַהיים, אינעם איינזאַמען צימער, קומט זי נאָר אַף איבערצושלאָפן די עטלעכע שעה פון דער געקירצטער נאַכט.

הונדערטער קינדער פון גאַנץ כאַבאַראָווסקער קאַנט לעבן און לערנען זיך אין אינטערנאַט. איך בין געווען אין די קלאַסן, איך בין געווען אין די שלאָפצימערן. צוזאַמען מיט די קינדער האָב איך אין עסצימער געגעסן מיטיק. אומעטום פילט מען די ענערגיע פון דער נידעריטשקער עלטערער פרוי ווערע יאַקאָוולעוונע גלייזער.

און צולעצט...

איך זיץ אַף דער לעצטער פּאַרטע אַף אַ לימעד אינעם ערשטן קלאַס פון דער ביראָבידזשאַנער מיטלשול נומער צוויי. מײַן שאָכן איז דאָס אַכטיאָריק ייִנגל אַנדריושע סטעפּאַנאָוו. יעדעס ווינקעלע פון דער שול איז מיר גוט באַקאַנט. איך האָב זיך קיינמאָל דאָרטן ניט געלערנט, אויך ניט געלערנט אַנדערע, נאָר ניט איין שאַבעס און זונטיק בין איך געקומען אַהער צולייגן אַ האַנט, אונטערטראָגן ציגל און ליים. דאַן האָט מען נאָך קיין הייבקראַנען ניט געזען. דערנאָך, ווען דער בנין פון דער שול איז שוין געווען פאַרטיק, בין איך געזעסן אין דער נײַער שול אַף אַ לימעד אין ערשטן קלאַס, דאַכט זיך, טאַקע באַ דער זעלבער ראָזע מאַיִסייעוונען.

דער קלאַס איז זייער אַ געראַמער, אַ ליכטיקער.

איך זע פאַר זיך שוואַרצע און בלאָנדע קעפּלעך, די מיידלעך מיט ווײַסע קראַגעלעך, ברוינע קליידלעך און אין פאַרטעכלעך; די ייִנגלעך האַלטן ניט פון דער אַלטער מאָדע — די גימנאַסטיאָרקעס, מע טראָגט פּידזשאַקלעך מיט אַ סאַך קעשענעס, „ווי באַ די גרויסע".

קינדער זײַנען קינדער אַפילע באַ דער בעסטער לערערן. איינער פאַרטראַכט זיך, דער אַנדערער נעמט עפּעס זוכן אונטער דער פּאַרטע, דעם דריטן פאַרווילט זיך מיטאַמאָל אויסצודרייען דעם קאָפּ און אופמערקזאַמער אַ קוק טאָן אַפן כאַווער, וואָס זיצט אַף דער לעצטער פּאַרטע.

ראָזע מאַיִסייעוונע מאַכט פון צײַט צו צײַט באַמערקונגען:

— וואָווע קאָפּיאָנקין, טומל ניט.

— ליאָניע האָניקמאַן, הער זיך אוף צו דרייען.

— וואַלעריק יוסים, וואָס האָסטו אַזוינס דערזען אין פענצטער. דערצייל, מיר וועלן הערן.

— מאַרעק קאָניעווסקי, דו וועסט באַלד אַרויס פון קלאַס.

— באָריע פעלדמאַן, דאַרפסט נאָך אַן אַפּאַראַט פאַר די אויערן — אַף צו הערן, — זאָגט „מיט אַ שטאָך" ראָזע מאַיִסייעוונע צו אַ געפּאַקט יאַטל, וואָס זיצט פון סאַמע פאָרנט. דער כעוורעמאַן טראָגט ברילן, און די באַמערקונג, דוכט מיר, איז ניט גאָר קיין פּעדאַגאָגישע, אָבער דער מעכאַבער פון דער פּעדאַגאָגישער פּאָעמע מאַקאַרענקאָ האָט דאָך אויך ניט שטענדיק געהאַנדלט פּעדאַגאָגיש.

איך בין זיך מוידע. איך האָב געוויס פאַרדינט מער באַמערקונגען, ווי אַלע. ווען ראָזע מאַיִסייעוונע זאָל מיך אַ פרעג טאָן, וואָס זי האָט אָקאָרשט געזאָגט, וואָלט איך ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. איך האָב פאַרלאָרן דעם פאָדעם פונעם לימעד, און דעם לימעד פירט דאָך אַ לערערן, וועגן וועמען מע האָט צו דער לעצטער געגנטלעכער לערער־קאָנפערענץ אַרויסגעלאָזט אַ ספּע־

ציִעל בלעטל, ווּ עס ווערט באַטאָנט איר אויסגעצייכנטע מעטאָדיק. איך וואָלט געדאַרפט גענוי פאַרצייכענען, וויִאַזוי גייט דער לימעד פון אָנהייב ביזן סאָף. אָנשטאָט דעם טראַכט איך גאָר וועגן יוסימען, וועגן פעלדמאַנען און וועגן די אַנדערע קונדייסים, וועלכע די לערערן רופט אָן. צי איז באָריע, טראַכט איך, ניט לייב פעלדמאַנס אַן אייניקל, יענעם לייב פעלדמאַנס, וואָס איז געקומען סאָף 1929 אין ביראָבידזשאַן פונעם שטעטל פּאָגרעבישטשע, וויניצער געגנט? ער האָט זייער פרי — צו 17 יאָר — כאַסענע געהאַט. די כאַסענע איז געווען אין דער צוזאַמענוווינונג פון די טראַקטאָריסטן. און גענומען האָט ער כאַנקען, אַ מיידל פון נײַ־אושיצע, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט אים געלערנט אויף די טראַקטאָר־קורסן. גראָד נעכטן בין איך געווען באַם פּאָרפאָלק צוגאַסט. אַ סאַך ביראָבידזשאַנער, דערהויפּט די אַלטע, האָבן אייגענע הײַזער. אַזעלכע באַקוועמלעכקײַטן, ווי, לעמאָשל, אַ וואַנע־צימער, וואָס איז פאַראַן אין יעדער דירע פון די גרויסע מויערן, זײַנען דאָ ניטאָ, אָבער די שטיבלעך זײַנען גוט אַרומגעזען, געטינקעוועט און געווײַסט פון דרויסן, וואַרעם און געמיטלעך אינווייניק. דער גאַנצער ייִשעוו, וועלכן מע רופט נאָך ביז איצט „עמטעסאָווסקער“, באַשטייט פון אַזעלכע הײַזער. אין אַזאַ שטיבל וווינט אויך דער געוועזענער דירעקטאָר פון מ.ט.ס., איצט אָנפירער פון די ביראָבידזשאַנער רעמאָנט־וואַרשטאַטן לייב פעלדמאַן. ווען איך בין געקומען צו אים, האָט ער געהאַקט האָלץ. ער האָט אויסגעזען אַזעסדיק־יונג אין דעם קובאַנקעלע, וואָס איז געווען הויך אַרופגערוקט אויפן קאָפּ און האָט ניט פאַרדעקט די פלאַמענדיקע אויערן. דערנאָך בין איך געזעסן בײַ אים אין שטוב, און ער האָט מיר דערציילט די געשיכטע פון זײַן לעבן — אייגנטלעך, די געשיכטע פון ביראָבידזשאַן.

...וואָלעריק יוסים... — האָב איך ווײַטער געטראַכט... — אויפן קאָמבײַנען־זאַוואָד איז דער שעף פונעם מעכאַנישן צעך זינאָווי יאָסיפאָוויטש יוסים. ווען איך בין געווען אין זאַוואָד, האָב איך געפרעגט זינאָווי יאָסיפאָוויטשן, צי איז ער ניט אַ קאָרעוו פון יענעם יוסים, וואָס איז סאַמע אָנהייב פון ערשטן פינפיאָר געווען איינער פון די בעסטע שלאָגלערס אויפן מאָסקווער צאַפּנלאַגערזאַוואָד, דערנאָך איז ער געוואָרן דער דירעקטאָר פון דעם דאָזיקן זאַוואָד. דער ביראָבידזשאַנער יוסים האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „יאָ“.

— איר מיינט, איך האָב ניט געזען, אַז איר האָט געקלערט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש, — האָט ראָזע מאָיִסייעוונע מיר „אַרײַנגעזאָגט“ נאָכן לימעד. — עפּשער האָט איר פאַרטראַכט אַ נײַע פּעדאַגאָגישע פּאָעמע?

שכיינים

לאַנג לעבן זאָלן די דעזשורנע אַדמיניסטראַטאָרס פון ביראָבידזשאַנער האָטעל, יעדע צוויידרײַ טעג האָבן זיי אַרײַנגעשיקט אינעם נומער אַ נײַעם קוואַרטיראַנט. שאָלעם־אַליכעם האָט אַמאָל געצייצעט פּאָרן מיטן דריטן קלאַס. ער וואָלט אויך אַוודע געצייצעט די שרײַבער, וואָס פּאָרן אין קאָמאַנדירונגען, ניט באַזעצן זיך אין די נומערן „ליוקס“, ווּ מע קאָן אין דער איינזאַמער גרויסאַרטיקײַט אויסגיין פון אומעט, דערהויפּט אין די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט, ווען עס שלאָפט זיך אַמאָל ניט און ס׳ווילט זיך הערן אַ מענטשלעך קאָל, מעג זײַן אַפילע אַ כראָפּערײַ, טויב צו ווערן. נישקאָשע, דער פאַרשוין וועט זיך אופכאַפּן, וועט מען קאָנען מיט אים כאַפּן אַ שמועס. יעדער נײַער מענטש איז אַ רעטעניש, און ס׳איז גרויס דער פאַרלאַנג וואָס גיכער טרעפן, ווער איז ער, פונוואַנען איז ער, וואָס שטעלט ער מיט זיך פאָר. ווער ער זאָל ניט זײַן, איז ער פאַר אַ שרײַבער אַ געווינס.

צוויי מעסלעס האָב איך געהאַט אַ שאָכן דעם קאָרנועלער הערצאָג פון „קיניג ליר“. ווי נאָר מע דערמאָרדעט אים אין דריטן אַקט, קומט ער צו לויפן אַ צופרידענער אין האָטעל, עסט אָפּ וועטשערע און דאַן איז ער גרייט אַ גאַנצע נאַכט צו רייכערן און ריידן. אַ געזונטער מיטליאָריקער שוואַרצער מאַנצבל. אַלץ איז גרויס בײַ אים — די נאָז, די אויערן, די טשופרינע, בלויז די אויגן זײַנען קליינטשינקע. ווען ער זאָגט עפּעס אַ כאָכמע, צעלאַכט ער זיך אַליין און די אויגן פאַרזשמורען זיך בײַ אים. דאַן באַקומט זײַן פּאָנעם אַ מאָדנע ווייכן, ווײַבערשן אויסזען, אַלע געזיכט־שטריכן ווערן ווי אָפּגעווישט און ס׳בלײַבט נאָר איין אויסגוס פון האַנאָע. אין מעשעך פון די פּאָר נעכט, וואָס ער איז געשלאָפן אַנטקעגן מײַן געלעגער, האָב איך זיך דערוווּסט קימאַט אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף וויסן וועגן טעאַטער־קונסט.

גלײַך נאָך אים האָט אויף די פּריש־אויסגעשפּרייטע לײַלעכער פאַרנומען זײַן אָרט אַ צירקאַרטיסט, אַ גיבער פון בוריאַט־מאָנגאָליע, וואָס הייבט אויף זעקס און דרײַסיק פּוד. זײַן קראַפט האָט ער דעמאָנסטרירט אין קלוב, וואָס לעבן דער ביראָבידזשאַנער סאָפּקע, דערנאָך האָט ער געהאַט אַן אָוונט אין אַמורזעט.

— אין מײַן לעבן, — האָט ער מיר געזאָגט, — האָב איך נאָך ניט געזען אַזעלכע מענטשן,

ווי אין אמורזועט. ניט נאָר די געוויכטן, נאָר אפילו די שטאַנגען, אויף וועלכע די געוויכטן זײַנען אָנגעטאָן, האָט מען צוואַנציק מאָל באַקוקט.

פאַרן לייגן זיך שלאָפן האָט דער גיבער געמאַכט טעלעכע האַנט־איבונגען, געזוכט א מאַ־סיווע זאַך, מיט וואָס זיך א שפּיל טאָן, אָבער דער איינציקער שווערער כייפעץ אין צימער בין געווען איך.

איך האָב אים געפרעגט, צי האָט ער אין אמורזועט באַוויזן עפּעס צו זען.

— גאָרניט, — האָט ער געענטפערט, — נאָר דעם קלוב, א גאַנץ פײַנער קלוב, די בינע איז, עמעס, א ביסל אָן ענגלעכע, נו, און דעם האָטעל מיטן רעסטאָראַן...

מיר האָט זיך פאַרוואָלט דערציילן דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס עס באַטײַט א קלוב, א רעסטאָ־ראַן און א האָטעל אין אמורזועט. א סאַך נײַע יישווים זײַנען פאַראַן אין דער געגנט, אָבער אויב אַנדערע זײַנען אופגעקומען אין ערטער, ווו עס איז געווען כאָטש א סימען פון א הײַזקע, א שטיבל, איז אמורזועט געבוירן געוואָרן אינגאַנצן אויף א ליידיק אָרט, בלויז דער אלטער אמור האָט דאָרט גערוישט.

מיט קוואַרטיראַנטן פון אמורזועט האָט מיר ביכלאַל געגליקט. דער ערשטער שאָכן מײַנער איז געווען אַן אמורזועטער. איצט, נאָכן גיבער, באַ וועמען איך האָב אָפּגענומען פון דאָרטן א גרוס, אזוי צו זאָגן, א זײַטיקן, האָב איך אַרײַנגעקריגן אַן אמורזועטער פונדאַמענטאַלן טוישעוו.

אינעם נומער האָט זיך אַרײַנגעשטעלט א באָכער אין א הארטן שאָפּענעם פּעלצל, א וואַרעם היטל, הויך אַרופגערוקט אפן פאַרשוויצטן שטערן, און אין גרויסע הענטשקעס. לויטן רייעך, וואָס האָט גלײַך פאַרפולט דעם צימער, האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אז ער איז א שאָפער.

— אַנאַטאָלי גאָרלאָווסקי, — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָב איך שוין געוווסט, אז ער איז געבוירן געוואָרן אין אמורזועט אין 1936 יאָר, דער פאָטער זײַנער — הערשל, אַן איבערוואַנדערער פון 1928 יאָר — איז א שאָפער, און דער ברודער וואָלאָדיע איז אויך א שאָפער. ער, אַנאַטאָלי, אַרבעט מיטן טאַטן אין דער אמורזועטער ראַיאָנישער געברויך־געזעלשאַפט. וואָלאָדיע פירט קינאָ־פילמען איבער די דערפער, ער אליין איז אויך דער קינאָ־מעכאַניקער.

אינעם צימער ווערט אלץ טומלדיקער. עס גייען אַרײַן די שאָפערן פון דער קאָלאָנע, וועלכע זײַנען געקומען צו פאָרן צוזאַמען מיט מײַן נײַעם שאָכן. מע הייבט זיך אָן דערמאָנען פאַרשיידענע געשיכטעס. פריִער, ווען קיין גוטער וועג איז ניט געווען, האָט יעדע רײַזע קיין אמורזועט זיך געמוזט ענדיקן מיט עפּעס א געשעעניש. איצט טרעפט אויך — מע פאַלט אַרײַן אין א בוראַן, אין א ווינט מיט א האָגל, עס ווייט און דרייט, אז מע זעט ניט די ליכטיקע שײַן. איינמאָל, ערעוו נײַיאָר, האָט אַנאַטאָלי מיטן טאַטן געפירט קיין אמורזועט פאַרשיידענע גוטע זאַכן, קאַסטנס ווײַן, איז זיי אויסגעקומען צו שלעפּן די קאַסטנס אויף זיך. גאַנץ אמורזועט האָט דערנאָך געהויבן די קויסעס פאַרן געזונט פון די שאָפערן.

— אייגנטלעך, — זאָגט אַנאַטאָלי, — וואָלט מען געדאַרפט אונדזער אַוטאָפּאַרק באַנײַען און פאַרגרעסערן. אמורזועט איז ניט קיין יישעוו, נאָר שוין א גאַנצע שטאָט.

שטיל, קעדיי ניט אופצוּוועקן מיך, האָט אַנאַטאָלי באַגינען זיך אָנגעטאָן און איז אַרויס. אינגיכן האָט הינטערן פענצטער געגרומען הודזשען איין מאָטאָר, א צווייטער, א דריטער. איך האָב זיך אופגעהויבן א קוק טאָן. דורכשנײַדנדיק די בלויע נאַכט, האָט א לאַנגע קאָלאָנע מאַשינעס זיך געלאָזן אין וועג.

אינדערפרי האָט שוין מיט מיר געוווינט א טעכניקער פון אָבלוטשיע, און אויף מאָרגן — אַן אײַזנבאַנער, וואָס האָט זיך געהיילט אפן קוראָרט קולדור. ער האָט געהאַט וואָס צו דערליידיקן אין בירָאָבידזשאַן און זיך דאָ אויף צוויי טעג אָפּגעשטעלט.

— א גוטער קוראָרט, — האָט ער צו מיר געזאָגט. — אויב איר האָט רעוומאַטיזם, ראַדי־קוליט, מיִאָקאַרדיט, נירן־קרענק, פורונקוליאָז...

— זאָלן עס האָבן אונדזערע סאָנים, — האָב איך אים איבערגעשלאָגן.

צולעצט איז אין מײַן נומער געווען א קאָמאַנדיראָוואָטשנער פון כאַבאַראָווסקער בוי־טרעסט, וואָס פירט דורך וואַסערלייטונג און קאַנאַליזאַציע אין בירָאָבידזשאַן. דער באָכער האָט פאַרענ־דיקט אַן אינסטיטוט. אין בירָאָבידזשאַן אַרבעט ער שוין העכער א יאָר און וווינט די גאַנצע צײַט אין האָטעל. דעם טרעסט האָט עס ניט געאַרט, דעם באָכערל — אויך ניט. עס איז וואַרעם און ריין, עמעס, איינמאָל אין כוידעש פירט מען אים אַריבער פון זײַן אלטן נומער אין א צווייטן, עס זאָל ניט אויסקומען, אז ער לעבט דאָרט אייביק. אָבער צו יענער צײַט, ווען מע האָט אים באַזעצט באַ מיר, האָט ער שוין געהאַלטן אין איין ריידן וועגן א דירע. ער דאַרף א דירע אין בירָאָבידזשאַן, אים איז דערעסן צו זײַן א קאָמאַנדיראָוואָטשנער. דעם זעלבן אָוונט האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס איז די מײַסע. אַרײַנגעקומען פאַרנאַכט אין צימער, האָב איך אים געטראָפן באַם איינציקן טיש

זיצן מיט א מיידל. אָנגעבויגן איינער צום צווייטן די קעפּ, ער — דעם שוואַרצן, זי — דעם בלאָנדן, האָבן זיי ביידע זייער אופמערקזאַם געקוקט דעם זשורנאַל „אָגאָניאָק". דערפילט, אַז איך בין דאָ אַן איבעריקער, בין איך אַוועק שפּאַצירן. איך האָב זיך אומגעדרייט דעם גאַנצן אָוונט. אָפ מאָרגן האָט זיך איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע. זיי האָבן צוזאַמען געבלעטערט א באַרג זשורנאַלן. באַ מײַן אַרײַנקומען האָבן זיי זיך אופגעהויבן אַוועקצוגיין, נאָר זיי איז, קענטיק, געווען אַזוי גוט אײנײנעם, אַז באַ מיר האָט זיך אַרויסגעריסן — זאָלן זיי זיך ניט אײַלן און לייענען ווײַטער, איך דאַרף נאָך זײַן אין איין אָרט... איך בין אַוועק און לאַנג אומגעשפּאַצירט איבער די קאָרידאָרן פון האָטעל. אין מײַן צײַט בין איך אין ביראָבידזשאַן געווען אַן איידעס פון א סאַך שיינע ליבעס... עס האָט מיר האַנאָע געטאָן, וואָס איך בין איצט ניט ווילנדיק געוואָרן אַן איידעס פון נאָך איינער אַזאַ געשיכטע, אַן אַלטע, ווי די וועלט, און אַן אייביקע, ווי דאָס לעבן.

ווען דאָס מיידל איז אַוועק, האָט מײַן שאָכן זיך גענומען צו זײַנער א העפט מיט צייכענונגען, אָבער איך קאָן שווערן, אַז קיין איין ליניע האָט ער ווי ס'באַדאַרף צו זײַן ניט געזען.

ביידע שלאָפן מיר א צײַט ניט אײַן. איינעם שלאָפט זיך ניט, ווײַל ער איז שוין אַריבער די פופציקער, דעם אַנדערן — ווײַל ער איז עטוואָס עלטער פון צוואַנציק...

* * *

צײַט זיך געזעגענען. די אופראַמערן ציליע סאָלאָמאָנאָוונע הייבט אונטער דאָס אייניקל אירס, איך זאָל עס א קוש טאָן. איך קוש געשמאַק דאָס ייִנגעלע אין זײַנע פולע רויטע בעקלעך. אַלע קאָמאַנדירטע אײַלן זיך אַהיים. עס איז ערעוו נײַיאָר. פּוסטלעך ווערט אין האָטעל. דאָס לעצטע מאָל עס איך אָפּ א יויך מיט מאַנדלען און עסיקפּלייש, דערנאָך האַלט איך פאַר מײַן כוויוו אַרײַנצוגיין צום דירעקטאָר פון רעסטאָראַן אַלטער באַראָווסקי און אָפּדאַנקען אים פאַר דער געשמאַקער שפּײַז. ער האָט קוים אופגעהויבן אָף מיר די פאַרדרײַגעטע אויגן.

— צו געזונט, — האָט ער אַרויסגעמורמלט.

א מער פאַרזאָרגטן, פאַרומערטן מענטשן, ווי באַראָווסקי, איז שווער צו געפינען. ווײַזט אויס, אַז אויב דירעקטאָרן פון רעסטאָראַנען שמייכלען ווייניק און זײַנען פאַרזאָרגט, איז עס צום גוטן פאַר די באַזוכער.

— ווען ער איז נאָך געפאָרן מיט אונדז פון אַרגענטינע אָף דער שיף, איז ער שוין געווען פאַרמאַרעשכוירעט, — כאָכמעט זיך עליע בלעכערמאַן, — ער האָט שוין דאַן מוירע געהאַט, אַז עפּעס וועט צוברענען...

דער ביראָבידזשאַנער וואָקזאַל זעט מיר איצט אויס שוין גאָר ניט אַזוי גרויס, ווי מיט א כוידעש צוריק, ווען איך בין געקומען צו פאָרן. איצט בין איך מאַסקים מיט די, וואָס האַלטן, אַז מע דאַרף אופבויען א נײַעם וואָקזאַל אָדער, לעכאָלאַפּאָכעס, פאַרברייטערן דעם איצטיקן. ס'איז ענגלעך אין די זאַלן, ענגלעך באַ די קאַסעס. ס'וואָלט עפּשער געווען פרײַער, ווען באַ יעדן, וואָס פאָרט אַוועק, זאָל ניט זײַן אַזויפיל באַגלייטער. אין איין זאַך האָט ביראָבידזשאַן אײַנגאַנצן זיך ניט געביטן: אין באַגעגענען און אַרויסבאַגלייטן. צום אָנקומען פון צוג איז אַמאָל דער פּעראָן געווען שוואַרץ פון מענטשן. איצט — דאָס זעלבע.

איך בין ניט קיין אויסנאַם. ווען דער צוג קומט אָן, לאָזן זיך לויפן צו מײַן וואַגאָן מיט מיר א היפּש ביסל מענטשן.

— אַזויפיל צו מיר? — וווּנדערט זיך די קאָנדוקטאָרשע. — איך האָב ניט קיין ערטער פאַר אַלעמען. די קאַסירשע איז מעשוגע, וואָס זי גיט אַזויפיל בילעטן...

ניין, א בילעט האָט נאָר איינער. איך שטיי אָפּן אייבערשטן טרעפּל און קוק פון דער „טריבונע" אָף מײַנע פרײַנט. יעדערער איז מיט טיפע וואָרצלען פאַרפונדעוועט אין ביראָבידזשאַן, און וואָלטן א סאַך פון זיי אַליין ניט געווען קיין שרײַבער, וואָלטן זיי געווען פאַר אַנדערע דער בעסטער מאַטעריאַל פאַר דערציילונגען און ראָמאַנען.

אין וואַגאָן איז ליכטיק. די פּאַסאַזשירן האָבן פאַנאַנדערגענומען די פאַרהענגלעך, און אין די פענצטער האָט אַרײַנגעשײַנט די זון. די בלענדיקע, העלע ווײַטמיזרעכדיקע זון.

אַרן ווערגעליס

צוואַנציק טעג אין אַמעריקע

22 נאָיאַבער.

אבי מע רעדט בלויז וועגן ניו־יאָרק ווי וועגן „אַ שטאָט, וואָס שלאָפט פון דרײַ באַנאַכט ביז פינף גאַנצפרי“. נו, און טשיקאַגאָ — מיט וואָס איז זי בעסער?

געקומען שפּעט באַנאַכט אפן אָ׳הייר פליפעלד, האָבן מיר אַלע, אָן ספק, געטראַכט וועגן איינס און דאָס זעלבע: וועגן אָפּרוען זיך נאָך די ניו־יאָרקער פינף קײַלעכדיקע מעסלעסן. די פרײַנט, וואָס האָבן אונדז אין אַעראָפּאָרט באַגעגנט, — מענדל טערמאַן און הערמאַן בוש (די אָנפירער פונעם טשיקאַגער ראַט פון אַמעריקאַניש־סאָוועטישער פרײַנטשאַפט) און דזשעק קלינג (פאַרוואַלטער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט“ אין טשיקאַגאָ) האָבן צוגעזאָגט גאָלדענע בערג (אין דעם פאַל געמיינט ווײַכע געלעגערס) פאַר פופצן פון די זעכצן געסט. פאַרוואָס עפּעס פאַר פופצן? נו, און דער זעכצנטער — איך, הייסט עס, דער זעכצנטער וויל דען ניט שלאָפן?!

אָבער מענדל טערמאַן, דער שטאַרק פּאָפּולערער אין טשיקאַגאָ פּרעזידענט פון דער פרײַנטשאַפט־באַוועגונג, אַ רײַכער געשעפטסמאַן (מיט אים און אויך מיט בושן און מיט קלינגן האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין מאָסקווע), טערמאַן האָט געהיימניספול געשוויגן דעם גאַנצן וועג, און ערשט באַם ארײַנקומען אין דער „לאָבי“ פון האָטעל האָט ער פריילעך אַ זאָג געטאָן אף זײַן טשיקאַוון אַמעריקאַניש־ייִדישן „דיאַלעקט“:

— שלאָפן נאָו. לוק פאָרוואָרד — קוק, ברודערקע...

איך האָב דערזען פאַר זיך עטלעכע מענטשן אין ציווילע אָנצוגן און אין מיליטערישע „פּילאָטקעס“. זיי האָבן פײַערלעך געמאָלדן, אָפּהיטנדיק סאָלדאַטישן עטיקעט, אַז זיי שטעלן פאָר די צווייטוויזנטקעפּיקע אָרגאַניזאַציע פון ייִדישע מילכאָמע־וועטעראַנען פון טשיקאַגאָ — „דעניעל טוניק פּאָסט“. מיט זיי זײַנען אויך געקומען צוויי קאָרעספּאָנדענטן פונעם אָרטיקן ענגלישן זשורנאַל פאַר ייִדן „סענטינעל“, און זיי פאַרלאַנגען צו „האָבן אַ קאָנפערענץ“ מיטן רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, אויך אַ וועטעראַן פון דער אַנטיפאַשיסטישער מילכאָמע. זײַענדיק צו אים פרײַנטלעך געשטימט, זאָגן זיי צו פאַרהאַלטן אים ניט מער ווי ביז אינדערפרי.

נו, איצט איז שוין, באָרעך־האַשעם, אינדערפרי. דער קאָמאַנדיר פון די וועטעראַנען פיליפּ וויזשאָן, דער עלסטער וויצע־קאָמאַנדיר דזשאָרדזש פרענקעל און דער פּאָרזיצער פון דער פּראָגראַם־קאָמיסיע דזשאָזעף עלביין האָבן מיר געגעבן די לעצטע עטלעכע פּעטש איבער די אַקסלען, וואָס דאָס דאַרף באַטײַטן, אַז ס׳איז אָ־קעי, און באַדויערנדיק, וואָס מיר פּערזענלעך האָבן זיך ניט באַגעגנט אף דער עלבע, האָבן זיי מיר געשענקט אַ נומער „סענטינעל“ פאַרן 14־טן נאָיאַבער מיט אַן אַרטיקל פונעם אַרויסגעבער פון דעם זשורנאַל דזשעק פישביין וועגן מײַן באַזוך אין אַמעריקע (דאָס אַרטיקל הייסט „What are we afraid of?“ — „פאַרוואָס האָבן מיר מוירע?“) און „אָפּגעלאָזט“ מיך אַ קאַפּעלע זיך אָפּרוען. איצט זיץ איך שוין בא זיך אין צימער און פאַרנאָטיר אָט דעם ערשטן עפּיזאָד פון אונדזער זײַן אין טשיקאַגאָ.

איבער דער פּוסטער גאַס טראָגט זיך דורך אַ ווייענדיקע מאַשין — דאָס גיט צו וויסן וועגן זיך די פּאָליציי. צי זי דאַרף יאָ, צי זי דאַרף ניט — אַלציינס ווייעט זי, קעדיי די שטאָט, וווּ עס ליגט באַגראָבן דער טויטער „קיניג“ פון די גאַנגסטערס אַל־קאַפּאָנע און וווּ עס זײַנען נאָך ניט באַגראָבן הונדערטער לעבעדיקע, שטאַרק געפערלעכע גאַנגסטערס, — קעדיי די דאָזיקע שטאָט זאָל ניט פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אף דער וועלט פּאָליציי. הינטערן פענצטער מאַראַקעט אַ רעגן. ס׳איז אַ ביסל „צוגעדרייט די שײַן“ פונעם פאַרטאָג. עס טראַכט זיך. עס ווילט זיך זאָגן עפּעס אפן אויער דער שלאָפנדיקער וועלט־שטאָט, דער צווייטער לויט דער גרייס אין אַמעריקע, דער שטאָט, וווּ ס׳איז מיט 44 יאָר צוריק געבוירן געוואָרן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וווּ מיט 77 יאָר צוריק איז פאָרגעקומען אַ געשעניש, נאָך וועלכער דער וועלט איז אײַנגעפאַלן אַ געניאַלער געדאַנק — אָנפילן דעם ערשטן טאָג פונעם כוידעש מײַ מיט אַ נײַעם זין: צו דער פרילינג־פאַרב פון אָט דעם טאָג צוגעבן די רויטע קאַמפּס־פאַרב.

אין מײַן זיקאָרן האָט טשיקאַגאָ אַן אייגן ערטעלע, און איצט קאָן איך ניט ניט טראַכטן וועגן דעם. אין דער ראָמאַנטישער פריִער יוגנט, געדענק איך, איז מיר אַמאָל ארײַנגעפאַלן אין די הענט אַ ביכל, אין וועלכן כ׳האָב דורכגעלייענט די שרעקלעכע און אויסטערלישע געשיכטע וועגן דעם, וויִאַזוי מע האָט אין טשיקאַגאָ אופגעהאַנגען פיר אָנפירער פון די אַרבעטער נאָך דעם, ווי בײַס דעם ביטערן קאַמף פאַר אַן אַכטשאָ׳יִקן אַרבעטסטאָג האָבן פּראָוואָקאַטאָרן אף דער מײַ־מאַניפעסטאַציע אין 1886 געוואָרפן אין דער פּאָליציי אַ באָמבע. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אַווטאָר פונעם ביכל איז דער פאָלקס־העלד פון דעם אינדזל קובע — כאָסע מאַרטי. דעמלט אָבער האָט עס פאַר מיר ניט געשפּילט קיין ראָל. די באַשרײַבונג, וויִאַזוי מע האָט געטייט די פירער פונעם טשיקאַגער אַרבעטער־פאָלק, האָב איך אויסגעלערנט אף אויסווייניק און געלייענט פאַר כאַווײרים, ווי מע לייענט אַ זײַטל פון פרידריך שילערן צי פון עטעל וואָיניטש. אויך איצט געדענק איך מײַן מאָנאָלאָג וואָרט בא וואָרט. „מע בינדט זיי צונויף די פיס מיט רימענס, איינעם נאָך דעם אַנדערן. און פונקט אַזוי, איינעם נאָך דעם צווייטן — פריִער ספּײַסן, דערנאָך פישערן, ענגעלן און פּאַרסאָנסן, — טוט מען אָן

פאָרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד“, 1964, נומ. 2, 3.

אױפֿן קאַפּ קאַפּיושאָנען, װאָס פֿאַרשטעלן דאָס פּנים. אַזױ לעשט מען געװײנלעך מיט קאָלפּעקלעך דאָס פֿײַער פֿון ליכט... מיטאַמאָל טוט א שורכע. עס פֿאַלט די ברעט, און פֿיר קערפּערס, אױפֿציטערנדיק אױף די צונױפֿגעדרײטע שטריק און צונױפֿשטױסנדיק זיך אײנער מיט דעם אַנדערן, בלײַבן הענגען אין דער לופֿטן"...

איך צעעפֿן דאָס פֿענצטער, אָטעם אַרײַן אין זיך די פֿײַכטקײַט פֿונעם רעגן. אַנטקעגן, אין א הױז פֿון גלאָז און בעטאָן, אַרבעטן אין קאָלאָסאַל־גרױסע פּוסטע קאָנסאַר־צימערן אױפֿראַמערנס. איבער דער גאַס פֿאָרט װידער דורך מיט א װילד װױען, װי אַן אָפּגעבריטע, א פּאָליציי־מאַשין. טשיקאַגאָ װײַזט ניט אַרױס צו איר קײן אינטערעס. טשיקאַגאָ איז, זעט אױס, געװױנט צו אַזעלכע זאַכן. די פֿאַרהאָרעװעטע פּראָלעטאַרישע שטאָט טשיקאַגאָ שלאָפֿט...

12 אַזײגער 40 מינוט. זינט איך האָב פֿאַרשריבן די לעצטע נאָטיץ אין טאָגבוך, זײַנען דורכגעגאַנגען א שאָ זיבן. איך פֿאַרצײכן פּינקטלעך די צײַט — ס'איז װיכטיק! עפּעס איז געשען, װײַזט אױס, ניט געװײנלעכס. די ראַדיאָ גיט איבער, אַז אין טעקסאַס, אין דער שטאָט דאַלאַס, האָט מען מיט 10 מינוט צוריק געשאָסן אין פּרעזידענט קענעדי. װיאַזױ עס זײַנען פֿאַרלאָפֿן די געשעענישן און װאָס איך האָב געטאָן אין אָט דעם טאָג — דאָס װעל איך פֿאַרשרײַבן שפּעטער. איצט גײ איך זיך אײַנמיטן „ייִדישן טשיקאַגאָ" — דעם קװאַרטאַל, װאָס רופֿט זיך אַלבאַני־פּאַרק, — איך זיץ אין אַן אױטאָ, װעלכער האָט זיך װי צוגעשפּאַרט צו א ביכער־קראָם אױף לאָרענס עװעניו, און הער די ראַדיאָ. איבער דעם דעכל פֿון אױטאָ גיסט א רעגן. דזשעק קלינג זעצט איבער די לאַקאָנישע מיטײלונגען. דזשאָן פֿיטצדזשעראַלד קענעדי לעבט נאָך. זײַן פֿרױ זשאַקלין, װאָס איז מיט אים געזעסן אין אױטאָמאָביל, איז געבליבן גאַנץ. דער גובערנאַטאָר פֿון טעקסאַס קאָנעלי איז שטערבלעך פֿאַרװוּנדעט. דאָס איז פֿאַרלאָפֿן בעת א באַזוך פֿון פּרעזידענט אין דאַלאַס. דער מערדער האָט געשאָסן פֿונעם זעקסטן שטאָק פֿון א ביכער־סקלאַד. דאָרט האָט די פּאָליציי געפֿונען א ביקס פֿון דער איטאַליענישער סיסטעם „קאַרקאַנאָ—1891—1940", דרײַ אױסגעשאָסענע הילזעס און ליידיקע קאָקאַ־קאָלאַ־פֿלעשער.

אַמעריקע, האָסט עס געטאָן? אַמעריקע, האָסט עס דערלאָזט?

1 אַזײגער 50 מינוט. א מיטײלונג: קענעדי — געשטאָרבן. מיר פֿאָרן צו קלינגן אַהײם, קעדײַ פֿון דאָרט טעלעפֿאָניש פֿאַרבינדן זיך מיטן האַמילטאָן־האָטעל, מיט אונדזער גרופּע. אױפֿן ראָג, לעבן א שול־געבײַדע, פֿירט א יונגע פּאָליציי־דינערן אַריבער פּיצינקע קינדער איבער דער גאַס. זי װײנט אױף א קול. די קינדער קוקן אױף איר דערשראָקן. די גאַס איז לײדיק. א מיטײלונג פֿונעם פּאַרקלענדער האָספּיטאַל אין דאַלאַס: די ערשטע קויל האָט געטראָפֿן קענעדין אין האַלדז און אַרױס דורך דעם אײבערשטן טײל פֿון שאַרבן. די צװײטע קויל איז אַרײַן אין שאַרבן.

דזשעק קלינג און איך — מיר װאַרפֿן זיך דורך מיט קורצע פֿראַזעס:

— װאָס טראַכסטו װעגן דעם? — פֿרעגט דזשעק, ניט אױפֿהערנדיק נאָכשפּירן נאָך דער ראַדיאָ.

— פֿרעגסט, װעמעס אַרבעט דאָס איז?

— נו, יאָ...

— קי פּראָדעסט? — װעמען לױנט עס? זוך דעם שולדיקן צװישן די, װעמען עס לױנט דער פֿאַרברעכן...

בא דזשעקן אין שטוב איז געדעקט דער טיש. די פֿרױ פֿאַרװאַרפֿט אונדז מיט פֿראַגעס. זי בעט זיך בא אונדז, מיר זאָלן נעמען עפּעס אין מױל אַרײַן. איך טרינק אױס א גלאָז סקאָטש[1]. דזשעק װיל ניט. מיר קלינגען אין האָטעל. ניין, קײנער פֿון די רוסן איז ניטאָ אױפֿן אָרט. איך דערמאָן זיך: אינדערפֿרי האָבן אינאַזױמען צעװ, מאָסטאָװעץ און בעזימענסקי מיך פֿאַרבעטן צו פֿאָרן מיט זײ קײן ספּרינגפֿילד (בא 200 מײַל פֿון טשיקאַגאָ), קעדײַ לײגן בלומען אױפֿן קײװער פֿונעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט אַװראַאַם לינקאָלן, װעמען עס האָט דעם 14 אַפּריל 1865 דערשאָסן דער מעטורעף דזשאָן װילקס בוט, א געדונגענער און אונטערגעהעצטער פֿון די שקלאַפֿן־אײגנטימער. עס קאָן אװאַדע זײַן, אַז פּונקט אין דעם מאָמענט, װען די דרײַ סאָװעטישע מענטשן זײַנען געשטאַנען מיט פֿאַרנײגטע קעפּ באַם קײװער פֿונעם פּרעזידענט לינקאָלן, האָט א צװײטער מעטורעף, א געדונגענער און אונטערגעהעצטער פֿון די יאָרשים פֿון יענע שקלאַפֿן־אײגנטימער אין די דאָרעם־שטאַטן, געשאָסן דעם פּרעזידענט קענעדי.

איך האָב אינדערפֿרי ניט געקאָנט אָננעמען די אײַנלאַדונג פֿון מײַנע דרײַ פֿרײַנט, װײַל ס'איז שױן געװען אָפּגערעדט װעגן אַן אַנדער פּראָגראַם פֿאַר מיר. גלײַך נאָכן פֿרישטיק בין איך מיט דזשעק קלינגן אַרױסגעפֿאָרן זען די אַרבעטער־פֿאָרשטעט פֿון טשיקאַגאָ. שפּעטער זײַנען מיר אַװעק אין אַלבאַני־פּאַרק, צו די ייִדישע קװאַרטאַלן. דאָ, אַרום קעדזי און לאָרענס עװעניוס, איז דער באַסטיאָן פֿון דער פּראָגרעסיװער באַװעגונג אױף דער טשיקאַגער „ייִדישער גאַס". מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין דער אָרטיקער פֿאָרשטײערשאַפֿט פֿון דער „מאָרגן־פֿרײַהײַט". שפּעטער האָבן מיר פֿאַרבראַכט א מינוט פֿופֿצן אין „קיפּערס ייִדיש בוך־געשעפֿט".

בא קיפּערן האָט מען צוליב אונדזער קומען אָפּגעשטעלט די אַרבעט. די באַלעבאַטים, די קונדן, די פֿאַרקױפֿער — אַלע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט און גענומען שטעלן פֿראַגעס. מע האָט מיר באַװיזן די סכוירע — מערסטנטײל געבראַכט פֿון ייִשׂראָעל. דאָס זײַנען זײגערס מיט „ייִדישן" קאָלאָריט, שפּילצײַג, ריטואַל־אַרטיקלען און אױך ביכער, ענגלישע ביכער פֿאַר ייִדן. דערמאָנענדיק זיך, אַז אױף דער שילד איז אָנגעשריבן „קיפּערס ייִדיש בוך־געשעפֿט", האָב איך געבעטן א ייִדיש בוך. אײנער א פֿאַרקױפֿער האָט זיך „פֿאַרענטפֿערט":

— מיר האָבן א ייִדישע אָפּטײלונג אין קעלער פֿון דער קראָם... די מערהײַט אַמעריקאַנער ייִדן זײַנען קאַלט צו ייִדיש. דרוקט מען ביכער אױף ענגליש...

— פֿאַרװאָס זשע איז מען דאָ אַזױ הײס צו ייִדיש אין סאָװעטנפֿאַרבאַנד?

— מע איז „הײס" צום סאָװעטנפֿאַרבאַנד, װײַל ס'איז קאַלט דער קריג...

אין דער רעגע האָט מען געקאָנט מײנען, אַז אין אַמעריקע בין איך אױך געװאָרן א שטיקל אַמעריקאַנער, װײַל װי זײ טוען עס דאָ, האָב איך א הײמישן טראַסק געטאָן דעם פֿאַרקױפֿער איבערן אַקסל און געזאָגט פֿרײַנטלעך:

— ביסט א קלוגער יאַט, אָלרײַט.

מיט א גוטער שטימונג האָבן מיר אָן עפּן געטאָן די

[1] סקאָטש — א שטאַרקער װײַן.

ארויסגאַנג־טיר פון דער קראָם, אריבערגעשפּאַנט די שוועל אין דרויסן ארויס און — דערהערט די גרויליקע ידיעה וועגן קענעדיס מאָרד...

2 אזייגער 10 מינוט. א נייַע ראַדיאָ־מיטיילונג: מיט א האַלבער שאָ צוריק איז אין א דאַלאַסער קינאָ־טעאַטער אַרעסטירט געוואָרן איינער א לי האַרווי אָסוואַלד, פיר און צוואַנציק יאָר אַלט, א געוועזענער אַמעריקאַנער מאַטראָס, וואָס איז אַוועק אין סאָוועטנפאַרבאַנד, דאָרט (אין מינסק) כאַסענע געהאַט, שפּעטער זיך אומגעקערט קיין פּשה. אָסוואַלד ווערט כאַראַקטעריזירט אַלס „מאַרקסיסט", די לעצטע צייַט איז ער געווען טעטיק אין א „קאָמיטעט פאַר גערעכטער האַנדלונג בענעגייע קובע".

וואָס איז דאָס — א הייַנטצייַטיקער וואַן־דער־ליובע?

דזשעק טעלעפאָנירט אין דער אָרטיקער ראַדיאָ־סטאַנציע „דאַבליו־בי־עס", ווו ס'איז פאַרפּלאַנירט אַף הייַנט האַלב פיר באַטאָג מייַנער אַן אינטערוויו מיטן פּאָליטישן קאָמענטאַטאָר פּרייַס. דזשעק בעט, אז מע זאָל אריבערטראָגן די טראַנסליאַציע אַף אַן אַנדער טאָג. פון דער סטאַנציע ענטפערט מען, אז דאָס איז אויסגעשלאָסן, ווייַל „פּונקט דאָס, וואָס מיסטער קלינג האַלט פאַר אַן אַרגומענט אַף אָפּלייגן דעם אינטערוויו, איז אַן אַרגומענט אַף ניט אָפּלייגן דעם אינטערוויו..."

איצט דאַרף איך באַשליסן. איך פּיל מאַמעש, ווי די געדאַנקען שטויסן זיך אומרויִק אין מייַן מויעך. בעשאַס א ניט קלאָרער און ביז גאָר ערנסטער סיטואַציע, וואָס פאָרויסזען איר אַנטוויקלונג איז אוממעגלעך, געפין איך זיך ווייַט פון מייַן היימלאַנד, אָפּגעריסן אַפילע פון די עטלעכע לאַנדסלייַט, מיט וועלכע איך בין נעכטן געקומען אין דער פרעמדער שטאָט. דאָס וואָרט פון דער סאָוועטישער רעגירונג וועגן דעם מאָרד איבער קענעדין איז צו מיר נאָך ניט דערגאַנגען, און איך וועל זייַן דער ערשטער סאָוועטישער בירגער אין לאַנד פונעם געהאַרגעטן פּרעזידענט, וואָס וועט דאַרפן פאַר די אייַנוווינער פון אָט דער צעטומלטער שטאָט עפנטלעך אָפּשאַצן אין א ראַדיאָ־אינטערוויו דאָס געשעענע.

אַלץ רעדט לעטויוועס אָפּזאָגן זיך פון דעם הייַנטיקן שמועס מיט פּרייַסן. און דאָך — אָפּזאָגן זיך טאָר איך ניט. דער סייכל־האַיאָשער בלייַבט מיטאַמאָל שטיין פאַר א טרויעריקן „טאָמער": טאָמער וועט מען פאַלש אויסטייַטשן אַזאַ אָפּזאָג...

10 אזייגער פאַרנאַכט. איך ענדיק פאַרנאָטירן די געשעענישן פון דעם הייַנטיקן טאָג.

ווען מיר זייַנען געפאָרן צו דער ראַדיאָ־סטאַנציע „דאַבליו־בי־עס", האָט גערעגנט. אַף די גאַסן זייַנען קימאַט ניט געווען קיין מענטשן. טשיקאַגאָ האָט אויסגעזען ווי א פאַרבייַגייער, וואָס האָט זיך אונטערן רעגן אָפּגעשטעלט בא דער מיטשיגאַן־אַזערע פּעסטער צו פאַרקוסטן זיך אין דעם נאַסן רעגנמאַנטל.

בא א ראָג האָט געוואַרט אַף אונדזער מאַשין איינער פון די נעכטיקע מילכאָמע־וועטעראַנען דזשאָזעף (יויסעף־לייב) עלביין. ער וועט זייַן מייַן איבערזעצער. עלביין איז א געוועזענער פּראָגרעסיווער טוער. ער איז אָפּגעגאַנגען פון דער באַוועגונג, אָבער ניט צעקריגט זיך מיט איר. נעכטן האָט ער מיר איבערגעגעבן דעם קסאַוויאַד פון זייַנער א ליד „געדאַנקען וועגן הייַנטיקן לעבן פון ייִדן אין אַמעריקע". פאַרשטייט זיך, דאָס איז ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע דיכטונג, אָבער מיר זאָגט די ליד זייער פּיל.

מען זיצט דאָך גאַנצע נעכט און מע קלערט,
ווי דרייט מען אויס די וועלט פאַרקערט,
ווי רוקט מען דאָרט צוריק דעם זייגער! —

שרייַט אויס אין גרויסער פאַרזאָרגטקייַט דער פּאַשעטער ייִדישער פּאָלקסמענטש אין אַמעריקע.

„מען" — דאָס זייַנען די זעלבע ראַבאָנים־ראַטן, דער זעלבער „אַרבעטער"־קאָמיטעט, די זעלבע געלע פּרעסע; „מען" — דאָס איז דער מיסטקאַסטן אין דעם ייִדישן לעבן פון א לאַנד, ווו די „פרייַהייַט" דערלאָזט, אז אויך א מיסטקאַסטן און דאַפקע א מיסטקאַסטן זאָל סערווירט ווערן צום טיש פון דער געזעלשאַפט. דעם פּאָלק ערט עס. דאָס פּאָלק וועט אַלץ מער און מער פאַרשטעקן די נאָז, זיך אָפּקערן פון דעם מיסטקאַסטן און סאָפּקאָלסאָף אים ארויסשטעלן פון יענער זייַט טיר.

הייַנט האָב איך געזען, ווי א טיפער קנייטש האָט זיך באַוויזן אַפן פּאָנעם פונעם אַמעריקאַנער פּאָלק. די פינצטערע קויכעס זייַנען דאָ פרייַ, זיי ווילדעווען. זיי האָבן אָפּגעראַמט פון וועג דעם פּרעזידענט, וואָס האָט אונטערגעשריבן דעם מאָסקווער אָפּמאַך וועגן אָפּשטעלן די אַטאָם־אויפרייַסן און וואָס איז געווען גענייגט צו מאַכן אויספירן פון דער „נעגער־רעוואָליוציע", ווי מע רופט דאָ די לעצטע מעכטיקע מאַניפעסטאַציעס קעגן די ראַסיסטישע לעבנס־קלאָלים אין די פאַרייניקטע שטאַטן.

וועגן דעם, וויִאַזוי מיר, סאָוועטישע מענטשן, שאַצן אָפּ קענעדיס לעבן און קענעדיס טויט, האָב איך טאַקע גערעדט הייַנט אַף דער טשיקאַגער ראַדיאָ, ענטפערנדיק אַף דער פראַגע פונעם פּאָליטישן קאָמענטאַטאָר פּרייַס. ווען מיר זייַנען געזעסן אין דער סטודיע באַם מיקראָפאָן, האָבן זיך אַף יענער זייַט גלעזערנער וואַנט, דאָרט, ווו עס זיצט געוויינלעך דער דיספּעטשער, פאַרזאַמלט א מענטשן צוואַנציק אָנגעשטעלטע און אָנטיילנעמער פון א ווייַטערדיקער פּראָגראַם. זיי האָבן אָנגעשטרענגט געהערט אונדזער שמועס. דוכט זיך, א באַווייליקונג איז געווען אין זייער דורכריידן זיך, ווען, ענטפערנדיק אַף דער צווייטער פראַגע, האָב איך צום אָנהייב באַמערקט, אז עס וואָלט עפּשער געווען טאַקטיש בענעגייע דעם אָנדענק פונעם פּרעזידענט, ווען פּרייַס מישט איצט ניט אַרייַן קיין פראַגן, וואָס שטאַמען פונעם פּראָפּאַגאַנדיסטישן טאָג־סיידער.

פּרייַס האָט גלייַך נאָכן שמועס וועגן קענעדיס טויט, ניט אַראָפּנעמענדיק נאָך דעם טרויעריק־פרומען אויסדרוק אַפן פּאָנעם, אין אייַלעניש א שטעל געטאָן די צווייטע פראַגע:

— איצט וועל איך זייַן דאַנקבאַר, אויב איר וועט געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס פירט מען דורך אין סאָוועטנרוסלאַנד אַנטי־ייִדישע אַקציעס אונטערן אויסרייד פון קאַמף קעגן עקאָנאָמישע פאַרברעכנס?

איך האָב געזאָגט:

— מיסטער פּרייַס, איר ווייסט עפּשער, אז ייִדן ענטפערן אַמאָל אַף א פראַגע מיט א פראַגע. איר וועט ניט דערווידערן, אויב איך וועל אַזוי טאָן?

— אָ, ניין, ביטע...

— זאָגט מיר, מיסטער פּרייַס, איר וואָלט זיך אונטערגענומען צו באַהויפּטן, אז די אַמעריקאַנער יוסטיץ פירט דורך אַן אַנטי־איטאַליענישע אַקציע, ווען זי מישפּעט גאַנגסטערס, וועלכע זייַנען צופעליק איטאַליענער לויט דער נאַציאָנאַליטעט?

פּרייַס האָט אויסגעשריגן אופריכטיק:

— מע מישפּעט באנדיטן, ניט קיין איטאליענער!

איך האָב אײַנגעשטימט און בלויז באמערקט:

— מע מישפּעט גאנאָווים, ניט קיין ייִדן. פון ווען אָן האָט גנייווע א נאַציאָנאַליטעט, מיסטער פּרײַס?

נאָכדעם האָב איך שוין גענוי ארומגערעדט דעם איניען, באַוויַזנדיק, ווי אופגעבלאָזן עס איז אין דער העצערישער פּרעסע דער פּראָצענט פונעם „ייִדישן אָנטייל" אין די אזויגערופענע עקאָנאָמישע פּראָצעסן. פון דער צווייטער זײַט, דארף אויך זײַן קלאָר פאר אלעמען, אז די סאָוועטישע ייִדן, די הונדערטער טויזנטער ערלעכע האָרעפּאשניקעס, בויער פון א נײַ קאָמוניסטיש לעבן, שעמען זיך מיט דעם, וואָס צווישן זיי זײַנען פאראן אזעלכע, וואָס באגאנווענען דאָס פאָלק. מיר בעטן קיינעם ניט פארטיידיקן „אונדזערע" גאנאָווים. זאָל אמעריקע זיך פארנעמען מיט „אירע" אייגענע.

ווען דער אינטערוויו האָט זיך פארענדיקט, זײַנען די פּאָר צענדליק מענטשן פון הינטער דער גלעזערנער וואנט ארײַן אין סטודיע. זיי האָבן עפּעס גערעדט אלע מיטאמאָל, געמאכט מיט די הענט, געשטופּט זיך. איך האָב געפרעגט עלביינען, וואָס זיי זאָגן. יויסעף־לייב עלביין, דער געוועזענער פּראָגרעסיווער טוער, אין וועמעס הארץ און מויעך עס יוירט איצט דער כעזשבן־האנעפּעש, — האָט א באַדײַטונגספולן שמייכל געטאָן:

— זיי זײַנען אונטערגעפאלן אונטער אײַער באָלשעוויסטישער פּראָפּאגאנדע...

נו, און דער פּאָליטישער קאָמענטאטאָר פּרײַס?

באם געזעגענען זיך קוקט פּרײַס מיר ארײַן גלײַך אין די אויגן. ער האָט אן אָפּן, ערנסט פּאָנעם. די גרויסע שטופּלען מאכן זײַן אויסזען היימיש, פּראָסט. ער צערעדט זיך אף רוסיש:

— און דאָך טוט מיר ניט באנק, וואָס כ'האָב אײַך געשטעלט די צווייטע פראגע. ס'איז אן אלט, אויסגעפּרוּווט מיטל צו איבערצײַגן די יעניקע, וואָס גלייבן ניט... ווען איך אליין וואָלט געזאָגט דאָס, וואָס איר האָט דאָ געזאָגט, וואָלט מען געטײַנעט, אז איך וויל פון שווארץ מאכן ווײַס; אויך ווען איר וואָלט געזאָגט פּונקט דאָס זעלבע, נאָר לויט אײַער אייגענעם ווילן, — וואָלט מען ווידער ניט געגלייבט. אן אנדער זאך איז, ווען איך, דער אמעריקאנער קאָמענטאטאָר, פרעג, ניט רעכענענדיק זיך אפילע מיטן טרויעריקן מאָמענט, — און איר, דער סאָוועטישער טוער, ענטפערט, — טאקע אזוי, ניט ווילנדיק, מיט באַוואָרענישן לעגאבע דעם טרויעריקן מאָמענט... אָ, דאָס איז גאָר־גאָר אן אנדער זאך!

— איר רעדט גוט רוסיש, מיסטער פּרײַס...

— בעשאס דער מילכאָמע איז דאָרעם־קאָרייע בין איך דאָרט געווען אן אָפיציעלער איבערזעצער פון דער אמעריקאנער רעגירונג.

— דאָס האָט אָבער א שײַכעס צו דער קאָרייִשער שפּראך, ניט צו רוסיש...

— דאָרט, ווּ אין אן ערנסטן איניען זײַנען פארמישט אמעריקאנער און עס פּידלט זיי ניט, — דאָרט שאדט ניט צו האָבן אונטער דער האנט אויך די רוסישע שפּראך...

אין האָטעל האָט פארנאכט־צו זיך פארזאמלט אונדזער גאנצע גרופּע. מיר באשליסן אלס אויסדרוק פון טרויער אָפּשאפן די פארפּלאנירטע אף די נאָענטסטע פּאָר טעג עפנטלעכע באגעגענישן און ארויסטרעטונגען. אזויארום זײַנען פון מײַן פּראָגראם ארויסגעפאלן דרײַ וויכטיקסטע פּונקטן: די ארויסטרעטונגען אפן „באנקעט פון 500", וואָס איז שוין געמאָלדן אף שאבעס, דעם 23 נאָיאבער, און אף דעם מיטינג פון אָנגעזעענע ייִדישע טוער אין קאָנראד הילטאָן־האָטעל (מאָנטיק אינדערפרי), ווי אויך דער באזוך אין דער אָרטיקער ייִדישער אינסטיטוציע „בערנארד האָרוויטש דושויִש קאמיוניטי סענטער".

און נאָך איין באשלוס נעמען מיר אָן. דער אייגנטימער פונעם האמילטאָן־האָטעל, ווּ מיר שטייען אײַן, האָט געגעבן די האסקאָמע, אז זונטיק זאָל דאָ פאָרקומען א מין קאָנפערענץ פון 250 פּאשיסטן, אָנגעפאָרענע פון פארשיידענע שטעט. נאטירלעך, אז אין אזא קאָמפּאניע קאָנען מיר ניט פארבלײַבן. מאָרגן פאָרן מיר אריבער אין מאָריסאָן־האָטעל.

פארן אײַנשלאָפן קוק איך טעלעוויזיע. מע באַווײַזט שוין דאָס וויפלטע מאָל דעם אטענטאט אף קענעדין. עס הערט זיך דערבײַ דעם דיקטאָרס קאָל: „לי אָסוואלד האָט געקויפט די ביקס אין א טשיקאגער געשעפט דורך דער פּאָסט... אין דאלאס זײַנען א טאָג פאר קענעדיס קומען ארומגעגאנגען איבער די גאסן עקסטרעמיסטן און געשריגן: „קענעדי וועט זײַן לוין באקומען אין גענעם!.." אן אָרטיקע צײַטונג איז הײַנט, מיטיילנדיק, אז עס קומט קיין דאלאס דער פּרעזידענט, ארויס אין א שווארץ רעמל..."

דאָס אונטערהעצערישע שווארצע רעמל אין איינער א דאלאסער צײַטונג פאר קענעדיס באזוך אין אָט דער שטאָט — און די שווארצע רעמלעך אין אלע צײַטונגען נאָך זײַן מאָרד אף א דאלאסער גאס...

מיטאמאָל רײַסן זיך מײַנע געדאנקען איבער. איך טו אזש א ציטער פון אומגעריכטקײַט. פון עקראַן איז פארשוווּנדן דאָס בילד, וויִאזוי דזשאָן קענעדי טוט זיך אין דער אָפענער מאשין א וואקל און א נייג אָן אין דער לינקער זײַט און פאלט אנידער, ווי א פארשלאָפן קינד, אין שויס צו זײַן פרוי זשאקלין, — דאָס טרויעריקדראמאטישע בילד איז פארשוווּנדן, און אן אנדער דיקטאָר, אָבער קימאט מיט דעם זעלבן אײַנגעהאלטן־לײַטישן קאָל, מיט וועלכן ס'איז קאָמענטירט געוואָרן די קענעדי־טראגעדיע, גיט איבער א רעקלאמע־טעקסט פון אן אָרגאניזאציע, וואָס איר ציל איז לינדערן דעם טומל אף די גאסן פון די גרויסע שטעט אין אמעריקע. די רעקלאמע איז, ווײַזט אויס, מעכאניש אריבער פון די נעכטיקע און אייערנעכטיקע פּראָגראמען אין דער הײַנטיקער. זי רעדט וועגן דעם, אז די דערמאָנטע אָרגאניזאציע פירט דורך א נאַציאָנאלע וואָך פון שטילקײַט, א שא־שא־וואָך...

שא־שא, עס וועט שוין ווידער א פּאָליציי־מאשין אף טשיקאגאָס באנאכטיקע גאסן.

23 נאָיאבער.

אינדערפרי האָבן מיר באזוכט דאָס געשעפט פון איינעם פון די פארשפּרייטער פון סאָוועטישע פּעריאָדישע אויסגאבעס גריגאָרי באָריסאָוויטש לאָצמאן. מיט גרויס שטאָלץ האָט ער אונדז באוויזן די באלעבאטישקײַט זײַנע — טויזנטער און טויזנטער בענדער, סיסטעמאטיזירטע, ווי אין א ביבליִאָטעק. די צוויי רעדאקטאָרן אין אונדזער גרופּע — פּאָלעוואָי און איך — פרעגן זיך אָן וועגן זייערע זשורנאלן.

— אָ, „סאָוועטיש היימלאנד", — שרײַט אויס גריגאָרי באָריסאָוויטש, — איך האָב שוין לאנג אזא פּאָפּולערן זשורנאל ניט געהאט בא זיך. און ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, מיסטער ווערגעליס, — זעצט

ער פאַר ענטוזיאַסטיש, ווי ער וואָלט דעקלאַמירט, — איך בין זייער צופרידן, ניין, — איך גרויס זיך מיט דעם, וואָס די רעאַקציע פאַלט אַזוי שטאַרק דאָ אָן אַף אײַך...

גריגאָרי באָריסאָוויטש רעדט אַן עמיגראַנטישן רוסיש און פאַרופט זיך אומבאַדינגט אַף דעם, וואָס „דאָס ווערטל זאָגט“. באַזונדערס האָט ער ליב צו זאָגן „ווערך טאָרמאַשקי“ — „מיטן קאָפּ אַראָפּ“ הייסט עס, און טאַקע אָפּט באַקומט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ. די סטיליסטן אין אונדזער גרופּע כאַפּן אַרויס מיט גרויס צופרידנקייט די פּענעס, ווען גריגאָרי באָריסאָוויטש זאָגט:

— Вы говорите вверх тормашки... Кеннеди выглядел в глазах расистов человеком вверх тормашки...[1]

אין אָרטיקן קונסט־מוזיי: ראָדען, שאַגאַל, קענט. אַ פּאָר טריט פון זיי — עקסטרעמער מאָדערניזם. גלײַך פונדאַנען פאָרן מיר אין טשיקאַגער אוניווערסיטעט. דאָ באַקוקן מיר אַ מוזיי פון מיזרעך־קולטור. פאַראַן אין אָט דער עקספּאָזיציע צווישן אַנדערע אויך אַלטערטימלעכע ייִדישע עקספּאָנאַטן.

אַזייגער זעקס פאַרנאַכט קומען מיר (טערמאַן, בוש און איך) עסן מיטיק צו דער געזעלשאַפטלעכער טוערן עלען לויִס. דאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ צוויי־דרײַ צענדליק אָנפירער פון ייִדישע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. די באַלעבאַטים און די געסט — זייער ליבע מענטשן. מיר שמועסן ביז צוועלף אַזייגער באַנאַכט.

אַפן וועג אין מאָריסאָן־האָטעל, וווּהין די גרופּע איז שוין אַריבערגעפאָרן, באַטראַכט איך די גאַסן אין „לופּ“ (אַזוי רופט מען דעם צענטראַלן טייל פון טשיקאַגאָ). דאָ איז מיט 80 יאָר צוריק אויסגעבויט געוואָרן דער ערשטער וואָלקנקראַצער אין אַמעריקע — די אַזויגערופענע „געבײַדע פון סטראַכירונג“. איצט זוכט די אַרכיטעקטור הײַנטצײַטיקע פאָרמען. טשיקאַגאָ איז פאַרכאַפּט מיט אַ שפּאָגל־נײַעם וואָלקנקראַצער, וועלכער וועט די נאָענטסטע כאַדאָשים זײַן פאַרטיק. דאָס איז אַ קאָמבינאַציע פון וווינונגען און גאַראַזשן. אויסערלעך זעט אויס דער וואָלקנקראַצער אַזוי, פּונקט ווי מע וואָלט די בעטאָנענע סטענגע פון דער גאַס אויפגעהויבן מיט איין עק אין דער הייך און פאַרדרייט זי ספּיראַלאַרטיק אַרום דעם ביסל רוים, וווּ עס געפינען זיך צימערן און גאַראַזשן, — אַזש ביז צום הימל. די ערשטע שטאָקן זײַנען פאַר מאַשינעס, די העכערע — פאַר מענטשן. אַן אײַנוווינער פון אָט דעם הויז וועט מיט זײַן אַווטאָ אַרופפאָרן איבערן אויסערלעכן ספּיראַל־„וועג“ ביז יענעם שטאָק, וווּ עס איז אויסגעטיילט אַן אָרט פאַר זײַן מאַשין, און שפּעטער וועט ער מיט אַ ליפט זיך אויפהייבן צו זיך אין דירע.

אַף די טשיקאַגער גאַסן ברענען דעקאָראַטיווע לעמפּעלעך אין די קרוינען פון די ביימער. דאָס גרייט מען זיך שוין צו ווײַנאַכט, וואָס פאַלט אויס דעם 25 דעקאַבער.

24 נאָיאַבער.

הערמאַן בוש פירט מיך נאָכן פרישטיק אָפּ אין דעם שטעטל אָק־פּאַרק, לעבן טשיקאַגאָ, צו דעם באַוווּסטן היטער פון ראָקועל קענטס קונסט־אוצרעס, דעם נאָענטן פרײַנט און ביִאָגראַף פונעם גרויסן מאָלער — דען בערן דזשאָנס. די דירע דערמאָנט אַ בילדער־גאַלעריי, אין וועלכער ס'איז צײַטווײַליק אַרײַנגעשטעלט געוואָרן מעבל. באַ דזשאָנסן וואַרטן שוין אַף אונדז ביידע טשעגאָדײַעוס —„די דאָקטאָרס פון דער קונסט“ — און דער פאָלקס־קינסטלער שמאַרינאָוו. באַ זיי, באַ די קאַרפּן־קעפּ פון דער מאָלערײַ, זײַנען אין אָט דעם הויז, זעט אויס, פאַראַן ערשטראַנגיקע אינטערעסן; פאַראַן באַ זיי יענע אויסערגעוויינלעכע עמאָציעס, וואָס זײַנען גענוג אַף אַראָפּצובריינגען אַ באַיאָרטן און שטאַרק פאַרנומענעם מענטשן פון מאָסקווע אַזש קיין אָק־פּאַרק, אין דעם אַמעריקאַנער צאָפנדיקן שטאַט אילינאָיס. נו, און איך — איך טוליע זיך צו צו זיי, צו די קאַרפּן־קעפּ, קעדיי אויך אַ שמעק טאָן די שאַרפע רייכעס פון די פאַרבאַהאַלטענע קרײַטעכצער אין געהיימניספולן גרויסן וואַלד פון אויסגעטרוימטע פאַרבן.

דער שמועס וועגן קענטן דויערט אַ פּאָר שאָ. מע באַווײַזט אונדז אַ גרויסע צאָל בילדער זײַנע — באַקאַנטע און ניט באַקאַנטע. צענדליקער ביכער, וואָס קענט איז זייער אַווטאָר אָדער וואָס קענט האָט זיי איליוסטרירט. צעדליקער מאָנאָגראַפיעס וועגן קענטן. דען בערן דזשאָנס ווייסט, אַז אין איינעם פון די נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד“ זײַנען פאַרעפנטלעכט רעפּראָדוקציעס פון קענטס בילדער. ער בעט, איך זאָל אים צושיקן אָט דעם נומער פון אונדזער זשורנאַל.

עס קומט צו פאָרן טערמאַן. מיט אים לאָזן מיר זיך ווידער אַוועק אין טשיקאַגער מוזיי. מע קאָן זאָגן, אַז דער הײַנטיקער טאָג איז פאַר אונדז אַ טאָג פון קונסט. מיר קומט עס באַזונדערס צוניץ, ווײַל ווען קאָן איך זיך נאָך פאַרגינען צו האָבן אַזאַ באַגלייטער איבער די זאַלן, ווי אַליין טשעגאָדײַעוו, דער אַווטאָר פון אַ פונדאַמענטאַלער און, ווי מע זאָגט, סאַמע אַווטאָריטעטער מאָנאָגראַפיע וועגן דער אַמעריקאַנער מאָלערײַ־קונסט.

אַף צוריקוועגס, פאָרנדיק אַהיים צו מ. טערמאַנען, הערן מיר ראַדיאָ. אין דאַלאַס האָט מען ווידער געשאָסן. ס'איז געשען אין טורמע־קעלער, בייס מע האָט געהאַלטן אין אַריבערפירן לי אָסוואַלדן פון איין טורמע אין אַ צווייטער. איינער אַן אייגנטימער פון אַ קאַבאַרע, אַ גאַנגסטער און פרויען־הענדלער דזשעק לעאָ רובי (די עמעסע פאַמיליע — רובינשטיין) האָט זיך אַרײַנגעריסן אין קעלער און דערשאָסן אָסוואַלדן.

האָט איר אײַך שוין אַ פּאָרל: אַ „מאַרקסיסט“ און אַ ייִד. ווי טאַלאַנטלאָז די רעאַקציע פאַרפאַסט איצט אירע „לעבנס־סוזשעטן“, ווי באַנאַל עס איז איר בולוואַר־פאַנטאַזיע. פאַרפּלאָנטערן די שפּורן, אָפּראַמען די יעניקע, וואָס קאָנען זײַן איידעס פון דעם גרויליקן מאָרד, — אָט וואָס עס וויל די רעאַקציע.

באַ טערמאַנען אין דער היים — אַ סאַך מענטשן. אונדזער גאַנצע גרופּע איז אַהער געקומען. אַרום מיר שאַפט זיך אַ קרײַז, וואָס שטעלט צענדליקער פראַגן און באַקומט, פאַרשטייט זיך, אָן ענטפער. דער שמועס איז זייער אַ האַרציקער. מיר פאַרהאַלטן זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט. מאָרגן פליִען מיר אַרויס קיין קליוולענד.

25 נאָיאַבער.

עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די פּראָגרעסיווע קויכעס האָבן נעכטן ניט נאָר געצוווּנגען דעם אייגנטימער פונעם האַמילטאָן־האָטעל ניט צו דערלויבן דורכפירן דעם פאַשיסטישן מיטינג, נאָר זיי האָבן אין זעלבן האָטעל אײַנגעאָרדנט אַ קאָנפערענץ קעגן נאַציזם און היטלעריסטישע

[1] בוכשטעבלעך: איר רעדט מיטן קאָפּ אַראָפּ... קענעדי האָט אויסגעזען אין די אויגן באַ די ראַסיסטן מיטן קאָפּ אַראָפּ.

מילכאָמע־פארברעכער! אף דער דאָזיקער קאָנפערענץ זײַנען געקומען הונדערט דעלעגאטן פון פארשיידענע שטעט, צווישן זיי סעם פעווזנער פון ניו־יאָרק.

סעם זיצט איצט לעבן מיר און דעמאָנסטרירט זײַן ייִדיש:

— איך ספיק און ספיק, באָט דו ענטערסטענד ניט...

— איך פארשטיי, סעם...

איך פארשטיי, אז דאָס ארבעטער־פאָלק אין טשיקאגאָ און אין גאנץ אמעריקע ווערט אלץ אנטשיידענער אין קאמף קעגן די שווארצע קויכעס. מיר געפעלט, וואָס אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באטייליקט ליטווינער און ייִדן, אוקראַיִנער און פאָליאקן. סעם פעווזנער איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס פאָרזיצער פון דער פרימאָרגן־זיצונג. צווישן די רעדנער איז געווען דער ראַבײַ שמועלבער יאמפאָל, א קעמפער קעגן די נאציסטן.

סעם דערציילט, אז ווען 500 מענטשן האָבן נאָך דער פרימאָרגן־זיצונג זיך פארזאמלט אין גרויסן זאל פון האָטעל אף א מאסן־מיטינג, האָבן די בוירטשיסטן געוואָרפן א שטינק־באָמבע.

ווען מיר זיצן אזוי אין האָטעל־האָל און ריידן, גייט צו אונדז צו א ייִד, די גרייס ווי א דינאָזאוור, און טוט צו מיר א זאָג מיט א קעלכל, שוואך און דין, ווי בא א קאָמאר:

— כאווער... איר הערט? איך זאָג אײַך „כאווער"...

איך האָב זיך א ווײַלע אײַנגעהערט אין דעם שוואכדינעם קעלכל און געענטפערט:

— איך הער...

— איך האָב, כאווער, געלייענט אין די בלעטער אײַערס א וואָרט אף דער פרעסע־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק, אז עס געפעלט אײַך, וויִאזוי דער אפיקוירעס מענדעלע מויכער־ספאָרים מאכט א קריטיקע אף די כעסרוינעס פונעם פאָלק ייִסראָעל. וויל איך אײַך, כאווער, אײַנלאדן, איר זאָלט האלטן א לעקציאָן פאר אונדזערן א מיניען ייִדן וועגן אָט דעם רעכילעסניק מענדעלען...

— וואָס איז עס פאר א מיניען ייִדן?

— א מיניען שיינע ייִדן...

דזשעק קלינג שלעפּט מיך באם ארבל:

— זאָג אים, אז דו פאָרסט באלד אוועק פון טשיקאגאָ, און אויס, אן עק...

איך לייג צו א פינגער צו די ליפּן, אז דזשעק זאָל שווײַגן. דעם ייִדן זאָג איך:

— איר ווייסט דאָך, צײַט איז געלט...

— נו, דאָס וועלן מיר באוואָרענען, — טוט דער ייִד א קלאפּ זיך איבער דער בוזעם־קעשענע.

— ניין, ניין. בעסער וועל איך אײַך דאָ אפן אָרט זאָגן דעם לעקציאָן וועגן מענדעלען, און איר — זײַט זיך מאטריִעך און גיט עס איבער דעם גאנצן מיניען.

— נו, פּליז... פּליז.

— איר זאָגט, אז איר זײַט שיינע ייִדן. איז הערט זשע, וויִאזוי אָט דער מענדעלע האָט אָנגעמאָלט די שיינע ייִדן. איינער, האָט ער געשריבן וועגן אײַך, איז א באלטאקסע, איינער איז אן ארענדאר, איינער איז א גאבע, איינער — א באל־אייצע, איינער א טאקיף, איינער דעם רעבנס א קאָרעוו, איינער מאכט באָם, איינער איז א מעיוכעס, איינער איז אן איניקל, איינער האָט א באָבע אין ערעץ־ייִסראָעל, איינער טאנצט אף אלע כאסענעס, איינער איז א שטאָט־פעטער, איינער — קאָהאָלס יוירעש, און איינער — גלאט א שיינער ייִד...

געענדיקט די לאנגע פּראזע, האָב איך זיך ארומגעקוקט: ניטאָ דער ייִד. אזא מאסיווער ייִד, א גאנצער דינאָזאוור, און ווי אויסגערונען. סעם פעווזנער זאָגט, אז אנטרונען איז ער בא די ווערטער „איינער מאכט באָם". סעם מיינט, אז מאכן באָם הייסט — עפּעס פּראָדוצירן, און טאקע בעפּיירעש פּראָדוצירן א פארבאָטענע זאך, נו, לעמאָשל, סאמאָהאָן... מיסטאמע איז דער ייִד אליין אין דעם פארמישט, ווײַל אויב ניט, איז פארוואָס האָט ער בא דעם וואָרט געמאכט א וואַיִוראך?..

בעשאסן געזעגענען זיך רעדן די פרײַנט אונדזערע וועגן א טשיקאוון איניען. עס גייען ארום אף דער „ייִדישער גאס" קלאנגען, אז אין ניו־יאָרק האָט מיט א טעג צען פאר מײַן קומען קיין אמעריקע זיך באוויזן א ספעציִעלער שאָליִעך פון ייִסראָעל, וועמעס אופגאבע עס איז — מאָביליזירן די קלייקוידעש און די רעאקציע אף ניט צו דערלאָזן מײַן קאָנטאקט מיט די פּאָשעטע אמעריקאנער ייִדן[1]. מענדל טערמאן הערט אויס דאָס, וואָס מע דערציילט, און פרעגט מיך:

— עס טוט דיר וויי, א? ס'איז דיר ביטער אזוינס צו זען דאָ?

איך ענטפער:

— כ'בין אויסגעוואקסן אין דער טײַגע... עס געפעלט מיר, איך זאָל גיין און צווײַגלעך זאָלן מיך שלאָגן אין פּאָנעם...

ווען דער לײַנער הייבט זיך אוף אין דער לופטן, דערזע איך די שטארק ענלעכע אף א גיגאנטישן בלויען קראב „גרויסע אָזערעס", וואָס בא איינער פון זיי, בא מיטשיגאן, שטייט טשיקאגאָ, פונוואנען איך פלי, און בא דער צווייטער, בא ערי, שטייט קליוולענד, וווּהין איך פלי.

אין קליוולענד האָבן מיר ניט קיין פּראָגראם. דער ציל איז — זיך אָפּרוען צוויי טעג בא סײַרוס איטאָנען, איינעם פון די רײַכסטע און איינציַיִטיק געבילדעטסטע און קליגסטע מענטשן אין אמעריקע, אן איבערצײַגטער אָנהענגער פון אמעריקאניש־סאָוועטישער פרײַנטשאפט. אין ערראָפּאָרט באגעגענען אונדז איטאָן און זײַן פרוי ען (אנע). האגאם פאר אונדז איז אָנגעגרייט אָן גוזמע א גאנצע קאָלאָנע אווטאָמאָבילן, שטופּן מיר, די שרײַ־

---

[1] באמערקונג פון רעדאקציע. אין קנאפּע צוויי כאדאָשים ארום, דעם 16 יאנוואר 1964, איז אין דער וואָכנבלאט „פרײַ ייִסראָעל" דערשינען וועגן אָט דעם איניען דער פאָלגנדיקער באריכט: „דער קנעסעט־דעפּוטאט ע. ווילענסקאיא האָט אינטערפּעלירט דעם אויסערן־מיניסטער אין צוזאמענהאנג מיט די יעדיִעס, וואָס זײַנען דערשינען אין דער ייִסראָעלדיקער פּרעסע, אז א הויכער באאמטער פון אויסערן־מיניסטעריום, בינימין אליאב, איז געשיקט געוואָרן קיין אמעריקע, ביכדיי צו אָרגאנאיזירן די באָיקאָט־אקציע קעגן סאָוועטיש־ייִדישן שרײַבערן ווערגעליס, הויפּט־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד", וועלכער איז סאָף 1963 געקומען אף א באזוך אין אמעריקע. דער אויסערן־מיניסטער גאָלדע מעיִר איז געבעטן געוואָרן צו ענטפערן: 1) צי איז ריכטיק די יעדיִע וועגן דער דאָזיקער שליכעס פון בינימין אליאב? 2) צי מיינט נישט דער אויסערן־מיניסטער, אז אזא שליכעס איז אין סטירע צו די נאָרמאלע באציִונגען צווישן מעדינעס און אז אין די נאציִאָנאלע אינטערעסן פון ייִסראָעל איז צו האנדלען פאר אויסבעסערן די באציִונגען מיטן סאָוועטנפארבאנד?"

בער און זשורנאליסטן פון דער גרופע, זיך ארײַן אין די מאשינעס, אין וועלכע עס פאָרן ער און זי. מיר מאכן זיי, נאטירלעך, ענג (באזונדערס דער באלעבאָסטע, בא איר זײַנען פאראליזירט די פיס, און זי „פאָרט" ארײַן אין דעם ספּעציעל אויסגעשטאטן גרויסן אווטאָמאָביל אף איר זיץ־בענקעלע). מיר נעמען זיך פריילעך אנטשולדיקן, פארופנדיק זיך אף דעם, אז נײַגעריקײַט איז א טעווע בא מענטשן פון אונדזערע פראָפעסיעס. ווײַזט זיך אָבער ארויס, אז די איטאָנס זײַנען נאָך נײַגעריקער, איידער שרײַבער און זשורנאליסטן, און אז זיי זײַנען פראָסטער פון פראָסט, און אז זיי ווילן אונדז טאָן אלץ צוליב, און אז זיי קוקן ביכלאל אף אלץ מיט א קינדעריש־גוטן הומאָר.

צוזאמען מיט דעם פאָרפאָלק פאָלעוואָי, מיט פאָליאנאָוון און ראָזשדעסטווענסקין זיץ איך גאנץ ברייטלעך בא דער באלעבאָסטע אין געראמען אווטאָ. דאָס האָט זי אליין, ען איטאָן, מיך „אויסגעקליבן", ווען ס׳איז געוואָרן קלאָר, אז מיר טראכטן ניט פאָרן אין „פערסאָנעלע מאשינעס". פון די ערשטע רעגעס פארבינדט זיך א שמועס.

— וואָס שײַעך אײַך פערזענלעך, — זאָגט די באלעבאָסטע, ווענדנדיק זיך צו מיר, — וועלן מיר, קאפיטאליסטן, ארויסווײַזן אונדזער עגאָיִסטישן כאראקטער. איך וויל מיט דעם זאָגן, אז בײַס אײַער אָפּרו וועלן מיר ניט ווייניק אויך פון אײַך נאשן... נו, עקספּלואטירן אײַך...

זי נעמט גלײַך אויספרעגן, וואָס אזוינס באטײַט יִדישע פראָבלעמען, און באמערקט פון איר זײַט, אז אין אמעריקע, זאָגט מען, זײַנען אויך פאראן א סאך יִדישע פראָבלעמען. איך ענטפער: דאָרט, ווו עס זײַנען פאראן יִדן, זײַנען פאראן יִדישע פראָבלעמען. אין דעם פראט קאָן מען זאָגן, אז היטלער האָט געוואָלט, עס זאָלן ניט זײַן אף דער וועלט קיין יִדישע פראָבלעמען.

פרוי איטאָן שרײַט אויס מיט דער אמעריקאנער, עטוואָס סענטימענטאלער אומיטלבארקײַט: „יַ, עראַן (ארן)! ווען איר וואָלט געגעבן אזא ענטפער אין דער טעלעוויזיע־וויקטאָרינע, וואָלט איך, א שטענדיקער מיטגליד פון זשורי אין קליוולענד, צוגעפּאסקנט אײַך א פרײַז!.." די פאמיליע פון יעדן אײנעם פון די רוסן רעדט ען איטאָן ארויס אף איר אייגענעם אויפן: פאָליאנאָוו איז בא איר פאָל־יא־נאָף, פאָלעוואָי — פאָלאָוואָי, ראָזשדעסטווענסקי — ניין, דאָס קאָן זי ניט ארויסריידן, זי דערוויסט זיך, אז דאָס וואָרט „ראָזשדעסטוואָ" באטײַט אף ענגליש „קריסטמען", און זי זאָגט: „מיסטער קריסטמען"...

מיר פאָרן שוין א מינוט פערציק. די שטאָט איז געבליבן ליגן אין א זײַט. פאזע דעם וועג ציִען זיך רויט־ציגלנע קאָרפּוסן פון פאָרדס באוווּסטן זאוואָד „דער 21־טער יאָרהונדערט", ווו אלץ איז אווטאָמאטיזירט, דער מענטש איז קימאט איבעריק.

פונדאנען איז שוין מיט דער האנט דערלאנגען צו סײַרוס איטאָנס גוט. ווען מיר קומען אָן אהין און קריכן ערשט ארויס פון די מאשינעס, באווײַזט זיך פון דעם נאָענטן וועלדל, רײַטנדיק אף א פערד, א יעגער מיט א טיטשקע הינט, פונקט ווי ער וואָלט דערשינען פון דער ווײַטער פארגאנגענהײַט. דער גאסטפרײַנטלעכער באלעבאָס מיינט, אז ער שאפט דערמיט א רוסישן קאָלאָריט, וואָס איז אונדז צום הארצן. דערנאָך דעמאָנסטרירט מען נאָך א קאָמפּאָנענט פון רוסישן קאָלאָריט — א „טראָיקע". מיר זעצן זיך ווידער ארײַן אין די מאשינעס און פאָרן אָפּ צו א פערמע, ווו עס געפינען זיך שטאלן מיט אָקסן פון א באזונדער פאָראָדע. איטאָן גרויסט זיך מיט אָט די אָקסן: אין גאנץ אמעריקע ווייסט מען, אז אויסגעהאָדעוועט די פאָראָדע האָט ער, איטאָן.

אפן וועג צוריק פון דער פערמע דערציילט מיר פראָפעסאָר מאָסטאָוועץ וועגן סײַרוס איטאָנען — דעם מאגנאט, דעם מיליארדער. אף דעם אינדוסטריעלן מיטעלן מײַרעוו פון די פאראייניקטע שטאטן האָט אָט דער מענטש געשאפן א מין „אימפעריע" מיט א קאפיטאל פון פיר מיליארד דאָלאר, אין וועלכער עס גייען ארײַן שאכטעס און זאוואָדן, אײַזנבאן־ליניעס, בענק, שטאָלגוס־קאָמפאניעס אאוו. וועגן דעם, וואָס פאר אן אײַנפלוס איטאָן האָט אף די אָנפירנדיקע קרײַזן פון לאנד, קאָן מען אורטיילן לויט אזא עפּיזאָד. איינמאָל האָט דער האנדלס־מיניסטער פון אמעריקע לויִס סטראוס באליידיקט דעם ראָש פון דער קליוולענדער פינאנציעל־אינדוסטריעלער גרופע. ווען סטראוס האָט געוואָגט די דאָזיקע באליידיקונג איבערכאזערן עפנטלעך, אף דער טריבונע פונעם קאָנגרעס, האָט ער זיך געמוזט צעזעגענען מיט זײַן מיניסטעָרישן פאָרטפעל...

בלײַבנדיק א זון פון זײַן קלאס, א קאפיטאליסט, טרעט דאָך איטאָן ארויס אלס פּראָגרעסיווער טוער, וואָס קעמפט פאר קאָעקזיסטענץ, פאר פרײַנטשאפט מיטן סאָוועטנפארבאנד. ער איז לאורעאט פון דער צווישנפעלקערלעכער שאָלעם־פּרעמיע, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם גרויסן פּראָלעטארישן פירער וולאדימיר איליטש לענין.

נאָך דער עקסקורסיע זאָגט איטאָן צו מיר, שטייענדיק אף דער שוועל פון זײַן הויז:

— איר זעט די הײַזקעס מײַנע? זיי זײַנען עלטער פון קליוולענד. אָט דאָס־אָ, דאָס גרעסטע צווישן זיי, איז אויסגעבויט אין די צײַטן פון די ערשטע קאָלאָניסטן.

אָ, איך ווייס, וואָס עס באטײַט פאר אן אמעריקאנער דער ייִכעס פון וווינען אין א שטוב, וועלכע איז פארבליבן פון יענע צײַטן. אף די וועגן פון אמעריקע קאָנט איר זען ארויסגעשטעלט אלס סימבאָל באם ארײַנגאנג אין זעלטענע הײַזער אן אלטע אָפּגעריבענע ראָד. דאָס דארף באטײַטן: אנו, פארבײַגייער! מערער אָפּשײַ פאר דער שטוב, וואָס עס האָבן געבויט די פּיִאָנערן פונעם לאנד!..

סײַרוס איטאָן האָט בא זײַן הויז די טראדיציִאָנעלע ראָד ניט ארויסגעשטעלט. דערפאר אָבער באמערק איך לעם סאמע ארײַנגאנג א בינטל פארטריקנטע זון־רויזן:

— דאָס איז פאר די פייגל, — זאָגט איטאָן, — זאָלן זיי פּיקן...

אינווייניק איז דאָס הויז עטוואָס אלטמאָדיש, דאָ און דאָרט, אין שטיל־געמיטלעכע ווינקלען טוט א ווייע אף אײַך מיט אריסטאָקראטישער בענקשאפט נאָך דער פארגאנגענער צײַט. אין גרויסן עסצימער הייצט זיך דער קאמין. און דאָך — ניטאָ קיין מאסיוו מעבל, ווי אין ענלעכע הײַזער אין אייראָפּע. די צימערן זײַנען געראם, לופטיק, פראָסט ארומגעשטעלט. אין איינעם פון זיי — כרושטשאָווס און מיקאָיאנס פאָטאָגראפיעס.

אין א כוידעש ארום ווערט סײַרוס איטאָן אלט אכציק יאָר. א שלאנקער, פון מיטעלן וווּקס, וואָלט ער מיט זײַן דאר פּאָנעם, וואָס איז שטארק פארברוינט פון דער זון, אויסגעזען אינגאנצן יונג, ווען ניט דער גרײַז־גרויער קאָפּ זײַנער. באָריס פּאָלעוואָי קוקט אין זײַן זײַט און דערציילט מיר.

אנומלטן האָט מען איטאַנען געמאָלדן, אז ער דארף זיך שטעלן פאר דער „מאקארטי־קאָמיסיע“ אלס אזא איינער, וואָס האָט צו ענגע באציִונגען מיט דער סאָוועטישער געזאנדשאפט. שפּעטער האָט מען זיך געכאפט, אז ס'וועט ארויסרופן א טומל, און מע האָט איטאַנען מיטגעטיילט, אז ער דארף ניט קומען.

אָבער ער איז געקומען און געמאָלדן, אז ער וויל פארשפּרייטן צווישן די זשורנאליסטן און צווישן די באאמטע פון דער קאָמיסיע איינעם א וויכטיקן, לויט זײַן מיינונג, דאָקומענט. ווען ער האָט צעטיילט צווישן די בײַוועזנדיקע די געבראכטע בראָשור, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס איז דער טעקסט פון דער אמעריקאנער קאָנסטיטוציע און אז דאָרט האָט איטאַן אונטערגעשטראָכן שורעס, וועלכע זאָגן צו די בירגער פון די פאראייניקטע שטאטן, אז מע וועט קעגן זיי ניט ארויסשטעלן אלס באשולדיקונג דאָס, אין וואָס מע באשולדיקט איצט אים, איטאַנען. אָפּטוענדיק אָט די זאך, האָט סײַרוס איטאַן געמאָלדן, אז מער פארהאלטן זיך דאָ, אין דער דאָזיקער קאָמיסיע, קאָן ער ניט, ווײַל ער אײַלט אף א מיטיק אין דער סאָוועטישער אמבאסאדע. איבערלאָזנדיק די דערשטוינטע מיטגלידער פון דער טרויעריק באוווּסטער קאָמיסיע אין א צושטאנד, נאָענט צו כאלאַשעס, איז דער גרויסער אמעריקאנער פאטריאָט סײַרוס איטאַן אוועק צופוס אין דער באגלייטונג פון א נײַגעריקער און פריילעכער כאָפּטע פרעסע־ און ראדיאָ־קאָרעספּאָנדענטן צום הויז, אף וועלכן ס'איז אויסגעהאנגען די סאָוועטישע פאָן.

— וואָט קאקאָי סטאריק![1] — שעפּטשעט מיר אין אויער ארײַן פּאָלעוואָי.

ען איטאַן האָט צו מיר אן איניען. אירע א פרײַנדן, א ייִדישקע, א פּראָגרעסיווע פרוי, וויל מיך אײַנלאדן מאָרגן אף מיטיק אין א קליוולענדער האָטעל. זי בעט מיך זייער, ען איטאַן, זי וועט מיך באלד פארבינדן מיט יענער פרוי דורכן טעלעפאָן. איך ענטפער: פּאָזשאלוסטע. עסן מיטיק מיט א ייִדישער פּראָגרעסיווער פרוי, מיט ען איטאַנס א פרײַנדן — פארוואָס ניט? ען איטאַן איז באַגײַסטערט: זי האָט געמיינט, אז עס וועט זײַן שווער מיך אײַנריידן. סײַרוס איטאַן גייט צו צו אונדז. ער ווייסט, וועגן וואָס מיר שמועסן. מיט גרויס אָפּשײַ רעדט ער וועגן די ייִדן אין אמעריקע, ספּעציִעל וועגן די קליוולענדער ייִדן, וועגן זייער איבערגעגעבנקײַט צום לאנד, וועגן דער ארבעטזאמקײַט, ענערגיע זייערער. ער האלט, אז מײַן קומען קיין אמעריקע און די אָנגעשטרענגטע אטמאָספער, אין וועלכער עס גייען דורך די באגעגענישן מיט דער פרעסע און מיט די אָרטיקע ייִדן, וועט „ארײַנטראָגן אינפאָרמירטקײַט אין דער פארוואָרלאָזטער פראגע“ — אין דער פראגע וועגן דעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן. ער האלט, ווײַטער, אז „אזא פּראָבלעם איז פאראן, און מע דארף זי ניט לאָזן אף הefקער“, ווײַל „אויב ס'איז עמעס, אז אמאָל האָבן אין טכום א סאך ייִדן זיך פארנומען מיט האנדל־וואנדל, דאָס הייסט, ווי בא אײַך דריקט מען זיך אויס, מיט ספּעקולירן, איז דאָך אוואדע עמעס, אז הײַנטיקע צײַטן פארנעמט מען זיך אין אמעריקע און אין אנדערע לענדער מיט ספּעקולירן ארום ייִדן, ארום דער ייִדישער פראגע“...

— די אמעריקאנער צײַטונגען, וואָס איך לייען, האָבן געמאכט פון אײַך א סענסאציע... נו, זאָל עס אײַך ניט ארן... ווען עס גייט א רייד וועגן א קעגנער, איז בא אונדז אין לאנד ניט אָנגענומען צו מאכן א סענסאציע פון אזוינס, וואָס האָט ניט די ווערט...

פארנאכט קומט פאָר א היימישע אופנאמע: די מישפּאָכע איטאַן, אונדזער גאנצע גרופּע, איינער א רוסישער פּראָפעסאָר, וואָס לעבט שוין לאנגע יאָרן אין אמעריקע, דער „פּאָליטישער פארוואלטער“ איטאַנס — נאום קאַמינסקי, אן אסימילירטער ייִד, א גאנץ סימפּאטישער מענטש. ראָבערט ראָזשדעסטווענסקי און איך לייענען לידער. מע רעדט וועגן קענעדיס טויט. דער אָרטיקער פּראָפעסאָר דערציילט איינצלהײַטן וועגן דער לעווײַע פונעם פּרעזידענט, וואָס איז פאָרגעקומען נעכטן אפן ארלינגטאָן־בעסוילעם אין וואשינגטאָן. הײַנט לעבט שוין אמעריקע „נאָרמאל“. די אָוונט־צײַטונגען זײַנען שוין ווידער פול מיט רעקלאמע און מיט פארשיידענערליי פּוסטע זאכן. סײַרוס איטאַן זאָגט, קוקנדיק אף אונדז מיט טרויעריקע אויגן:

— איצט וועט נאָכן סענטימענטאלן טומל זיך אײַנשטעלן ארום דעם מאָרד אן אינקוויזיטאָריש, געהיים שווײַגן...

26 נאָיאבער.

אופגעוועקט האָט מען אונדז 5 אזייגער פארטאָג — אפן דאָרפישן שטייגער. באם פרישטיק דערמאָנט עמעצער די שטאָט דאלאס, ווו קענעדי איז דערשאָסן געוואָרן.

— דאלאס, — זאָגט סײַרוס איטאַן, — דאָס איז א מין אופגעקומענער גוויר מיט פּראָווינציעלע מידעס... די רײַכקײַט רינט דאָ איבער דער באָרד. און אלץ איז אין דאלאס העכער דער נאָרמע: דער גרעסטער האָטעל אין דער וועלט (מיט אן אייגענעם אעראָדראָם); א באנק, אין וועלכן די סטעליע איז געמאכט פון גאָלד; א מענטש, וואָס איז דער גרעסטער מיליארדער אף דער פּלאנעטע (האראָלדסאָן לאפײַעט כאנט לייגט ארײַן יעדן טאָג אין קעשענע צוויי הונדערט טויזנט דאָלער ריינעם רעווען)... אין דאלאס איז פאראן א קלוב „דער ראט פון די בירגער“. ארײַנקומען אהין קאָן בלויז דער, ווער עס זאָגט, ניט פארטראכטנדיק זיך, „יאָ“, אויב מע בעט בא אים הונדערט טויזנט דאָלער...

איטאַן רעדט מיט ווייטעק:

— ערגעץ האָט מען געשריבן, אז קענעדין האָט דערהארגעט דער קלימאט פון טעכאס... יאָ, יאָ, טײַערע, דער קלימאט אין טעכאס, ווו א ביקס קאָסט וועלוועלער פון א פּאָר שיך...

און ער ענדיקט מיט די ווערטער:

— איך האָף, אז דער פאל מיטן אומזיניקן אטענטאט אפן פּרעזידענט פון אמעריקע וועט זײַן פאר די אמעריקאנער א לערע, אז פונקט אזוי אומזיניק קאָן מיטאמאָל אומגעבראכט ווערן די גאנצע מענטשהײַט, אויב עס וועט גאָרניט געטאָן ווערן צו פארמײַדן עס.

נו, גענוג זיך אָפּצורוען! צוויי טעג איז צופיל; דער נעכטיקער טאָג, א גאנצער טאָג אָן ארבעט, איז שוין אויך איבערגענוג אף צו אופשטעלן די קויכעס.

9 אזייגער אינדערפרי זײַנען מיר שוין אין שטאָט, אין קליוולענד. מיר טרעטן ארויס אין א טעלעוויזיע־

[1] אָט וואָס פאר אן אַלטער דאָס איז!

פראָגראם. די גאנצע גרופע אונדזערע זיצט בא א טיש, דער אָרטיקער קאָמענטאטאָר שטעלט יעדן א פראגע. אף מײַן גורל פאלט אויס די סאמע „שווערע און סענסאציאָנעלע“:

— פארוואָס זײַנען אין מאָסקווע דאָ ווייניקער סינאגאָגעס, איידער אין קליוולענד?

ווען די אופנאם־קאמערעס זײַנען שוין געווען אויסגעשלאָסן, האָט מיר געזאָגט דער קאָמענטאטאָר, אז פאר אים איז געווען אומדערווארט דאָס, וואָס מײַן ענטפער איז לויט דער צאָל ווערטער געווען קירצער פון דער אזוי אויך קורצער פראגע, און דער סצענארי פון דער פראָגראם האָט דאָך פאָרויסגעזען, אז איך וועל וועגן אזא „קאָמפליצירטן איניען“ מיסטאמע רײדן אמווייניקסטן פינף מינוט.

בעקיצער — „פארוואָס זײַנען אין מאָסקווע דאָ ווייניקער סינאגאָגעס, איידער אין קליוולענד?“. מײַן ענטפער:

— ווײַזט אויס דערפאר, ווײַל סע זײַנען דאָ ווייניקער גלייביקע...

בענעמאָנעס, איך הייב ניט אָן צו פארשטיין, פארוואָס דער קאָמענטאטאָר האָט פלאנירט, איך זאָל וועגן דעם רײדן מערער...

פון טעלעוויזיע־צענטער פאָרן מיר אין קלוב פאר געשעפטסלײַט („סיטי־קלאב“) אף א פרעסע־אינטערוויו. דאָס ערשטע מאָל פאר דער גאנצער רײַזע אונדזערער איבער אמעריקע האָט מען דאָ ניט געשטעלט קיין „ייִדישע פראגעס“. לויט דער באקאָשע פון די זשורנאליסטן האָב איך דערציילט וועגן אונדזער סאָוועטישן יאָמטעוו, וואָס הייסט „טאָג פון פאָעזיע“, און זיך ארויסגעזאָגט וועגן דער שאפונג פון אייניקע הײַנטצײַטיקע אמעריקאנישע שרײַבער (אויִליאם סאראָיאן, דזשאָן סטיינבעק, מיטשעל אויִלסאָן). דער קאָרעספאָנדענט פון „קליוולענד פרעס“ האָט זיך מודיע געווען:

— מע רעדט וועגן אײַך בלויז מיט איין מאָס: א ייִדישער פאָעט, א ייִדישער רעדאקטאָר, א סאָוועטישער פראָפאגאנדיסט... ווילן מיר זען, וואָס איר „קאָסט“ פון אן אנדער זײַט...

א רײַזע איבער קליוולענד. פון ארכיטעקטור־שטאנדפונקט איז דאָס א שטאָט פון מיטעלן גראד. גלײַך נאָך דער הויפּט־גאס הייבן זיך אָן די ארבעטער־פאָרשטעט. קליוולענד איז איינער פון די גרעסטע אינדוסטריִעלע צענטרען פון אמעריקע.

אין האפן בא דער אָזערע ערי — אן אלט אונטערוואסער־שיפל, עטלעכע בארזשעס. ס׳איז א גאנץ רויִק אָרט, מע זעט ניט קיין מעכטיקע קראנען, קיין גרויסע שיפן. ניט ווײַט פונעם האפן — אן אוקראַיִנישער קווארטאל. אף אייניקע שילדן זײַנען די אויפשריפטן געמאכט אין רוסיש.

מיר קערן זיך אום אין „סיטי־קלאב“, וווּהין עטלעכע אָרטיקע טוער האָבן אונדז פארבעטן אף א לאָנטש. די קליוולענדער ווארטן שוין אף אונדז. זיי זײַנען אלע געשטימט פרײַנטלעך. דאכט זיך, אז א העלפט פון זיי זײַנען ייִדן. ווען דער שמועס האָט זיך שוין אָנגעהויבן, קומט ארײַן א באיאָרטער מענטש, וואָס פירט זיך דאָ מיט אלעמען היימיש. עס זעט אויס, ער זאָל צווישן זיי זײַן דער „אָרעמער און פריילעכער“ — דער ליבלינג.

— איך הייס מעקס הארוויץ, — זאָגט ער צו מיר מיט א טאָן פון איינעם, וואָס קאָן אויך כויזעק מאכן פון זיך אליין, — בא אײַך וועט עס מאכן מאָרדכע־זעליק הורוויץ, אזוי ווי עס האָבן געהאט די האָזע צו רופן זיך אונדזערע טאטעס און זיידעס...

מאָרדכע־זעליק הורוויץ שטאמט פון א שטעטל לעבן דווינסק. בייסן ערשטן וועלט־קריג האָט ער עמיגרירט, דערנאָך ארומגעוואָגלט איבער אייראָפּע, ניט איין יאָר זיך אָפּגעוואלגערט אין יאפּאָניע און ענדלעך „געבליבן שטעקן“ אין אמעריקע, אין דער שטאָט קליוולענד. מעקס הארוויץ איז א קאָמיוואָיאזשאָר. ניט לאנג צוריק איז ער געווען אין לענינגראד בא זײַנע קרויווים.

— מאָרדכע־זעליק, — פרעג איך אים, — וואָס וואָלט איר מיר געייצעט זאָגן יענע ייִדישע טוער אין אמעריקע, וועלכע שרײַבן אין די בלעטער, אז מע פארפאָלגט אײַערע לענינגראדער קרויווים?

דער באיאָרטער קליוולענדער קאָמיוואָיאזשאָר האָט אף א פאָלקסטימלעכן רוסיש געגעבן אזא אדרעס, וווּהין אָפּשיקן די אויבנדערמאָנטע טוער, אז פאר זיך מעג איך דאָס, פארשטייט זיך, פארגעדענקען, נאָר ציטירן די דאָזיקע ארויסזאָגונג פון פעטער מעקס איז ניט קעדײַ. אלס קאָמפּענסאציע וועל איך אף טשיקאווע ברענגען צוויי אנדערע „פסוקים“ זײַנע, פארצייכנטע דאָ גלײַך אפן אָרט.

וועגן די אמעריקאנער קלאל־טוער פונעם טיפ „שיינע ייִדן“ זאָגט מאָרדכע־זעליק:

— זיי ווילן ייִדישקײַט בא יענעם...

און אָט איז זײַן באציִונג און זײַן שײַכעס צום איניען קאָסמאָס:

— איך בין גרייט אוועקפליִען אף דער לעוואָנע, אבי מײַנע קינדער דאָ אין אמעריקע זאָלן האָבן אזא גורל, ווי די קינדער פון מײַנע קרויווים אין לענינגראד...

ניין, איך האָב ניט כאראָטע, וואָס דאָס צווייטע מאָל בין איך געקומען אהער אין „סיטי־קלאב“. ווען מע האָט אינדערפרי, בא די איטאָנס, מיר געזאָגט, אז פונקט אין דער זעלבער צײַט פארבעט מען מיך אין אָרטיקן אוניווערסיטעט „אף א שמועס וועגן די סאָוועטישע ייִדן“, האָב איך אינסטינקטיוו אויסגעקליבן דעם לאָנטש אין „סיטי־קלאב“ און איבערגעגעבן די מיסיע מײַנע אין אוניווערסיטעט דעם פראָפעסאָר קאָנסטאנטינאָוו, וואָס האָט אלציינס געדארפט דאָרט זײַן.

אויסהערנדיק מײַן באקאָשע, האָט דער דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט פון פילאָסאָפיע בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר פיאָדאָר וואסיליעוויטש קאָנסטאנטינאָוו, וועלכער האָט קיין מינדסטע אנונג ניט אין די ייִדישע פראָבלעמען, זיך איבערגעשראָקן אף טויט:

— וואָס טוט איר מיט מיר?! איר ווייסט דען ניט, אז די סובסטאנץ, וואָס אנטפלעקט זיך אין דעם סכום ווידערשפרוכן ארום דער ייִדן־רעאליטעט, איז ניט פאר מײַנע קויכעס?!

— איך ווייס, פיאָדאָר וואסיליעוויטש, איך ווייס... אָבער העלפט מיר אָפּטאָן פאר דער גאנצער רײַזע כאָטש איין שפיצל דעם פארפירטן אוילעם...

...איצט האָב איך שוין יעדיִעס, אז אָפּטאָן דעם אוילעם א שפיצל האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. ארויסטרעטנדיק אלס „ספּעציִאליסט אף דער ייִדן־פראגע“, האָט פראָפעסאָר קאָנסטאנטינאָוו זיך ארופגעכאפט אף זײַן פערדל פון א געניטן לעקטאָר, און האגאם ער האָט ניט געוווּסט קיין

ציפערן און קאָנקרעטע דעטאַלן פון דעם איניען, האָט ער אַזוי הייס און אופריכטיק גערעדט, אַז די סטודענטישע אַאודיטאָריע איז געווען ביז גאָר צופרידן.

צו פיר אַזייגער באַטאָג זאַמלען מיר זיך אַלע צונויף אין אַריסטאָקראַטישן „יוניאָן־קלאַב“, אין סייַרוס איטאָנס אַרבעטס־קאַבינעט אַפן צוויי־און־דרייַסיקסטן שטאָק פון אַ וואָלקנקראַצער.

מיר לאָזן זיך אַראָפּ אין אַ גרויסן זאַל, וווּ איטאָן גיט אַ באַנקעט לעקאָוועד דער גרופּע טוער פון דער סאָוועטישער קולטור. עס זייַנען בייַוועזנד די באַלעבאַטים פון זיבעציק ווּיכטיקסטע פירמעס און בענק, וועלכע בילדן די מעכטיקע „קליוולענדער אינדוסטריעל־פינאַנציעלע גרופּע“. באַ יעדן פון אונדז אויף דער ברוסט שפּיליעט מען צו אַ קוויטל: אָט דער מענטש — איז אַזאַ און אַזאַ, ער הייסט אַזוי און אַזוי און טוט דאָס און דאָס... ווילט איר, קלייַבט אים אויס פאַר אייַער קאָמפּאַניע; ווילט איר, קלייַבט אויס אַן אַנדערן.

ווען איך בין שוין קימאַט אָן קויכעס פון רעדן און רעדן און רעדן מיט די נייַגעריקע, גייט צו מיר ערשט צו אַ פּאָרפּאָלק — פון די סאַמע געהויבענע געסט, ווי עס זאָגט די איבערזעצערן. סייַ ער, דער אייגנטימער פון אַ באַנק, סייַ זייַן פרוי זייַנען ניט קיין ייִדן. דער באַנקיר דערציילט מיר: אַ שאָ צוויי פאַרן באַנקעט האָבן די אָנפירער פון אַן אַרטיקן ייִדישן דראַמאַטישן קאָלעקטיוו, זייַנע קליענטן, געבעטן אים, ער זאָל מיט מיר זיך צונויפרעדן וועגן אָרגאַניזירן אַ טרעפונג מיטן קאָלעקטיוו. ער האָט צוגעזאָגט. האָט אָבער אַ מינוט צען פאַר זייַן אָפּפאָרן אהער אָנגעקלונגען אַ פאָרשטייער פונעם ראַבאָנים־ראַט און געוואָרנט, אַז אויב ער וועט אַזאַ טרעפונג אייַנאָרדענען, וועלן די ראַבאָנים רופן די גלייביקע ייִדן צו באָיקאָטירן זייַן באַנק.

— וואָס טוט מען, מיסטער עדיטאָר (רעדאַקטאָר)?

— באַרויִקט זיך, איך פאָר אַלציינס מאָרגן אינדערפרי אַוועק קיין סאַן־פראַנציסקאָ... גיט איבער אַ גרוס דעם דראַמאַטישן קאָלעקטיוו...

ווען דער באַנקעט איז שוין געענדיקט און די כאַווייַרים מייַנע פאָרן אָפּ אין „איטאָן־לענד“ (אַזוי רופט מען דעם גוט מיט די פערמעס), פירט מיך דער „פּאָליטישער פאַרוואַלטער“ נאָום קאַמינסקי אָפּ אין „אַרקאַנזאַס“ און לאָזט מיך איבער אין רעסטאָראַן פון האָטעל מיט ען איטאָנס כאַווערטע, אַ זייער ווילע ייִדישע פרוי, וועמעס פאַמיליע איך האָב, צום באַדויערן, ניט פאַרצייכנט.

מיר עסן מיטיק און שמועסן. אַ שאָ צי מער געדויערט עס. ווען דער מיטיק איז געענדיקט, דאַנק איך אָפּ און שטיי אויף אויף אַוועקצוגיין. די פרוי איז פאַרכידעשט:

— איר מיינט, אַז דער שמועס מיט מיר — דאָס איז אַלץ? אין זאַל פון האָטעל וואַרטן אויף אייַך הונדערט פופציק טוער פון די אָרטיקע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. קומט!

אַן אַנדער ברייֵרע האָב איך? ביז 12 אַזייגער באַנאַכט דויערט דער שמועס מיט די הונדערט פופציק. צווישן זיי אין פאַראַן אַפילע אַ ראָוו, אַ שטאַרק פּאָפּולערער דאָ אין שטאָט. ער האָט, קומענדיק אויף דער באַגעגעניש, געמאָלדן: איך וויל ניט לעבן מיט די זיטן פון דער אינקוויזיציע...

מיסטער קאַמינסקי איז מיט איטאָנס מאַשין אַוועקגעפאָרן און פאַר מיר איבערגעלאָזט אַ טאַקסי. און ווייַטער געשעט אַן עפּיזאָד, וואָס איצט, ווען איך פלי שוין קיין סאַן־פראַנציסקאָ, לאַך איך, דערמאָנענדיק זיך אין אים. אָבער באַנאַכט, ווען דאָס איז פאָרגעקומען... נאָר לאָמיר עס דערציילן באַאַריכעס.

ווי געזאָגט, זייַנען מיר אַרויסגעפאָרן פון האָטעל גלייַך נאָך האַלבער נאַכט. צו איינס אַזייגער האָב איך געדאַרפט זייַן אַפן אָרט. ס׳האָט מיך עטוואָס אייַנגעוויגט. איך טרייסל אָפּ דעם שלאָף, טו אַ קוק אויף דעם זייגער און דערזע: דאָס ווייַזערל שטייט באַ 2.30. מיר טראָגן זיך גאַנץ שנעל איבער עפּעס אַ שאָסיי. באַם רודער זיצט דער טאַקסיסט — אַ יונגער באָכער, אין אַ קורטקעלע אויף בליץ־שלעסער, פון וועלכער ס׳קוקט אַרויס אַ געקעסטלט העמדל — כ׳ילעבן, אַ מין אָסוואַלד צי אַ רובי. דער קאַרק באַ „מייַן“ אָסוואַלד — אַ קוואַדראַטער, מער זע איך פון הינטן גאָרניט. לויט דעם, ווי עס גייען באַ אים אַרום די אָדערן לעם די אויערן, שטויס איך זיך אָן, אַז ער קייַט גומי. ריידן מיט אים קאָן איך ניט.

נו, גוטערברודער, טראַכט איך זיך, עס האָט באַ דיר אַ ווערט, אויב עמעצער האָט באַצאָלט פאַר דער טירכע, צו אַוועקפירן אַ מענטשן אין האָצעפּלאָץ און דאָרט מאַכן אים די שפּיל. אין דער רעגע קערעוועט די מאַשין אָפּ אויף רעכטס. שאַ, מע דאַרף טאַקע אַזוי טאָן, פאָרנדיק צו די איטאָנס. דאָרט באַווייַזן זיך די הייַזער אין פינף מינוט אַרום, און דאָ פאָרן מיר ווידער אויף אַ זייַטיקן וועג אַ מינוט דרייַסיק. די מאַשין פאַרקערעוועט נאָכאַמאָל — איצט אויף לינקס, און מיר פאָרן אַרייַן אין אַ פאַרטונקלטער אַליי. נאָך אונדז גייט נאָך איין מאַשין. מער זעט מען אויף דער אַליי קיינעם ניט און גאָרנישט ניט.

און אָט — פריִער אונדזער אַווטאָ, דערנאָך דער צווייטער שטעלן זיך אָפּ. „מייַן“ אָסוואַלד גייט אַרויס פון קאַבינע און שמועסט זיך דורך מיט זייַן קאָלעגע. דערנאָך זעצט ער זיך צום רודער און פאָרט ווייַטער. עס הייבט זיך אָן אַ ברייט־אַספאַלטירטער וועג. איך גיב אַ קלאַפּ גוטברודעריש דעם באָכער איבער דער פּלייצע און זאָג אים אויף אַ פאַרשטענדלעכן רוסיש:

— יעדיעם? (מיר פאָרן?)

ער ענטפערט ביטמימעס מיט עטלעכע האַרטע גאָרגלקלאַנגען, וואָס קלינגען צוריק אין מייַנע וואַכע אויערן, ווי, לעמאָשל, דאָס ברומען פון אַ טיגער. אין דער זעלבער צייַט טוט ער אַ ווינק צו מיר און צעלאַכט זיך.

מיר פאָרן צו צו אַ בענזין־קאָלאָנקע. ניין, ניט קעדיי נעמען בענזין, נאָר קעדיי דורכשמועסן זיך. איצט זע איך שוין, אַז דער אַרבעטער באַ דער קאָלאָנקע ווייַזט דעם שאָפער אָן דעם וועג. נו, דאַנקען גאָט, מיר האָבן ניט מער ווי פאַרבלאָנדזשעט. בוכשטעבלעך אין צוויי־דרייַ מינוט אַרום פאַרקערעווען מיר ווידער אויף רעכטס, און עס באַווייַזן זיך איטאָנס הייַזער. ס׳איז פיר אַזייגער פאַרטאָג. די כאַווייַרים מייַנע און די באַלעבאַטים שלאָפן ניט. מע שיט אַרויס אין דרויסן מיט פריידיקע געשרייען, מע נעמט זיך קושן און האַלדזן, ווי איך וואָלט אַמווייניקסטן געקומען צוריק פון קאָסמאָס. דער שאָפער דערציילט עפּעס איטאָנען מיט אַ פריילעך קאָל. איטאָן שטופּט אים אין האַנט עטלעכע דאָלאַר־פּאַפּירלעך. איך געזעגן זיך מיטן טאַקסיסט אויף ייִדיש:

— זײַ געזונט, רעב אַסוואלד...

ער מאכט טרויעריק מיטן קאָפּ: „אַסוואלד... אַסוואלד"...

איך באַווײַז זיך אײַנוואשן און איבערטאָן זיך, — און מע דאַרף שוין גיין עסן פרישטיק. ווען איך קום אַרײַן אין עס־צימער, האלט ען איטאָן אין האנט א צייַטונג און באַווײַזט זי מיט אופגעבראכטקײַט נ. נ. בלאָכינען און זײַן פרוי נאדיעזשדא גענריכאָוונען. די צייַטונג הייסט "The plain dealer" („דער געשעפטסמאַן פונעם פליין"). אף איין זײַט איז דאָ אָפּגעדרוקט א גאנץ פײַנער רעפּאָרטאזש וועגן אונדזער נעכטיקן פרעסע־אינטערוויו, אפילע צוויי פאָטאָס, אָבער אף דער צווייטער זײַט... זע נאָר, זע: די גאנצע רעקלאַמע־זײַט איז אַרײַנגענומען אין א רעמל, און אונטער א ריזיקן קאָפּ אף רוסיש «Остановитесь!» איז אָנגעפּאטשקעט אן אומגעהערטער לויט זײַן אנטיסאָוועטישן מעשוגאַס ראבאָנישער אופרוף, ווו עס ווערט געזאָגט, אז מע זאָל „זיך אָפּשטעלן", מע זאָל אופהערן, אזוי צו זאָגן, שיר ניט „שנײַדן ייִדן אין די גאסן" בא אונדז אין באָלשעוויסטישן רוסלאנד... די ראבאָנים האָבן פראָסט־פּאָשעט אָפּגעקויפט די גאנצע רעקלאַמע־זײַט פון דער אַפּאָליטישער געשעפטלעכער צײַטונג און אַרײַנגעגאָסן אהין זייער פּאָליטישן סאם. ס'ארא רײַכע ראבאָנים, דער רוען זאָל זיי נעמען!

עס קומט אַרײַן נאום קאמינסקי און ברענגט דעם פרישן „קליוולענד פּרעס". דאָ איז וועגן נעכטיקן אינטערוויו דערציילט אין א פרײַנטלעכן טאָן.

מיר נעמען זיך געזעגענען מיט אונדזערע הארציקע באלעבאטים. די פרויען קוויטשען באם געזעגענען זיך, די מאנצבלען ברומקען אונטער. מע וויל זיך ניט צעשיידן. מע מוז זיך צעשיידן. די איטאָנס זאָגן צו קומען קיין מאָסקווע אין א פּאָר כאדאָשים ארום.

מיר פליִען קיין סאַן־פראנציסקאָ. אין טשיקאגאָ נידערן מיר אראָפּ און גייען איבער פון איין אעראָפּלאַן אין א צווייטן (עס בײַט זיך די אוויִא־ליניע), ניט ארופשטעלנדיק קיין פוס אף דער ערד פון אעראָפּאָרט. גלײַך פון טראַפּ פאלן מיר אַרײַן אין א מין קאָרידאָר־איבערגאנג, וואָס פירט צום טראַפּ פון דעם צווייטן „באָיִנג".

אין ראיאָן פון דענווער, דעם הארץ, אזוי צו זאָגן, פון קאָלאָראדאָ, הייבן זיך אָן די באַוווּסטע „פעלדזן־בערג", וואָס ציִען זיך שוין ביזן אָקעאן, ביז סאַן־פראַנציסקאָ. די שפּיצן פון די בערג זײַנען פארשנייט. און איינצײַטיק איז קאָלאָראדאָ פול מיט זון, ווי אן איידלשטיין איז פול מיט „וואסער", וואָס שפּילט, רינט, פליסט — און גיסט זיך ניט אויס.

ווען מיר פליִען פארבײַ דעם העכסטן אין אָט די בערג „פּיראמיד־פּיק", גייט דער „באָיִנג" ארויס פון די וואָלקנס, עס פארשווינדט דער שניי, און אין די קנייטשן פון די שווארץ־גרינע בערג הייבן זיך אָן באַווײַזן הײַפעלעך הײַזער, פון וועלכע ס'גייען אוועק אף מײַרעוו, צו די גרויסע שטעט, דינע ווײַסע וועגן — אָט זע איך פון דער הייך, ווי די וועגן לאָזן זיך אראָפּ אין א טאָל, אין וועלכן סע איז צעוואָרפן א פארהעלטנישמעסיק גרויסע פאר אָט די קאנטן שטאָט אָקלענד. אף לינקס דערזע איך א וואסער. דאָס איז דער סאַן־פראנציסקער אײַנגוס. נאָך איין מאך מיט די פליגל — און מיר זײַנען אין פריסקאָ — ווי די אמעריקאנער רופן צערטלעך די געטלעך־שיינע שטאָט באם שטילן אָקעאן — סאַן־פראנציסקאָ.

(סאָף קומט)

„סאָוועטיש היימלאנד"—א כוידעש־זשורנאל

פאר די דרײַ יאָר, וואָס „סאָוועטיש היימלאנד" עקזיסטירט, האָט ער דעראָבערט פיל טויזנטער לייענער. אין בריוו און אף באַגעגענישן מיט דער רעדאקציע האָבן אונדזערע לייענער ארויסגעזאָגט א פארלאנג, אז דער זשורנאל זאָל דערשײַנען יעדן כוידעש. די אוטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאנד" — דיכטער, פּראָזאיִקער, קריטיקער, ליטעראטור־פאָרשער — האָבן מיט זייערע ווערק, וועלכע געפינען זיך אין פּאָרטפעל פון רעדאקציע, געשאפן א רעאלע מעגלעכקײַט, אז דער דאָזיקער פאָרשלאָג זאָל פארווירקלעכט ווערן.

אָנהייבנדיק פון יאנוואר 1965 ווערט „סאָוועטיש היימלאנד" א כוידעש־זשורנאל. אָנשטאָט 6 נומערן וועט דער לייענער באקומען 12 נומערן א יאָר.

די רעדאקציע טרעט אויך צו ארויסגעבן ביכער פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער.

מיר צווייפלען ניט, אז אונדזערע לייענער וועלן מיט גרויס באפרידיקונג אופנעמען די דאָזיקע ידיִע.

צוגאסט בא די לייענער פון ווילנע

אונדזער באַריכט

יוסטינאַס מאַרצינקיאַוויטשיוס

עס ווערט געבוירן אַ טראַדיציע: פּעריאָדישע באַגעגענישן פון דער רעדקאָלעגיע און די אַווטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט די לייענער פונעם זשורנאַל. דעם 7 מײַ איז אַזאַ באַגעגעניש פאָרגעקומען אין ווילנע.

אונדזער באַריכט וועגן די עטלעכע טעג, וואָס מאָסקווער ייִדישע שרײַבער האָבן פאַרבראַכט אין דער הויפּטשטאָט פון דער ליטווישער סאָוועטן־רעפּובליק, ווילן מיר אָפּגעבן אַזוי, אַז דער לייענער זאָל פּונקט ווי מיט אונדז צוזאַמען אַרויס־פליִען אויפן „טו־124", מיט אונדז צוזאַמען זיך דורכגיין איבער די אַלטע געסע־לעך און נײַע גאַסן פון ווילנע, באַערן איינעם מיט אונדז דעם אָנדענק פון די קדושים אין פּאָנאַר, לייענען, ווי מיר, לידער פון יוסף קאָטליאַר בײַ דער אַנטהילונג פונעם דענקמאָל אויף זײַן קייווער, מיט אונדז צוזאַמען זײַן אין זאַל בעשאַס די ליטעראַרישע אָוונטן, הערן דעם קאָנצערט פון די ווילנער ייִדישע זעלבסטטעטיקע קינסטלערישע קאָלעקטיוון, באַגעגענען זיך מיט אינטערעסאַנטע מענטשן, — מיט איין וואָרט: דערפילן די אַטמאָספער, אין וועלכער עס איז דורכ־געגאַנגען די רײַזע קיין ווילנע.

מיר זײַנען געווען אַכט ייִדישע שרײַבער פון מאָסקווע: ראָכל בוימוואָל, אַוור־ראָם גאָנטאַר, שירע גאָרשמאַן, מאָטל גרוביאַן, אַרן ווערגעליס, משה טייף, יוסף ראַבין, מאַני שולמאַן; דרײַ ווילנער — הירש אָשעראָוויטש, מייער יעלין, ישעיהו לאַצמאַן; אין אונדזער אַרבעט האָבן זיך אָרגאַניש אײַנגעשלאָסן: שלמה ראַבינאָוויטש, וואָס איז געקומען מיט אונדז פון מאָסקווע אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי", און נחמה ליפשיצײַטע, וואָס וווינט שטענדיק אין ווילנע און איז מיט דער ייִדישער זינג־ליד שוין אויסגעווען אין אַלע עקן פון סאָוועטנפאַרבאַנד. און ווײַל יעדערער פון אונדז האָט געוואָלט זיך באַטייליקן אין שרײַבן דעם באַריכט פאַרן זשורנאַל, איז אָפּגעקומען די אידיי פון אַ קאָלעקטיוון רעפּאָרטאַזש, וועלכן מיר פאָרלייגן דאָ.

מיר האָבן צווישן זיך קיין טעמעס ניט פאַרטיילט, יעדער פרײַוויליקער רע־פּאָרטיאָר האָט געשריבן, ווי ער האָט פאַרשטאַנען, און איצט איז צו זען, ווי

אין זאַל פון דער ווילנער פילהאַרמאָניע בײַס דעם אָוונט פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

ארן ווערגעליס

פארשיידן שרײַבער דערציילן וועגן איינע און די זעלבע זאכן און אײַנדרוקן. בלויז אף מײַן גורל איז אויסגעפאלן, צוליב דער גאנצקײַט פון סוזשעט, פאר־פיקסירן געפרעסט די כראָניק פון די באגעגענישן, הוילע פאקטן, אזוי צו זאָגן. איך וועל זיך פרווון עס טאָן מאמעש טעלעגראפיש. אף ליריק אין רעפּאָרטאזשן האָבן רעכט פּאָעטן, פּראָזאיִקער. זשורנאליסטן — עטוואָס. מיר האלטן, אז פאקטן פארמאָגן אין זיך אויך דיכטונג.

• • •

צוזאמען מיט דער רעדאקציע האָט די באגעגעניש פון „סאָוועטיש היימלאנד“ מיט די ווילנער לייענער אָרגאניזירט די פארוואלטונג פונעם שרײַבער־פארבאנד פון דער ליטווישער ססר.

■

אינעם גרויסן זאל פון דער מעלוכישער פילהארמאָניע, ווו דער צוזאמענטרעף איז פאָרגעקומען, זײַנען בײַגעווען בא טויזנט מאן.

■

דעם אָוונט האָט געעפנט דער וויצע־פּאָרזיצער פונעם ליטווישן שרײַבער־פארבאנד, דער דיכטער יוסטינאס מארצינקיאוויטשיוס.

ער האָט געזאָגט:

— אונדז פארשאפט פארגעניגן צו באגריסן די מאָסקווער יִדישע שרײַבער, וואָס זײַנען געקומען קיין ווילנע, אין דער שטאָט, ווו עס זײַנען טיף פארוואָרצלט די טראדיציעס פון ברידערלעכער פעלקער־פרײַנטשאפט. „סאָוועטיש היימלאנד“ איז פּאָפּולער און באליבט אין ווילנע. וועגן דעם זאָגט איידעס דער פולגעפאקטער זאל, ווו מיר געפינען זיך איצט.

■

— שאָלעם־אלייכעם דיר, ווילנע! — מיט די ווערטער האָט אָנגעהויבן זײַן רעדע דער הויפּט־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד“ ארן ווערגעליס. ער האָט דערציילט וועגן דער ארבעט פונעם זשורנאל, וועגן זײַנע פּלענער און פּערספּעק־טיוון, וועגן דעם אנטוויקלונגס־וועג און די אופגאבן פון דער סאָוועטישער יִדישער ליטעראטור.

■

די מאָסקווער און ווילנער יִדישע שרײַבער, ווי אויך די ליטווישע דיכטער אלגימאנטאס באלטאקיס, וויטאוטאס בלאָזשע, וויִאָלעטא פּאלטשינסקײַטע, וואָס האָבן זיך באטייליקט אין אָוונט, האָבן פּאָרגעלייענט פאר די פארזאמלטע זייערע אָריגינעלע ווערק, איבערזעצונגען פון ליטוויש אף יִדיש, פון יִדיש אף ליטוויש. אין זאל הילכן אָפּ הייסע אפּלאָדיסמענטן. אלעמען נעמט דער אוילעם אוף ווארעם. מער ווי ווארעם.

■

אלגימאנטאס באלטאקיס

נאָך דעם ליטעראַרישן טייל פונעם אָוונט האָט א. ווערגעליס געענטפערט אף פּילצאָליקע פראגן. דעם ווילנער לייענער אינטערעסירט די ארבעט פונעם זשורנאל, די שאפונג פון באזונדערע שרײַבער. אָט איז א צעטעלע: „צי וועט דער זשורנאל דרוקן ווײַטער עליע שעכטמאנס ראָמאן „ערעוו“?“ נאָך א צעטעלע: „פארוואָס איז ניט געקומען קיין ווילנע שיקע דריז?“ און אָט איז א גאנצער בריוו: „איך, א לייענער פון זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, דריק אויס א דאנק פאר אָט דער באגעגעניש דאָ, אין דעם זאל, אין דער שטאָט, וועלכע איז רײַך מיט א סאך וויכטיקע באגעגענישן. זאָל עס זײַן ניט די לעצטע. איך מיין, אז דאָס איז א דאנק פון א סאך לייענער דאָ...“

דער אוילעם שיסט אויס מיט א געלעכטער, ווען ווערגעליס, ענטפערנדיק אף א פראגע, דערציילט וועגן א צעטעלע, וואָס ער האָט באקומען אף איינער פון די באגעגענישן בייס זײַן באזוך אין פשא. אָט איז עס בוכשטעבלעך: „ווען איך האָב געווינט אין ווילנע, האָבן דאָרט געווינט יִדן. ווער ווינט איצט אין ווילנע, ווען עס ווינען דאָרט קאָמוניסטן?“

ווילנער יִדן לאכן.

■

דער אָוונט האָט זיך פארענדיקט מיט געזאנג. טאקע דאָ, באם פּרעזידיוּם־טיש, איז ארויסגעטראָטן נעכאמע ליפשיצײַטע.

■

אפן צווייטן טאָג זײַנען די שרײַבער פון מאָסקווע און ווילנע בײַגעווען אף א קאָנצערט פון יִדישער זעלבסטעטיקער קונסט אינעם קולטור־פּאלאץ פון די פּראָ־פארײנען, ווו עס האָבן זיך צונויפגעזאמלט 1200 צושויער.

מוני שולמאן

דער קינסטלערישער אַנפירער פון די זעלבסטעטיקע קאַלעקטיוון, דער פארדינסטפולער קונסט־טוער פון דער ליטווישער ססר עמאנועל לוריע האָט באגריסט די געסט און זיי פארבעטן ארויסטרעטן מיט זייערע ווערק. נאָכדעם האָבן די דיכטער פאָרגעלייענט לידער.

■

נאָכן קאָנצערט האָבן די מאָסקווער שרײַבער אין א פרײַנטלעכן שמועס הויך אָפגעשאצט די קונסט פון די אָנטיילנעמער פון קאָנצערט. ע. לוריע האָט דערציילט וועגן דער ארבעט פון די קאָלעקטיוון: פונעם כאָר, סטרונע־אָרקעסטער, טאנץ־קאָלעקטיוו, עסטראדע־אָרקעסטער און פון דעם דראמאטישן קאָלעקטיוו. אין זיי באטייליקן זיך בא 200 מענטשן. ער האָט אָנגערופן די נעמען פון פיל ענטוזיִאסטן: מאָטל קאנאָוויטש — א בריגאדיר אין דער שנײַדער־פאבריק „ראַ־מוקע״, שאָול בלעכעראָוויטש, וואָס שרײַבט מוזיק פארן כאָר און די ספעקטאקלען, זײַן טאָכטער אליזע — דיריגענט פון כאָר, היִדש שארפשטיין — א שנײַדער, מארק מויזעס — אן אינזשעניער, מוישע פיאנקאָ — הויפט־בוכהאלטער פון א דרוקערײַ, באָריס צעסארקאס — א פידלער, שלוימע מייעראָוויטש (דער אָנפירער פון אָרקעסטער) — א בוכהאלטער, לייב סאנאָוויטש (דער אָנפירער פון טאנץ־קאָלעקטיוו) — אן ארבעטער פון א שוך־פאבריק. א סאך מי לייגט ארײַן אין בויען די פראָגראמען פון דעם טאנץ־קאָלעקטיוו דער באוווסטער ליטווישער באלעטמייסטער, פאָלקס־ארטיסט פון דער רעפובליק בראָניס קעל־באוסקאס.

■

איך וועל פארענדיקן די ווײַט ניט פולע כראָניק מיט נאָך איין דעטאל. עס איז אין ווילנע אָרגאניזירט געוואָרן א מין ארויספאָר־רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד״: ס׳איז געגאנגען א העפטיקע ארבעט פון אָפקלײַבן און צוגרייטן צום דרוק ווערק פאר די קומענדיקע נומערן פון זשורנאל: א נײַעם ראָמאן פונעם שרײַבער יִצחאָק מעראס, פראגמענטן פון ה. אָשעראָוויטשעס פאָעמע „ספאר־טאק״, א נײַע דערציילונג פון מ. יעלין, לידער פון י. לאצמאן, קאָמפאָזיציעס פון ש. בלעכעראָוויטש, געמעלן פונעם קינסטלער נ. אלפערט.

און איצט גיב איך איבער דאָס וואָרט מײַנע כאווירים.

מוני שולמאן

אפן קאָנצערט פון ווילנער יִדישע זעלבסטעטיקײַט־קאָלעקטיוון. די ארויסטרעטונג פון כאָר.

מיר האָבן זיך באגעגנט

שירע גאַרשמאַן

א פן אעראָדראָם שטייען ריזיקע ווײַסע אעראָפּלאַנען. זייערע שטײַפע, צעשפּרייטע פליגל זײַנען גרייט אײַנצושלינגען שטאָכים...

מיר פליִען.

דורכן פענצטער זע איך דורכויסיקע מילינקעס. די מילינקעס בלעזלען זיך ניט. עס ציִען זיך אויס דורכזיכטיקע, ווײַסע שלייערס, עס בילדן זיך לענגלעכע פיגורן, האלטן זיך ניט לאנג און ווערן צעשוווּמען. עס קוקט זיך דורך די ערד, אזא ווײַטע און נאָענטע, מיט צארטן, גרינעם שוים...

מיר באווײַזן ניט זיך דורכצושמועסן, ווי די סטיוארדעסע מעלדעט:

— מיר נידערן אראָפּ. ניט רייכערן!

אלץ נידעריקער, נידעריקער... א שטויס! דער אעראָפּלאַן רעדלט איבערן בעטאָן פון אעראָדראָם. עס רעגנט. „קיינער וועט אונדז ניט באגעגענען", — טראכט איך. מיר לאָזן זיך אראָפּ פון טראפּ. עס צייכענען זיך באקאנטע סילועטן. ייִדישע און ליטווישע שרײַבער באגריסן אונדז.

מיר זײַנען אין ווילנע...

נעכאמע ליפשיצײַטע פירט אונדז איבער געסעלעך. מיר קומען ארײַן דורך טויערן אין אזוינע הויפן, אז עס דאכט זיך, פונדאנען וועלן מיר ניט קאָנען ארויסגיין. מיר שארן זיך צווישן ווענט, פאזע לאָדנס. אזוינע ייִדישע, באנגלעכע. נעכאמע זיפצט, אירע ברייטע אויגן זײַנען פארוואָלקנט. זי זאָגט:

— מאָרגן פאָרן מיר אין פאָנאר...

...אף מאָרגן פירט אונדז דער אווטאָבוס דורך ווילנער גאסן. פארנומענע מענטשן אײַלן ערגעץ, קינדער שפּילן זיך אף די טראָטוארן, מענטשן גייען ארײַן און ארויס פון די מאגאזינען. ערשט אויסערן שטאָט, ווען דער אווטאָבוס גייט איבער א שמאָלן וועג, מיט א הויכן אָנשיט פון לינקס, טוט א ווײ מיט אומעט און צאר... אהער האָט מען זיי געטריבן...

עס שײַנט די זון. פייגל צוויטשערן. עס קאָן זײַן, אז אפילע דאן, ווען מאמעס האָבן געזען, ווי זייערע אייפעלעך ווערן פארשניטן, איז דער טאָג געווען פונקט אזוי לויטער און צארט, ווי איצט, ווען איך קוק אף די ווײַסע בלעכן מיט די שווארצע אויסיעס... פאָנאר, פאָנאר... עס ווערט שווארץ דער ליכטיקער טאָג! שווער צו באנעמען, וואָס טוט דאָ א מענטש מיט א פאָטאָ־אפּאראט, פארוואָס גראָבט ווערגעליס מיט די הענט דעם זאמד? עס ווערט פון הארץ א קריִע אײַז. זעקס מיליאָן יאָרצײַט־ליכטער צינדן זיך אָן...

אָוונט. עס איז פול דער זאל אין ווילנער פילהארמאָניע. הונדערטער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד" הערן די ליד פון ליטווישן פאָעט בלאָזשע: איך וויל ניט, אז די, וואָס האָבן געמאָרדעט מאמעס און קינדער, זאָלן עסן די יאגעדעס פון מײַנע וועלדער, דאָס קאָרן פון מײַנע פעלדער, איך וויל ניט!..

עס לייענט גרוביאן, עס לייענט ראבין, טייף, יעלין... דאָ הערשט ברידער־לעכקײַט. סאָוועטישע שרײַבער און סאָוועטישע לייענער האָבן זיך באגעגנט.

שירע גאַרשמאַן

קאָנטאקט

הירש אשעראָוויטש

ב עדערעך־קלאל, אז מע רעדט וועגן אן אָוונט, מעג עס זײַן אן ארויסטריט פון אקטיאָרן, קאָנצערטאנטן אָדער שרײַבער, — ווערט עס טאָמיד געטאָן, זעענדיק פאר די אויגן די סצענע. מיר אָבער ווילט זיך דאָ איצט ריידן וועגן דעם צוגויפטרעף פונעם אקטיוו פון זשורנאל מיט זײַנע לייענער פון אן אנדער אספּעקט, — ווען דער בליק איז געווענדט ניט אף דער סצענע, נאָר אפן אוילעם.

פיר שאָ האָט געדויערט דער גרויסער ליטערארישער אָוונט אינעם זאל פון דער ליטווישער מעלוכע־פילהארמאָניע. פיר שאָ צײַט האָב איך געהאט די מעגלעכקײַט צו באטראכטן דעם צושויער־זאל און צוצוקוקן זיך צום פילפאר־ביקן אוילעם, וואָס האָט פארנומען דעם ראכוועסדיקן פארטער און די גרויסע גאלעריי. עס איז בעעמעס געווען א פארגעניגן צו זען דעם אויסערגעוויינלעכן קאָנטאקט, וואָס האָט זיך גלײַך אײַנגעשטעלט צווישן אוילעם און דער בינע.

יעשוע לאצמאן

איך ווייס זיי, די מענטשן, וואָס זיצן אין זאל. פיל פון זיי זײַנען מײַנע באקאנטע, וועגן א גרויסן טייל פון זיי האָב איך, מער אָדער ווייניקער, געהערט, און קימאט אלע זײַנען זיי פאר מיר ווען־ניט־איז גזעענע. דאָס זײַנען ארבעטער, האנטווערקער, אינזשעניערן, דאָקטוירים, יונגע קאָמיוגיסטן און אלטע פארטיי־טוער, וואָס זײַנען מיט 24 יאָר צוריק ארויס פון אונטערערד און ארום ווּעמעס נעמען עס וועבן זיך לעגענדעס...

און אָט דער דאָזיקער פילפארביקער פארשיידענער עוילעם איז געזעסן מאַמעש ווי צונויפגעשמעלצט מיט דער סצענע, אף וועלכער עס זײַנען ארויסגעטראָטן מיט זייערע ווערק די מאָסקווער און ווילנער ייִדישע און ליטווישע שרײַבער. קאליידאָסקאָפּיש האָבן זיך געביטן די פאַרלייענער. פּראָזע און לידער האָבן געקלונגען דורך די הילכערס.

זאל און סצענע זײַנען געווען אייניק — אף אזויפיל אייניק, אז עס האָט זיך געשאפן דער אײַנדרוק, ווי צווישן דער בינע און זאל וואָלט שטיין א ריזיקע אומזעבארע לינזע, מיט דער הילף פון וועלכער איין צאד ווערט פארוואנדלט אין אנדערן. אָט דוכט זיך דיר, אז די בינע איז א מין גרויסע פאָטאָקאמערע און די פופצן שרײַבער אף איר זײַנען עס א פארקלענערטער אָפּבילד פונעם טויזנטקעפּיקן עוילעם; און באלד קומט דיר שוין אויס, אז די סצענע איז א מין פראָעקציע־לאמטערן, און די אף איר זיצנדיקע קליינע גרופּע שרײַבער ווערט עס, דורכגייענדיק דורך דער אומזעבארער לינזע, פארגרעסערט און פארוואנדלט אינעם טויזנטקעפּיקן עוילעם...

אויסדוכטעניש? יאָ — אוודע אויסדוכטעניש! אָבער אן אויסדוכטעניש, וואָס באזירט זיך אף בארעכטיקטער אסאָציִאציע. אזא ענגער קאָנטאקט צווישן בינע און עוילעם איז א געווינס פארביידע צדאָדים, און ס׳איז טאקע זייער און זייער דערפרייענדיק, וואָס דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ איז עס די לינזע, דורך ווּעמעס פאָקוס עס געשטאלטיקן זיך די דאָזיקע וווּנדער־פארוואנדלונגען.

הירש אָשעראָוויטש

ווי ליכט און לופט

מיט א קורצער צײַט צוריק האָבן מיר, אייניקע ווילנער שרײַבער, געלייענט אונדזערע שאפונגען פאר א גרופּע טוריסטן — ייִדישע פאָלקס־מענטשן פון די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע. איינער פון די געסט האָט נאָכן אָפיציעלן טייל פון דער באגעגעניש, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באטייליקט ייִדן, ליטווינער, רוסן, אויסגעדריקט זײַן באוווּנדערונג:

— איר קומט זיך שטענדיק אזוי צונויף מיט ניט־ייִדן?

דאָס, וואָס בא א מענטשן פון א קאפיטאליסטיש לאנד רופט ארויס פארווּנדערונג און באוווּנדערונג, איז אין אונדזערע סאָוועטישע באדינגונגען — זעלבסטפארשטענדלעך. די מערקווירדיקע ברידערלעכקײַט און פעלקער־פרײַנטשאפט איז אָרגאניש פאר אונדזער לעבן, איז געוואָרן בלוט און פלייש פון אונדזער אלטעגלעכער ווירקלעכקײַט. ס׳איז פונקט ווי ליכט און לופט, וועלכע דער מענטש שפּירט שוין ניט, בייס ער געניסט פון זיי אף א נאָרמאלן אויפן.

אָרגאניש, נאטירלעך און זעלבסטפארשטענדלעך איז געווען פאר די מענטשן אף דער בינע און אין זאל, וואָס אונדזערע ליטווישע כאוויירים יו. מארצינקיאוויטשיוס, א. באלטאקיס, וו. בלאָזשע, וו. פּאלטשינסקײַטע האָבן אפן ייִדישן ליטעראַרישן אָוונט פאָרגעלייענט זייערע ווערק אין ליטוויש, פונקט ווי ס׳איז ניט געווען קיין איבעראשונג, וואָס זיי האָבן געלייענט זייערע איבערזעצונגען אין ליטוויש פון די ווערק פון די היגע ייִדישע דיכטער ה. אָשעראָוויטש און י. לאצמאן.

מייער יעלין

דער אָוונט איז רײַך געווען מיט דערהויבענע מאָמענטן. אָט איז איינער פון זיי.

אינעם פּרעזידיום איז זיך באשיידן געזעסן א קליינע גרײַז־גרויע פרוי. דער פאָרזיצער פונעם אָוונט, דער הויפּט־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד“, האָט זי ניט געדארפט בעאריכעס פאָרשטעלן. גענוג געווען, ער זאָל זאָגן:

העלענע כאצקעלעס

— בא דער געלעגנהייט לאָמיר באגריסן העלענע כאצקעלעס...

דער זאל איז אופגעשטאנען און מיט א לאנגדויערנדיקער אָוואציע באגריסט די 82־יאָריקע פארדינסטפולע לערערן פון דער ליטווישער סאָוועטן־רעפובליק, דעם אווטאָר פון איבער 20 ביכער ריַיזע־באשריַיבונגען און ווערק אף פאָפולער־וויסנשאפטלעכע און פעדאגאָגישע טעמעס. מיר האָבן באגריסט די שריַיבערן, וואָס האָט א לעבן־לאנג זיך אינגאנצן געווידמעט דער בילדונג און דערציִונג פון די פאָלקס־מאסן, געוועזן צווישן זיי פאָליטיש טעטיק פאר און ביים דער רעוואָליוציע פון 1905, פאר וואָס זי איז באלוינט מיטן אָרדען „רויטע ארבעטס־פאָן". אין זאל האָבן זיך אופגעשטעלט אירע געוועזענע שילער, די דאנקבארע צוהערער פון אירע לעקציעס, די באזוכער פון אָוונטקורסן פאר ארבעטער, די אלע, אין וועלכע זי האָט געפלאנצט וויסן, ווען זי האָט אין די שווערסטע באדינגונגען פון פאָליטישן טעראָר אין דער בורזשואזער ליטע געפירט צו די קוואלן פון דער פראָגרעסיווער קולטור. מיר האָבן באגריסט די שריַיבערן, וואָס לאָזט אדהיַיעם ניט ארויס די פעדער פון האנט (אינעם ליטווישן מעלוכע־פארלאג זיַינען די לעצטע יאָרן דערשינען אירע ביכער פאר קינדער „זומער־ריַיזעס" און „אין קאווקאז"). אלע האָבן מיר פון גאנצן הארצן איר צוגעווונטשן אריכעס־יאָמים, געזונט און קויכעס נאָך לאנג טאָן איר הערלעכע ארבעט.

מייער יעלין

פינף טעג

פינף טעג האָט געדויערט אונדזער זיַין אין ווילנע.

ווען מיר זיַינען ארויסגעפאָרן פון מאָסקווע, זיַינען נאָך דיביימער געשטאנען מיט הוילע צוויַיגן, די קנאָספן האָבן דערוויַיל ערשט נאָר געאָטעמט מיט מאָרגנדיקער גרינקיַיט.

ווילנע. איך בין צופרידן דערפון, וואָס אונדזערע האיאָריקע באגעגענישן מיטן לייענער האָבן מיר אָנגעהויבן אין דער שטאָט, ווו מיַין יוגנט איז דורכגעגאנגען. און מיר ווילט זיך דאָ ברענגען אן אויסצוג פון דעם אריַינפיר צו מיַין נייַער דערציילונג „כאוועלע געפען":

„יוגנט מיַינע, פון קיינעם ניט געשאנעוועטע, פון קיינעם ניט געכאָוועטע, גוטע יוגנט מיַינע פון ווילנער קאָמסאָמאָל. קומסט אין געסט צו מיר זעלטן, זעלטן ווען, נאָר קומסטו יאָ אמאָל — איז ווי די מאמע וואָלט מיַין שוועל אריבער.

באם דענקמאָל אין פאָנאר.

באקוקסט מיך, באטראכסט מײַנע גראָווע שיטער־געוואָרענע האָר, שמייכלסט צו מײַן אייניקל אין וויגל. איך זע: דו וווּנדערסט זיך... דער ווילנער קאָמסאָמאָל איז שוין א זיידע".

יויסעף ראבין

אין ווילנע איז מיר מײַן יוגנט ווידער אנטקעגן געקומען. אונדזער אָוונט איז פאָרגעקומען אינעם זאַל פון דער פילהארמאָניע, ווו אין סאָף 1918 יאָר האָט זיך פֿײַערלעך געעפנט דער ערשטער ווילנער ארבעטער־ און סאָלדאטן־ראט. אף דער בינע איז דעמלט געזעסן דער פרעזידיום, אין די ערשטע רייען פון פארטער — די דעפוטאטן און הינטער זיי — די געסט. איינער פון די געסט בין איך אויך געווען. א סאך וואסערן זײַנען פון דאן אָן אָפּגעשווומען, און אין 46 יאָר ארום בין איך ווידער דאָ און זיץ אף דער בינע אין פרעזידיום. איך קוק ארײַן אין זאל און זע באקאנטע פּנעמער. צום באדויערן, ניט קיין סאך, געציילטע זײַנען פארבליבן. איך דערזע כאווירים, וואס זייער יוגנט איז דורכגעגאנגען צוזאמען מיט מײַנער אין דער שיינער שטאָט ווילנע. זיי פרייען זיך מיט דעם, וואס זייער כאווער פון קאָמסאָמאָל איז א שרײַבער און איז געקומען צו זיי צוגאסט.

און אָט איז מײַן ריי צום לייענען. איך ווענדע זיך ווידער צו מײַן יוגנט, איך לייען א קאפיטל פון מײַנע זיכרוינעס, וויאַזוי איך האָב אין 1921 יאָר געפירט פון ווילנע קיין גראָדנע פּראָקלאמאציעס צום ערשטן מײַ.

...אף דעם צווייטן אָוונט, ווען די יידישע זעלבסטעטיקע קאָלעקטיוון האָבן אין פרעכטיקן זאל פונעם פּאלאץ פון די פּראָפאריינען באוויזן זייער קאָנצערט, האָב איך אינעם איבערײַס, אין פאָיע, באגעגנט א מאמען מיט א קליין מיידעלע. דאָס מיידעלע האָט געטראָגן א גרויסן רויטן באנט אין די האָר.

— מיידעלע, — פרעג איך זי, — דאָס האָסטו הײַנט, דוכט זיך, געטאנצט?

— ניין, ניט איך... מײַן שוועסטער.

דער מאמעס געטרײַע אויגן קוקן מיט ליבע אף איר טעכטערל, און זי זאָגט צו מיר:

— דערווײַל טאנצט די עלטערע. די... — זי ווײַזט אף דער קלײנער, — די וועט אויך טאנצן...

איך קוק אפן מיידעלע און צווייפל ניט אין דעם, אז זי וועט אויך טאנצן.

ווען מיר זײַנען ארויסגעפאָרן פון דער היים, זײַנען די ביימער אין מאָסקווע נאָך געשטאנען הוילע. אין ווילנע זײַנען זיי שוין געווען גרין.

יויסעף ראבין

צוזאמען מיט צווירקא

באַ מיר איז הײַנט א מאָדנע געפיל. איך בין אין ווילנע, אין צענטער שטאָט, לעבן דעם פּאַסטאַמענט, אף וועלכן סע שטייט די פיגור פון דעם גרויסן ליטווישן שרײַבער פּיאטראס צווירקא. דער מאנטל באַ אים איז עט־וואָס אראָפּגעוואָרפן פון די אקסלען, דער שמייכל פון פּאָנעם עטוואָס א פאר־שאַטנטער, די אויגן א סאך טיפער, ווי איך געדענק זיי.

מיר איז מאָדנע, וואָס ער איז איצט א דענקמאָל געוואָרן, וואָס מיר זיצן ניט מיט אים אין „נעריס" באַ א גלעזל ביר. קיין אנדערע געטראנקען האָט פּיאטראס ניט ליב געהאט.

מאָטל גרוביאן

פּיאטראס צווירקא האָט מיר אמאָל דערציילט דעם אינהאלט פון זײַנער א דערציילונג וועגן א ליטווישן יידן, וואָס די פּוילישע אָכראנקע האָט געיאָגט פון איין גרענעץ צו דער צווייטער, סאָפּקאָלסאָף פארשלאָסן אין טפיסע און אויך דאָרט איבער אים זיך איזדיעקעוועט. נאָר אָט קומט ארײַן אן אָפּיצער און לייגט פאָר דעם יידן פאריכטן א זייגער. אָבער פאריכטן דעם זייגער מוז דער געפאנגענער אָן אינסטרומענטן, דאן וועט מען אים ארויסלאָזן פון טפיסע. און ווײַל דער אוטאָר האָט אזוי געוואָלט, האָט דער ייִד דעם זייגער פאריכט און איז באפרײַט געוואָרן. א סאך פאָלקס־כאָכמע האָט פּיאטראס פארמאָגט.

איך פארײַס דעם קאָפּ צו דעם הויך געוואָרענעם פּיאטראס צווירקא און זאָג מיט די אויגן: קום, פּיאטראס, מיט מיר איבער ווילנע. מיר זײַנען געקומען, א גרופּע יידישע שרײַבער פון מאָסקווע, צו דיר קיין ווילנע, קעדיי זיך טרעפן מיט די לייענער. אף אונדזערע אָוונטן טרעטן ארויס ליטווישע און יידישע פּאָעטן און פּראָזאיקער. דיך וואָלט אויך געריסט ביז טרערן דער פריידיקער ציסער פון פרײַנטשאפט צווישן צוויי ליטעראטורן, דערוואקסטע און באנײַטע אין אונדזער גרויסן היימלאנד.

קום, פיאטראס, קום צו די ברעגן פון דער ווילייע, וווּ סע צינדט אָן זיך א שײַטער פון נײַע, פריילעכע מויערן פאר די גליקלעך לעבן־געבליבענע ליט־ווישע און יִדישע קינדער.

און פיאטראס גייט מיט מיר איבער דער נײַ־געבוירענער שטאָט ווילנע. „ווילנע, — זאָגט פיאטראס, — איז א שטאָט, וווּ יעדער שטיין איז געשיכטע“. יאָ. איך וואָלט געקאָנט אָפּשטיין א טאָג מיט א נאכט אין טונקעלן הויף מיט דעם לאַנגן אײַזערנעם באלקאָן, וווּ אדאם מיצקעוויטש האָט געלעבט, וואָלט געקאָנט נעכטיקן בא דער וואנט פון הויז, וווּ דער גרויסער קינסטלער אנטאָ־קאָלסקי האָט געשאפן זײַנע ווערק. איך וואָלט וואַכלאנג געקאָנט קוקן אַף דער קירך פון דער הייליקער אנא, וואָס נאפאלעאָן, ווי מע דערציילט, האָט געוואָלט „נעמען אַף די הענט“ און איבערטראָגן קיין פאריז.

איך וואָלט געפונען די הײַזקעס, אין וועלכע יאנקא קופּאלא און דזמיטראק ביאדוליא האָבן אָנגעהויבן זייער גלענצנדן וועג פון קאמף און ליטעראטור.

איך וואָלט געפונען די קאמער אין לוקישקער טפיסע, וווּ מע האָט אַמאָל געהאלטן פארשלאָסן דעם ווײַסרוסישן דיכטער מאקסים טאנק. איך וואָלט געפונען די שטיינער, אַף וועלכע עס האָבן זיך געשארפט און געצונדן מוישע קולבאקס לידער. „היי, לאָמיר גיין, לאָמיר דאָ איבערלאָזן די שוואכע!“...

נאָר איצט איז מײַן הארץ איבערפולט מיט די לידער און טענץ פון ווילנער באַכערים און מיידלעך. זיי האָבן זיך ארײַנגעריסן אין מײַן לעבן, ווי א סטײַע פייגל מיט צוויטשערײַ, זומערדיק־צעכראַסטעט און פול מיט ליכט.

צו אַט די פידלעך, אקאָרדעאָנען און פריילעכע טענץ פּעלט מיר אין ווילנע דער פרי פארשטאָרבענער יוסעף קאָטליאר און כאַיִם סיעמיאטיצקי, וועלכן די דײַטשישע פאשיסטן האָבן אין א קוימען דערשטיקט, און לייזער וואָלף, דער פראכטפולער דיכטער, און לייע רודניצקע, און דאָוויד אומרו...

קום, פיאטראס! די צײַט שטייט ניט.

און פיאטראס גייט מיט אונדז, מיט דער גאנצער בריגאדע סאָוועטישע יִדישע שרײַבער. מיר טראָגן אין די הענט צווײַגעלעך, אָפּגעשניטענע פון דיביימער אַף פּאָנאר, און אין הארצן — אָנגעשריבענע און נאָך ניט אָנגעשריבענע לידער און פּאָעמעס וועגן א נײַעם, מער גליקלעכן דאָר, וואָס וועט שוין קיינמאָל ניט דער־לאָזן, אז ווילנע זאָל איבערלעבן דאָס, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין דער לעצ־טער מילכאָמע.

מאָטל גרוביאַן

וויטאוטאס בלאזשע

צוויי באגעגענישן

מיר ווילט זיך דאָ דערציילן וועגן צוויי באגעגענישן.

ווי נאָר איך האָב אוועקגעשטעלט דאָס רענצל אין צימער פון האָ־טעל, האָט א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. געקלונגען האָט מײַנער א בען־איר, א בערדיטשעווער מוליער, וואָס איז נאָכן קריג מעגולגל געוואָרן קיין ווילנע.

— איך געדענק נאָך דײַנע לידער וועגן די פיסקעס, — האָט ער געזאָגט.

ער האָט מיר דערמאָנט, אז מיט מײַן טאטן און מיט מײַנע ברידער איז ער געשטאַנען אַף איינע רישטעוואַניעס, און דעריבער דארף איך ניט האָבן קיין פאריבל, וואָס ער אירצט מיך ניט.

— בא מיר ביסטו אווּרעמעלע, יודל דעם מוליערס.

מיר איז, פארשטייט זיך, געווען טשיקאווע זיך באגעגענען מיט א מענטשן, וואָס געדענקט מײַנע ערשטע לידער, און איך האָב אים אײַנגעלאַדן צו זיך.

— ניין, — האָט ער געענטפערט, — דו מיט דײַנע כאַוויירים שרײַבער וועלן הײַנט זײַן מײַנע געסט. גלײַך פונעם אַוונט גייט איר צו מיר. אָפּזאָגן זיך טאָרט איר ניט, איר וועט דאָך ניט וועלן, עס זאָל פארפאלן ווערן מײַן קלאָרעס פראַצע, זי האָט נאָך נעכטן אײַנגעקויפט פרישע פיש.

די באגעגעניש מיט די ווילנער לייענער האָט זיך פארצויגן ביז שפּעט אין דער נאכט. נאָר מײַן בען־איר, ארן דראָט, איז ניט אָפּגעטראָטן:

— קומט, קומט! בא מיר אין שטוב וואַרטן אַף אײַך געטרײַע לייענער.

דאָס הויז, וווּ ארן דראָט וווינט, שטייט הינטער א שווערן שטיינערנעם טויער, צום צווייטן שטאָק פירן דרויסנדיקע אײַזערנע טרעפּ מיט א לאַנגער גאלעריי.

אווראם גאנטאר

וויאָלעטאַ פּאַלטשינסקייטע

דאָס איז אַ שטיק אַלט־ווילנע, וועלכע רעפאַעל כוואָלעס האָט מיט אַזויפיל סימונג געמאָלט.

ווי נאָר מיר זײַנען אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָט אַ שלאָג געטאָן מיט געשמאַקע רייכעס פון געקעכצן, אַף וועלכע עס זײַנען גרויסע בעריעס די בערדיטשעווער באַלעבאַסטעס.

דאָ, אין דער שטוב פון איינעם פון אונדזערע לייענער, איז פאַרגעזעצט געוואָרן דער ליטעראַרישער אָוונט. מיר האָבן געלייענט לידער, נאָכדעם געזונגען און הידער געלייענט.

• • •

און נאָך וועגן איין באַגעגעניש, וועגן דער באַגעגעניש מיטן שרײַבער ייִצחאָק מעראַס.

ער איז אַלט דרײַסיק יאָר. די פאַשיסטן האָבן צעשאָסן זײַנע עלטערן, אים האָבן אויסבאַהאַלטן ליטווינער. איצט איז ער אַן אינזשעניער אַפן ווילנער טעלע־היזאָר־זאַוואָד, ער איז אַ מיטגליד פון שרײַבער־פאַרבאַנד, און זײַנע ביכער „די גלעזלאַטע", „די ערד לעבט שטענדיק" און „אייביקער שאַך" זײַנען באַליבט און פּאָפּולער.

ווען עס איז געמאָלדן געוואָרן אַפן אָוונט מיט די ווילנער לייענער, אַז ייִצחאָק מעראַסעס ראָמאַן „אייביקער שאַך" וועט געדרוקט ווערן אין „סאָוועטיש היימלאַנד", האָט דער גאַנצער זאַל געענטפערט מיט הייסע אַפּלאָדיסמענטן.

מיר זײַנען עטלעכע טעג געזעסן מיט מעראַסן און געאַרבעט איבער דער איבערזעצונג פון זײַן בוך. ער האָט זייער אויפמערקזאַם געהערט און זייער פּאַרזיכטיק געמאַכט זײַנע באַמערקונגען.

אַלעמאָל האָט ער אָנגעהויבן: „מיר דוכט, אַז..."

מיר דוכט זיך אויך, אַז אַ טאַלאַנטפולער שרײַבער איז שטענדיק באַשיידן.

און וועגן דער טאַלאַנטירטקייט פון ייִצחאָק מעראַסן וועלן די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אינגיכן אַליין קאָנען מישפּטן.

אוורהם גאָנטאַר

פּען־שטריכן

אלס קאָרעספּאָנדענט פון דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי" האָב איך באַגלייט די גרופּע שרײַבער, וואָס איז געפאָרן קיין ווילנע. צו דעם, וואָס אַנדערע כאַווײרים האָבן שוין דערציילט וועגן דער באַגעגעניש, וויל איך צוגעבן אַ פּאָר פּען־שטריכן.

שלוימע ראַבינאָוויטש

אזש פון אפריקע

ווען אונדזער לופט־שיף „טו־124" איז שוין געווען אין די הימלען, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ פרוי, ניט קיין יונגע און ניט קיין אַלטע, און אַ שמייכל געטאָן מיט עפּעס אַ פאַרווונדערטן, אָבער וואַרעמען שמייכל:

— אוי, איר זײַט ייִדן?

מיך האָט איר פראַגע מאַמעש פאַרכידעשט.

— וואָסי, איר הערט ניט, אַז מיר ריידן ייִדיש?

— אוואָדע הער איך, איבערן גאַנצן סאַלאָן קלינגט אײַער ייִדיש.

— וואָס זשע פרעגט איר?

— עס גלייבט זיך פּאַשעט ניט, מע זאָל אַזוי פרײַ ריידן ייִדיש. איך האָב זיך אַזויפיל אָנגעהערט...

לאָזט זיך אויס, אַז די ניט יונגע און ניט אַלטע פרוי וווינט אין אַפריקע, זי איז געווען אין ניו־יאָרק אַף דער כאַסענע פון איר זון, איצט פאָרט זי קיין ווילנע זען זיך מיט קרויווים, מאַכמעס שטאַמען שטאַמט זי טאַקע פון ליטע.

אַז איך האָב איר דערציילט, צוליב וואָס מיר פאָרן קיין ווילנע, האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט זײַן גליקלעך צו קומען אַף אונדזער אָוונט.

אַף דער באַגעגעניש אין דער פילהאַרמאָניע האָב איך זי טאַקע געזען.

— נו, מע רעדט ייִדיש? — פרעג איך בא איר.

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, שוין צוליב דעם אַליין איז קעדײַ געווען צו קומען אַהער פון אַפריקע...

א גרויסער יאָמטעוו

אפן אָוונט אין דער פילהאַרמאָניע האָבן צוגעצויגן מײַן אופמערקזאַמקייט צווי פרויען. איך האָב געפּרוּווט פאַרפירן מיט זיי א שמועס אין ייִדיש, האָט איינע פון זיי שעמעוודיק א זאָג געטאָן:

— מיר פאַרשטייען זייער שוואַך, מיר זײַנען רוסישע...

דערהערט אזא ענטפער, האָב איך געוואָלט דערוויסן זיך, וואָס האָט זיי באַוויגן צו קומען אהער, אף א באַגעגעניש מיט די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". און אָט וואָס איך האָב זיך פון זיי דערוווּסט.

איינע הייסט נאַטאַליע פּעאַדאַסאָווּנאַ פּוגאַלעוויטש, די צווייטע — נאַטאַליע פּאַוולאָווּנאַ יעגאַראָווּאַ. ביידע זײַנען ווילנער, נאָר מילכאָמע-צײַט האָבן זיי געוווינט אין קאָוונע. ביידע פרויען האָבן, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, אויסבאַהאַלטן ייִדן, וועלכע עס האָט זיך אײַנגעגעבן דורכגאַנווענען זיך דורכן שטעכדראָט אף דער אַרישער זײַט. העכער צוויי יאָר האָט זיך אויסבאַהאַלטן בא זיי ריווקע אָשעראָוויטש — די פרוי פונעם ייִדישן דיכטער.

— פאַרשטייט איר מיך, — האָט מיר געזאָגט נאַטאַליע פּעאַדאַסאָווּנאַ, — מיר זײַנען מיט די אָשעראָוויטשעס געוואָרן מאַמעש לײַבלעכע פרײַנט. ווען עס טרעפט א סימכע, רופן מיר איינער דעם צווייטן צו זיך. און הײַנט איז דאָך א גרויסער יאָמטעוו בא די אָשעראָוויטשעס, האָבן זיי אונדז אײַנגעלאַדן. און כאָטש די שפּראַך פאַרשטייען מיר שוואַך, פאַרשאַפט אונדז די אײַנלאַדונג פאַרגעניגן...

שלוימע ראַבינאָוויטש

ראָכל בוימוואַל

א נעסיִע איבער אלט-ווילנע

געסעלעך שטילע, האַלבראָנדיקע, גרויע,
וווּ ס׳פּרעסט זיך א טויער אַרײַן אין א טויער,
געפּלאַסטערט מיט שטיינער מיט גלאַטע, ווי שטערנס,
וואָס זײַנען מעסוגל די וועלט צו באַקלערן, —
ווי עפּעס א שייוועס אין ערד איז פאַרשטיינערט,
און ס׳שטעלט נאָר דעם שטערן אַרויס יעדער איינער...

איז טרעט איך פּאַוואָליע פון גאַנעק צו גאַנעק,
פון טויער צו טויער דאָ אָנגעשפּיצט שפּאַן איך,
און קוק אין די הויפן אַרײַן, ווי אין היילן,
און לאָז זיך פון דאַכלקעס מײַסעס דערציילן...

צום הימל זיך שטרעקן פאַרכאָלעמטע קירכעס,
גערױטן פאַרקנאָטן אף בלוט און אף טירכע, —
אף מענטשלעכער פּראַצע און דרייסטער האַמצאָע,
באַרופן, — א צווייטער זאָל האָבן האַנאָע.

האַנאָע פאַרשאַפן פלעגט ייִדן צו שלאָגן —
זיי זאָלן קיין היטל ניט וואַגן דאָ טראָגן.
ווען אומקערן פלעגט זיך אין אָוונט אהיים ווער,
פלעגט גיין דורך די קירך-געסלעך נעמען אן איימע.

און דאָך, פון די שטיבלעך, פאַרשטיקטע און שמאָלע,
אַרויס זײַנען דיכטער, און דענקער, און מאָלער.
אָט איז ער, דער הויף, דער הילצערנער גאַנעק,
דער גרויסער מיצקעוויטש אַרויס איז פונדאַנען.
און דאָ האָט געלעבט אנטאָקאָלסקי, דער גאָען,
און דאָרטן האָט סוטין פאַרבראַכט לאַנגע שאָען.

און אָט איז א הויף, ווי א מויזישע פאַסטקע,
און אָט איז א שטיין, ווי א ריטערשע קאַסקע,
און אָט איז א וואַנט, ווי א וואַנט פון א טפּיסע,
און אָט איז א וועלט א פאַרשטיינטע אין גסיסע...

...און אָט איז דער ייִד און דער בלאָנדער ליטווינער, —
זיי פירן מיך, ווי דורך א מײַסע-מעדינע,
זיי גייען, ווי ברידער, צוזאַמען. בא ביידן
די זעלביקע פרײַדן, די זעלביקע ליידן.

פאָנאַר מיט געהאַרגעטע טויזנטער ייִדן
בא יעדן פון זיי צווינגט דאָס בלוט צו פאַרזידן.
עס האָט דער ליטווינער אין געסעלעך בלינדע
געהאָלפן דאָ ראַטעווען ייִדישע קינדער.

דער טאָג איז א העלער, די שאָ איז א פרײַע,
מיר גייען אַרויס צו דעם טײַך, צו ווילײַע,
מיר קערעווען אויס צו דער אלטשטאָט דעם רוקן, —
מיר קוקן פאָרויס איצט און קוקן און קוקן
אף ליכטיקע שטאָקן, אף מויערן נײַע,
אף שילדן אין בונטן עלעקטרישן פײַער.

מיר לאָזן זיך ווײַטער. און קען נאָר, און וויל נאָר,
וועט קלעקן ביז טאָג, וואָס צו זען דאָ אין ווילנע.
און ס׳וועט מיט זײַן שמייכל זײַן קינדעריש-ברייטן
אליין מוישע קולבאַק אין וועג דיך באַגלייטן,

און דו וועסט אין שײַן פון זײַן דיכטערשער כאָכמע
דערהערן אלץ בעסער, דערזעען אלץ נאָך מער...
נאָר טויט איז שוין קולבאַק, און ס׳ציט זיך א כמאַרע,
זי פויזעט פון יענער זײַט פליינען פאָנאַרער.

און ס׳קנעטן אין הימל זיך וואָלקן-געשטאַלטן
און כאַזערן איבער די גוטאָ די אלטע,
די טויערן, גאַנקעס, די געסלעך און ראָגן...
...די פינצטערע כמאַרע צעגייט.
ס׳הייבט אָן טאָגן.

ראָכל בוימוואַל

איך האָב זי לאַנג געזוכט...

מוישע טייף

איך האָב זי קימאַט ווי ניט געזען...

דרײַ מאָל — דרײַ טעג נאָכאַנאַנד — איז זי געקומען מיך מע־וואַקער־כּוילע זײַן אין איינעם פון די ווילנער מיליטערישע שפּיטאָלן, ניט ווײַט פונעם זאַקרעטעווער וואַלד. וועגן דעם האָבן מיר דערציילט מײַנע שכנים — די פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן. איך האָב זי קימאַט ווי ניט געזען. מער געפילט: אַ שאַרפן, נאָר זייער אָנגענעמען גערוך פון פרילינגדיקע קווייטן, ווי זי וואָלט זיך אין זיי אויסגעבאָדן.

מער געהערט:

אַ ברוסטיקע, עטוואָס הייזעריקלעכע שטים. אַ ריינער, זייער זאַפטיקער ייִדיש, מיט דעם גוט באַקאַנטן ווייכן קאָװנער־ווילנער לאַמעד.

די גרויסע היץ, די ווייטעקן זײַנען לאַנגזאַם, ביסלעכווײַז אויסגערונען פון מיר, און איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט: אָט וועט זי זיך ווידעראַמאָל באַווײַזן און איך וועל זיך דערוויסן, ווער זי איז, איר נאָמען, וויאַזוי איז זי לעבן געבליבן און וויאַזוי האָט זי זיך דערוווּסט, אַז דאָ, אין מיליטערישן שפּיטאָל, ליגט אַ פּאַשעטער סאָלדאַט — אַ ייִדישער דיכטער.

איך האָב געוואַרט אויף איר. מיט אומגעדולד געוואַרט. נאָר מער איז זי ניט געקומען.

זי פלעגט זיצן לעם מיר, ווײַזט אויס געציילטע מינוטן. דער דאָקטער האָט מיסטאָמע מער ניט דערלויבט. אין מײַן זיקאָרן איז פאַרבליבן אַ פאַרנעפּלט בילד: אַ הויכע פריזור פון געדיכטע שוואַרצע האָר, בלייכע באַקן, פולבלעכע זאַפטיקע ליפּן, שיינע אויגן מיט לאַנגע וויִעס. פאַרבליבן זײַנען איינצלנע פראַזעס:

— ווילנער פּאָעטן...

— פאַרזוכט! איך בעט אײַך, פאַרזוכט...

— כ׳האָב זייער ליב פּאָעזיע...

— געזונט... איר וועט זײַן געזונט...

דאָס איז געווען אָנהייב פרילינג 1945. איך בין נאָכדעם גאַנצע טעג אַרומ־געגאַנגען איבער די ווילנער גאַסן און געסלעך.

איך האָב זי לאַנג געזוכט. איך בין דעמלט עלנט געווען. קאָן זײַן, דער־פאַר האָב איך זי אַזוי אַקשאַנעסדיק געזוכט, נאָר איך האָב זי מער אין ערגעץ ניט געטראָפן, ניט באַגעגנט.



אפן קאָנצערט פון ווילנער ייִדישע זעלבסטטעטיקייט־קאָלעקטיוו. טאַנץ פון פרײַנטשאַפט.

איך האָב זיך געזאָגט: גענוג! מער טראַכט ניט! פאַר דיר איז זי אַף אייביק פאַרשוווּנדן, ווי דײַנע נאָענטע קרוווים, מערדעריש אומגעבראַכטע פון די פאַשיסטישע גאָרגלשנײַדער.

און שטעלט זיך פאָר, אַז איך האָב זי יאָ באַגעגנט! געקוקט אַף איר! גערעדט מיט איר! און איך האָב ווידער דערפילט יענעם שאַרפן, נאָר זייער אַנגענעמען געדרוך פון פרילינגדיקע קווייטן...

דאָס איז געווען ווידער אין פרילינג. האיאָר.

זי האָט געקוקט אַף מיר:

דורך הונדערטער־הונדערטער הייסע אויגן אין גרויסן ווילנער פילהאַרמאָניע־זאַל און אין דעם נײַעם ווילנער פאַלאַץ פון די פראָפאַריינען.

זי האָט גערעדט צו מיר:

דורך דעם דונער פון אַפּלאָדיסמענטן פאַר די שיינע לידער פון מײַנע כאַווי־רים דיכטער.

זי האָט געזונגען צו מיר:

דורך דער שטים פון די טײַערע ייִדישע מיידלעך פון ווילנער זעלבסטעטיקן כאָר.

איך האָב געזען אירע הענט: זיי האָבן דיריזשירט מיטן כאָר, ווי אָט די הענט פון דער יונגער שלאַנקער פרוי אַליזע בלעכאַראָוויטש.

יאָ, איך בין געווען גליקלעך. נאָר איין זאַך האָט מיך געקימערט: איך האָב געוואָלט וויסן איר נאָמען. צוריקוועגס, אין אַעראָפּלאַן, ווען איך האָב פון הויכן הימל אַ קוק געטאָן אַף דער אַפּסנײַ געבוירענער ווילנע, האָב איך געפונען דעם נאָמען פאַר איר:

— ווילנע!

— ווילנע איז איר נאָמען.

מוישע טייף

מיר וועלן וואַרטן אַף אײַך

נעכאמע ליפשיצייטע

מיט אַ באַזונדערן אומרו האָב איך געוואַרט אַף דער באַגעגעניש מיט די לייענער פון זשורנאַל — מיט מײַן ווילנער צושויער.

דאָ, אַף דער דאָזיקער בינע פון ווילנער פילהאַרמאָניע, איז דורכגעגאַנגען מײַן סצעניש „קינדהײַט“, דאָ בין איך אַרויסגעטראָטן צום ערשטן מאָל אַלס אַ סטודענטקע פון דער ליטווישער קאָנסערוואַטאָריע, דאָ זײַנען דורך מײַנע ערשטע קאָנצערטן שוין אַלס סאָליסטן, דאָ איז געווען די פּרעמיערע פון מײַן נײַער פּראָגראַם און דאָ נעם איך צום ערשטן מאָל אָנטייל אין אָן אָוונט אַ באַגעגעניש פון שרײַבער מיט זייערע לייענער.

ניט ווײַל ס׳איז „מײַן“ פילהאַרמאָניע און „מײַן“ ווילנע, נאָר טאַקע דערפאַר ווײַל ס׳איז ווילנע, וועלכע האָט פאַרהיט אירע טראַדיציעס און איר שטרענגע באַציִונג צו ליטעראַטור, האָב איך זיך אַ ביסל באַאומרויִקט פאַרן דערפאַלג פונעם אָוונט. נאָר פון דער ערשטער רעגע האָב איך דערפילט דעם שטראָם פון פרייד און דעם וואַרעמען אָטעם פון זאַל.

מיר האָט גלײַך זיך געגלוסט זינגען.

טײַערע מײַנע (איך מיין, ניט נאָר די פּאָעטן, נאָר די „פּאָעטישע פּראָזאַי־קער“ אויך), ווילנע וועט וואַרטן אַף אײַך.

איר האָט דאָך געזען: ניט נאָר דער אוילעם אין זאַל, — די שטאָט האָט אײַך באַגעגנט מיט זוניקע, פרילינגדיקע טעג.

מיר וועלן וואַרטן אַף אײַך, איך וועל וואַרטן אַף אײַערע נײַע לידער — אונדזערע לידער.

נעכאמע ליפשיצייטע

ליטעראַטור און קונסט

יִיסראָעל סערעבריאַני

צו דער פּראָבלעם פון זשאַנער

פון דאָוויד בערגעלסאָנס שעפערישער לאַבאָראַטאָריע

מע קאָן זאָגן, אַז וויפל שרייַבער נאָוועליסטן מיר האָבן, אַזויפיל מיינונגען זייַנען פאראן וועגן דעם, וואָס עס הייסט נאָוועלע. און כאָטש די מיינונגען זייַנען אָפט ווידערשפּרעכלעך, איז דאָך פאראן אין דעם א געוויסע מייַלע, ווייַל איטלעכער פון די שרייַבער שטיצט זיך דעריקער אָף זייַן שעפערישער פּראַקטיק, און דאָס ברענגט אַרייַן אין דער ליטעראַטור־טעאָריע נייטיקע עלעמענטן, אַפן סמאַך פון וועלכע עס ווערט געשאַפן די פאַראַלגעמיינערונג.

דער רוסישער שרייַבער און זשורנאַליסט באָריס פּאָלעוואָי האַלט, אַשטייגער, אַז א גוטע פאַרצייכענונג איז בעמיילע א נאָוועלע. ער ברענגט דערבייַ א ריי גאַנץ איבערצייַגנדיקע בייַשפּילן סייַ פון זייַן אייגענער פּראַקטיק, אַזוי אויך פון דער פּראַקטיק פון אַנדערע שרייַבער. אין זייַנער א לעקציע וועגן דער פּראָבלעם פון זשאַנער דערקלערט באָריס פּאָלעוואָי די גזעצמעסיקייַט פון דער דאָזיקער צונויפּאַלונג (פון דער נאָוועלע און פאַרצייכענונג) דערמיט, וואָס דער סאָוועטישער שרייַבער באַגעגנט אין לעבן אַזוינע מערקווירדיקע ביִאָגראַפיעס, אַז ס'איז גענוג צו פאַרצייכענען עמעסדיק דאָס לעבן פונעם פּראָטאָטיפּ, קעדיי די דאָזיקע פאַרצייכענונג זאָל איבערשפּאַנען די גרענעץ פונעם זשאַנער און זיך פאַרוואַנדלען אין א דערציילונג.

פּאָלעוואָי ברענגט א בייַשפּיל פון זייַן אייגענער „זשורנאַליסטישער פּראַקטיק". אים האָט זיך געוואָלט, — ווייַזט ער אָן אין שייַכעס מיט זייַן „דערציילונג וועגן אַן עמעסן מענטשן", — אָפּהיטנדיק אַלע קלאָלים פון דער צייַטונגס־פּובליציסטיק (קאָנקרעטע כאַראַקטעריסטיק,ווירקלעכע געשעענישן און דעטאַלן אאַוו.), — געבן א פאַרצייכענונג וועגן דעם לעבן און בעעמעס אויסערגעוויינלעכן העלדנטאַט פון א קאָנקרעטן סאָוועטישן מענטשן. „מיטן וואָרט „עכטער" („настоящий")‚ עמעסער האָב איך, — דערציילט ער ווייַטער, — גלייַכצייַטיק געוואָלט אונטערשטרייַכן סייַ די קאָנקרעטקייַט און סייַ די טיפּישקייַט פון דעם דאָזיקן פּערסאָנאַזש, און חעןן איך האָב אין נירנבערג געשריבן דעם דאָזיקן בוך, האָב איך געמיינט בעעמעס, אַז איך שרייַב א פאַרצייכענונג. און דערנאָך האָבן די לייענער און די ליטעראַטור־קריטיקער גענומען רופן דאָס דאָזיקע ווערק „דערציילונג" („повесть") און אַפילע „ראָמאַן"[1].

דאָס אַלץ איז טאַקע ריכטיק. צי הייסט עס אָבער, אַז מע קאָן שטעלן א גלייַכצייכן צווישן פאַרשיידענע זשאַנרען און אַז עס זייַנען ביכלאַל ניטאָ קיין גרענעצן און פּרינציפּן, וואָס צעשיידן זיי? פאַרשטייט זיך, אַז ניט. וועגן דעם זאָגט פאַרבייַגייענדיק אויך פּאָלעוואָי („אָפּהיטנדיק אַלע קלאָלים פון דער צייַטונגס־פּובליציסטיק"), הייסט עס, אַז געוויסע „קלאָלים" זייַנען פאראן און זייַנען גילטיק.

אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זייַנען געווען אָפּגעדרוקט א פּאָר אַרויסזאָגונגען אָף אָט דער טעמע. אין זייַנעם א „וואָרט וועגן דער פאַרצייכענונג" („סאָוועטיש היימלאַנד", 1962, נומ. 3) האָט כאַיִם מעלאַמוד אויסגעדריקט איבערגעגעבנקייַט און טרייַהייַט צו זייַן באַליבטן זשאַנער. דאָס איז גוט. וואָס מער באַגייַסטערונג און ליבע צו דער אייגענער אַרבעט, אַלץ פרוכטבאַרער און גינסטיקער זייַנען די רעזולטאַטן. אָבער דאָרט, ווו דער אַווטאָר גייט אַריבער צו דער פראַגע וועגן דעם זשאַנער, ווידערשפּרעכט ער זיך אַליין.

פון איין זייַט, שרייַבט מעלאַמוד, איז „די אַרבעט איבער דער פאַרצייכענונג פיל שווערער, קאָמפּליצירטער, ווייַל די מעגלעכקייַטן פאַר דעם אַווטאָרס פאַנטאַזיע זייַנען גאַנץ באַגרענעצטע". פון דער אַנדערער זייַט, דערקלערט ער, אַז א גרעסערע פאַרצייכענונג „קאָן און מוז אַרייַנעמען אַלע קאָמפּאָנענטן פון א קינסטלערישן ווערק".

גערעכט איז מייער יעלין מיט זייַן „רעפּליק צו דעם שמועס וועגן דער פאַרצייכענונג" („סאָוועטיש היימלאַנד", 1963, נומ. 3), ווו ער פרעגט אָפּ א ריי באַהויפּטונגען פון כאַיִם מעלאַמוד. יעלין ווייַזט ריכטיק אָן, אַז מע קאָן ניט ריידן פונעם מענטשן אָן זייַן טוּונג, אָן זייַן מי.

אָבער יעלין אַליין, אין זייַן פאָרשטעלונג וועגן מענטשנס מי און טוּונג, פאַלט אַרייַן אין א באַגרענעצטקייַט, ווען ער שאַצט אָפּ קאָנקרעט י. קערלערס און ש. גאָרדאָנס פאַרצייכענונגען אין „סאָוועטיש היימלאַנד". צי דען איז אין זיי ניט געוויזן דער מענטש און זייַן טוּונג, געוויזן, נאַטירלעך, אין באַדינגונגען פון אַרבעט און קאַמף, פון שטייגער און נאַטור? נעמט, אַשטייגער, שמועל גאָרדאָנס פאַרצייכענונג „צעלינאַ" — א מין פּאַנאָראַמע פון א נייַער געגנט. דער אַווטאָר האָט זיך דאָ ניט געשטעלט קיין אויפגאַבעס פון פּסיכאָלאָגישער שילדערונג. וויכטיק איז, וואָס ער האָט באַוויזן, אַז „צעלינאַ" איז אויך א ייִדישער באַגריף און אַז צווישן די ענטוזיִאַסטן פּיִאָנערן, בויער פון צעלינאַ געפינען זיך פאָרשטייער פון אַלע ברידערלעכע פעלקער, דעריך

[1] זע אַלמאַנאַך „מאָלאָדאַיאַ גוואַרדיִאַ", 1952, נומ. 6, ז. 297.

אויך ייִדן. איז וועגן וואָס זשע גייט דאָ א רייד, אויב ניט וועגן מענטשן און זייערע טווּנגען?

אין אנדערע אספעקטן זײַנען געגעבן שירע גאָרשמאנס, גוֹבניצקיס, מעלאמודס פארצייכענונגען, געדרוקטע אין „סאָוועטיש היימלאנד". אָבער אין זיי אלע גייט א רייד וועגן לעבעדיקע מענטשן, און מע טאָר און מע דארף דאָ ניט אײַנשטעלן וועלכע־ניט־איז דאָגמעס.

די ליטעראטור וועגן נאָוועלע און פארצייכענונג איז א גאנץ רײַכע. מע קאָן דאָך ניט זאָגן, אז די פראגע איז שוין אינגאנצן אויסגעקלאָרט. זי איז פארבונדן מיט א ריי פראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער קינסטלערישער ליטעראטור אין אלגעמיין. די סאָוועטישע פּראָזע איז אָפּט געבויט אף לעבעדיק־פרישע פאקטן. דאָקומענטאל איז ניט בלויז דער זשאנער פון פארצייכענונג. מיר האָבן עס געזען לויט פּאָלעוואָיס ווערק. מע קאָן ברענגען נאָך צענדליקער אנדערע בײַשפּילן. אפילע אזא ראָמאן, ווי שאָלאָכאָווס „אופגעאקערטע רויערד", איז דאָך אויך אין א היפּשער מאָס ניט „אויסגעטראכט", נאָר געבויט אף עמעסדיקע פאקטן.

מיר לעבן אין א צײַט, ווען אלע זשאנרען און פאָרמען באקומען נײַע אידייִשע און געזעלשאפטלעכע פונקציעס אין העסקעם מיטן נײַעם אינהאלט פון דער סאָציִאליסטישער ווירקלעכקײַט, און דעריבער, מיינען מיר, וועט זײַן זייער נוצלעך, ווען מיר וועלן ברענגען א באלערעוודיקן בײַשפּיל פון א קאָנקרעטער לאבאָראטאָרישער ארבעט בא איינעם פון אונדזערע גרעסטע וואָרטמײַסטערס.

עס האנדלט זיך וועגן אן אינטערעסאנטן עקספּערימענט פון בערגעלסאָנס שעפערישער פּראקטיק. אלע וועלן מיסטאם מאסקים זײַן, אז אזא מין מײַסטער, ווי בערגעלסאָן, האָט באשטימט געוווּסט די „סוידעס" פון זשאנער. איז אָט זעען מיר, ווי איין און דאָס זעלבע ווערק זײַנס, „די כאווערטע בראָניע", נעמט ער פריִער ארײַן אין זײַנער א זאמלונג פארצייכענונגען און בילדער „צווישן לעבעדיקע מענטשן" (מינסק, 1936) מיט א ספּעציִעלן אונטערקעפּל „פארצייכענונג", א צווייט מאָל — אין זײַנער א זאמלונג „דערציילונגען" (מאָסקווע, 1941). דאָס זײַנען אָבער צוויי פארשיידענע וואריִאנטן. קעדיי פון דער פארצייכענונג זאָל ווערן א דערציילונג, האָט בערגעלסאָן דורכגעמאכט א ראדיקאלע שעפערישע ארבעט, וואָס ווײַזט אונדז גאנץ בוילעט דעם אונטערשייד צווישןביידע זשאנרען.

די „פאקטור" פון דער פארצייכענונג און פון דער שפּעטערדיקער דערציילונג אָדער נאָוועלע איז קימאט די זעלבע. די פארוואלטערן פון א קולטור־הויז אין א גרויסער שטאָט אף דאָרעם, די כאווערטע בראָניע, האָט ארויסגערופן אהין דעם אווטאָר, קעדיי ער זאָל ארויסטרעטן אין די אָרטיקע פאבריקן און זאוואָדן. די באגעגעניש אפן וואָקזאל און די ראָליע פון דער כאווערטע בראָניע אלס אָרגאניזאטאָר פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג, איר געזעלשאפטלעכע טעטיקײַט, איר פערזענלעך לעבן און שטייגער, איר אופירונג, באציִונגען מיט כאווײרים, איר קוק אפן לעבן, אף ליטעראטור אאוו. — די אלע מאָמענטן רופן ארויס באם אווטאָר אינעם ערשטן וואריִאנט א ריי פובליציסטישע געדאנקען, קאָמענטארן, ער מאכט אייניקע היסטאָרישע עקסקורסן, פארגלײַכן, אויספירן אאוו. דאָס אלץ פאלט קימאט אינגאנצן ארויס אין דער שפּעטערדיקער אויסגאבע.

דער צווייטער וואריִאנט, וועלכן מע קאָן אָנרופן א „רײַזע־נאָוועלע", איז מער ווי אף העלפט קירצער, אייִדער דער ערשטער, און דאָך זעט ער אויס ניט ווי „אפּגיך פארשריבן" אין נאָטיץ־ביכל, נאָר ווי אן אויספירלעכע רויִקע שילדערונג. דער סטיל — א נאטירלעכער, די פּראזע — א נאָרמאלע, אָן די פריִערדיקע אָפּטע פונקטן, בינדשטריכן, אָפּגעהאקטע זאצן. אין דעם צווייטן וואריִאנט רעדט זיך, אגעוו, וועגן אלץ אין לאָשן אָוואר.

מע קאָן ניט זאָגן, אז די נאָוועלע (דער אווטאָר שטעלט דאָ איצט ניט קיין באזונדערע זשאנער־באצייכענונג, אלץ גייט אונטער דעם אלגעמיינעם נאָמען „דערציילונגען") האָט איצט אינגאנצן פארלאָרן אירע „געבורט־פלעקן". דאָ איז אָפּגעהיט די ערשטע פּערזאָן פונעם דערציילער, א ריי „דאָקומענטאלע" ערטער, און דאָך איז עס שוין ניט קיין פארצייכענונג. דער אווטאָר פילט זיך שוין דאָ א סאך „פרײַער" בענעגייע קאָנקרעטע דעטאלן און מענטשן און גלײַכצײַטיק א סאך „דיסציפּלינירטער" בענעגייע דעם אייגנארטיקן סוזשעט, דער האנדלונג און צענטראלן פערסאָנאזש.

עס זײַנען דעריבער ארויסגעפאלן גאנצע קאפּיטלען, די אויבנדערמאָנטע זײַטיקע מאָמענטן, וועלכע זײַנען אן און פאר זיך אינטערעסאנט, ווײַל זיי גיבן אונדז א בוילעטע פאָרשטעלונג סײַ וועגן דעמלטיקן בערגעלסאָן (1931), סײַ וועגן דער כאווערטע בראָניע און אנדערע פערסאָנאזשן. דער אווטאָר פארקירצט, אשטייגער, אין צווייטן וואריִאנט דאָס ארײַנפיר־קאפּיטעלע, ווו עס זײַנען פארצייכנט בראָניעס אייניקע אויסערלעכע שטריכן און ביִאָגראפישע פאקטן.

דער צווייטער וואריִאנט הייבט זיך אָן גלײַך פונעם מיטלסטן סטיליסטיש געענדערטן און פארקירצטן אָפּטייל (דאָס ערשטע קאפּיטל פארמאָגט דרײַ אזעלכע, מיט שטערנדלעך צעטיילטע אָפּטיילן) — פון דער אומיטלבארער באגעגעניש מיט דער כאווערטע בראָניע:

„אָנגעטאָן אין א קורץ נישקאָשעדיק־ווארעמען ווינטער־רעקל און אין א מענערשן פוטערנעם היטל מיט אראָפּגעלאָזטע שטיקלעך פוטער אף די אויערן, איז דאָס מיידל געזעסן לעבן מײַן טיש. איר בליק איז געווען האלב־פארוקט אונטער די פעסטע ברעמען. די ברעמען האָבן אונטערגעציטערט, אָפּהאלטנדיק פון א שמייכל טאָן דאָס גאנצע רויִקע און זיכערע פּאָנעם.

— גלאָצט ניט אף מיר די אויגן, — האָב איך פלוצעם דערהערט קלינגען איר העלן טיף־ברוסטיקן קאָנטראלטאָ, — איך וועל זיך צעלאכן.

— איך גלאָץ דען אף אײַך די אויגן? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, — ווי איר וואָלט שלינגען פילן". („דערציילונגען", ז. 256).

אזויארום לאָזט איבער דער אווטאָר בלויז דאָס, וואָס באווײַזט גלײַך זײַן פערסאָנאזש.

דאָס צווייטע קאפּיטל פון ערשטן וואריִאנט פאלט אינגאנצן ארויס. דאָ רעדט זיך וועגן א באגעגעניש פונעם דערציילער מיט אן אלטן באקאנטן, וועלכער איז געקומען צום אווטאָר צוגאסט אין האָטעל. אין א נאָוועלע איז דאָס איבעריק.

אינעם נײַעם וואריִאנט הייבט זיך אָן דאָס צווייטע קאפּיטל ווידער פון דער כאווערטע בראָניע, וועלכע קלאפּט אָן אין טיר און קומט ארײַן אין האָטעל־צימער (דאָס פריִערדיקע דריטע קאפּיטל). בראָניע טרעט גלײַך צו צום איניען: „זי האָט געבראכט דעם פּלאן פון די ארויסטרעטונגען". זי באציט זיך צום אווטאָר זייער

זאכלעך, אָן קיינע צערעמאָניעס. דערצו לייגט זי נאָך אים פאַר גיין צופוס. אף דער טעמע פאַרפירט זיך א טשיקאַווער שמועס, ווו דער דערציילער פּאַלט אַרײַן, „ווי א יאַוון אין סוקע". ער וויל זאָגן א כאָכמע, באַקומט זיך בא דער כאַווערטע בראָניע, אַז דאָס איז ניט מער, ווי א „דריידל". מיינט דער אַווטאָר, אַז ער איז זאָ מיט עפּעס שולדיק, ער קאָן ניט געפינען קיין „גלײַכן וועג" צו ווערן „היימיש" מיט דער כאַווערטע בראָניע.

אין פערטן (איצט דריטן) קאַפּיטל טראָגט בערגעלסאָן אַרײַן אייניקע אינטערעסאַנטע ענדערונגען.

כאַווערטע בראָניע איז, ווי פריִער, ניט נאָר די פאַרוואַלטערן פון היגן קולטור־הויז, „זי קער זיך אָן אויך מיט די ביבליִאָטעקלעך אַף אייניקע פאַבריקן". און עס גייט אַוועק א שמועס וועגן די ביכער, וואָס מע רעקאָמענדירט אַף די פאַבריקן דעם לייענער.

ערשטער וואַריִאַנט

„עס רעדט זיך וועגן א פּאָר פון זיי: צווישן אַנדערע אויך וועגן „מידאַס־האַדין".

צווייטער וואַריִאַנט

„עס רעדט זיך צווישן אַנדערע אויך וועגן „נאָך אַלעמען".

אַף וויפל עס האָבן זיך געביטן די ביכער, בײַטן זיך אויך די פראַגעס פון דער כאַווערטע בראָניע צום אַווטאָר. אין דער פאַרצייכענונג האָט זי געהאַט „סאַכאַקל דרײַ פראַגעס וועגן „מידאַס־האַדין", וועגן נאָך עפּעס א נײַ בוך און וועגן מירל הורוויץ אין „נאָך אַלעמען". איצט האָט זי מער ניט ווי „סאַכאַקל איין פראַגע: וועגן מירל הורוויץ אין אײַער „נאָך אַלעמען".

די דאָזיקע פראַגע באַקומט אין ביידע וואַריִאַנטן פאַרשיידענע אַספּעקטן.

ערשטער וואַריִאַנט

„זי:

— וועגן מירל הורוויץ אין „נאָך אַלעמען" — איר האָט זי גענומען אינגאַנצן פונעם לעבן אָדער א ביסל צוגעטראַכט?

איך:

— שוין מער ווי צוואַנציק יאָר, אַז איך האָב עס געשריבן. מע קאָן זיך מיט אַזוינע זאַכן אָנגעדענקען?

איך ווייס אַליין ניט קלאָר, פאַרוואָס די פראַגע רייצט מיך א קאַפּל אויף — עפּעס א פראַגע, וואָס „דערקוטשעט".

איך גיב צו:

— מיר איז ביכלאַל ניט קלאָר, וואָס פאַר אַן אינטערעס קאָן מען דאָ בא היינטיקן טאָג צו מירלען האָבן? אַקאָרשט צוריק מיט עטלעכע טעג איז מיר אויסגעקומען צו ריידן וועגן דעם אין קיִעוו פאַר א גרויסער אַאודיטאָריע. „וואָס איז שײַעך צו מיר, דעם אַווטאָר, — האָב איך געזאָגט, — האָב איך מיט מירל הורוויץ ניט כאַסענע געהאַט". דערויף האָט צו מיר דאָרט עמעצער פון דער אַאודיטאָריע א געשריי געטאָן: „מיסטאָמע האָט מירל ניט געוואָלט". און אייניקע האָבן מיט פאַרגעניגן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

איך כאַפּ אַף כאַווערטע בראָניען א קוק:

— נאַט, — זאָג איך, — אפילע איר... אָט לאַכט איר אויך.

— איך? ניין...

כאַווערטע בראָניע פאַרענטפערט זיך:

— ס'איז ניט דערפאַר, וואָס איך זאָל זיך וועלן פאַר מירלען אָנעמען...

— פונדעסטוועגן, איר לאַכט נאָך איצט אויך...

— ניין, פּאָשעט, ווײַל ס'איז קלוג געזאָגט".

(„צווישן לעבעדיקע מענטשן", ז. 19).

צווייטער וואַריִאַנט

„זי:

— וועגן מירל הורוויץ אין אײַער „נאָך אַלעמען" — איר האָט זי גענומען אינגאַנצן פון לעבן אָדער א ביסל צוגעטראַכט?

— שוין א פּאָר צענדליק יאָר, אַז איך האָב דאָס בוך אָנגעשריבן. ווער קאָן זיך מיט אַזוינע זאַכן אָנגעדענקען?

איך ווייס אַליין ניט, פאַרוואָס איך פיל פון איר פראַגע עפּעס א שטיקל פאַרדרוס — עפּשער דערפאַר, וואָס זי רעדט ניט מיט מיר וועגן מײַנע מער נײַע ביכער.

— ביכלאַל, — גיב איך צו, — האָב איך מיט מירל הורוויץ ניט כאַסענע געהאַט...

און איך דערזע, ווי כאַווערטע בראָניע וויל א שמייכל טאָן.

— נו, יאָ, — זאָגט זי, — מיסטאָמע האָט זי ניט געוואָלט, מירל, הייסט עס.

איך כאַפּ א קוק אַף כאַווערטע בראָניען.

— אַזוי מיינט איר?

— ס'איז ניט דערפאַר, — פאַרענטפערט זי זיך, — וואָס איך זאָל וועלן פאַר מירלען זיך אײַנשטעלן!.."

(„דערציילונגען", זז. 261—262).

אין ערשטן וואַריִאַנט גייט נאָך ווידער אַוועק א ברייטערער שמועס וועגן „שטורעם־טעג". בראָניע ווײַזט אָן אַף א ריי מײַלעס און כעסרוינעס פונעם אַווטאָר, מיט וואָס ער איז מאַסקים, ווײַל ער „ווייסט עס אַליין". „דאָס, — זאָגט בראָניע, — איז גראָד גוט". ווײַטער גייט א ברייטערער קאָמענטאַר פונעם אַווטאָר וועגן דעם לייענער און קריטיקער „בא אונדז און אין דער בורזשואַזער וועלט", וועגן דער „אינטערעסאַנטער דיִאַלעקטיק" פון בורזשואַזער „דעמאָקראַטיע" און פאַקטישער פּערזענלעכער דיקטאַטור.

די דאָזיקע ערטער רופן זיך, אַגעוו, איבער מיט שאָלעם־אַלייכעמס „בלאָנדזשנדע שטערן" וועגן דער ראָליע פון „קיבעצאַרניע". דאָרטן טראָגט עס אַן אַמעריקאַנער קאָלאָריט, און דאָ אַן אייראָפּעיִש־דײַטשישן, אָבער דער טאָך איז דער זעלבער. סײַ דאָ, סײַ דאָרטן ווערט באַוויזן, אַז דער לייענער און צושויער האָבן א קנאַפּע דייע אין דער קונסט און ווערן באַטראַכט, ווי דער „אוילעם־גוילעם". דאָס אַלץ זײַנען, פאַרשטייט זיך, זייער וויכטיקע באַמערקונגען, אָבער זיי ווענדן אָפּ די האַנדלונג אָן א זײַט, און דעריבער זײַנען זיי אין צווייטן וואַריִאַנט פאַרקירצט.

אין פינפטן (איצט פערטן) קאַפּיטל טראָגט בערגעלסאָן ווידער אַרײַן א ריי סטיליסטישע און פּרינציפּיִעלע ענדערונגען: אָנשטאָט „בורזשואַזע וועלט" — „די אַלטע וועלט"; אָנשטאָט „אירע אייגענע און פּראָלעטאַרישע מיטלען" — „אייגענע מיטלען". די פראַזע „זיי טראָגן אין זיך בוילעטע שפּורן פון כאַווערטע בראָניעס אייגנאַרטיק־נאַטירלעכן כאַראַקטער" ווערט פאַרגעזעצט: „און פון איר צײַט" אַאוו.

ווי מיר זעען, איז אין דער אויסגאַבע פון 1941, דה.

מיט א צענדליק יאָר שפּעטער (כאָטש דאַטירט איז דער צווייטער וואַריאַנט מיטן 1932, דה. בלויז מיט א יאָר שפּעטער פון ערשטן), — אין דער נייַער אויסגאַבע איז שוין פאַרן אַוטאָר די „בורזשואזע וועלט" פּאַשעט „די אַלטע וועלט" און אַנשטאָט דאָס פּריִערדיקע „אייגענע און פּראָלעטאַרישע" — גענוג צו זאָגן „אייגענע" מיטלען. דערפאַר איז אָבער איצט צוגעקומען דער אויסדרוק, וואָס מאַכט קלאָר ביידע זאַכן: די „צייַט".

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל גייט א געשיכטע וועגן א „פּאַיאַק", וואָס דער אַוטאָר האָט אומגעריכט און אומבאַמערקט געקראָגן, און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט — א געוויסע „מיספאַרשטייעניש", ווייַל דער אַוטאָר האָט געמיינט, אַז דאָס האָט כאַוועריטע בראַניע אים אָפּגעגעבן איר פּאַיאַק.

אינעם זעקסטן (פינפטן) קאַפּיטל ווערט פאַרגעזעצט די זעלבע געשיכטע. דער אַוטאָר טראָגט אָפּ דעם פּאַיאַק דער כאַוועריטע בראַניע אַהיים, און דאָ ווערט קלאָר די מיספאַרשטייעניש. נאָר אין ערשטן וואַריאַנט קומט נאָך פאַר בא בראַניען אין שטוב א באַגעגעניש פונעם אַוו־טאָר מיט זייַנעם א בען־איר — א זון פון א געוועזענער גרויסער קאַפּאַנישער פאַמיליע, וועלכער איז איצט „א שלאָגלער פון אן ערדמאַשין־פאַבריק". אין צווייטן וואַריאַנט פאַלן ארויס בא צוויי דריטל פונעם קאַפּיטל, וו עס איז געגאַנגען א רייד וועגן דעם אַמאָליקן לעבן פון דער דאָזיקער „באַרימטער" מישפּאָכע.

א גרויסע צאָל ענדערונגען, איבערשטעלונגען, קליינע צוגאָבן און ווידער קירצונגען זייַנען אַרייַנגעטראָגן אין לעצטן, זיבעטן (זעקסטן) קאַפּיטל.

אין צווייטן וואַריאַנט, אין דער נאָוועלע, בלייַבט, אַזוי־אַרום, בלויז דאָס, וואָס איז דירעקט פאַרבונדן מיט דער האַנדלונג, מיט דער כאַוועריטע בראַניע. דער נאָמען פון דער נאָוועלע אַנטשפּרעכט איצט פולקום איר אינהאַלט און פאָרם.

אָט דער קאָנקרעטער בייַשפּיל פון דאָוויד בערגעלסאָנס שעפערישער פּראַקטיק באַווייַזט אן איבעריק מאָל, אַז עס זייַנען דאָך פאַראַן געוויסע „קלאָלים" בענוגע דער נאָוועלע און פאַרצייכענונג, מיט וועלכע מע מוז זיך רעכענען.

●

ביכער פון דאָוויד בערגעלסאָן

מיר ברענגען דאָ א כראָנאָלאָגישע רעשימע פון דאָוויד בערגעלסאָנס ווערק, וואָס זייַנען דערשינען אין צאַרישן רוסלאַנד און אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד בלויז אין א בוך־פאָרם, אַנגעהויבן פון 1909, אָף יידיש, רוסיש, אוקראַיִניש (איין בוך אין ענגליש)[1]:

1. ארום וואָקזאַל. דערציילונג. וואַרשע, פאַרלאַג „פּראָגרעס", 1909, 93 ז.

2. ארום וואָקזאַל. דערציילונג. ווילנע, פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין, 1913, 93 ז.

3. נאָך אַלעמען. ראָמאַן אין 4 טיילן. ווילנע, פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין, 1913, 344 ז.

4. דער טויבער. דערציילונג. קיִעוו, „קונסט־פאַרלאַג", 1914, 44 ז. („קליינע ביבליאָטעק" נומ. 1).

5. דאָס גאָלדענע קייַקעלע. (מייַסעלע). קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1917, 7 ז. (סעריע „פאַר קליינע קינדער" נומ. 4).

6. אין א פאַרגרעבטער שטאָט. דערציילונג. קיִעוו, „יידישער פאָלקספאַרלאַג", 1919, 60 ז.

7. ארום וואָקזאַל. דערציילונג. קיִעוו, „יידישער פאָלקספאַרלאַג", 1919, 93 ז.

8. דרויב. דערציילונג. קיִעוו—פּעטערבורג, „יידישער פאָלקספאַרלאַג", 1919, 76 ז.

9. צוויי וועגן פאַרנאַכט. דערציילונג. קיִעוו, „יידישער פאָלקספאַרלאַג", 1919, 12 ז.

10. מייַסע־ביכל. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1920, 39 ז.

11. אָפּגאַנג. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1921, 227 ז.

12. שטורעמטעג. דערציילונגען. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1927, 291 ז. אינהאַלט: 1. בירגערקריג: אין א פאַרפּייסעכדיקן אַקער שטייען מידלעך צו די פערד; מע בענקט קיין דאָרעם און מע גייט קיין צאָפן; שטורעם אויסבאַהאַלטענער און פּליסיקער; אַלעקסאַנדראַווקע. 2. איינעמס א וועג. 3. הינטער א ברענענדיקן שטעטל. 4. אָף הונדערט מיט איינטער וויאַרסט. 5. צווישן צוועלף פונקטן. 6. אַלטוואַרג. 7. צווישן עמיגראַנטן. 8. א זעלטענער סאָף. 9. כויוועס. 10. הערשל טאָקער.

13. דער צענרובלדיקער. דערציילונג. מ., „דער עמעס", 1928.

14. נאָך אַלעמען. ראָמאַן. קיִעוו, פאַרלאַג „סיאַוואָ", 1928, 256 ז. פון יידיש — נאָום ראַטערשטיין. אַרייַנפיר־אַרטיקל — גערשבין. (אוקראַיִניש).

15. שטורעמטעג. דערציילונגען. אָדעס, פאַרלאַג „קולטורא אי טרוד", 1929, 264 ז. פון יידיש — מ. בייקערמאַן. אונטער דער רעדאַקציע פון נ. מ. אָסיפּאָוויטש. פאָרוואָרט — א. סוכאָוו. (ביבליאָטעק „יידישע שרייַבער". אויסגעווײלטע ווערק. סעריע 1. באַנד 6). (רוסיש).

16. מידאַס־האַדין. דערציילונג. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1929, 264 ז. (ביבליאָטעק „יידישע שרייַבער").

17. שטורעמטעג. דערציילונגען. מ.—ל., מעלוכע־פאַרלאַג, 1930, 221 ז. אַרייַנפיר־אַרטיקל פון י. נוסינאָוו „דאָוויד בערגעלסאָן — דער שעפער פונעם יידישן אימפּרעסיאָניזם". (רוסיש).

18. שטורעמטעג. דערציילונגען. אָדעס, פאַרלאַג „קולטורא אי טרוד", 1930, 128 ז. (ביבליאָטעק „יידישע שרייַבער", ב. 3). איבערזעצונג און רעדאַקציע — א. אי. פּאָקראָווסקי. אַרייַנפיר־אַרטיקל — א. סוכאָוו. (אוקראַיִניש).

19. באם דניעפּער. ב. 1. פּענעק. מ., „דער עמעס", 1932, 576 ז.

20. באם דניעפּער. ב. 1. פּענעק. (צווייטע אויפלאַגע). מ., „דער עמעס", 1933, 576 ז.

21. דאָוויד בערגעלסאָן אין שול. מינסק, מעלוכע־פאַרלאַג פון ווססר, 1933, 248 ז. צונויפגעשטעלט ד. קורלאַנד און מ. האַדער. אינהאַלט: דאָוויד בערגעלסאָנס אידייִש־קינסטלערישער וועג. — דאָוויד בערגעלסאָנס ארויסזאָגונגען וועגן ליטעראַטור. — דאָוויד בערגעלסאָנס וויכטיקסטע ווערק: דער טויבער. — נאָך אַלעמען. —

[1] צום סאָף פון דער באַשרייַבונג ווערט אין קלאַמערן אָנגעוויזן די שפּראַך פון דער איבערזעצונג.

איינעמס אַ וועג. — מידאַס־האַדין. — באַם דניעפּער (אויסצוגן).

22. ביראָבידזשאַנער. דערציילונג. מ., „דער עמעס", 1934, 277 ז.

23. אַרום וואָקזאַל און אַנד. דערציילונגען. מ., „דער עמעס", 1935, 337 ז. אינהאַלט: אַרום וואָקזאַל. — דער טויבער. — דער לעצטער ראַשעשאַנע. — שייוועט געדאַליע. — דער קאַברען. — אַ ראָמאַן. — נאַטע. — דרויב. — יאַרדים. — אַן אַ נאָמען. — אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט. — אין איינעם אַ זומער. — דער באַריטאָן.

24. באַם דניעפּער. ב. 1. פּענעק. מ., מעלוכע־פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור, 1935, 425 ז. 6 ב. איליוסטראַציעס. פון יידיש — ב. כ. טשערניאַק. (רוסיש).

25. נאָך אַלעמען. ראָמאַן אין 4 טיילן. מ., „דער עמעס", 1935, 339 ז. (מיט דאַוויד בערגעלסאָנס אַ קורצן פאַרוואָרט).

26. באַם דניעפּער. ב. 1. פּענעק. (3־טע אויפלאַגע). מ., „דער עמעס", 1936, 575 ז.

27. באַם דניעפּער. ב. 1. פּענעק. ל., מעלוכע־פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור, 1936, 497 ז. פון יידיש — ב. כ. טשערניאַק. (רוסיש).

28. דערציילונגען. מ., פאַרלאַג פון זשורנאַלן און צייטונגס־פאַראייניקונג, 1936, 46 ז. (ביבליאָטעק פון „אָגאָניאָק"). אינהאַלט: דזשיראַ־דזשיראַ (פון יידיש — אי. באַבעל). — אין אַ וואָכעדיקן טאָג (פון יידיש — ד. קאַרמאַן). — בירגער וואָלי ברענער (פון יידיש — ד. קאַרמאַן). (רוסיש).

29. דרויב. דערציילונג. מ., „דער עמעס", 1936, 24 ז. („מאַסן־ביבליאָטעק").

30. דער טויבער. דערציילונג. מ., „דער עמעס", 1936, 47 ז. („מאַסן־ביבליאָטעק").

31. יאַרדים. דערציילונג. מ., „דער עמעס", 1936, 19 ז. („מאַסן־ביבליאָטעק").

32. דער לעצטער ראַשעשאַנע. דערציילונג. מ., „דער עמעס", 1936, 22 ז. („מאַסן־ביבליאָטעק").

33. נאַטע. דערציילונג. מ., „דער עמעס", 1936, 15 ז. („מאַסן־ביבליאָטעק").

34. שייוועט געדאַליע. דערציילונג. מ., „דער עמעס", 1936, 31 ז. („מאַסן־ביבליאָטעק").

35. צווישן לעבעדיקע מענטשן. פאַרצייכענונגען און בילדער. מינסק, מעלוכע־פאַרלאַג פון ווססר, 1936, 126 ז. אינהאַלט: כאַווערטע בראַניע. — אין דער קאָמונע. — זעליק בראָדער. — אַ קראַנקער דאָלער און אַ כוילעוואַטער גאַלעך. — מיר, וואָס לעבן.

36. באַם דניעפּער. ב. 1. פּענעק. קיִעוו. מעלוכע־פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור („דערזשליטווידאַוו"), 1936, 502 ז. איבערגעזעצט — מ. זיסמאַן. (אוקראַיניש).

37. טראָט נאָך טראָט. דערציילונגען. מ., „דער עמעס", 1938, 320 ז. אינהאַלט: צוויי פאַרטיזאַנער. — באַם וואָיענקאָם אין דער היים. — איינעמס אַ וועג. — קאָנטריבוציע. — איבערגעבורט. — לעבן פאַנצער־צוג. — באַם טעלעפאָן. — יאַנאַ גריגאָריעוויטש. — הערשל טאָקער. — אַ זעלטענער סאָף.

38. צוגאַסט. דערציילונג. מ., „דער עמעס", 1938, 19 ז. („מאַסן־ביבליאָטעק").

39. שאָלעם־אַליכעם (צום 80־טן יאָרטאָג פון זיין געבוירן). מ., „דער עמעס", 1939, 30 ז.

40. לעבן פאַנצער־צוג. דערציילונג. מ., „דער עמעס", 1939, 52 ז. („מאַסן־ביבליאָטעק").

41. דאַוויד בערגעלסאָן און עמ. קאַזאַקעוויטש. ביראָבידזשאַן (אַן אַלגעמיינער איבערזיכט פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט). מ., „דער עמעס", 1939, 40 ז.

42. באַם דניעפּער. ב. 1. פּענעק. קיִעוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג, 1939, 488 ז. פון יידיש — ב. כ. טשערניאַק. (רוסיש).

43. באַם טעלעפאָן. דערציילונג. מ., „דער עמעס", 1939, 46 ז. („מאַסן־ביבליאָטעק").

44. איינעמס אַ וועג. דערציילונג. מ., „דער עמעס", 1939, 44 ז. („מאַסן־ביבליאָטעק").

45. יידישע אווטאָנאָמע געגנט. מ., פאַרלאַג אַף אויסלענדישע שפּראַכן, 1939, 48 ז. (ענגליש). ביילאַגע: ווערטערבוך און קאָמענטאַרן (ענגליש־רוסיש), 16 ז.

46. באַם פאַנצער־צוג. מ., פאַרלאַג „פּראַוודאַ", 1940, 40 ז. (ביבליאָטעק פון „אָגאָניאָק" נומ. 59). פון יידיש — מ. ס. זשיוואָוו. (רוסיש).

47. באַם דניעפּער. ב. 2. יונגע יאָרן. מ., „דער עמעס", 1940, 539 ז.

48. צוגאַסט. דערציילונג. ריגע, פאַרלאַג „קאַמף", 1940, 14 ז.

49. יידן און די מילכאָמע מיט היטלערן. מ., „דער עמעס", 1941, 20 ז.

50. דערציילונגען. מ., „דער עמעס", 1941, 318 ז. אינהאַלט: דזשיראַ־דזשיראַ. — אָנהייב. — אין סטעפּ. — אַלטוואַרג. — אָפּקלייב. — ביראָבידזשאַנער פּראַגמענטן. — אין אַ רויטן ווינקל. — דער מענטש מיט דער קרומער באַק. — סערלס כיילעק. — צוויי ראַצכים. — אַ גזיירע אַף יידן. — אין פאַנטאַזיאַן פון די דריי שוועסטער. — סאָנים. — נעפּמאַנישע איניאָנים. — אַן אייביקער קנעכט. — פּראָסטאַק. — בירגער וואָלי ברענער. — אין אַ טאָג אַ וואָכעדיקן. — אַש. — אַן איידעם. — אַ קראַנקער דאָלער און אַ כוילעוואַטער גאַלעך. — כאַווערטע בראַניע. — נאַכט. — זאַרג. — צוויי שכיינים. — צוגאַסט. — פרילינג.

51. יידן און די פאַטערלענדישע מילכאָמע. מ., „דער עמעס", 1941, 24 ז.

52. מירעלע. (נאָך אַלעמען). מ., מעלוכע־פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור, 1941, 260 ז. פון יידיש — יע. בלאַגינינאַ, פאַרוואָרט — אָ. רעזניק. (רוסיש).

53. געוועזן איז נאַכט און געוואָרן איז טאָג. דערציילונג. מ., „דער עמעס", 1943, 32 ז. (אין אַנדערע פּובליקאַציעס האָט די דערציילונג דעם נאָמען „צווישן בערג").

54. נייע דערציילונגען. מ., „דער עמעס", 1947, 176 ז. אינהאַלט: צווישן בערג. — פריינטשאַפט. — אין אייזנס. — דער סקולפּטאָר. — יאָרצייט־ליכט. — גראָד זי. — קאַרטאָפל. — אין שיין פון שייטערס. — אַ שווערער כאַראַקטער.

55. באַם דניעפּער. ב. 1. פּענעק. (4־טע אויפלאַגע). מ., „דער עמעס", 1947, 551 ז.

56. אויסגעוויילטע ווערק. מ., „דער עמעס", 1947, 397 ז. אינהאַלט: אַריינפיר־אַרטיקל פון י. דאָבראָ־

שין „דאָוויד בערגעלסאָן“. — דער טויבער. — מירעלע. — אלטווארג. — דאָס שטעטל דובראָוויטש. — כיסיע די אקשנטע. — באם וואַיענקאָם אין דער היים. — אבע. — דאָקטער אבראַמאָוויטש. — באם טעלעפאָן. — צווי ראַצכים. — דזשירא־דזשירא. — אן אייביקער קנעכט. — בירא־בידזשאנער פראַגמענטן. — פרייַנטשאַפט. — צווישן בערג. — אן איידעס. — באם שייַן פון שייַטערס. (רוסיש).

57. אויסגעווײלטע ווערק. (צווייטע אופלאַגע). מ., „דער עמעס“, 1948, 398 ז. (רוסיש).

58. באם דניעפּער. ב. 2. יונגע יאָרן. (2־טע אופלאַגע). מ., „דער עמעס“, 1948, 568 ז.

59. אויסגעווײלטע ווערק. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל“, 1957, 432 ז. (מיט א פּאָרטרעט). אינהאלט: דער טויבער. — מירעלע. — אלטווארג. — דאָס שטעטל דובראָוויטש. — כיסיע די אקשנטע. — אבע. — דאָקטער אבראַמאָוויטש. — באם טעלעפאָן. — דזשירא־דזשירא. — אן אייביקער קנעכט. — בירא־בידזשאנער פראַגמענטן. — פרייַנטשאַפט. — צווישן בערג. — אן איידעס. — באם שייַן פון שייַטערס. — יאָרצייַט־ליכט. — דער סקולפּטאָר. (רוסיש).

60. באם דניעפּער. ב. 1. פּענעק. מ., מעלוכע־פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור, 1960, 423 ז. (מיט א פּאָרטרעט). פון יידיש — ב. כ. טשערניאַק. רעד. ל. סלאווין. (רוסיש).

61. באם דניעפּער. ב. 2. יונגע יאָרן. מ., מעלוכע־פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור, 1960, 470 ז. פון יידיש — מ. מ. באמדאס און צ. ל. בערגעלסאָן. רעדאקציע און נאָכוואָרט פון עמ. קאזאקעוויטש. (רוסיש).

62. אויסגעווײלטע ווערק. (רעדאקציע פון ה. רעמעניק). מ., מעלוכע־פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור, 1961, 764 ז. (מיט א פּאָרטרעט). אינהאלט: „דאָוויד בערגעלסאָן“ — פאָרוואָרט פון ה. רעמעניק. — דער טויבער. — נאָך אלעמען (אלע פיר טיילן). — יאָרשים. — דרויב. — א ראָמאן. — איינעמס א וועג. — באם טעלעפאָן. — הערשל טאָקער. — צווי ראַצכים. — איבערגעבורט. — דזשירא־דזשירא. — פרייַנטשאַפט. — אין שייַן פון שייַטערס. — אן איידעס. — יאָרצייַט־ליכט. — דער סקולפּטאָר.

באמערקונגען.

אין 2־טן באנד „ווערק פון דאָוויד בערגעלסאָן“ (ייִסראָעל, 1962, העברעיִש) ווייַזט אָן נאכמען מייַזיל (ז. 615), אז אין 1948 איז דערשינען די 5־טע אופלאַגע פונעם צווייטן בוך „באם דניעפּער“ („יונגע יאָרן“). דאָס איז א טעות. אין 1948 איז דערשינען די 2־טע אופלאַגע פונעם דאָזיקן בוך און ניט די 5־טע (זע „באמערקטע פעלערן“ צום סאָף פונעם בוך). דאָס ערשטע בוך „באם דניעפּער“ („פּענעק“) האָט געהאט בלויז 4 אופלאַגעס אין יידיש און ניט קיין 5, ווי נ. מייַזיל ווייַזט אָן (דעהייַנע: אין 1932, 1933, 1936 און 1947). אין די ליטעראַרישע דאטעס פעלט אויך דאָס בוך: אויסג. ווערק. מ., 1961 (זע № 62).

דער זעלבער טאָעס מיט דער צאָל אופלאַגעס פונעם „באם דניעפּער“ איז אויך דערלאָזט געוואָרן אינעם בוך „יידישע פּובליקאציעס אין ראַטנפאַרבאנד. 1917—1960“, יערושאַלאַיִם, 1961). אין דעם דאָזיקן בוך זיינען אויך דורכגעלאָזט פאָלגנדיקע ביכער פון דאָוויד בערגעלסאָן, וואָס זיינען דערשינען אין יידיש אינעם סאָוועטנפאַרבאנד:

1) ארום וואָקזאַל. קיעוו. „יידישער פאָלקספאַרלאַג“, 1919, 93 ז.

2) צווי וועגן פארנאכט. קיעוו, „יידישער פאָלקספאַרלאַג“, 1919, 12 ז.

3) דער טויבער. מ., „דער עמעס“, 1936, 47 ז.

4) באם טעלעפאָן. מ., „דער עמעס“, 1939, 46 ז.

אבא פינקעלשטיין

סאַמויל מאַרשאַק

1887—1964

אין דער לעצטער מינוט פארן שליסן דעם נומער איז אָנגעקומען די דערשיטערנדיקע ידיעה וועגן טויט פון סאַמויל מאַרשאַק. עס איז געשטאָרבן איינער פון די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, א דיכטער, וואָס איז באליבט בא מיליאָנען און מיליאָנען לייענער אין סאָוועטנפארבאנד און אויסער זיינע גרענעצן.

עטלעכע דורעס סאָוועטישע מענטשן זיינען פון די סאַמע פריִע קינדער־יאָרן אופגעוואקסן מיט מאַרשאַקס ליד. דאָס איז געווען דאָס ערשטע קינסטלערישע וואָרט, וואָס האָט זיי באגעגנט אין לעבן און באהעפט צו עכטער פּאָעזיע. מאַרשאַק איז דער גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער קינדער־ליטעראַטור. ער איז געווען א צאַרטער ליריקער און לייַדנשאַפטלעכער פּובליציסט, א קעמפערישער סאַטיריקער און אומדערמידלעכער געזעלשאַפטלעכער טוער. עס איז ניט אָפּצושאַצן זיין פילאַרטיקן בייַטראָג אין אונדזער קולטור און ליטעראַטור. אין קלאַסישע איבערזעצונגען האָט מאַרשאַק אנטפּלעקט פאַר אונדז אוצרעס פון דער וועלט־קולטור. שעקספּיר און הייַנע, בערנס און פּעטעפי, פּאַוועל טיטשינא, לייב קוויטקאָ, נאַזים כיקמעט, שמועל האלקין, סאַלאָמייע נעריס, מוסא דזשאַליל זיינען אדאנק אים פאַרייגנט געוואָרן דורך דער רוסישער פּאָעזיע.

דער ליכטיקער נאָמען פונעם גרויסן דיכטער, וווּנדערבארן מענטשן, איינעם פון די באַדייַטנדיקסטע שרייַבער פון אונדזער צייַט וועט אָף אייביק פארבלייַבן אין אונדזער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור.

כאַיִם לויצקער

געבוירן אין 1898 אין קאַניעוו (אוקראַיִנע). קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1925. וווינט אין קיִעוו.

וואָרט, ריטם, גראַם

פאַר דער לעצטער צײַט איז בא אונדז אין לאַנד באַזונדערס שטאַרק אויסגעוואַקסן דער אינטערעס צו דיכטונג. דאָס איז דער בעסטער סימען, אַז די פּראָבלעם „פיזיקער און ליריקער" איז אַ צוגעטראַכטע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּאָעזיע קאָן גאַנץ גוט קאָעקזיסטירן מיט דער וויסנשאַפט און טעכניק, אַז פּונקט פאַרקערט: דער ריזיקער שפּרונג פונעם „ראַציאָ" אין אַלע געביטן פון דער מענטשלעכער טעטיקייט, געקייפּלט אַפן ענטוזיאַזם פון קאָמוניסטישער בויונג, באַרײַכערט די דיכטונג, פּילט זי אָן „מיט נײַעם, מיט ברייטן, מיט אייגענעם נאָך ניט געגאַנגענעם גאַנג" (ד. האָפשטיין).

די ייִדישע סאָוועטישע דיכטונג איז אַלע יאָרן געווען איינער פון די שטאַרקסטע פּאָעטישע אַטריאַדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. איר קראַפט, ווי די קראַפט פון דער גאַנצער סאָוועטישער פּאָעזיע, באַשטייט קודעמקאָל אינעם הויכן אידייִיש-קינסטלערישן אינהאַלט, אינעם גוואַלדיקן עמאָציאָנעלן אָנלאָד אירן, אין איר פּאַרטייִשקײַט און פאָלקישקײַט.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט, ווי באַוווּסט, אַף אַ ריי באַגעגענישן מיט דער שעפערישער אינטעליגענץ אין דעקאַבער 1962 און מאַרט 1963 באַטאָנט די דאָזיקע לענינישע פּרינציפּן, וועלכע זײַנען שטענדיק געלעגן און וועלן ליגן אין יעסאָד פון אונדזער סאָציאַליסטישער קולטור.

די פּאַרטיי האָט ווידער צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון די שרײַבער און קונסט-טוער צו די גרונט-האַנאָכעס פון דער פּאַרטיי-פּאָליטיק אַפן געביט פון קונסט און ליטעראַטור אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס אַ טייל קינסטלער, באַזונדערס אייניקע יונגע, בעסויכעם דיכטער, האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּשלאָגן פונעם ברייטן רעאַליסטישן וועג פון אונדזער קונסט אַף די שמאָלינקע, געשלענגלטע סטעזשקעלעך פון פאָרמאַליזם און אַבסטראַקציאָניזם.

בעשײַטע האָבן באַזונדערע פאָרשטייער פון דער ייִדישער דיכטונג אויך געצאָלט צינש פאַרשיידענע פאָרמאַליסטישע טענדענצן. דאָס איז געווען אין די ערשטע נאָכאָקטיאַבער-יאָרן און איז אַמבוילעטסטן געקומען צום אויסדרוק אין דער פּאָעטישער שפּראַך פון די דאָזיקע דיכטער, וואָס האָט זיך אַלץ מער דערווײַטערט פון אירע פאָלקסטימלעכע קוואַלן, געוואָרן מעטושטעש און פאַרנעפּלט. טיילווײַז איז דאָס געווען אַ מיטל אויסצומײַדן דערווײַל אַ קלאָרן ענטפער אַף די נײַע לעבנס-דערשײַנונגען, וואָס די רעוואָליוציע האָט געבראַכט מיט זיך, אָפטער איז עס געווען געבונדן מיט זוכן נײַע פאָרמען פאַרן נײַעם אָקטיאַבערישן אינהאַלט, און מיט דער צײַט זײַנען די אַלע שרײַבער — ווער פריִער, ווער שפּעטער — געקומען צו געלײַטערטער רעאַליסטישער שילדערונג. איז גרונט איז די הויפּט-מאַגיסטראַל פון אונדזער דיכטונג, אַלס אָרגאַנישער טייל פון דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור, געווען רעאַליזם.

די הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע ייִדישע פּאָעזיע שטייט פעסט אַף די פּאָזיציעס פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, איר אינהאַלט און אירע קונסט-מיטלען זײַנען רײַך און פאַרשיידנאַרטיק, איר שפּראַך איז פאַרביק און צוגעגלעכט. זײַן פּאַרטייִש און פאָלקיש הייסט, צווישן אַנדערס, אויך זײַן צוטריטלעך און פאַרשטענדלעך. אין זײַן רעדע אַף דער זיצונג פון דער אידעאָלאָגישער קאָמיסיע באַם צענטראַל-קאָמיטעט פון קפּסס מיטן אָנטייל פון יונגע שרײַבער, מאָלער, קאָמפּאָזיטאָרס, טוער פון קינאָ און טעאַטער דעם 26 דעקאַבער 1962 האָט דער כ׳ איליטשאָוו געזאָגט: „די סאָוועטישע קונסט ווערט געשאַפן פאַרן פאָלק. זי דאַרף אויפהייבן, באַפליגלען, באַגײַסטערן מיליאָנען מענטשן אַף בויען די נײַע געזעלשאַפט, פאַרייניקנדיק דעם ווילן און דעם געדאַנק פון די מאַסן. נאָר צי דען קאָנען אָט די אויפגאַבן אויספילן ווערק, וועלכע זײַנען ניט פאַרשטענדלעך, ניט צוטריטלעך, דערגייען ניט צום האַרץ און באַוווּסטזײַן פונעם צושויער, צוהערער, לייענער?". אַנאַליזירנדיק אונדזער פּאָעזיע פאַר די לעצטע יאָרן, קאָנען מיר אָן צווייפל באַהויפּטן, אַז זי רעדט מיט איר לייענער אַף אַ פּאָפּולערער, פאַרשטענדלעכער שפּראַך, דערבײַ איז די אַמפּליטודע פון צוגענגלעכקײַט דאָ אַ גאַנץ ברייטע: פון י. שטערנבערגס אינטעלעקטועל-פּובליציסטישער לעקסיק און קאָמפּליצירטן זאַצבוי ביז ש. דריזס דורכזיכטיקער קלאָרקײַט.

בא דער באַדײַטנדיקער מערהײַט פון אונדזערע דיכטער איז דער שפּראַך-סטיל אַ פאָלקסטימלעכער. גאַנץ אָפט טרעפט מען אַפילע אָן, באַזונדערס אין די לידער פון מ. גרוביאַן, ש. דריז, מ. טייף, ז. טעלעסין, מ. כאַראַץ, י. קערלער אאַ., אַף דער פּאָעטיש דערהויבענער פאָלקס-פראַזעאָלאָגיע און אידיאָמאַטיק. דאָס באַרײַכערט די בילדערישקײַט, שאַפט דעם פאָלקסטימלעכן קאָלאָריט פון דער ליד.

אַמאָל אָבער געשעט, אַז אַ דיכטער ניצט אַ פראַזעאָלאָגישן אויסדרוק ניט צום אָרט און דערפון ווערט דאָס בילד פאַרקריפּלט. אָט האָבן מיר, אַשטייגער, אַ סטראָפע פון מ. כאַראַץ ליד „אויפבוי" („סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 1, 1961): „מאָרגן עפן איך אַ טיר, שטעל אַ בעט אַרײַן, און אַ טיש אַף אַלע פיר, און אַ לאָמפּ מיט שײַן..." לויטן קאָנטעקסט דאַרף מען פאַרשטיין, אַז דער אַוטאָר

מיינט דאַ א געוויינלעכן טיש, וואָס האָט פיר פיסלעך. אָבער קעגן ווילן פונעם אווטאָר רופט דאָס בילד „א טיש אַף אַלע פיר" ארויס אן אַסאָציאַציע מיטן פראַזעאָלאָגישן אויסדרוק „קריכן אַף אַלע פיר" און עס באַקומט זיך א ניט פּאַסיקער און ניט געוואונטשענער ניואַנס אינעם באַטייַט.

דעם פאָלקס־נוסעך אין אונדזער דיכטונג פאַרשטאַרקט די פּאָעטישע מאַניר פון סטיליזירן אָדער פּאַראָדירן די פאָלקסליד. גאַנץ ברייט און געלונגען ווענדט אָן די דאָזיקע מאַניר אין זייַנע פּאָעמעס, צום בייַשפּיל אין דער פּאָעמע „דאָס גאָלדענע עפּעלע" („סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 3, 1962[1]), מ. טייף.

איינפאַלעריש איז זי דערלאַנגט אין א. ווערגעליסעס פּאָעמע „איך רעד צו דיר, אַמעריקע" (נומ. 5, 1962), וואָס לויט איר טעמע, קאָן זיך דוכטן פונעם ערשטן קוק, איז זי גאַנץ ווייַט פון דער פאָלקסליד. די פינפטע ליד פון דער פּאָעמע איז ניט בלויז ריטמיש געבויט ווי די טראַדיציאָנעלע פאָלקסליד, נאָר זי פאַרמאָגט אויך רעמיניסצענצן מיט שאָלעם־אַליכעמס וויגליד, ווו ס'איז אָפּגעשפּיגלט דער אַמאָליקער טרוים פון דער פאַרפּיר־טער אַרעמשאַפט וועגן „גאָלדענעם לאַנד". די סטראָפעס פון שאָלעם־אַליכעמס זייער פּאָפּולערער ליד, וועלכע ווערגעליס ציטירט, שטרייַכן נאָך מער אונטער די אַנטוי־שונג אין דעם דאָזיקן לאַנד. דאָס ווערט אין דער פּאָעמע אויסגעדריקט אין די ווערטער פונעם אייניקל צום זיידן אַף אַזא פאָלקסטימלעכן אופן: „שוין פאַרלאָפן וויפל יאָרן, און דער לוין איז קנאַפּ: ביסט קיין ראָטשילד ניט געוואָרן אין דעם הייסן שאַפּ"... דורכגעדרונגענע מיט טיפן נאַציאָנאַלן טרויער, פונקט ווי אונטערגעהערטע באַם פאָלק, קלינגען די ווערטער: „ס'כאַפּט ארום דאָס האַרץ אַן איימע, דאָס געוויסן מאָנט: ניט פאַרגעסן קיינמאָל־קיינמאָל אין די זעקס מיליאָן"...

מיטן פאָלקסטימלעכן נוסעך, מיט דער צוגענגלעכער און נאַטירלעכער פאָלקס־שפּראַך קאָנטראַסטירן אָפּטמאָל אייניקע סופּערפּובליציסטישע לידער אָדער באַזונדערע סטראָפעס און פּערזן, וועלכע ווערן אָן, איבער דער גע־דיכטקייט פון זייער פּובליציסטישער לעקסיק, אין דער פּאָעטישער לייַכטקייט און צוגענגלעכקייט. מיר האָבן דאָ אין זינען ניט די פּובליציסטישע שפּראַך ביכלאַל, וואָס האָט אַמאָל, אין דער עסטעטיזירנדיקער דיכטונג, זיך גערעכנט פאַר א שוואַכקייט, נאָר אירע היפּערטראָפירטע פאָרמען. פאַר אונדזער פּאָעזיע, וואָס איז פאַרטייִיש־קאַמ־פּעריש, וואָס טראָגט מיט זיך א צילגעווענדטן געזעל־שאַפטלעך־פּאָליטישן פּאַטאָס, — איז פּובליציסטישקייט, פאַרקערט, א מייַלע. זי איז שוין געוואָרן א טױשעװ אין דער סאָוועטישער דיכטונג. מאַיאַקאָווסקיס טראַדיציע אין אָט דעם פּראַט איז זייער פּראָדוקטיוו אויך אין דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג.

דער פּובליציסטישער שטראָם איז גאַנץ אָנזיכטיק בא א סאַך אונדזערע פּאָעטן, איבערהויפּט אין די לידער און פּאָעמעס פון ה. אָשעראָוויטש, א. ווערגעליס, י. שטערנבערג אאַ. די פּובליציסטישע שטעלן קומען דאָ אין צו־זאַמענהאַנג מיטן פּאָלעמישן אָדער אָדעאַרטיקן אינהאַלט פונעם דיכטערישן ווערק און גיסן זיך אָרגאַניש צונויף מיט זייַן לירישער גרונט־סטיכיע. אַף וויפל די פּובלי־ציסטישע לעקסיק, וואָס ווערט דערבייַ געניצט, איז ניט אָפּגעריסן פונעם פאָלקס־גייַסט פון דער שפּראַך, איז זי געוואונטשן. ס'טרעפט אָבער, אַז דער דיכטער גיט א שפּאַן אַף ליטעראַרישמעסיקע, שוועראַוואַגיקע שטאָלצן, קומט ארויס מיט אַזא קינסטלעך־געבויטן זאַץ, מיט אַזא קאָמ־פּליצירטן סינטאַקס, וואָס פאַרדייען אים איז שווער. דאָ האָבן מיר שוין צו טאָן מיט סופּערפּובליציסטיק. אָט, צום בייַשפּיל: „אַ ווייַ, ווי פּלוצעם אויסגערינען ס'איז מייַן גרויסער טאַט, ווי לעסטערונגען קלינגען די מיך לויבנדיקע ווערטער", אָדער: „מוז איך דערוועבן מייַן פאַרדינטע שטראָף". די דאָזיקע האַמעטנע אויסדרוקן זייַנען גענומען פון ה. אָשעראָוויטשעס זייער אינטערע־סאַנטער פּאָעמע „מאַיאָר קלאָד איזערלי" (נומ. 6, 1962), וואָס וואָלט בעפּייערעש געווונען, ווען זי פאַרמאָגט ווייני־קער אַזעלכע און ענלעכע קאָנסטרוקציעס.

אין אייניקע לידער פון אונדזערע דיכטער טרעפן מיר בילדער, וואָס ווערן געבויט מיט אַזעלכע שפּראַך־מיטלען, וואָס, לויט מייַן מיינונג, איז ניט נייטיק זיי צו קולטי־ווירן, אַף וויפל זיי זייַנען געבונדן מיט שוין לאַנג אָפּגעלעבטע אַסאָציאַציעס. צום בייַשפּיל: „ווען ס'ברענט דאָס לייַב, ווי יונגער סכאַך" (אי. באַרוכאָוויטש), אָדער „דערפאַר האָב איך אייַך ליב אַזוי, דרייַ שטערנדלעך, צעשטעלטע, ווי א סעגל" (כ. מאַלטינסקי). וואָס זאָגן דעם הייַנטיקן לייענער די דאָזיקע פאַרעלטערטע פאַרגלייַכן? איך רעד שוין ניט דערפון, וואָס אין ערשטן פאַל איז דאָס וואָרט „סכאַך" צו ברייט געטייַטשט. סכאַך איז בלויז דאָס גרינס, וואָס מע דעקט דערמיט א סוקע, ניט צווייַגן־ברוך, ווי ס'ווערט פאַרשטאַנען פונעם קאָנטעקסט.

און אָט איז אַן אַנדער בייַשפּיל — אויך בא מאַלטינ־סקין: „פּלי, וויסטער קריג, אין כאַאָס האַרע־כווישעך". „כאַאָס" אליין איז ניט אָפּגעפּרעגט, „האַרע־כווישעך" אליין קאָן אפילע קלינגען פאָלקסטימלעך. ס'גייט דאָ ניט אין העברעיזמען, האַגאַם וועגן דעם דאַרף מען אויך ריידן, אָבער איין קאָנדענסירטער וואָרט־באַהעפט פון דרייַ העברעיזמען נאָכאַנאַנד זעצט אַראָפּ די גלייַטערט־קייט פון דער פּאָעטישער שפּראַך.

ניט אייַנגעבירגערטע העברעיזמען איז אין אונדזער דיכטונג צו טרעפן, וואָלט איך געזאָגט, מער ווי גענוג: אַווידע, מייַסע־בערײשיס, אַוויילעס, מישקוילעס אדג. ס'איז ניט שייַעך צו האַמעווען אָט דעם שטראָם בא דיכ־טער, בא וועלכע די העברעיזמען זייַנען אַן אָרגאַנישער קאָמפּאָנענט פון סטיל, דאָך דאַרף מען אונטערשיידן, ווען אַזעלכע העברעיזמען זייַנען קינסטלעריש פּראָדוקטיוו און ווען זיי קומען צוליב פאַלשער סטיליזאַציע און דאָן שטערן זיי נאָר דער אופאַסונג פונעם דיכטערס מיין.

פּראָדוקטיוו זייַנען יענע העברעיזמען, וואָס דריקן אויס א באַשטימט מעטאַפאָריש בילד. אָט באַגעגענען מיר בא כ. ווייַנערמאַנען: „מיט אַלע כושים איך דערשפּיר דעם שיר־האַשירים פון דעם פויגלשן אָרקעסטער". די מעטאַ־פאָר „שיר־האַשירים" איז אַן אוניווערסאַלער באַגריף און איז דאָ גאַנץ באַרעכטיקט. צי, לעמאָשל, „פון ווייַט האָט געדאַכט, אַן א פידל אין וואַלד קלאָגט אויס פון זייַן האַרץ אַן איילמאַלע" (מ. טייף). די מעטאַפאָר „איילמאַלע" איז געשיכטלעך טאַקע געבונדן מיטן רעליגיעזן ריטואַל, — איצט איז עס שוין אָבער גיכער א נייטראַלער שטיגער־באַגריף און קלינגט אין דעם קאָנטעקסט פאָלקסטימלעך. אַזעלכע און ענלעכע העברעיזמען, ווי אַריכעס־יאָמים, יעפּאַס־טויאַר, מאַזל־בראָכע, זינגען שירע אדג. פאַרטונ־קלען ניט דאָס בילד, אַדראַבע — זיי גיבן אָפּט צו א נייַע

---

[1] אומעטום, ווו מיר וועלן זיך ווייַטער פאַרופן אַף ווערק, געדרוקטע אין „סאָוועטיש היימלאַנד", וועט אָנגע־וויזן ווערן בלויז דער נומער און דאָס יאָר.

פארב דעם דיכטערישן געמעל, פארשטייט זיך דעמלט, ווען זיי פאסן זיך הארמאָניש איַין אין אים.

דאָרט אָבער, וווּ דער העברעיִזם איז ניט פארשטענדלעך, מאכט ער אינגאנצן צונישט דאָס בילד:

אין זונען־אַרעאָל א פויערטע שוועבט דורך
פיס־באַרוועס,
פון ברוסט די פרייד זיך פליעסקט ארויס אָן
אַרוועט(?)
(י. שטערנבערג, נומ. 1, 1961).

„אַרוועס" איז אהער צוגעצויגן קינסטלעך און צווינגט דעם לייענער זיך ברעכן דעם קאָפּ, וואָס מיינט דערמיט דער אווטאָר.

קיין איבעריקע קלאָרקייַט קומט ניט צו אויך פון א ריי אנדערע אזעלכע העברעיִזמען, — טאקע בא י. שטערנבערגן, אשטייגער: דער איינסאָף־וועג (נומ. 1, 1961), נאָזיר, אשמוירע (נומ. 2, 1961), פּיַיער־קינים, יאם־האטיכן (נומ. 2, 1962) אא., צי, אשטייגער, בא ש. רויטמאנען: בויע־בעשאָלעם, נעזירים, סאָרעס (עפשער סראָרעס? (נומ. 6, 1963). די מערהייַט פון אָט די ווערטער און וואָרט־באהעפטן פארמאָגן גאנץ געניע עקוויוואלענטן אינעם געוויינלעכן, ניט־געקינצלטן ייִדיש.

ס׳טרעפן, פארקערט, אזעלכע העברעיִזמען, וואָס זיַינען דאפקע פארשטענדלעך, נאָר זיי פאסן ניט איבער אן אנדער סיבע. אשטייגער: „צוליב איר, מיַין קינד, מיַין מאַלעך, שווימט מיַין קאָפּ אין יאם" (מ. גרוביאן, נומ. 1, 1962). „מאלעך" איז שוין א גאנץ באנאל געשטאלט, אן אַפּגעניצטע מעטאפאָר (обветшалая метафора, ווי פושקין דריקט זיך אויס וועגן אזעלכע „באפוצונגען"), און אין א הייַנטצייַטיקער ליד קאָן זי געברויכט ווערן עפשער נאָר מיט איראָניע...

ביכלאָל איז ניט וויכטיק דער „ייִכעס" פון די געניצטע ווערטער. דעריקער איז, זיי זאָלן אויספילן די קינסטלערישע פונקציע אין ווערק. דאָס, וואָס איז געזאָגט וועגן העברעיִזמען, האָט א שייַכעס אויך צו ווערטער פון אנדערע לעקסישע קוואלן. אָט זאָגט מ. טייף: „דער בייזער מאָרעשכוירעניק, דער וואָראָן" (נומ. 1, 1961). „וואָראָן" אָנשטאָט דעם ליטעראריש־ייִדישן „ראָב". מע טאָר ניט, האלט איך, צוליב געדאכטער פאָלקסטימלעכקייַט אריַינפלעכטן אין געוועב פון דער ליד ניט איַינגעבירגערטע סלאוויזמען, ווי פארשטענדלעך זיי זאָלן ניט זיַין. דאָס זעלבע איז ניט ריכטיק צו ניצן „מאטעריקן" (א. ווערגעליס, נומ. 2, 1962) אָנשטאָט דעם ליטעראריש־ייִדישן „קאָנטינענטן", „סקאלע" אָנשטאָט „פעלדז" (ש. רויטמאן, נומ. 6, 1963). אנדערש איז מיט סלאווישע זשארגאָניזמען, אפילע דיִאלעקטיזמען, ווען זיי ווערן געברויכט צוליב סטיליזאציע. צום בייַשפּיל: „בראטאָק", „כלאָפּצעס", (א. ווערגעליס, נומ. 3, 1961), „שוהייַעט", „סומנע", „דושעניו־סערדצע" (ז. טעלעסין, נומ. 1, 1961). דאָ זיַינען זיי צום אָרט.

אלס ניט־פּראָדוקטיווע עקספּערימענטאטאָרישקייַט, וואָס שוואכט אָפּ די פארשטענדלעכקייַט פונעם טעקסט, דארפן פארעכנט ווערן אויך אזעלכע וואָרט־בילדונגען:

„צוזאם מיט די ווערעם, וואָס ווימלען;
צוזאם מיט די בלימלעך אין פלאקער;
צערייַס אירע אינערע דרימלען;
עס טאָגט? עס נאכט? שטאָק־דעמער־גרוי"...
(י. שטערנבערג, נומ. 1, 1961).

„דו האָסט דערלאָזט, עס זאָל געשען,
איז ענטפער איצט, דערלאָזער"...
(ה. אָשעראָוויטש, נומ. 2, 1961).

אזא קינסטלעכע נעאָלאָגיזאציע איז געווען זייער גאנגבאר בא די אמאָליקע פוטוריסטן און האָט דעם אויספּרווו פון דער צייַט ניט אויסגעהאלטן...

מע קאָן מיר דאָ זאָגן, אז בענעגייע די אלע בייַשפּילן, וואָס כ׳האָב געבראכט, קאָן מען נאָך שטרייַטן, אז דאָס זיַינען ניט קיין גראָבע גרייַזן. איך האָב אָבער בעקיוון דאָ אָפּגערירט דאפקע מיט ניט קיין גראָבע גרייַזן. א גראָבער גרייַז איז ניט מער ווי א צופעליקייַט, א רעזולטאט פון פארזען. פיל באלערנדיקער און פּראָדוקטיווער, מיין איך, איז אָפּשטעלן זיך גראָד אף אזעלכע סאָפּעקדיקע ערטער. אונדזער דיכטונג געפינט זיך אף אזא ניוואָ, די שפראך־קולטור פון אונדזערע דיכטער איז אין גרונט אף אזא מאדרייגע, אז מיר קאָנען זיך עס פארגינען, קעדיי וויַיטער שלייַפן און פארפולקומען דאָס פּאָעטישע וואָרט.

• • •

ס׳איז ניט שייַעך צו זאָגן, קימאט ביז דער אָקטיאבערערע איז אין הילכעס ריטם ניט געווען אין דער דיכטונג קיין שום ספייקעס. ס׳האָבן געהערשט פעסטע, סטאבילע קאנאָנען — דער אזויגערופענער סילאביש־טאָנישער פערזנבוי. אלע ריטמען האָבן זיך אריַינגעלייגט אין סדאָם־בעטל פון צוויי צווייפוסיקע (כאָריי און יאמב) און דרייַ דרייַפוסיקע (דאקטיל, אמפיבראכי, אנאפּעסט) פערזן־טאקטן, און ס׳איז געווען אבסאָליוט קלאָר, אז אויווער זיַין אף אָט די פעסטע און באשטימטע קלאָלים הייסט — „צעשטערן דעם ריטם", פעלשן אינעם פערזנבוי...

איצט איז דער איניען אָן אן ערעך קאָמפּליצירטער, דער פערזנבוי אין דער הייַנטצייַטיקער פּאָעזיע איז געוואָרן א סאך פילארטיקער: כוץ דער סילאביש־טאָנישער סיסטעם, וואָס איז געבויט אפן רעגלמעסיקן בייַט פון אקצענטירטע און ניט־אקצענטירטע טראפן, האָט אין אונדזער דיכטונג שוין פון די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן אָן בירגער־רעכט דער א. ג. ווערליברישער פערז, וואָס איז געבויט אף דער אינטאָנאציאָנעל־סינטאקסישער, ניט סילאבישער (טראפישער) באזע. דאָס איז דער ריין־טאָנישער פערזנבוי, וווּ די צאָל און דאָס אָרט פון ניט־אקצענטירטע טראפן ווערט אין פערז אינגאנצן ניט גענומען אין אכט; דאָס איז אויך דער א. ג. „דאָלניק" — א מין איבערגאנג פון דער סילאביש־טאָנישער צו דער ריין־טאָנישער ריטמישער סיסטעם.

ס׳זיַינען פאראן צווישן די לייענער (אויך צווישן די דיכטער) אזעלכע, וועמען ס׳איז אזוי באקוועם און היימלעך אין די דאלעדאמעס פון דער אלטער, „אויסגעפּרווּווטער" סילאביש־טאָנישער סיסטעם, אז זיי ווילן ניט הערן — ניט זען פון אנדערע ריטמישע גענג. מע קאָן, פארשטייט זיך, ניט מאסקים זיַין מיט זיי. דאָס לעבן איז געוואָרן קאָמפּליצירטער, פילקאנטיקער; קאָמפּליצירטער און פארשיידנארטיקער איז אויך געוואָרן די געפילן־וועלט פונעם דיכטער, — און דאָס פאָדערט א גרעסערע פארשיידנארטיקייַט פון ריטמען.

קאָדיפיצירן דעם געברויך פון ריטמען, קאנאָניזירן איינע און פארבאָטן אנדערע, „צופעסטיקן" אזא פערזנמאָס צו אזא און אזא אינהאלט און שטימונג פון דער ליד איז קיינער ניט אימשטאנד. דער דיכטער האָט פאר זיך א ברייט פעלד אָנצוּווענדן וועלכע ריטמען ער וויל לויט

זײַן געשמאַק און דיכטערישער אינטויִציע. דאָך זאָל מיר דערלויבט זײַן ארויסצוזאָגן א מיינונג אין דער דאָזיקער ערנסטער פראַגע.

יאָ, דער דיכטער איז געוויס פרײַ צו ניצן וואָס פאַר א ריטמען ער וויל, אָבער — אין די אינטערעסן פון דער דיכטונג, אויך אין די אינטערעסן פונעם לייענער איז, רעכן איך, נייטיק, אַז אין די ראַמען פון איין ליד זאָל דער דיכטער זיך האַלטן בײַ איין באַשטימטער מעטרישער סיסטעם און קאָנסעקווענט זי דורכפירן פון אָנהייב ביזן סאָף.

דאָס מישן איין סיסטעם מיט א צווייטער אין די ראַמען פון איין ליד מאַכט זי אַריטמיש און דעזאָריִענטירט דעם לייענער, רויבט בײַ אים אָפּ א היפּשן טייל עסטעטישן גענוס. הייבסט אָן לייענען די ליד, גרייטסט זיך צו זי אויפנעמען אויף א באַשטימטן ריטמישן „שליסל", פּלוצעם — א בערגל: דער דיכטער איז אַריבער אויף אן אַנדער ריטם. זאָל זײַן אויף א רעגע, אָבער עס ווענדט אָפּ פונעם אינהאַלט פון דער ליד, שטערט דעם איינהייטלעכן אײַנדרוק.

וואָס הערט זיך אין פּראַקטיק פון ריטם אין אונדזער דיכטערישער באַלעבאַטישקייט?

מיר וועלן לאָזן אין א זײַט די פרײַערע ריטמען פונעם ווערליבר. דאָס איז נאָך א ניט באַאַרבעט פעלד, און ס'פעלן אויס אָביעקטיווע קריטעריען. מירן באַטראַכטן די ריטמישע אָרגאַניזאַציע פון לידער, וואָס זײַנען געבויט אויף דער סילאַביש־טאָנישער סיסטעם.

דער פאַרשפרייטסטער גרײַז אין דער ריטמיק איז, ווען אין א ליד מיט א באַשטימטער פערזנמאָס רײַסט זיך אַרײַן איינע־צוויי שורעס מיט אן אַנדער פערזנמאָס. אָט איז א בײַשפּיל פון דעם מין.

די גאַנצע ליד איז געבויט אויף יאַמב, און פּלוצעם — כאָריי:

> ...און ווען די גאַנצע וועלט פאַרכידעשט
> האָט אין הימל הויך דעם קאָפּ פאַרהויבן,
> האָט ער — איינאיינציקער —
> געקוקט פון הימל אויף דער ערד.
>
> (ד. בראָמבערג, נומ. 1, 1961).

אָפּווײַכונגען פונעם פערזנבוי אין די ראַמען פון איין מעטרישער סיסטעם זײַנען, מיין איך, באַרעכטיקט נאָר דאַן, ווען דאָס ווערט געטאָן מיט א באַשטימטער קאַוואָנע: צוליב א קינסטלערישער פּאַוזע, צוליב פאַרשטאַרקונג, באַזונדערער אַקצענטירונג, גרעסערער אויסדריקלעכקייט פון דעם אַקאָרד־פערז אאַוו. אָבער די געבראַכטע בײַשפּילן און פילצאָליקע אַנאַלאָגישע פאַלן ווײַזן ניט קיין שום באַזונדערן קינסטלערישן מיין, — ס'איז פּאַשעט, ווײַזט אויס, נאַכלעסיקייט און ניט גענוגנדיקע זאָרג פאַר דער ריטמישער שטײַפקייט פון דער ליד.

כאַראַקטעריסטיש: אין דער רוסישער דיכטונג, וווּ די ריטם־טראַדיציעס זײַנען סטאַבילערע, ווי בײַ אונדז, זײַנען אַזעלכע דערשײַנונגען, ווי דאָס שפּרינגען פון איין פערזנמאָס אויף א צווייטער, א זעלטנהייט. ס'איז אויך אינטערעסאַנט, אַז ווען מיר פאַרגלײַכן די אָריגינאַלן בײַ אייניקע דיכטער אונדזערע (אַשטייגער, ש. דריז, ר. באַליאַסנע אאַ.) מיט די צומאָל אַווטאָריזירטע איבערזעצונגען פון אָט די לידער אין רוסיש, באַמערקן מיר גלײַך, אַז די אַלע ריטמישע ניטגלאַטקייטן פונעם אָריגינאַל ווערן אין די איבערזעצונגען ניט רעפּראָדוצירט.

...אין „ווײַסן פערד" זײַנען, ווי באַוווּסט, געשריבן א סאַך שעקספּירס דערשיטערנדיקע טראַגעדיעס, פּושקינס געניִאַלע דראַמאַטישע ווערק און אויך אייניקע פון זײַנע בעסטע לידער. דאָך איז שווער צו לייקענען, אַז גראַם איז איינער פון די וויכטיקסטע קאָמפּאָנענטן אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער ליד. „דער גראַם... העלפט מיט דעם אַלגעמיינעם קינסטלערישן אײַנדרוק, רוקט אַרויס די בילדער, באַטאָנט די געדאַנקען, שטרײַכט אונטער די מוזיק פונעם ריטם" (וו. בריוסאָוו). „אָנעם גראַם וועט די ליד זיך צעשיטן" (וו. מאַיאַקאָווסקי).

ווי ביכלאַל אין די פראַגן וועגן דער ריטמאָ־מעלאָדישער סטרוקטור פון דער ליד, איז אויך אין פּראַקט פון גראַם ניטאָ קיין גרענעץ פון „מע מעג" און „מע טאָר ניט". די אַמפּליטודע פון ניצן דעם גראַם איז ביז גאָר א ברייטע — אָנהייבנדיק פון פּינקטלעכן גראַם, וואָס די קלאַסישע דיכטונג איז ניט אָפּגעטראָטן פון אים אויף קיין האָר און וועלכער פאַרנעמט נאָך אַדהאַיאָם דעם אויבנאָן אין דער הײַנטצײַטיקער דיכטונג, און ענדיקנדיק מיטן אַסאָנאַנס, וואָס האַלט זיך צומאָל אויף איין קלאַנג.

„מעגן" מעג מען טאַקע, ווי שוין געזאָגט, אַלץ, און ס'איז דאָ ניט שײַעך צו פּאַסקענען אָדער רעקאָמענדירן. דאָך פרעגט זיך: צי זײַנען אַלע קאָנקרעט געברויכטע גראַמען אַלצײַנס פולווערטיק? מיר דוכט, אַז ניין.

ווי אין געביט פון פערזנבוי, דאַרפן אויך אין פּראַקט פון גראַם עקזיסטירן, מיין איך, געוויסע — זאָל זײַן פרײַערע — גרענעצן. יעדנפאַלס, ס'לאָזט זיך דיפערענצירן „בעסערס" און „ערגערס" און אויך ניט געלונגענס. וואָרעם מע דאַרף דאָך זײַן קאָנסעקווענט: איז דער גראַם א וויכטיקער אינסטרומענט אין דער וואָרט־פאָרעמונג פון דער ליד, דאַרף ער זײַן א שאַרפער, אן עפעקטיווער.

די איבערוועגנדיקע מערהײַט גראַמען, וואָס ווערן גענוצט אין אונדזער דיכטונג, זײַנען פּינקטלעכע. בערעך ניט קיין סך טרעפן מיר צווישן זיי גראַמען, געבויטע אויף איינאַרטיקע גראַמאַטישע אויסבילדונגען, בעסויכעם א.ג. „ווערבישע גראַמען", ווי: באַגעגנט — געזעגנט, טראָגן — זאָגן, האַלטן — שפּאַלטן אדג.; אָדער פון אַנדערע וואָרטקלאַסן: לידעלע — פידעלע, גוירהאָלעס — בעהאָלעס אדג. אַזעלכע גראַמען קאָן מען פאַבריצירן אָן שום דיכטערישן אָנשטרענג, און זייער פּאָעטישער עקוויוואַלענט איז א גאַנץ קנאַפּער. ווען זיי וואַרפן זיך בלויז דורך וווּ־ניט־וווּ, איז מאַכטייסע, אויף וויפל זיי שאַפן א גינסטיקן שאָטן פאַר די פרישערע גראַמען. וואָרעם א שטראָם פון אויסשליסלעך אָריגינעלע, קאָמפּליצירטע גראַמען איז אויך א קליינע מײַלע: אַזא היפּערטראָפירטע ווערסיפיקאַציע שאַפט אַן אײַנדרוק פון קינסטלעכער פאָרמאַליסטישער גראַמען־זשאָנגלירונג און זעצט אַראָפּ די פּאָעטישע אומיטלבאַרקייט. ווען אָבער די „אויסגעדראָשענע" גראַמען זײַנען די איינציקע אָדער קימאַט די איינציקע באַלעבאַטים אין דער ליד, — איז שוין, דוכט מיר, גלײַכער אינגאַנצן אָן א גראַם... צום גליק, איז אונדזער דיכטונג ווײַט דערפון.

פרישע, אָריגינעלע, אומדערוואַרטע און קאָמפּליצירטע גראַמען און אַסאָנאַנסן, וואָס זיי האָט מאַיאַקאָווסקי הויך געשעצט און אָפט גענוצט, — זײַנען ניט קיין זעלטנקייט בײַ אונדזערע דיכטער: יעלאָלעס — שטאָל איז (ה. אָשעראָוויטש); ברונעמס — רו נעם (אי. באָרוכאָוויטש); בלעטער — בעט ער (א. גאָנטאַר); שוץ אים — רעוואָליוציע (מ. גרוביאַן); פאַרפלאַנצט עס — ראַדיִאָ־סטאַנציעס, פאַרויכערן — קויך איר, צאַר גייט — דערהאַרגעט (א. ווערגעליס); טאַמעז — טאַם איז, דערקען שוין — מענטשן (מ. טייף); א גוואַלד ווערט — צעוואַלגערט,

שלעפ איך — טעפעך (ז. טעלעסין). אלטקייט — וואלדקייט (מ. ליפשיץ),ביימער — גיי מיר (מ. סאקציער); פאַלעס — קאַל איז (י. קערלער); קוילעס — גרויל איז, דער וועג איז — רעגעס (י. שטערנבערג) אא.

א געווינס פאר דער וואָרט־אינסטרומענטירונג פון דער ליד איז אויך דער א.ג. האָמאָנימישער גראם, דה. ווען די גראמען־פּאָר באשטייט פון קלאנגלעך אלציינע ווערטער, גאָר מיט פארשיידענע באטײַטן, צום בײַשפּיל:

...און ס׳טוט מיך שוין ניט רעגן...
...און ערגעץ גייט א רעגן.

(אי. באָרוכאָוויטש)

אף מאָסקווע־טײַך דער בריק פון שטיין...
און וועט אזוי שוין אייביק שטיין.

(א. גאָנטאר)

און, ווי א זאַקן, כ׳היט א טראָפּן זון...
...ווער זאָגט, אז איך בין עלטער פון מײַן זון.

(מ. ליפשיץ)

ניט מיט רייד האָסט מיך געלערנט, ביסט מיר ליבער
פון א טאטן,
און ביז הײַנט נאָך דײַנע ווערטער בלוטיקן מיט
דײַנע טאטן.

(ש. רויטמאן)

צו אָט דער קאטעגאָריע קאָן מען אָנשליסן דעם דיִאלעקטאל־האָמאָנימישן גראם:

ווערטער זײַנען שטיקער הארץ,
ווערטער זײַנען שפּליטערס ארץ.

(ה. אָשעראָוויטש).

אָבער מע קאָן ניט פארעכענען אין דער דאָזיקער אינטערעסאנטער קאטעגאָריע דאָס איבערכאזערן צום סאָף פון פערז איינס און דאָס זעלבע וואָרט מיט איינעם און דעם זעלבן באטײַט:

ס׳וועט קומען א טאָג, ווען איך וועל שוין ניט זײַן,
איך שטעל זיך ניט פאָר, וויִאזוי וועט עס זײַן.

(ד. כײַקין)

דאָס איז א קוואזי (א קלוימערשטער)־גראם.

דער גראם פילט אויס אן אקצענטירנדיקע פונקציע. דעריבער איז ניט פאסיק שטעלן צום גראם א באהילפיק וואָרט, וואָס קאָן אף זיך בעדערעך קלאל ניט טראָגן דעם לאָגישן אקצענט. אָט איז אזא מין גראם:

נאָר פּרווו זיך ווער מיט מיר פארגלײַכן,
ווען ליד רײַסט אוף מײַן שטומקײַט, ווען
די ווײַטן הייבן אָן זיך שלײַכן
בא מײַנע אויסגעשטרעקטע הענט.

(אי. באָרוכאָוויטש, נומ. 5, 1962).

באזונדערס ווארפט זיך אין די אויגן די קינסטלעכקײַט פונעם גראם, ווען דאָס געגראמטע וואָרט איז א הילף־ווערב און דער באשטימיקער ווערב־טייל געפינט זיך אף דער אנדערער שורע:

דערגרייכט אים ביזן הארץ... א צי אים האָט
צו זיי געטאָן...

(ש. רויטמאן, נומ. 3, 1961).

און באזונדערס ניט געלונגען איז דער גראם, וועלכן ס׳שאפט א וואָרט, וואָס פאסט ביכלאל ניט אינעם געהעריקן קאָנטעקסט:

און זאָל זיך די ביטערע צײַט ניט א קער טאָן (?),
ווען קומען עס פלעגן געמאכטע קאָנווערטן.

(ד. בראָמבערג, נומ. 1, 1962).

דער גראם איז בעפיירעש א גוטער, אָבער ווי קומען אהערצו די ווערטער „א קער טאָן“? אגעוו, קינסטלעך איז דאָ אויך — צוליב ריטם, ווײַזט אויס — „קומען“ (אָנשטאָט „אָנקומען“) און „געמאכטע“ (געמיינט, ווײַזט אויס, ניט קיין פאבריק־קאָנווערטן).

קינסטלעך, ספּעציִעל צוליבן גראם איז געניצט דאָס וואָרט „פריידן“ אינעם פערז: „דער באָכער האָט פארשטעלט דאָס פּאָנעם אזש פון פריידן“ (א. ווערגעליס, נומ. 2, 1961), אָנשטאָט — פון פרייד, צוליב דעם גראם מיט „מיידל“. „פריידן“ ווערט נאטירלעך געניצט בלויז אין פראזעאָלאָגישן אויסדרוק „דערמאָנען אין פריידן“.

ס׳איז ניט פארבאָטן צו ניצן דיִאלעקטאלע גראמען, נאָר אויב אין זינען האָבן, אז דער גראם זאָל זײַן עפעקטיוו פארן לייענער פון יעדן דיִאלעקט, — דארף דער דיכטער זיך שטעלן איבער זײַן אייגענעם דיִאלעקט און ניט גראמען יי מיט וי, א מיט אָ, אָ מיט ו אאוו. ער דארף האָבן אין זינען, אז, אשטייגער, פארן לייענער מיטן אוקראַיִניש־יִדישן דיִאלעקט גילטן ניט אלס גראם די ענד־ווערטער „געגלייבט“ און „לוי“ (מ. טייף, נומ. 1, 1961), „באַהויכט“ און „הייך“ (אי. באָרוכאָוויטש, נומ. 3, 1961) אדג.

בא דער גאָרער פרײַקײַט אינעם ניצן אסאָנאנסן איז דאָך שווער אופצוכאפּן ווילקלאנג אין אזעלכע גראמען, וואָס האלטן זיך בלויז אף אן איין־און־איינציקן וואָקאל אָדער דיפטאָנג אָן שום אָנשפּאר אף עפּעס א קאָנסאָנאנט פאר אָדער נאָך דעם געגראמטן קלאנג: פּאָנעם — דלאָניע (אי. באָרוכאָוויטש, נומ. 2, 1961); שויב — אויג, צווײַגן — בלײַבן (י. בוכבינדער, נומ. 1, 1962) אא.

לויט דער רוסישער ווערסיפיקאציע איז דער מענלעכער גראם אין אן אָפענעם טראף גילטיק אין די פאלן, ווען דער אקצענטירטער וואָקאל אָדער דיפטאָנג „שפּארט זיך אָן“ אף א קאָנסאָנאנט אינעם לעצטן טראף:
земЛЯ—КремЛЯ, судьБА — гербА, всегДА — звезДА, герОЙ — строЙ אדג.

טראָץ דעם איז אין דער יִדישער גראמען־פּראקטיק פון לאנגאָנען אײַנגעפירט, אז מע גראמט טראפן בלויז מיטן איינעם אקצענטירטן וואָקאל אָדער דיפטאָנג צום סאָף: „מי — גלי, ווי — פלי, שניי — זאוויי, גרוי — אזוי“ אדג. „א מינהעג ברעכט א דין“ — זאָגט א גלײַכווערטל: די דאָזיקע שוואכקײַט לעגאבע אנדערע ליטעראטורן מוז מען, לעסברייִרע, סאנקציִאָנירן, וואָרעם ס׳איז שוין צו א פארשפּרייטע דערשײַנונג אין דער גאָרער געשיכטע פון דער יִדישער דיכטונג — א טראַדיציע, וועלכע ס׳איז ניט קעדײַ צו ברעכן. מע דארף אָבער זיך אָפּגעבן א דינווערעזשבן, אז אין אָט דעם פראט זײַנען מיר עטוואָס הינטערשטעליק, און יענער דיכטער, וואָס זאָרגט באזונדערס פאר דער פילקלינגעוודיקײַט פון זײַנע גראמען, דארף זיך דאָ אָריִענטירן אף דער אָנגענומענער ווערסיפיקאציע אין אנדערע ליטעראטורן.

...מיר האָבן באטראכט אונדזער נײַע פּאָעזיע פון א ספּעציפישן שטאנדפּונקט, אזוי צו זאָגן פון אייניקע טעכנאָלאָגיש־פאָרמעלע ראקורסן, אָבער אפילע אזא שמאָלע אָפּהאנדלונג דוכט מיר צו זײַן אין א געוויסער מאָס ניצלעך. אלנפאלס באווײַזט זי בוילעט, אז די הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע יִדישע דיכטונג איז אין גרונט ווײַט פון פאָרמאליסטישע ווירקונגען. ניט בלויז אין אינהאלט, נאָר אויך אין פאָרם, אין פראט פון וואָרט־אָנווענד און פּאָעטישער וואָרט־אינסטרומענטירונג גייט זי פוסטריט מיט דער גאָרער פילנאציִאָנאלער סאָוועטישער פּאָעזיע.

קורצע רעצענזיעס

אַ מערקווירדיק בוך

כיל אַראַנסאָן (כיל אַראָן). בילדער און געשטאַלטן פון מאָנפּאַרנאַס. פּאַריז, 1963.

לעכאַטכילע, ווען מע נעמט דאָס בוך אין האַנט און מע קוקט אַדורך די בילדער, ווי עס פירט זיך בא אונדז, קינסטלער, ווילט זיך עס אָנהייבן לייענען; קריכט מען אַרײַן אין לייענען, איז ניט אָפּצורײַסן זיך. דערנאָך קומט אַ צווייט געפיל, — אַז דאָס איז אַ בוך, וואָס נעמט אַראָפּ אַ ווײַסן פלעק אין דער קונסט־קענטעניש, אין דעם דערלערנען די ווערק פון די ייִדישע מײַסטערס, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער הײַנטצײַטיקער פראַנצויזישער קונסט פון אַלע ריכטונגען. און נאָך מער: אַז דאָס איז אַן אויצער, וואָס גיט אַ מעגלעכקײַט זיך צו באַקענען מיט דער סוויווע און די באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳איז געוואַקסן די קונסט פון הײַנטיקן מײַרעוו מיט איר צענטער אין פּאַריז.

עמעס, ס׳איז שווערלעך פון אײַנטאָניקע רעפּראָדוקציעס באַקומען אַ פולע פאָרשטעלונג וועגן מאָלערײַ. נאָר דאָך... קאָל דיכפּין...

אין אַ פײַנעם לעבעדיקן ייִדיש דערציילט כיל אַראָן וועגן די קינסטלער פון פּאַריז: וועגן זייער שאַפונג, זייער לעבן, זייערע שטרעבונגען. דער לייענער באַקאַנט זיך מיט די גרעסטע און אינטערעסאַנטסטע ייִדישע און אויך אַ ריי ניט ייִדישע מאָלער, פּלאַסטיקער פון אונדזער יאָרהונדערט. גענוג אָנרופן אַזעלכע נעמען, ווי מאַרק שאַגאַל, מאָדיליאַני, סוטין, פּאַסקין, מאַנע קאַץ, כאַנע אָרלאָווע, קרעמען, קאַרס, זאַדקין, ליפּשיץ, און אויך די נעמען פון פּיקאַסאָ און אוטריאָ, עס זאָל ווערן קלאָר דער באַדײַט פונעם בוך, אין וועלכן וועגן יעדן פון די דאָזיקע קינסטלער איז אָנגעשריבן אַ קאַפּיטל, וואָס באַטראַכט זײַן שאַפונג־ און לעבנס־וועג.

דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט אַ בריוו פון מאַרק שאַגאַל, אין וועלכן דער גרויסער קינסטלער דריקט אויס זײַן אָנערקענונג פאַרן אויפטו פונעם מעכאַבער. אין דער האַקדאָמע דערציילט כיל אַראָן וועגן דעם וועג, וואָס האָט אים געפירט און געבראַכט צו קונסט, וועגן זײַן טעטיקײַט אויף אָט דעם געביט, צוערשט אין וואַרשע, דערנאָך, פון 1927 יאָר, אין פּאַריז, ווו ער האָט זיך געקאָכט און געבאָדן אין קעסל פון קינסטלער און שרײַבער, אין דעם אויסטערלישן קולטור־שעפערישן צענטער, וואָס הייסט מאָנפּאַרנאַס.

און אָט קומט דאָס ערשטע קאַפּיטל: „דער צושטײַער פון ייִדן צו דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער קונסט“. דאָס איז ניט קיין קליינער צושטײַער: „שוין אין דער צווייטער העלפט פון XIX יה., — דערציילט דער אווטאָר, — האָבן ייִדישע מאָלער אין פאַרשיידענע לענדער אַוועקגעשטעלט זיך ווי ערשטראַנגיקע מײַסטערס, אפילו אויף געוויסע געביטן פאַרנומען אַ פירנדיקע פּאָזיציע, ווי, צום בײַשפּיל, איסאַק לעוויטאַן אין דער רוסישער לאַנדשאַפט־מאָלערײַ, מאַקס ליבערמאַן אין דײַטשישן אימפּרעסיאָניזם, ווי ערנסט יאָזעפסאָן — דער פאָטער פון דער שוועדישער מאָדערנער מאָלערײַ, יוסעף איזראַעלס אין האָלאַנד, מאַוריצי גאָטליב אין פּוילן און דער באַרימטער פראַנצויזישער אימפּרעסיאָניסטישער מײַסטער קאַמיל פּיסאַראָ“. דער מעכאַבער באַהאַנדלט ווײַטער דעם בײַטראָג פון די ייִדישע קינסטלער אין דער מאָלערײַ פון אונדזער צײַט, דערבײַ שטרײַכט ער אונטער דעם הומאַניזם, דעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, די עמאָציאָנעלקײַט, וואָס די קינסטלער האָבן אויסגעדריקט אין זייער שאַפן.

זייער אינטערעסאַנט זײַנען די קאַפּיטלען, וועלכע מאָלן די פּאַריזער סוויווע, די קינסטלערישע אַטעליעס פון מאָנפּאַרנאַס, די פּאַריזער קונסט־זאַמלער, קונסט־הענדלער, מעצענאַטן, אַוקציאָנען, די פּאַריזער קאַפעהײַזער, ווו ס׳פלעגן זיך זאַמלען קינסטלער, דיכטער, שרײַבער, פרײַנט פון די קינסטלער. דאָס איז אַ דערציילונג וועגן דעם שוידערלעך שווערן לעבן פון גרויסע מײַסטערס, פון וועלכע אַ ריי זײַנען ניט זעלטן, ערשט נאָכן טויט, געוואָרן וועלט־באַרימט.

און דאָ ווילט זיך **אונטערשטרײַכן, אַז דער מעכאַבער** איז ניט קיין קאַלטער איידעס אָדער באַאָבאַכטער. מיט אַ הייסער, פילבאַרער נעשאָמע מאָלט ער די שעפער פון דער קונסט, צו וועלכער ער האָט אַן עמעסדיקן כויש.

כיל אַראָנס „קונסט און קינסטלער“ באַהאַנדלט די שאַפונג און דאָס לעבן פון העכער אַכציק קינסטלער און איז רײַך אילוסטרירט מיט רעפּראָדוקציעס. דאָס בוך דאַרף מען לייענען און קוקן. קוקן און קוקן — באַוווּנדערן די ריזיקע אַרבעט, אין וועלכער עס הערשט דאָס שיינע, נאָבעלע און וואָס רופט אַרויס אַנציקונג און דאַנקבאַרקײַט צו די מערקווירדיקע קינסטלער און צום אומדערמידלעכן מעכאַבער.

מענדל גאָרשמאַן.

כראָניק

אין מאָסקווע, אַפן פּלאַץ, וואָס אַנטקעגן דעם האָטעל „אוקראַיִנע“, איז פײַערלעך אַנטהילט געוואָרן אַ דענקמאָל דעם גרויסן אוקראַיִנישן פּאָעט טאַראַס גריגאָריעוויטש שעוו־טשענקאָ. אַפן פילקעפּיקן מיטינג איז מיט אַ רעדע וועגן דעם געניאַלן קאָבזאַר אַרויסגעטראָטן ניקיטאַ סערגייעוויטש כרושטשאָוו. עס האָבן אויך געהאַלטן רעדעס דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אוקראַיִנע פּ. יע. שע־לעסט, דער אַרבעטער פון זאַוואָד אַף וולאַדימיר איליטשס נאָמען א. א. קובאַרעוו, דער פּאָרזיצער פו־נעם אַלפאַרבאַנדישן יובּליי־קאָמי־טעט אַף דורכפירן דעם 150־טן גע־בורטסטאָג פון ט. ג. שעווטשענקאָ ניקאָלײַ טיכאָנאָוו.

■

פאָרשטייער פון 43 פעלקער האָבן זיך באַטייליקט אין די יובּליי־פײַערונגען, געווידמעט דעם 150־טן געבורטסטאָג פון טאַראַס שעוו־טשענקאָ. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רומפולער דאַטע איז אין קיִעוו פאָרגעקומען אַ פאַרייניקטער פּלע־נום פון די פאַרוואַלטונגען פון די שרײַבער־פאַרבאַנדן פון פּססר און אוססר און אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאָרום פון קולטור־טוער.

אין באַשטאַנד פון דער דעלעגאַ־ציע פון די מאָסקווער שרײַבער אַף די שעווטשענקאָ־פײַערונגען איז גע־ווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ אַרן ווער־געליס.

■

בײַם זײַן באַזוך אין קיִעוו האָט א. ווערגעליס געהאַט אַ ריי באַגעגע־נישן מיט די אָרטיקע ייִדישע שרײַ־בער. עס איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אינעם הויז פונעם שרײַ־בער־פאַרבאַנד פון אוקראַיִנע אַ באַ־ראַטונג פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ מיט די קיִע־ווער אַווטאָרן, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט דער פאַראַנטוואָרט־לעכער סעקרעטאַר פונעם זשורנאַל מישע לעוו, ריווע באַליאַסנע, יאָסל בוכבינדער, מוישע דובינסקי, נאַ־טאַן זאַבאַרע, אַווראָם קאַהאַן, אי־ציק קיפּניס, פּיניע קיריטשאַנסקי, כאַיִם לויצקער, מישע מאָגילעוויטש, הערשל פּאָליאַנקער, יעכיִעל פאַליק־מאַן, כאַצקל טאַבאַטשניקאָוו, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי, דאָרע כײַקין, עליע שעכטמאַן, שלוימע טשערניאַווסקי.

עס זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן אַ ריי פּראַקטישע פראַגן וועגן דער מיטאַרבעט פון די קיִעווער שרײַבער אין „סאָוועטיש היימלאַנד“. די אָנ־טיילנעמער פון דער באַראַטונג האָבן דערציילט וועגן זייערע שעפערישע פּלענער, וועגן די ווערק, וואָס זיי גרייטן פאַרן זשורנאַל.

אַרן ווערגעליס האָט אויך געהאַט אַ שמועס מיטן סעקרעטאַר פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון אוססר וואַ־סילי קאָזאַטשענקאָ וועגן פראַגן, וואָס זײַנען נוגע דער אַרבעט פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער אין אוקראַיִנע.

■

דער זשורנאַל „סאָוועטישע ליטע־ראַטור אַף אויסלענדישע שפּראַכן“, וועלכער דערשײַנט אַף ענגליש, דײַטש, שפּאַניש און פּויליש, האָט אונטער דער רובריק „ייִדישע דיכ־טער“ פאַרעפנטלעכט אין זעקסטן נומער פון אַלע זײַנע אויסגאַבעס לידער פון מוישע טייף, דאָוויד בראָמבערג, מאָטל גרוביאַן, אַווראָם גאָנטאַר, יאַנקעוו שטערנבערג, שיקע דריז אאַ.

דער דאָזיקער לידער־איבערבליק ווערט באַגלייט מיט אַן אַרײַנפיר־וואָרט.

נײַס פון אָדעס

די אָדעסער אַקאַדעמישע ביבּליאָ־טעק אַף גאָרקיס נאָמען איז איינע פון די גרעסטע ביבּליאָטעקן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָ געפינען זיך מיליאָנען פאַרשיידענע אויסגאַבעס. צווישן די דאָזיקע אוצרות פאַר־נעמט אַ בעקאָוועדיקן אָרט אויך די ייִדישע ליטעראַטור. עס זײַנען דאָ פאַראַן די ווערק פון די קלאַסי־קער — מענדעלע מויכער־ספאָרים, י.־ל. פּערעץ, שאָלעם־אַלייכעם (שאָ־לעם־אַלייכעם איז פאָרגעשטעלט מיט העכער צוויי הונדערט אויסגאַבעס), די רעוואָליוציִאָנערע דיכטונג (ווינ־טשעווסקי, עדעלשטאַט, באָווש־אָווער), די ווערק פון עטינגער, אַקסנפעלד, לינעצקי, דינעזאָן, אַווראָם רייזען, ווײַסענבערג, פּינסקי, פּרוג, גאָרדין, שאָלעם אַש, אָפּאַטאָשו. ברייט איז פאָרגעשטעלט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור.

■

איבער נײַע ווערק אַרבעטן די ייִדישע שרײַבער פון אָדעס.

אירמע דרוקער האָט אָנגעשריבן אַ נײַע דערציילונג „שטייט אויף צו נעגינע“.

אײַזיק הובערמאַן, וועמעס פּיעסן „טראָגט אונטער די געליבטע טיול־פּאַנען“ און „קאַלעס דאַרפן ניט ווײַ־נען“ זײַנען מיט דערפאָלג געגאַנגען אין אָדעסער אָפּערעטע־טעאַטער, האָט לעצטנס פאַרענדיקט אַ גרע־סערע דערציילונג „באַ אונדז אין פּעלשטין“.

כאָנע ווײַנערמאַן אַרבעט איבער אַ פּאָעמע, וועלכע שילדערט די שטורמישע טעג פון 1917 אין אָדעס. דאָס דאָזיקע ווערק גרייט דער דיכטער צום פופציקסטן יאָר־טאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליו־ציע.

נאָטע לוריע שרײַבט דעם דריטן טייל פונעם ראָמאַן „הימל און ערד“.

■

די אָדעסער געזעלשאַפטלעכקײַט האָט אָפּגעמערקט דעם 60־טן גע־בורטסטאָג פונעם געלערנטן, דאָק־טאָר פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן, פּראָפעסאָר שאָול באָראָוואָי. צום יו־בּליי האָט די וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּססר אַרויסגעלאָזט אין אַ באַ־זונדער אויסגאַבע שאָול באָראָוואָיס נײַ ווערק וועגן דער דעקאַבריסטן־באַוועגונג. שאָול באָראָוואָי איז אַ מיטאַרבעטער פון דער סאָוועטישער היסטאָרישער ענציקלאָפּעדיע, ווו ער האָט אָפּגעדרוקט עטלעכע אַר־טיקלען, פאַרבונדן מיט דער ייִדישער געשיכטע: „וועליזשער איניען“ (בלוט־בילבל), „געטאָ“, אַן אַרטיקל וועגן דעם ייִדישן היסטאָריקער ה. גרעץ אאַ.

■

אין צוזאַמענהאַנג מיטן 20־טן יאָרטאָג זינט דער באַפרײַונג פון דער העלדן־שטאָט האָט אינעם קינסטלערישן מוזיי זיך געעפנט אַן אויסשטעלונג פון בילדער פון אָדע־סער קינסטלער. די אויפמערקזאַמ־קײַט פון די פילצאָליקע צושויער ציט צו דאָס פּרעכטיקע בילד „לענין“, געמאָלט פונעם פאָלקס־קינסטלער פון סאָוועטנפאַרבאַנד

נײַעס פון אויסלאַנד

אין מאָסקווער פארלאג „מאָלאָדאיא גוואַרדיִא“ אין דערשינען א בוך פון וו. טאָמין און א. סינעלניקאָוו „אומקערן זיך איז ניט געווונטשן“, אין וועלכן עס ווערט דערציילט וועגן דעם העראָישן אופשטאַנד פון די געפאנגענע אינעם טויט־לאַגער סאָביבור. דאָס ווערק איז געשאפן געוואָרן אפן סמאך פון דאָקומענטאלע מאטעריאלן, וואָס געפינען זיך אין די ארכיוון פונעם סאָוועטנפארבאנד, פוילן, ייִסראָעל און פראנקרײַך.

ארויסגעגעבן איז דאָס בוך אין א מאסן־טיראַזש. איליוסטראַציעס פונעם קינסטלער איגאָר סאָלדאטענקאָוו.

■

די כאָרעאָגראַפישע שול באַם מאָסקווער גרויסן טעאַטער (פּעדאַגאָגן — די פארדינסטפולע ארטיסטן פון פסםר ס. גאָלאָווקינא און ס. מעסערער) האָט לעצטנס אופגעפירט א נײַע שטעלונג פונעם באלעט „דער באָטשאָן“ פונעם קאָמפּאָזיטאָר דמיטרי קלעבאנאָוו לויט דער ליברעטאָ פונעם ייִדישן דיכטער און דראַמאטורג מוישע פּינטשעווסקי.

דעם נײַעם וואריִאנט פונעם קינדער־באַלעט האָבן געשטעלט די באַלעטמייסטערס, פארדינסטפולע קונסט־טוער פון דער רוסלענדישער רעפּובליק א. ראַדונסקי, ל. פּאָספּעכין און נ. פּאָפּקאָ.

אין ניו־יאָרקער פארלאג „ט. יאָסעלאָף“ איז דערשינען אין ענגליש א בוך פון רוט רובין „שטימען פון א פאָלק“.

די באקאנטע זאמלערן, פאָרשערן און אויספילערן פון פאָלקסלידער דערציילט פאָפּולער וועגן דער גרויסער באדײַטונג פונעם ייִדישן פאָלקס־געזאנג.

דאָס בוך באקענט דעם לייענער מיט די שאפונגען פון וועלוול זבארזשער, בערל בראָדער, עליאָקום צונזער, אווראָם גאָלדפאדען, מ. ווארשאווסקי, מ. געבירטיג און אויך מיט די באקאנטע פאָלקס־לידער פון שאָלעם־אליכעם, אווראָם רייזען, ש. פרוג אא. אינעם בוך ווערן אויך אנאליזירט די לידער פון די פּיאָנערן פון דער ארבעטער־פּאָעזיע מאָריס ווינטשעווסקי, דאָוויד עדעלשטאט, יויסעף באָוושאָווער און מאָריס ראָזענפעלד.

א באזונדער קאפיטל איז געווידמעט דער ייִדישער פאָלקס־שאפונג אין סאָוועטנפארבאנד. צום סאָף פונעם בוך ווערט געגעבן אן איבערבליק פון די לידער, וועלכע זײַנען געשאפן געוואָרן דורך אומבאקאנטע אווטאָרן אין די געטאָס און פארטיזאנישע מאכנעס.

■

אין פּאַריזשער טעאַטער „סטודיאָ שאנז־עליזעי“ איז אופגעפירט געוואָרן אין פראנצויזיש א נײַע פּיעסע פונעם באוווּסטן פּראָגרעסיוון ייִדישן דראמאטורג כאַיִם סלאָוועס „מיט א געהויבענעם קאָפּ“. די דראמע שילדערט די לעצטע מאָמענטן פונעם העלדישן אופשטאנד פון ווארשעווער געטאָ.

דאָס נײַע דראמאטישע ווערק פון כאַיִם סלאָוועס איז אן אופטרייסלענדיקער דאָקומענט וועגן ווידערשטאנד און קאמף. די פראנצויזישע פּרעסע און באזונדערס די „הומאַניטע“, „ליבעראַסיאָן“ און די „נײַע פּרעסע“ האָבן זיך ווארעם אָפּגערופן וועגן דער פּיעסע, וועגן דעם רעזשי און דער שפּיל פון די אקטיאָרן, באצייכענענדיק די פאָרשטעלונג אלס וויכטיקע קולטור־געשעעניש.

ערע זייער אָנדענק

אין ניו־יאָרק איז געשטאָרבן דער פּראָגרעסיווער ייִדישער דיכטער ארן קורץ.

ארן קורץ איז געבוירן געוואָרן אין 1891 אין אָסווע, געוו. וויטעבסקער גובערניע. אין 1911 האָט ער עמיגרירט קיין אמעריקע, ווו ער האָט זיך פארנומען מיט פארשיידענע מעלאָכעס.

אין 1916 האָט ארן קורץ אָפּגעדרוקט זײַן ערשטע ליד אין דער פילאדעלפער צײַטונג „ייִדישע וועלט“. אָנהייבנדיק פון 1926, האָט ער זיך געדרוקט אויסשליסלעך אין דער פּראָגרעסיווער פּרעסע.

די לעצטע יאָרן האָט ארן קורץ רעדאגירט א פּעריִאָדישע אויסגאבע „הײַנטיקע לידער“. זײַענדיק שוין שווער קראנק, האָט ער פארעפנטלעכט אין דער „מאָרגן־פרײַהײַט“ א ריי נײַע לידער.

■

נאָך א לאנגדויערנדיקער קראנקײַט איז אין מינסק געשטאָרבן איינער פון די אקטיווע מיטבויער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור ליימע ראָזענהויז.

אין מעשעך פון א סאך יאָרן איז ליימע ראָזענהויז געווען א מיטגליד פון רעדקאָלעגיע פון דעם מינסקער ליטעראריש־קינסטלערישן זשורנאל „שטערן“. זײַנע ארטיקלען אף ליטערארישע און פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע טעמעס פלעגן שטענדיק צוציִען צו זיך די אופמערקזאמקײַט פונעם לייענער.

מ. באָזשיא; די גרויסע לײַוונטן פונעם פּראָפעסאָר ל. מוטשניק — „מיר וועלן זיך נאָך אומקערן“ און „דעסאנט־אָפּעראציע אין דאָרף גריגאָריעווקע“, ווו עס ווערט געשילדערט א פארביסענער שלאכט אין יאם; א. שעליוטאָווס פּאָרטרעט פון אי. טערזעמאן — דעם קאָמענדאנט פון די קאטאקאָמבעס, ווו עס האָבן זיך געפונען די פארטיזאנער; יו. שטיוועלמאנס בילד „א גוט־יאָמטעוו, העלדן־שטאָט“; ג. קריזשעווסקיס „מאטראָסן“; א. וועקסלערס „רעקוויִעם“ — א ייִד אין געטאָ שפּילט אף א פידל; פּ. פּארכעטס „דער העלדנסאָט פון די יאם־לײַט“; ג. שפּאָליאנסקיס „אין רייס“; א. פּאָסטעלס „אופגעבויטער האפן“; די סקולפּטור פון וו. פליאדין „אין נאָמען פון לעבן“; אי. שענקערס פארביקע לינאָגראווויור „הינטער שטעכיקן דראָט“ אא.

■

איינע פון די שענסטע גאסן אין איליטשאָווער ראיאָן פון אָדעס איז די גאס, וועלכע טראָגט דעם נאָמען פונעם גרויסן ייִדישן פאָלקס־שרײַבער שאָלעם־אליכעם. פאר דער לעצטער צײַט איז די שאָלעם־אליכעם־גאס געוואָרן נאָך שענער. עס זײַנען דאָ אויסגעוואקסן נײַע פּרעכטיקע געבײַדעס און זי איז דורכויס באזעצט געוואָרן מיטביימער.

■

צוויי קאָנצערטן מיטן אָנטייל פון די ייִדישע עסטראדע־ארטיסטן אנא שעוועליאָווא און בראודע זײַנען פאָרגעקומען אין גרויסן זאל פון אָדעסער פילהארמאָניע. בראודע האָט פאָרגעלייענט ווערק פון שאָלעם־אליכעם, אנא שעוועליאָווא האָט געזונגען ייִדישע פאָלקסלידער און אויך נײַע לידער פון די ייִדישע סאָוועטישע דיכטער. דער עולעם האָט ווארעם אופגענומען זייערע ארויסטרעטונגען.

שרייבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

◆ דעם 7 יול ווערט 80 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער באַרימטער ראָמאַניסט און דראַמאַטורג, דער פלאַמיקער קעמפער קעגן פאַשיזם ליאָן פויכטוואַנגער.

ל. פויכטוואַנגער שטאַמט פון א רײַכער ייִדישער פאַמיליע אין מינכען (דײַטשלאַנד). זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט האָט ער אָנגעהויבן אין 1903 מיט א בוך פאַרצייכענונגען. ברייט באַוווּסט איז ער געוואָרן מיט זײַנע סאָציִאַל־היסטאָרישע ראָמאַנען. אַלס שרײַבער האָט פויכטוואַנגער דורכגעמאַכט א קאָמפּליצירטן און ווידערשפּרעכלעכן וועג. אין פאָרוואָרט צו דער רוסישער אויסגאַבע פון זײַנע ווערק אין 1938 האָט ער געשריבן: „צוויי געשעענישן האָבן באַשטימט מײַן ליטעראַרישע אַנטוויקלונג: די איבערלעבונגען פונעם אימפּעריִאַליסטישן קריג און די עקזיסטענץ פון דער סאָציִאַליסטישער געזעלשאַפט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. אָט די ביידע געשעענישן האָבן מיר מיטגעהאָלפן צו באַפרײַען זיך פון געוויסע פאָרורטיילן פון דעם קלאַס, פון וועלכן איך שטאַם און אין וועלכן איך האָב דעם גרעסטן טייל פון מײַן לעבן פאַרבראַכט“.

ליאָן פויכטוואַנגערס אַלע ווערק, סײַ אף היסטאָרישע, סײַ אף הײַנטצײַטיקע טעמעס, זײַנען פאַרבונדן מיט די אַקטועלע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון דער ערשטער העלפט פון XX יה., דעריקער מיטן קאַמף קעגן ווילקיר און אומגערעכטיקײַט, קעגן נאַציִאָנאַליזם און פאַשיזם. פויכטוואַנגער טרעט אומעטום אַרויס אַלס פאַרטיידיקער פון די פּראָגרעסיווע קוויכעס פון דער געזעלשאַפט, דעמאַסקירט די רעאַקציע אין די פאַרשיידנאַרטיקסטע פאָרמען, וואָס זי נעמט אָן אין באַזונדערע עפּאָכעס פון דער געשיכטע.

אין זײַנע ווערק האָט ל. פויכטוואַנגער אויסגעניצט פאַרשיידענע מאָטיוון פון דער ייִדישער געשיכטע („ייִד זיס“, די טרילאָגיע וועגן יויסעף פלאַוויִוס „דער ייִדישער קריג“, „די שפּאַנישע באַלאַדע“, „ייִפטאָכס טאָכטער“ אא.). ער האָט גוט געקענט די ייִדישע און העברעיִשע שפּראַכן און איז געווען באַהאַוונט אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור.

אין 1933, ווען אין דײַטשלאַנד איז צו דער מאַכט געקומען דער היטלעריזם, האָט ל. פויכטוואַנגער עמיגרירט קיין פראַנקרײַך. פון 1940 האָט ער געוווינט אין אַמעריקע, וווּ ער איז געשטאָרבן דעם 21 דעקאַבער 1958.

◆ דעם 12 יול 1904 איז געבוירן געוואָרן דער אָנגעזעענער פּאָעט פון דאָרעם־אַמעריקע פּאַבלאָ נערודאַ (זײַן עמעסער נאָמען — נאַפטאָלע רעיעס.)

זײַן שעפערישן וועג האָט פּ. נערודאַ אָנגעהויבן אין די צוואַנציקער יאָרן ווי א ליריש־ראָמאַנטישער דיכטער. אונטערן אײַנפלוס פון די היסטאָרישע געשעענישן הייבט ער אָן אַלץ מער צו פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און ווערט מיט דער צײַט איינער פון די לײַדנשאַפטלעכסטע קעמפער קעגן מילכאָמע און פאַשיזם.

זײַן לידער־בוך „שפּאַניע אין האַרצן“ האָט נערודאַ געשריבן אין די טראַנשייען בײַם דעם בירגערקריג אין שפּאַניע אין יאָר 1937. אין דער צײַט פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן דײַטשישן פאַשיזם און באַזונגען דעם העלדישן קאַמף פון די סאָוועטישע פעלקער. זײַן מאָנומענטאַל ווערק „דאָס אַלגעמיינע ליד“ איז געווידמעט דעם דויערסדיקן געראַנגל פאַר פרײַהײַט פון די פעלקער פון לאַטײַן־אַמעריקע.

פּאַבלאָ נערודאַ איז אַן אַקטיווער טוער אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין טשילי.

◆ דעם 14 יול ווערט 75 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער סאָוועטישער ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער ייִצכאָק נוסינאָוו.

י. נוסינאָוו איז דער אוטאָר פון א ריי טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען איבער אַלגעמיינע ליטעראַריש־קינסטלערישע פּראָבלעמען: „פראַגן פון היסטאָרישן ראָמאַן“, „די אָביעקטיווע באַדײַטונג פון א קינסטלעריש ווערק“, „פראַגן פון מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־פאָרשונג“, „ראָמאַנטיזם און פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור“, „פּראָבלעמען פון פּאָזיטיוון העלד אין דער בורזשואַזער ליטעראַטור“ אא. פון זײַנע אין רוסיש געשריבענע ווערק דאַרפן דערמאָנט ווערן די ביכער וועגן פּושקינען, טאָלסטאָיען, גאָרקין און א גרויסע צאָל אַרבעטן וועגן שרײַבער פון דער וועלט־ליטעראַטור (הוגאָ, פראַנס, שעקספּיר, בײַראָן, סערוואַנטעס, סטענדאַל, פּרוסט אא.). נוסינאָווס וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן צייכענען זיך אויס מיט זייער רײַכן קולטור־היסטאָרישן מאַטעריאַל און אינטערעסאַנטע סאָציִאַל־פילאָסאָפישע אַסאָציִאַציעס.

באַזונדערע פאַרדינסטן האָט י. נוסינאָוו אין געביט פון ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשונג. זײַן גרעסערע אַר־

בעט „פון בוך צו בוך“ (1928) איז א וויכטיקער צושטײַער צו דער געשיכטע פון דער מענדעלע־פאָרשונג. אין די דרײַסיקער יאָרן האָט י. נוסינאָוו צוזאמען מיט א. גורשטיינען און מ. ווינערן רעדאגירט די אקאדעמישע אופלאגע פון מענדעלעס ווערק. דאָס איז ביז הײַנט צו טאָג די באדײַטנדיקסטע וויסנשאפטלעכע אויסגאבע פון מענדעלע מויכער־ספאָרימס ליטערארישער ירושע.

י. נוסינאָוו איז געווען איינער פון די ערשטע סאָוועטישע ליטעראטור־פאָרשער, וואָס האָט זיך באשעפטיקט מיט דער שאפונג פון י.־ל. פערעץ. אין 1925 האָט ער אָנגעשריבן פערעצעס ביִאָגראפיע, וואָס איז דערשינען אינעם בוך „געקליבענע ווערק פון י.־ל. פערעץ“. צו יענער צײַט געהער אויך זײַן קריטישע ארבעט: „פערעצעס פובליציסטישע ירושע“ („די רויטע וועלט“, כארקאָוו, 1925).

י. נוסינאָוו האָט אויך פארעפנטלעכט אין יִדיש אייניקע ביכער וועגן רוסישע שרײַבער: „טאָלסטאָי, גאָרקי, טשעכאָוו“ (1930), „מ. גאָרקי“ (1933). ער האָט א סאך געשריבן וועגן די שעפער פון דער סאָוועטישער ליטעראטור (ל. לעאָנאָוו, ב. פאסטערנאק, דער ניסטער, בערגעלסאָן, מארקיש אא.). פון די לעצטע ארבעטן איז ווערט צו פארצייכענען זײַן איבערזיכט וועגן דרײַסיק יאָר יִדישע סאָוועטישע קולטור „גרויסע סאכאקלען“ (1947) און „די מיכאָעלס־טראדיציע“ (1948).

יִצכאָק נוסינאָוו איז געפאלן א קאָרבן פון דעם סטאלין־קולט אין יאָר 1948.

◆ דעם 30 יול ווערט 85 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער יִדישער סאָוועטישער שרײַבער צאָדעק דאָלגאָפאָלסקי.

צ. דאָלגאָפאָלסקי איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל האָראָדעק, ניט ווײַט פון וויטעבסק. צו 13 יאָר האָט ער אָנגעהויבן ארבעטן אין א בערשטער־פאבריק. אין 1909, נאָך א סאך שוועריקײַטן, געלינגט אים עקסטערן אָפגעבן עקזאמען אף פאָלקס־לערער און ער הייבט אָן ארבעטן אלס פעדאגאָג.

אין 1914 דערשײַנט אין קלעצקינס פארלאג אין ווילנע צ. דאָלגאָפאָלסקיס ערשטער בוך „בילדער פון שטעטל“. אין מעשעך פון 45 יאָר איז דאָלגאָפאָלסקי טעטיק אין דער יִדישער ליטעראטור. באזונדערס איז ער געווען שעפעריש אקטיוו נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

אין 1926 דערשײַנט זײַן ראָמאן „בא געעפנטע טויערן“, ווו עס ווערן ברייט געשילדערט די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע. אין 1928 יאָר גיט ער ארויס א בוך דערציילונגען „אף דער לינקער זײַט“.

אין די דרײַסיקער יאָרן דערשײַנען דאָלגאָפאָלסקיס א בוך נאָוועלן „אף סאָוועטישער ערד“, דער ראָמאן „זײַד“, צוויי ביכער זיכרוינעס: „באגינען“ און „דאָס איז געווען שוין לאנג“ אא.

צ. דאָלגאָפאָלסקי האָט אָפגעשפיגלט אין זײַן שאפונג די ענדערונגען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין דער יִדישער סוויווע אדאנק דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. ער האָט געשילדערט דאָס אופגעוואכטע שטעטל, די אנטשטייונג פונעם נײַעם סאָוועטישן שטייגער.

געשטאָרבן איז צ. דאָלגאָפאָלסקי דעם 16 יול 1959.

◆ עס איז געוואָרן 60 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער ליטעראטור־קריטיקער שמועל קליטעניק.

די ליטערארישע ירושע, וואָס ש. קליטעניק האָט פאר זײַן קורץ לעבן איבערגעלאָזט, איז ניט גרויס אין צאָל, אָבער זי איז א ווירדיקער צושטײַער צו דער יִדישער מארקסיסטישער ליטעראטור־קריטיק. אין די דרײַסיקער יאָרן האָט ש. קליטעניק זיך געלערנט אינעם מאָסקווער פעדאגאָגישן אינסטיטוט און אייניצײַטיק געארבעט אלס פארוואלטער פונעם קולטור־אָפטייל אין דער צײַטונג „דער עמעס“. דאָ טאקע האָבן זיך באוויזן זײַנע ערשטע ארטיקלען, וואָס האָבן צוגעצויגן צו זיך די אופמערקזאמקײַט פונעם לייענער. אין 1935 איז דערשינען זײַנע א זאמלונג ליטעראריש־קריטישע ארטיקלען „ווערק און שרײַבער“, און אין א יאָר ארום — א גרעסערע מאָנאָגראפיע „מענדעלע מויכער־ספאָרים“. פון 1936 האָט ש. קליטעניק געארבעט אין ביראָבידזשאן אלס רעדאקטאָר פונעם ליטעראריש־קינסטלערישן זשורנאל „פאָרפאָסט“, ווו ער האָט פארעפנטלעכט א ריי אינטערעסאנטע ארטיקלען וועגן דער סאָוועטישער ליטעראטור („פראָבלעמען פון דער קינסטלערישער ליטעראטור אין ביראָבידזשאן“ אא.). אין נאָיאבער 1937 איז ש. קליטעניק לויט א פאלשער באשולדיקונג ארעסטירט געוואָרן. ער איז געשטאָרבן אין 1940.

◆ אין יול איז אלט געוואָרן 50 יאָר דער פארדינסטפולער ארטיסט פון רספסר יוסעף קאָלין־גראָס.

קאָלין־גראָס איז געבוירן אין זשיטאָמיר, אין א געזינד פון א באלמעלאָכע. זײַנע אקטיאָרישע פייִקייטן האָבן זיך ארויסגעוויזן נאָך אין די פריִע קינדער־יאָרן. דאָס איז א שוישפילער פון א ברייטן דיִאפאזאָן. דער קארגער אין פושקינס „קארגן ריטער“, יאקאָוו באַרדין אין גאָרקיס „סאָנים“, אָסוואלד אין איבסענס „גײַסטער“, טעוויע דער מילכיקער, ראפאלעסקאָ און האָצמאך אין שאָלעם־אלייכעמס פיעסן, די באָבע יאכנע אין „קישעפמאכערן“, אוריִעל אקאָסטא, בויטרע, בארקאָכבא, — דאָס איז בלויז א קליינע רעשימע פון די ראָלן, וואָס ער האָט געשפילט.

מיכאָעלסעס א שילער, האָט קאָלין־גראָס געיארשנט און פארווירקלעכט אף דער בינע א וויכטיקע אייגנשאפט פונעם גרויסן קינסטלער: דענקען אף דער בינע, טראכטן געשטאלטלעך, נעמען אן אייגענע שטעלונג צו דעם, וואָס שטאמט פונעם דראמאטורג און פון דער רעזשי.

אלעקסאנדער דײַנעקא, לאורעאט פון דער לענין־פּרעמיע פאַרן 1964 יאָר



כאָקיײַסטן



אלעקסאנדער דיינעקא. א גוטער פרימארגן

מארק שאגאל
פּאָרטרעט פון בעלא שאגאל

מארק שאגאל
דאָס בלויע הויז

אמאדעא מאָדיליאַני

פּאָרטרעט פון דעם דיכטער
לעאָפּאָלד זבאָראָווסקי



מאָאִיס קיסלינג

די אָרעמע קינדער

לאָמיר זינגען ייִדישע לידער

פאלט א שטערן

מוזיק — שאול בלעכאראָוויטש

ווערטער — יאָסל בוכבינדער



פאלט א שטערן נאָך א שטערן
אין דעם אײַנגעשטילטן רוים.
בין איך אָנגעגרייט צו הערן,
עפשער פאלט ער אף מײַן בוים.
עפשער ברענען מײַנע בלעטער,
עפשער סמאליעט זיך מײַן שטאם.

כיוויל ניט אָפּלייגן אף שפעטער,
כיוויל פארלעשן איצט דעם פלאם,
אז וואָס מערער זאָל מיר בלײַבן
שיינעביימער אין מײַן סאָד.
שוין פארלאָרן האָב איך צוויַיגן,
יעדעס בלעטל מיר א שאָד.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Двухмесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания четвертый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, М. Тейф, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.
Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отдел прозы — Б 3-96-07; отделы поэзии и критики — Б 8-49-42.

Художественный и технический редактор И. Шустер.
Корректор А. Стрельник.

Подписано к печати 22/VI 1964 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 10(13,70). Бум. л. 5+2 вклейки.
Уч.-изд. л. 16,21. Цена 50 коп. Зак. 3344.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Государственного комитета Совета Министров СССР по печати.
Пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

411
УЛ. МОСКОВСКАЯ
Д.19 КВ.57
ПЕТЛАХ
11 1.12 СР ЕВР

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 4

1964

В НОМЕРЕ:

К 80-ЛЕТИЮ ДАВИДА БЕРГЕЛЬСОНА.
Я. Штернберг. Великий мастер слова.
И. Бабель. Шабос-нахму. (Рассказ из цикла «Гершеле»).
Г. Полянкер. Пекарь из Коломеи. (Повесть).
Р. Рубина. Рассказы.

Стихи И. Боруховича, Ш. Дриза, М. Тейфа, Д. Хайкиной.

ТРИБУНА ЖИЗНИ

Т. Ген. В Биробиджане.
А. Вергелис. Двадцать дней в Америке. (Продолжение).
Встреча с читателями. (Репортаж из Вильнюса).

ЛИТЕРАТУРА И ИСКУССТВО

Статьи и рецензии И. Серебряного, А. Финкельштейна, Х. Лойцкера, М. Горшмана.
Хроника. Заметки на календаре.

70821

This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation